STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00407

SHTAPLEN

Max Weinreich

Permanent preservation of this book was made possible by
Laraine & Alan Fischer
in honor of
Sadie & David Raiher's Diamond Wedding Anniversary

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שטאַפּלען

פיר עטיודן צו דער יידישער
שפּראַכוויסנשאַפט און
ליטעראַטורגעשיכטע

פון

ד״ר מאַקס וויינרייך

WOSTOK

1923

פאַרלאַג «וואָסטאָק», בערלין

Copyright 1923 by Wostok (Der Osten)
Verlag und Büchervertrieb G. m. b. H., Berlin

Druck der Spamerschen Buchdruckerei in Leipzig

אינהאַלט

I. וואָס מיר האָבן און וואָס אונז פעלט 5

אַלגעמיינס. יידישע שפּראַכן 6. — יידישע גראַמאַטיקעס. פאָנעטיק 10. — די עלעמענטן פון יידיש 21. — ווערטערביכער 24. — ליטעראַרישע שפּראַך און דיאַלעקטן 30. — ליטעראַטורגעשיכטע. ביבליאָגראַפיע. טעקסט־אויסגאַבעס 37. — געשיכטע פון דער יידישער שפּראַך. דער אָפּשטאַם פון יידיש און פון די יידישע דיאַלעקטן 47. — פאָלקלאָר 54.

II. דאָס ערשטע יאָרהונדערט יידישע שפּראַכפאָרשונג 59

לאַטיין אין מיטלעלטער. רייכלין 60. — בעשענשטיין 63. — בעשענשטיינס יידישע שרייב־כּללים 67. — ר׳ אלי׳ לוי 72. — אלי׳ לויס יידיש־ווערק 76. — ר׳ אליס ווירקונג 87. — סעבאַסטיאַן מינסטער 88. — פּוילוס פאַגיוס 94. — פאַגיוס און די קאָנסטאַנצער חומש־איבערזעצונג 97. — דאָס „ספר מידות“ און זיינע אָרטאָגראַפישע כּללים 103. — פאַגיוסעס אָרטאָגראַפישע כּללים 111. — דאָס ספר של ר׳ אַנשיל 115. — מיסיאָנערן און יידיש 123. — שאַדעאוס און זיין חיבור וועגן יידיש 131.

III. מגילת ווינץ, א יידישע היסטאָרישע פאָעמע 140

דאָס ווערק און זיין שטעלונג אין אונזער ליטעראַטור 140. — די היסטאָרישע פאַקטן 144. — דער מחבר און זיין טעכניק 148. — די מעטריק 151. — אויסגאַבעס 153. — אונזער טעקסט 154. — אויסלייגונג 155. — אויס־שפּראַך 156. — גראַמאַטיק 159. — דער ניגון 161. — טעקסט 164.

IV. דאָס קורלענדער יידיש 193

יידן און יידיש אין קורלאַנד 193. — קורלענדער יידיש א פאַרזיכדיגער דיאַ־לעקט 195. — נעמען 198. — וואָקאַלן 199. — קאָנסאָנאַנטן 202. — מאָרפאָלאָגיע און סינטאַקסיס 205. — ווערטערדיגער אוצר 208.

הוספות און תיקונים 241

זוכצעטל 250

דאָס בוך וויל געבן ניט מער, ווי דער טיטול זאָגט צו: איינציגע עטיודן אַלס שטאַפּלען צום געבײַ פון דער יידישער פילאָלאָגיע. צײַטנווײַז וועט דעם לייענער אפשר זײַן א חידוש, וואָס פון א גאַנצער ריי פאַקטן און בײַשפּילן זיינען ניט געמאַכט געוואָרן קיין אַלגעמיינע אויספירן וועגן דער געשיכטע פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, וועגן דעם אויפ־קומען און די באַציאונגען פון אונזערע דיאַלעקטן. אָבער ס'איז ניט קיין צופאַל און ניט קיין טעות; פאַרקערט, ס'איז געווען א גאַנץ באַוואוסט־זיניגער גאַנג. ניט נאָר דעם לייענער, נאָר איטליכן שרײַבער זיינען אויך מער צום האַרצן אַלגעמיינע סכעמעס, איבערבליקן און אויסבליקן; אָט דאָס אַלגעמיינע בילד איז דאָך די אונטערשטע שורה, וואָס צו איר שטרעבט די וויסנשאַפט. נאָר איך האָב זיך געפלײַסט בײַצושטיין דעם נסיון, איך האָב געזעהן צו בלײַבן בײַם קאָנקרעטן מאַטעריאַל, וואָרים איך האַלט, אַז די צײַט פאַר אַלגעמיינע קאָנצעפּציעס איז נאָך דערווײַלע ניט געקומען. לעת־עתה האַלטן מיר נאָך בײַם צונויפטראָגן די ציגל; אויף קיין גרעסערס האָב איך זיך ניט פאַרמאָסטן. צי טויגן מײַנע ציגל — דאָס זאָל אָפּ־שאַצן דער לייענער.

נאָך א פּאָר באַמערקונגען.

איך האָב אין דעם בוך אַרײַנגעפירט עטליכע נעאָלאָגיזמען, אייגענע און פרעמדע. מיר האָבן אין יידיש א שלל פרעמדע ווערטער, וואָס שטייען אונז ווי א ביין אין האַלז, ווײַל זיי טראָגן דעם שטעמפּל פון פרעמדקייט אויפן שטערן. נעאָלאָגיזמען מוזן קלינגען מאָדנע אין דער ערשטער מינוט, און איך באַשטיי גאָרניט אויף דעם, אַז די ווערטער, וואָס איך לייג פאָר, זיינען די פאַסיגסטע; נאָר מען דאַרף זוכן, און אין א פילאָלאָגישן בוך, מיין איך, מעג מען זיך פאַרגינען אַזוינע עקספּערימענטן. בפרט נאָך, אַז איך טײַטש אַלעמאָל אויס, וואָס און ווען.

אינם ערשטן אַרטיקל, וואו איך רייד אַרום אונזער גאַנצע מאָדערנע פילאָלאָגישע ליטעראַטור, קאָן אפשר אויסקומען טיילמאָל, אַז איך גיב דאָ הסכמות. נאָר ווי האָב איך געזאָלט טון אַנדערש? יעדנפאַלס האָב איך געזעהן צו ריידן וועגן ווערק און ניט וועגן מענטשן.

פאַר אַלע מיני אָנווייַזונגען, תיקונים, צוגאָבן א·אַז·וו· זאָג איך שוין אַפריער א האַרציגן דאַנק. די בריוו בעט איך צושיקן אויפן אַדרעס פון פאַרלאַג.

בערלין, 23 מערץ 1922.

מ· וויינרייך.

רשימה פון די ביכער, וואָס ווערן ציטירט אין אַ פאַרקירצטער פאָרם

בערנשטיין: יודישע שפריכווערטער און רעדענסאַרטען. געזאַמעלט און דערקלערט פון איגנאַץ בערנשטיין. 2טע אויפלאַגע, וואַרשוי תרס״ח (1908). [געדרוקט ביי יוסף פישער אין קראָקע.]

באָראָכאָוו [מיט א נומער]: ב. באָראָכאָוו, ביבליאָטייק פונם יידישן פילאָלאָג, אין »דער פנקס«, ב. אַ. קלעצקין, ווילנע 1913.

בירנבוים: Salomo Birnbaum, Praktische Grammatik der jiddischen Sprache. Wien-Leipzig 1916, Verlag A. Hartleben.

גייגער: L. Geiger, Das Studium der hebräischen Sprache in Deutschland vom Ende des 15. bis zur Mitte des 16. Jh. Breslau 1870.

G: Wörterschatz der deutschen Sprache Livlands von W. von Gutzeit, Riga 1886—87.

GN: דאָס אייגענע, Nachträge.

גידעמאַן: Geschichte des Erziehungswesens und der Cultur der abendländischen Juden von Dr. M. Güdemann. B. III. Wien 1888.

גידעמאַן ייד׳: מ. גידעמאַן. אידישע קולטור־געשיכטע אין מיטלאַלטער. אידיש — נחום שטיף. »כלל־פאַרלאַג«, בערלין 1922.

גינטער: Die deutsche Gaunersprache und verwandte Geheim- und Berufssprachen. Von Prof. Dr. L. Günther. Leipzig, Quelle & Meyer, 1919.

גערצאָן: Die jüdisch-deutsche Sprache. Eine grammatisch-lexikalische Untersuchung ihres deutschen Grundbestandes. Von Dr. phil. Jakob Gerzon. Frankfurt am Main, Verlag von J. Kauffmann. 1902.

גרינבוים: Jüdischdeutsche Chrestomathie von Dr. Max Grünbaum. Leipzig, F. A. Brockhaus, 1882.

ווילער: Jakób Willer, Żargon żydowski na ziemiach polskich, אין דער Encyklopedja Polska פון דער קראָקער Akademja Umiejętności, קראָקע 1915, ב׳ III, ז׳ 395—424.

טענדלוי: Sprichwörter und Redensarten deutsch-jüdischer Vorzeit. Von A. Tendlau. Frankfurt am Main [1860].

ליפשיץ, יודי. רוס.: יודעש־רוסישער ווערטער ביך פין י. מ. ליפשיץ. פרייז 80 קאָפּ׳. בדפוס ה״ר י. מ. באַקשט. זיטאָמיר 1876.

לעקסער [מיט א רוימישער ציפער]: Mittelhochdeutsches Handwörterbuch von Dr. M. Lexer B. I—III, Leipzig 1876.

לעקסער [אָהן א ציפער]: Mittelhochdeutsches Taschenwörterbuch von Matthias Lexer, 15. Auflage. Leipzig, 1920.

מיטטיילונגען: Mitteilungen zur jüdischen Volkskunde (דאָס איז דער איצטיגער טיטול; פריער האָט דער זשורנאַל געטראָגן א ביסל אַן אַנדער נאָמען).

פנקס I: דער פנקס, יאהרבוך פאר דער געשיכטע פון דער יודישער ליטעראטור און שפראך, פאר פאלקלאר, קריטיק און ביבליאגראפיע. ערשטער יאהרגאנג — תרע״ב. רעדאקטירט פון ש. ניגער. ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין, תרע״ג.

פערלעס: Beiträge zur Geschichte der hebräischen und aramäischen Studien. Von Dr. Josef Perles. München, Theodor Ackermann, 1884.

פרילוצקי [זעה ז׳ 34 פון דעם בוך]·

פּאָרזאַנגער: Het Joodsch in Nederland. Aan het hebreeuwsch en andere talen ontleende woorden en zegswijzen. Verzameld en toegelicht door J. L. Voorzanger en J. E. Polak. Amsterdam 1915. N. V. de erven H. van Munster en zoon.

Cat. Bodl.: M. Steinschneider. Catalogus librorum hebraeorum in Bibliotheca Bodleiana I—II. Berlin 1852—1860.

קלוגע: Etymologisches Wörterbuch der deutschen Sprache von Friedrich Kluge. 8. Auflage. Strassburg, Karl J. Trübner, 1915.

רייזען I: ז· רייזען, גראַמאַטיק פון דער יידישער שפּראַך· ערשטער טייל· ווילנע 1920· פאַרלאַג ש· שרעבערק·

שולמאַן: אלעזר שולמאַן· שפת יהודית־אשכנזית וספרותה· מקץ המאה הט״ו עד קץ שנות המאה הי״ח· יצא לאור ע״י בני משפחתו של המחבר המנוח בהשגחת י· ח· טביוב· ריגא, בדפוס אלי׳ לעווין· תרע״ג·

שטראַק: Jüdisches Wörterbuch mit besonderer Berücksichtigung der gegenwärtig in Polen üblichen Ausdrücke von D. Dr. Hermann L. Strack. Leipzig, J. C. Hinrichs'sche Buchhandlung, 1916.

שמעלער: J. Andreas Schmeller. Bayerisches Wörterbuch I—II. 2. Ausg. München 1872—1877.

*

ליטווישע ווערטער ווערן ציטירט אין דעם בוך לויט Wörterbuch der litauischen Sprache von Friedrich Kurschat, Halle 1870;

לעטישע ווערטער—לויט Lettisches Wörterbuch von Ulmann und Brasche, Riga und Leipzig 1880;

קורלענדער דײַטש פון אייגענעם זכרון און לויט Wörterschatz der deutschen Sprache Livlands von W. von Gutzeit, 1—4 und Nachträge, Riga 1886—1887 und 1889·

*

בײַ צוגאָבן און פירושים צו ציטאַטעס האָב איך מײַנע באַמערקונגען געשטעלט אין קאַנטיגע קלאַמערן [ ]·

די טראַנסקריפּציע איז די אַלגעמיין־אָנגענומענע: z=ז; š=ש; s=ס א· אַזוי ווי·

*

אַה״ד = אַלטהויכדײַטש (די דײַטשע שפּראַך פון אַן ערך 750—1100); מה״ד = מיטלהויכדײַטש (פון אַן ערך 1100—1500); נה״ד = נײַהויכדײַטש (פון אַן ערך 1500 ביז הײַנט)· דער אָנהייב פון נה״ד רופט זיך פרי־נײַהויכדײַטש (פרנה״ד)·

וואָס מיר האָבן און וואָס אונז פעלט

1. מיר זיינען שוין ב״ה אַריבערגעוואַקסן יענע מדרגה, ווען שרייבן וועגן יידיש האָט געהייסן: אויפווייזן, אַז יידיש איז אויך א שפּראַך. אויך האָט שוין גענומען א סוף צו יענע דיסקוסיעס העברעאיש — יידיש, וואו מען האָט זיך געחקירהעט וועגן דער «נאַציאָנאַלער שפּראַך», ניט דורכקומענדיג אַפריער צווישן זיך, וואָס דאָס איז אַזוינס. די אַלע דיסקוסיעס און פּאָלעמיקעס זיינען געוועזן אַן עטאַפּ אויפן וועג צו אונזער נאַציאָנאַלער עמאַנסיפּאַציע; די יידישע פּאָלקסמאַסע האָט געמוזט איבערקומען די זעלביגע מאָזלען און פּאָקן, וואָס אַלע אויפוואַכנדיגע פעלקער. אָבער אויף אַלץ איז א צייט; און דאָס וואָס מיר זיינען שוין פּטור געוואָרן פון דעם פּאַפּירענעם «שפּראַכנקאַמף», איז א סימן, ווי ווייט מיר האַלטן שוין.

היינט האָבן מיר שוין פאַר זיך פּאָזיטיווע אויפגאַבעס: ניט זאָגן, אַז יידיש איז די (אָדער «א») נאַציאָנאַלע שפּראַך, נאָר בויען די יידישע שול און די יידישע ליטעראַטור; ניט ברענגען ראיות, אַז יידיש איז אויך א שפּראַך מיט אַלע שפּראַכן צוגלייך, נאָר אויספאָרשן, וואָס פאַר א שפּראַך מיר האָבן, אין וואָס עס שטעקן אירע באַזונדערקייטן, ווי אַזוי זי איז אויסגעוואַקסן און ווי אַזוי זי אַנטוויקלט זיך איצטער.

דיביידע אויפגאַבעס גייען דערווייַלע האַנט אין האַנט. וואָס מער עס וואַקסט די יידישע שול, אַלץ גרעסער ווערט איר באַדערפעניש אין א וויסנשאַפטליכער אויספאָרשונג פון יידיש; און דאָס רוב מענטשן, וואָס אינטערעסירן זיך ביי היינטיגן טאָג מיט יידישער פילאָלאָגיע, זיינען אָדער לערער, אָדער אַנדערע טוער, וואָס אַרבעטן אַרום דער שול. דאָס באַגרעניצט דערווייַלע דעם פאַרנעם פון אונזער וויסנשאַפט, אָבער ס׳איז א געזונטע ערשיינונג, וואָרים דאָס איז אַן אָנצוהערעניש, אַז די וויסנשאַפט אַנטוויקלט זיך אָרגאַניש. מעג מען האָפן, אַז מיר וועלן זוכה זיין צו

דערלעבן א צײַט, ווען די יידישע שפּראַך־וויסנשאַפט און ליטעראַטור־וויסנשאַפט וועט ווערן אַן ענין פאַר א הויכשול און פאַר א זעלבשטענדיגן צענטראַלן פאָרש־אינסטיטוט.[1]

א היפּש ביסל איז שוין אויפגעטון געוואָרן ביז איצט, נאָר ס׳איז צע־וואָרפן איבער ביכער, וואָס זיינען אַרויס אין אַלע עקן וועלט, איבער זאַמלביכער און זשורנאַלן; איז ניט אַזוי גרינג זיך צו אָריענטירן. נאָך מער איז געבליבן צו טון: פאַראַן פראַגעס, וואו מען קאָן אָנקומען צו הילפסביכער אויף אַנדערע שפּראַכן, פאַראַן ווידער פּראָבלעמען, וואו מען קאָן זיך גאָר קיין עצה ניט געבן. אָט דאָס איז דער באַשיידענער צוועק פון דעם אַרטיקל: אָנווייַזן, ווי אַזוי מען זאָל זיך באַקאָנען מיט די פאַר־שיידענע געביטן פון דער «יידישיסטיק».[2]

א

אַלגעמיינס. — יידישע שפּראַכן

2. וואָס וויל די פילאָלאָגיע?

זי וויל אויספאָרשן אַלע אַנטפּלעקונגען פון דער פאָלקס־נשמה, וואָס נעמען אָן א שפּראַכיגע פאָרם. דאָס איז קודם־כל די שפּראַך גופא, וואָס אין אירע קלאַנגען, אין אירע פאָרמען, אין איר זאַץ־געביי שפּיגלט זיך שוין אָפּטמאָל אָפּ דער אייגענער נוסח פון דעם פאָלק. ווייטער די ליטע־ראַטור, די אַלטע און די נייע, און ענדליך אַלצדינג, וואָס טראָגט אויף זיך ניט קיין ליטעראַרישן חותם און גייט אום אונטערן נאָמען «פאָלקסשאַפונג» (הגם עמיצער א יחיד מוז דאָך דאָס האָבן געשאַפן, מערניט ער איז גע־בליבן אַנאָנים): פאָלקסלידער, שפּריכווערטער, מעשהלעך, רעטענישן אד״ג. די אַלע געביטן וועלן מיר באַטראַכטן אין דעם אַרטיקל.

קיין בוך, וואָס זאָל געבן א השגה וועגן די אַלגעמיינע אויפגאַבעס פון דער שפּראַכוויסנשאַפט, האָבן מיר נאָך ניט. אויף אייראָפּעאישע לשונות

[1] אייגנטליך וואָלט מען געדאַרפט זאָגן אויף יידיש ניט «פאָרשן», נאָר «פאָרשטן»; דאָס איז כמעט אין אונזער גאַנצער עלטערער ליטעראַטור דאָס שטענדיגע טייַטש־וואָרט פאַר «דרש»; «פאָרשן» אָהן א ט באַגעגנט זיך זעלטן. נאָר איך ניץ ביידע פאָרמען גלייַך. וואָס טוט מען ניט פון שלום־בית וועגן.

[2] דאָס וואָרט שטאַמט פון ז. רייזענען. ס׳גרילצט א ביסל אין אויער. אָבער צוריקגערעדט, אויב מען זאָגט מיט אַזאַ חשק: סלאַוויסטיק, גערמאַניסטיק, פאַרוואָס זאָל ניט טויגן «יידישיסטיק»? יעמאָלט וועט דאָס וואָרט «יידישיסט» אָנווערן זייַן משונהדיגן פשט: «אָנהענגער (!) פון יידיש», און ס׳וועט באַטייַטן: פאָרשער פון דער יידישער שפּראַך.

איז פאַראַן אָהן א שיעור אַזעלכע אַרייַנפירן; ווער ס'האָט א מיגליכקייט צו באַקומען די ביכער, קאָן לייענען R. Meringer, Aus dem Leben der Sprache (Berlin) אָדער H. Örtel, Lectures on the study of language (New-York). אָבער אַפילו ווען מען זאָל אַזאַ בוך איבערזעצן אויף יידיש, וועט עס ניט אינגאַנצן פאַרבייַטן אַן אייגן ווערק: וואָרים אַזאַ מין אַרייַנפיר דאַרף זייַן אויפגעבויט אויף בייַשפילן פון דער אייגענער שפראַך, שטיצן זיך אויף אייגענע פאָרמען און ווענדונגען.

פעלן פעלט אונז אויך א בוך, אָדער כאָטש א ביכל, וועגן פאָנעטיק. פאָנעטיק איז די לערע וועגן די קלאַנגען, און איידער מען גייט אייַנהערן זיך און באַשרייַבן די קלאַנגען פונם אייגענעם לשון, דאַרף מען וויסן, ווי אַזוי קומען בכלל אויף די קלאַנגען, וואָס איז דער חילוק פון אַרטיקולירטע ביז ניטאַרטיקולירטע קלאַנגען, ווי אַזוי זיינען געבויט די מענטשליכע רייד־אָרגאַנען, צו וואָסערע גענג און אינסטרומענטן ס'קומט אָן די הייַנטיגע עקספערימענטאַלע פאָנעטיק. די פאָר זייַטלעך, וואָס עס גיט וועגן דעם אגב־אורחא זלמן רייזען I (ז' 37—47), קלעקן ניט, און דער עיקר, זיי זייַנען ניט גענוג קלאָר, ווייַל ס'פעלן געמעלן. ס'לוינט צו לייענען דעם פאָנעטישן טייל אין זשיטאָמירסקי־האָכבערגס «מעטאָדישע אָנווייזונגען צו דער נייַער שול» (ווילנע, ב. אַ. קלעצקין); נאָר א ספעציעל בוך וועגן דעם איז אומבאַדינגט נייטיג, און דאָס וואָלט מען גראָד געקאָנט איבערזעצן. פאַר די, וואָס לייענען פרעמדע שפראַכן, איז כדאַי אָנצעווייַזן: R. W. Schulte, Abriss der Lautwissenschaft, Verlag O. R. Reisland, Leipzig, א קליין ביכל פון 47 זייטן; Jespersen, Elementarbuch der Phonetik, B. G. Teubner, Leipzig.

3. די צוויי טעמעס: אַלגעמיינע שפראַכוויסנשאַפט און פאָנעטיק, זיינען אָבער שוין גיכער פאַר אַזוינע, וואָס שפירן שוין א צובונד צום עצם־ענין פון שפראַכפאָרשונג; פאַרן אָנהייבער וועט זייַן צו האַרב אַפילו דאָס גרינגסטע ביכל פון דעם מין. דאָ וואָלט זיך געפאַסט אַן עלעמענטאַרער אַריינפיר, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען ניט מיט אַלגעמיינע פראָבלעמען פון דער שפראַכוויסנשאַפט, נאָר ער זאָל דורך קאָנקרעטע בייַשפילן געבן א פאָרשטעלונג וועגן די צילן און די גענג פון דער וויסנשאַפט. און די בייַשפילן וואָלטן געוויינטליך געדאַרפט גענומען ווערן פון יידיש. גראָד

מיט דער געשיכטע און מיטן צוזאמענשטעל פון יידיש איז גרינג צו אילוסטרירן אַלגעמיינע געזעצן. ס׳איז א שפּראַך, וואָס איז אויסגעוואַקסן לפי־ערך מיט א קורצער צײַט צוריק, אַלע אירע תּקופות האָבן זיך אָפּ־געשפּיגלט בכתב, דער לעקסיקאָן, די וואָרטבילדונג, דער סינטאַקסיס זיינען פּרינציפּיעל די אייגענע, וואָס בײַ א גרויסן טייל פון די הײַנטיגע שפּראַכן. ס׳איז נאָר א קשיה, צי לאָזט זיך שוין שאַפן אַזאַ ווערק (אַן ערך לויטן טיפּ פון יעספּערסענס בוך וועגן ענגליש אָדער בעהאַגהעלס וועגן דייטש) בײַם הײַנטיגן שטאַנד פון דער יידיש־פאָרשונג; איך מיין אָבער, אַז יאָ. ניט אויף אַלע האַרבע קשיות לאָזט זיך נאָך געבן אַן ענטפער, ווייל עס ליגן נאָך אין אָקספאָרד, אין האַמבורג, אין מינכען, אין פּאַרמע און אין אַנדערע ערטער פיל צעהנדלינגער כתב־ידן, וואָס קיינער האָט נאָך אין די אויגן ניט אָנגעזעהן. אָבער וואו ס׳איז ניטאָ קיין ענטפער, קאָן מען איבערלאָזן א פרעגצייכן. אַן אָפּשילדערונג פון די פּראָ־בלעמען פון דער יידישער פילאָלאָגיע איז שוין אויך זייער אינטערעסאַנט.

כּל־זמן מיר האָבן נאָך ניט אַזאַ מין בוך פאַרן אָנהייבער, דאַרפן מיר אים אָפּשיקן צו יענע ביכער, וואָס מיר פאַרמאָגן יאָ. איך רעכן, אַז דאָס גלײַכסטע איז: נעמען זיך פריער פאַר אַלץ צום שטודיום פון דער לעבע־דיגער שפּראַך: די געשיכטע פון א שפּראַך עפנט אויף פאַר אונז א סך ברייטערע פּערספּעקטיוון, אָבער לכתחילה מוז מען זיך דאָך אויס־לערנען קוקן, אַניט זעהט מען גאָרנישט.

4. היינריך לעווע׳ס בוך Die Sprachen der Juden (אַרויסגעגעבן פון Jüdischer Verlag, 1911) האָט זיך אונטערגענומען צו טון א וויכטיגע אַרבעט, נאָר אַרויסגעקומען זיינען דערפון צעהן נודנע דרוקבויגן. ס׳איז א גליקליכער געדאַנק: אויסשטעלן איינס לעבן דאָס אַנדערע אַלע לשונות, וואָס יידן האָבן איבערגעהאַט, זינט העברעאיש האָט אויפגעהערט צו קלינגען אין מויל פון פאָלק, און אויסגעפינען, וואָס פאַרבינדט די אַלע לשונות. עס קאָן גרײַליך געמאָלט זײַן, אַז מיר וואָלטן דאַן געפינען א סך קרובהשע שטריכן, וואָס נעמען זיך פונם בשותּפותדיגן «יידישן גייסט» אין די אַלע שפּראַכן. אָנשטאָט דעם האָט לעווע זיך פאַרמאָסטן צו צעשמעטערן אַלע «געגנער פון העברעאיש» (ד״ה אַזעלכע, וואָס גלייבן ניט אין דער אויפלעבונג פון דער העברעאישער שפּראַך); דעריבער

לאָזט ער זיך אַוועק אויף לאַנגע ציַיטן אין א פּאָלעמיק מיט די אָנהענגער פון א יידישער שול און דערציילט זיַינע דיַיטשע לעזער א מעשה (ז׳ 127)׳ אַז «די יידן זיינען נאָך היַינט א פאָלק׳ וואָס די גרעסטע מערהייט זיַינע רעדט אויף איינעם פון די יידישע דיאַלעקטן׳ נאָר שריַיבן שריַיבט זי העברעאיש»· אמת׳ לעווע איז פאָרט א דיַיטשער ציוניסט׳ באַציט ער זיך צו יידיש מער טאָלעראַנט׳ ווי אונזערע היימישע תּרבות־ליַיט (דאָס בוך ענדיגט זיך מיט א לויב־געזאַנג צו דער «תּרבות»)׳ נאָר קיין ווערט קומט אים פון דעם ניט צו· אַרום און אַרום: א בוך׳ פון וועלכן ס׳ווערט אומעטיג אויפן האַרצן: אָט דאָס רופט זיך ביַי יידן וויסנשאַפט!

5· אָהן א שיעור טיפער׳ אינטערעסאַנטער און באַלערנדיגער איז דאָס ווערק פון מתתיהו מיזעס׳ וואָס איז אַרויס אין דער ציַיט פון מלחמה: **Matthias Mieses, Die Entstehungsursache der jüdischen Dialekte, R. Löwit Verlag, Wien 1915**· מיזעס שטעלט זיך א פראַגע׳ וואָסערע סיבות עס האָבן געבראַכט דערצו׳ אַז יידן האָבן זיך כמעט אומעטום אין גלות געשאַפן אייגענע שפּראַכן· די באַדריקטע לאַגע זייערע? נאָר אָט האָבן די שקלאַפן אין רוים׳ די צוגעהעריגע פּויערים אין מיטלעלטער ניט געהאַט קיין אייגענעם לשון· אפשר איז שולדיג די ראַסע? נאָר מיר זעהען א סך פאַלן׳ וואו די באַזונדערקייט פון דער אָפּשטאַמונג האָט ניט אַרויסגערופן קיין שפּראַכיגע באַזונדערקייט: די הוגענאָטן׳ וואָס זיינען פאַרוואָגלט געוואָרן פון פראַנקריַיך קיין דיַיטש־לאַנד׳ די גריכן אין דרום־גאַליע — זיי האָבן זיך אויסגעמישט מיט דער אָרטיגער באַפעלקערונג און זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן פון דער וויַיסער וועלט· דיווירטשאַפטליכע שטעלונג פון די יידן׳ זייער ראָליע פון סוחרים און מַלווה׳ס? נאָר קיינמאָל האָבן ניט אַלע סוחרים גערעדט אויף א יידישן לשון׳ אַלעמאָל נאָר דער יידישער טייל פון די סוחרים·

און אַזוי וויַיטער און וויַיטער· מיזעס גייט דורך כּסדר אַלע אַרגו־מענטן און פרעגט זיי אָפּ׳ ביז וואַנען ער קומט צו זיַין טעזיס: יידן פלעגן זיך שאַפן באַזונדערע שפּראַכן׳ וויַיל זיי האָבן געהאַט א באַזונדער רעליגיע· ער ברענגט א גאַנצע ריי פאַקטן פון אַנדערע פעלקער׳ וואָס די שפּראַך האָט זיך ביַי זיי געשפּאָלטן צוליב קאָנפעסיאָנעלע שפּאַלטונגען: ביַי די אינדיער׳ ביַי די כינעזער׳ ביַי די סלאָוואַקן· דאָס

אייגענע געפינט ער אויס ביי יידן אויך; די יידישע לשונות זיינען אויפ־געקומען, ווייל יידן האָבן געהאַט אַן אַנדער אמונה, ווי דאָס פאָלק, ביי וועמען זיי פלעגן איבערנעמען די שפּראַך. נאָר איינמאָל אויפגעקומען, זאָגט מיזעס, וועלן שוין די יידישע שפּראַכן, און איבערהויפּט אונזער יידיש, עמאַנסיפּירן זיך פון דער קאָנפעסיאָנעלער אפּטרופּסות.

6. מיזעסעס אַרבעט (120 זייטן) איז וויכטיג קודם־כל צוליב דעם גרויסן באַרג מאַטעריאַל, וואָס ער האָט אויפגעקליבן. וואָס ס'איז שייך צו זיין טעאָריע, דערזעהט מען באַלד, אַז זי איז ניט אַזוי משונה־פּרעמד, ווי ס'דוכט זיך אָפּ אין דער ערשטער מינוט. ניט אַזוי די אמונה גופא טרעט אַרויס ווי דער פאַקטאָר, וואָס פורעמט די שפּראַך, נאָר די אָפּ־געשלאָסענע סביבה, וואָס ווערט דורך דער באַזונדערער אמונה גע־שאַפן. אַז א קאָנפעסיאָנעלער צווישנשייד ברענגט א גרויסע שפּראַכיגע אַנטוויקלונג — דאָס וועט קיינער ניט גיין אָפּלייקענען. מיר זעהען דאָס אַפילו אין אונזער קיבוץ אויך: די חסידישע באַוועגונג האָט געבראַכט צו א גרויסער אַנטוויקלונג פון יידיש. אָבער דאָס אייגענע, אפשר נאָך אין א גרעסערער מאָס, האָט אויפגעטון די אַרבעטער־באַוועגונג; אַלזאָ ניט דווקא א רעליגיעזע איבערקערעניש מאַכט אָן א שפּראַכיגע איבערקערעניש, נאָר אויך אַנדערע טיפע שינוים אין די תּנאים פון לעבן. הייסט עס, די גאַנצע פּראָבלעם ווערט אַריבערגעטראָגן אין אַן אַנדער פלאַך. די יידישע לשונות זיינען טאַקע באַשאַפן געוואָרן דורך דער אָפּגעשלאָסנקייט פון די יידישע סביבות; נאָר עס בלייבט א קשיה, מיט וואָס יידן האָבן אויפגעהיט זייער אָפּגעשלאָסנקייט, זייער אייגנאַרטיקייט, זייער קיום — צי דורך דער אמונה, צי מיט אַנדערע וועגן. ס'הערט אויף צו זיין א פראַגע פאַר דער פילאָלאָגיע, ס'ווערט אַן ענין פאַר דער יידישער געשיכטע אין אַלגעמיין.

ב

יידישע גראַמאַטיקעס. פאָנעטיק

7. יידישע גראַמאַטיקעס האָבן מיר שוין עטליכע. איך מיין דאָ ניט זאַמלונגען פון איינציגע כללים, צונויפגעשטעלט אין א געוויסן סדר; אַזאַ זאַמלונג האָט שוין געגעבן בוקסטאָרף אין 1609, און אין 1750 האָט שוין קריזאַנדער בפירוש אָנגערופן זיין ווערק: «Jüdisch-Teutsche Gramma-

tick». אָבער די אַלע ווערק ביזן סוף פון 19טן י״ה זיינען נאָר גוט אַרויס־צודרינגען פון זיי געוויסע זאַכן וועגן דער יידישער שפראַך אין עלטערע צײַטן; פאַרלאָזן זיך אויף זיי קאָן מען בשום־אופן ניט, און אַגב האָבן זיי זיך דאָך געשטעלט גאָר אנדערע צילן, ווי א הײַנטיגע יידישע גראַמאַטיק, וואָס וויל סיסטעמאַטיש באַשרײַבן אַלע זײַטן פון אונזער שפראַכיגן לעבן.

אַלס ערשטער פרוב פון א וויסנשאַפטליכער גראַמאַטיק דאַרף באַטראַכט ווערן שײַנעאַנוס רומענישע אַרבעט Studiu dialectologic asupra graiului Evreo-german (דיאַלעקטאָלאָגישער עטיוד וועגן דעם יידיש־דײַטשן ריידעניש), וואָס איז אַרויס אין בוקאַרעשט 1889. שײַנעאַנו, הײַנט איינער פון די באַוואוסטע רומענישע (און בכלל ראָמאַנישע) פילאָלאָגן, האָט שוין יעמאָלט געהאַט סאָלידע קענטענישן אין שפראַכוויסנשאַפט, און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מען טאָר ניט גלײַכן יידיש צו דער הײַנטיגער נײַהויכ־דײַטשער ליטעראַטור־שפראַך, נאָר מען דאַרף זוכן פאַראַלעלן אין דער מיטלהויכדײַטשער שפראַך פון איין זײַט און אין די לעבעדיגע דײַטשע דיאַלעקטן פון דער אַנדער זײַט. איבעריגס פיל האָט שײַנעאַנו נאָך ניט געקאָנט יעמאָלט אויפטון, מחמת דער שטודיום פון די דײַטשע דיאַלעקטן איז נאָך דאַן געלעגן אין די וויקעלעך; אויך האָט ער געמוזט זיין קורץ, ווײַל ער האָט אין 78 זײַטן ארײַנגעשפאַרט א גראַמאַטיק, א פאַרגלײַך מיט די דײַטשע דיאַלעקטן, א פילאָלאָגישע ביבליאָגראַפיע, אויסצוגן פון עלטערע יידישע ווערק און א פירוש אויף א סך ווערטער. — אין 1902 האָט שײַנעאַנו אָפגעדרוקט א פאַרברייטערטע פראַנצויזישע איבערזעצונג פון זײַן אַלטער אַרבעט אין Mémoires de la société de linguistique, באַנד XII. אָבער די דאָזיגע באַאַרבעטונג איז אויך געבליבן ניט־פאַרענדיגט [באַראָכאָוו, No. 119 און 120].

8. מיט א יאָר פריער פאַר שײַנעאַנון האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אין לעמבערגער «Israelit» אַן אַרבעט פונם דאָרטיגן אַדוואָקאַט פיליפ מאַנש אונטערן נאָמען: «Der jüdisch-polnische Jargon» [באַראָכאָוו, No. 118]. מאַנש איז געווען א מיטגליד פון דער לעמבערגער קהילה־פאַרוואַלטונג, דער שאַפער פון איר סטאַטוט; אַן איבערגעגעבענער פאָלקסמענטש, איז ער געווען מיט לײַב און זייל אַרײַנגעטון אין אלע יידישע אָנגעלעגנהייטן, און ער איז געווען פעסט צוגעבונדן צו דער יידישער מאַסע. האָט ער זיך פאַר־

אינטערעסירט מיט איר שפּראַך אויך, וואָס ער האָט שוין געקענט פון די קינדערשע יאָרן, נאָר וואָס פּאַר אַ גאַליציש אינטעליגענט איז זי יעמאָלט געווען ניט קיין גרויסער יחוס. קיין פילאָלאָג איז מאַנש ניט געווען; ער שרײַבט אַליין, אַז ער וויל געבן ניט מער ווי אַ «דילעטאַנטישן עטיוד», וואָס זאָל דערוועקן אַן אינטערעס צו דער שפּראַך בײַ מלומדים. דעריבער זײַנען פאַראַן בײַ אים אַ סך זייער ריזיקאַלישע השערות; איבערהויפּט ווען ער רעדט וועגן דעם, ווי אַזוי די צי יענע פאָרם איז אויפגעקומען. אָבער דערפאַר געפינען מיר אויך אין דער אַרבעט אַ סך פײַנע אַכטגעבונגען[1], און ס׳וואָלט געוויס געווען אַ יושר אַרויסצוגעבן אין אַ באַזונדער ביכל אַ נײַעם אָפּדרוק פון מאַנשס עטיוד. איידער דאָס איז געשעהן, קאָן קיין רייד ניט זײַן וועגן ניצן די אַרבעט, וואָרים דער זשורנאַל, וואו זי האָט זיך געדרוקט אין פאָרטזעצונגען (דער מחבר איז געשטאָרבן 1890, ניט באַוויזנדיג צו פאַרענדיגן זי אינגאַנצן), איז איצטער געוואָרן אַ יקר־המציאות. דוכט זיך, נאָר אין ביבליאָטעק פון דער לעמבערגער קהילה איז פאַראַן אַ גאַנצער קאָמפּלעקט.

9. וועגן אַנדערע ווערק, מער אָדער ווייניגער וויסנשאַפטליכע, וועל איך ריידן אַ ביסעלע שפּעטער; איצט ווילט זיך מיר דערמאָנען אַ בוך, וואָס איז גרינג צוטריטליך פאַר יעדערן און וואָס דערמיט איז די גלײַכסטע זאַך אָנצוהייבן די באַקענטשאַפט מיטן לעבן פון יידיש. דאָס איז זלמן רייזענס «גראַמאַטיק פון דער יידישער שפּראַך» I (ווילנע, 1920, ש. שרעבערק). אַ שאָד, וואָס עס איז דערוויילע אַרויס מערניט ווי דער ערשטער טייל; אָבער דאָס איז שוין אויך אַ גרויסער געווינס. געוויינטליך, חסרונות קאָן מען געפינען אין ז. רייזענס גראַמאַטיק, איבערהויפּט אין די אַלגעמיינע פאָרמולירונגען. די «ברעכונג», אַ שטייגער (133), איז ניט ריכטיג באַשריבן. אַן איבערגאַנג פון e צו a איז ניט קיין «פאַרטונקלונג» (157). די באַצייכענונג פון דער אויסשפּראַך אין פאַרשיידענע דיאַלעקטן וואָלט געדאַרפט געגעבן ווערן אין לאַטייניש אותיות; וואָרים ווען איר שרײַבט (63): «אין דעם פּוילישן דיאַלעקט ווערט דער דיפטאָנג ״יי״, דער צירה, אויסגערעדט ײַ (אַי)» וועט אַ בעסאַראַבער לייענען דעם ײַ = j + e, דעם ײַ = a און דעם אַי גאָר אפשר j + o (פּגל׳ קאָץ — koc), און ס׳וועט

[1]) «בעאָבאַכטונגען» בלע״ז.

אַרויסקומען א גרויסער פלאָנטער· דאָס זיינען זאַכן, וואָס מוזן אין דער צווייטער אויפלאַגע פאַרריכט ווערן· נאָך עטליכע קלייניקע ניט־גענויקייטן וויל איך דאָ פאַרצייכענען· «קורץ» הייסט אויף לאַטיין ניט brevus, נאָר brevis (216)· די אַלטגעזעסענע פאָרם פון smaragd אין יידיש איז ניט «שמאַראַגד» (242), נאָר «שמאַראַק», פונקט ווי אין מה״ד (אַזוי שטייט, למשל, אין מיין אַלטן תם־וישר, אָהן א שער, כב b) אדער אַפילו «שמאָראַק» (šmorak, šmurak; ליפשיץ, יוד׳־רוס· a 216: שמאָראק)· לבנה האָט געהייסן אין מה״ד ניט mant (92), נאָר māne אדער mān; און «פויפס» (94), האָט «וי» ניט ע״פ אַנאַלאָגיע מיט «אויבס» (א סמיכת־הפרשה!), נאָר צוליב דעם, וואָס אונזער וואָרט איז אַרויסגעוואַקסן פון דער דייטשער דיאַלעקטישער פאָרם pōps· איבערהויפט איז א חסרון פון בוך דאָס, וואָס רייזען רעכנט זיך צו פיל מיט דער דייטשער ליטעראַרישער שפראַך און נעמט כמעט ניט אין אַכט די דייטשע דיאַלעקטן·

10· איך האָב אויך אויסצוזעצן קעגן דעם אויפבוי פונם ערשטן טייל· צו וואָס האָט א דריטל פון בוך געדאַרפט פאַרנומען ווערן מיט אָרטאָגראַפיע? איך וויים, אַז דאָס איז זייער אַן אַקטועלע טעמע ביי היינטיגן טאָג, און דער הֶדיוט[1]) מיינט, אַז אָרטאָגראַפיע איז דאָס אייבערשטע פון שטייסל אין דער גאַנצער שפּראַכוויסנשאַפט· דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס דעם עולם ווילט זיך שטאַרק וויסן, ווי אַזוי מען דאַרף שרייבן «ריכטיג», גייט ער פרעגן א שאלה ביי די פילאָלאָגן· אין דער אמתן קאָן אַן אויסלייג זיין צוועקמעסיג אָדער ניט צוועקמעסיג, אָבער צו פילאָלאָגיע, צו וויסנשאַפט האָט דאָס ניט· איבעריגנס בין איך מודה, אַז אויב שוין יאָ אָפּגעבן דער אָרטאָגראַפיע אַזאַ חשובן אָרט, האָט ז׳ רייזען באַהאַנדלט דעם ענין זייער גוט: ער האָט געגעבן ניט נאָר כללים, ווי אַזוי מען דאַרף שרייבן, נאָר אויך א קיצורדיגע געשיכטע פון דעם, ווי אזוי מען האָט געשריבן·

טעותן און אומפּינקטליכקייטן קאָן מען, הייסט עס, געפינען אין רייזענס אַרבעט· אָבער דער עיקר זיינען ניט איינצלקייטן, נאָר דאָס גאַנצע; און דאָ איז נאָך אַלעמען דער ווערט פונם בוך זייער גרויס; איך מיין, אַז רייזענס «גראַמאַטיק» איז היינט פאָרט דער בעסטער מיטל פאַרן אָנהייבער צו באַקענען זיך נעהענטער מיט יידיש און א גוט האַנטבוך פאַר

[1]) ד״ר זשיטלאָווסקיס אַן אויסדרוק: «לאַיע» בלע״ז·

יעדערן׳ דער מחבר סיסטעמאַטיזירט אויסגעצייכנט דעם פֿאַראַנענעם מאַטעריאַל׳ ער גיט אַ סך׳ און וואָס ער זאָגט׳ זאָגט ער באַשײדליך׳ אַזוי אַז איטליכער זאָל קאָנען פֿאַרשטײן. עס שפּירט זיך דאָס געניטע אויג פֿאַר די פּרטים פֿון שפּראַכיגן לעבן. לאָמיר פֿאַרהאָפֿן׳ אַז די ווײַטערדיגע בענד וועלן ניט לאָזן וואַרטן אויף זיך צו לאַנג.

11. אַן אַנדער בוך׳ וואָס האָט אַ שמעלערן׳ אַ ריין פּראַקטישן באַטײַט׳ איז ד״ר שלמה בירנבוימס: **Praktische Grammatik der jiddischen Sprache**. ס׳איז דער 128טער טייל פֿון אַ סעריע׳ וואָס ברענגט פּראַקטישע גראַמאַטיקעס פֿון אַלע שפּראַכן׳ און דאָס האָט אַרויפֿגעלייגט אַ שטעמפּל אויף בירנבוימס בוך אויך: ס׳איז אַ לערנבוך פֿאַר דײַטשן זיך אויסצולערנען כּולה תּורה פֿון יידיש אויף איין פֿוס. אויף 188 קליינע זײַטלעך האָבן מיר דאָ אַ פֿאָנעטיק׳ אַ מאָרפֿאָלאָגיע׳ אַ סינטאַקסיס׳ אַ כרעסטאָמאַטיע (וואָס פֿאַרנעמט 30 זײַטן)׳ אַ ווערטערבוך׳ אַ טאַבעלע פֿון די יידישע קלאַנגען און אַ ביבליאָגראַפֿיע. ווען מען זאָל דאָס נעמען אין אַכט׳ מוז מען פֿאַרחידושט ווערן׳ ווי אַזוי האָט זיך דאָס אײַנגעגעבן אויסצושפּרייטן אַזוי פֿיל מאַטעריאַל אויף אַזאַ קליינעם שֶטח.

בירנבוים איז אַ גאַליציאַנער און אַ הייסער חסיד פֿון גאַליצישן יידיש. דערפֿאַר הייסט עס ביי אים: דאָס נפֿש׳ דאָס רחמנות׳ דאָס אָרט; פֿיר־לייענען; אַלדינגס (און ניט «אַלצדינג»). אָבער דאָס איז ניט קיין חסרון׳ נאָר אַ מעלה. דאָס גאַליצישע יידיש׳ און בכלל די שפּראַך פֿון דעם גרויסן פּויליש־גאַליציש־רומענישן קיבוץ׳ ווערט ביי אונז צו ווייניג גענומען אין באַטראַכט. דאָס וואָס באָראָכאָוו האָט אָפּגעפּסקנט (פּנקס I ז׳ 78)׳ אַז די יידישע ליטעראַרישע שפּראַך איז «די ווילנער מונדאַרט פֿון ליטווישן דיאַלעקט»׳ איז נאָך זייער ווינציג. אונזער ליטעראַרישע שפּראַך קאָן געשאַפֿן ווערן נאָר דורך אַ קאָמפּראָמיס פֿון פֿאַרשיידענע דיאַלעקטן׳ און וואָס מער דאָס פּויליש־גאַליצישע יידנטום ווערט אַרײַנגעצויגן אינם אַלגעמיין־יידישן קולטור־לעבן׳ אַלץ מער וועט זיך לאָזן פֿילן זײַן לשון. דעריבער האָבן זיך ניט גע־קאָנט צונעמען די פּרובן פֿון די קלעצקינשע אויסגאַבעס צו שרײַבן «דער לעבן»׳ «דער זײַן»׳ דעריבער בירגערט זיך ניט אײַן דאָס ליטווישע «אַ פּולע» אד״ג.

12. בירנבוימס בוך איז העכסט פּינקטליך אין זײַנע פֿאָרמולירונגען; מען קאָן זיך אויף אים פֿאַרלאָזן. ווען איך וויל וויסן׳ ווי אַזוי איז די און

די פאָרם בײַ די גאַליציאַנער יידן, גיב איך אַלעמאָל א קוק בײַ בירנבוימען. נאָך דעם ליטווישן דיאַלעקט איז ער אויך ניט מבֿזה, און א גאַנצע ריי סימנים פון ליטווישן יידיש זיינען אויך בײַ אים פאַרצייכנט. ספּעציעל וואָס ס'איז שייך צו דער אויסשפּראַך האָט בירנבוים צוגעקלערט א סיסטעם, וואָס איז אי גרינג, אי פאַרשטענדליך. אונזער הײַנטיגע אויסלייגונג איז אויפגעבויט אויפן ליטווישן דיאַלעקט, זי שרײַבט «טאָג» און «דאָך» אַלץ איינס מיט קמץ־אלף, כאָטש דרײַ פערטל פון יידישן פאָלק לייענען דעם ערשטן מאָל אַן u, דעם צווייטן מאָל o. דאָס אייגענע מיטן ו. בירנבוים שטעלט אײַין פאַר אַזוינע פאַלן פאַרשיידענע צייכנס, א שטייגער אָ און א. דער פויליש־רומעניש־אוקראַאינישער ייד זאָל וויסן, אז אָ איז u און א איז o (אַ=a); און דער ליטוואַק מעג זיך לייענען o אין ביידע פאַלן. אויך דער טראַנסקריפּציע איז בירנבוים בײַגעקומען מיט א קונציגן גאַנג דורך ספּעציעלע צייכנס: ů ĭ æj. למשל, «טאָג» ווערט מיט לאַטיינישע אותיות אָנגעשריבן tůg. דער גרויסער אות באַטייט די אויסשפּראַך פונם רוב יידן (u), דער אייבערשטער קליינער o איז א סימן, אז אין ליטווישן יידיש שטייט דאָ o. דאָס אייגענע bĭch — bich און buch; אָדער wæjst (דו ווייסט) — wajst און wejst.

בירנבוימס ביכל טאָר ניט פעלן בײַ קיינעם, וואָס וויל זיך אָפּגעבן מיט יידיש. ס'זיינען אין אים ניטאָ קיין היסטאָרישע און פּסיכאָלאָגישע חקירות — דער מחבר האָט דאָך מער ניט צוגעזאָגט, ווי א פּראַקטישע גראַמאַטיק — אָבער דאָס וואָס עס איז דאָ, איז גוט.[1]

13. מיט א סך א ברייטערן פאַרנעם איז צוגעטראָטן צו זײַן אַרבעט יעקב ווילער, וואָס האָט אָנגעשריבן דעם קאַפּיטל וועגן יידיש אין דעם פילאָלאָגישען אָפּטייל (באַנד II און III) פון דער «פּוילישער ענציקלאָפּעדיע» פון דער קראָקער אַקאַדעמיע. (אָט דער אָפּטייל: «Język polski i jego historja» האָלט צוויי טיילן, 422 + 545 גרויסע זײַטן, און פון דעם פאַרנעמט ווילערס אַרטיקל Żargon zydowski na ziemiach polskich די זייטן 395—424 אין צווייטן טייל). דער מחבר גיט קורצע,

[1]) אגב אורחא וויל איך פאַרריכטן א גרײַז בײַ בירנבוימען ז׳ 118 a: אין דער ליטע זאָגט מען gawer, פונקט ווי אין גאַליציע, און דעריבער דאַרף מען שרײַבן ניט «גײַווער», נאָר «גאַווער». דאָס וואָרט שטאַמט פון מה״ד geifer און איז איינס פון די ווערטער, וואָס מיר האָבן בײַ אונז אין מערב־יידישן געשטאַלט (זעה ז׳ 52 פ׳).

אָבער טרעפיגע דעפיניציעס. פון דער הקדמה ווערן מיר געוואויר, אַז ווילער האָט אין 1909/10 דערלאַנגט אין לעמבערגער אוניווערסיטעט א דיסערטאַציע אויף דײַטש מיטן נאָמען: «דער גאַליציש־יידישער דיאַלעקט, באַזירט אויף דעם דיאַלעקט פון לעמבערג. פאָנעטיק, מאָרפאָלאָגיע, ווערטבילדונג.» א גרויסער שאָד, וואָס די דאָזיגע אַרבעט איז פאַרבליבן ניט־געדרוקט. גראָד אין דער קענטעניש פון דער לעבעדיגער רייד־שפּראַך ווײַזט ווילער אויס צו זײַן פערם; פאַרקערט, וואו ער לאָזט זיך אַוועק אויף א ברייטערן וועג, פאַלט ער אָפטמאָל אַרײַן אין טעותן. ער וויל, למשל, אויפווײַזן (ז׳ 397), אַז די יידישע שפּראַך שטאַמט פון שלעזישן דײַטשן דיאַלעקט. אָדער (ז׳ 409) שרייבט ער, אַז די ליטוויש־רוסישע יידן זאָגן «פאַרציילן» און די פוילישע: «דערציילן». דאָ האָט ער זיך געלאָזט פאַרפירן פון זײַן לעמבערגער פאָרם, וואָס האָט טאַקע א «דער־»; דעם אייגענעם «דער־» האָבן אויך די ליטווישע יידן, און גראָד די קאָנגרעס־פוילישע (פּרץ!) זאָגן און שרײַבן «פאַרציילן». בכלל מוז מען זײַן פאָרזיכטיג ביי ווילערן, ווען ער ברענגט פאַראַלעלן פון ליטווישן יידיש; אויף דעם האָט אים ניט געקלעקט קיין מאַטעריאַל.

דאָס זיינען אָבער אַלץ קלייניקייטן לגבי דעם אויפטו פון ווילערן אין זײַנע פאָנעטישע קאַפּיטלען. ער גיט א גענויע טיילונג אין לאַנגע און קורצע וואָקאַלן, ער כאַראַקטעריזירט די געגעזלטע וואָקאַלן, די דיפטאָנגען און די פויליש־גאַליצישע «טריפטאָנגען» אין אַזעלכע ווערטער, ווי houəs (הויז), pouɐ (פויער). ער ווײַזט אויף, אַז אין זײַן יידיש איז נאָך פאַראַן דער בײַט צווישן p און b, צווישן k און g, צווישן f און w: łabr (לײַבער), אָבער łap; klugn (קלאָגן), אָבער kluk (קלאָג); priwn (פּרובן), אָבער prīft (ער פּרובט). פאַראַן א פאַרגלײַך מיט די עלטערע דײַטשע און סלאַווישע קלאַנגען, וואָס האָבן זיך געביטן, אַריבערגייענדיג אין יידיש. פאַראַן א דיפערענצירונג פון די רעדוצירטע וואָקאַלן ə (צעררײַסן) און ɐ (אַהיים). גוט באַאַרבעט איז די מאָרפאָלאָגיע; אויך גיט ווילער פאַר־בײַגייענדיג עטליכע אינטערעסאַנטע מזרח־גאַליצישע דיאַלעקט־ווערטער.

ס׳וואָלט געווען א גרויסער געווינס, ווען ווילער וואָלט אַרויסגעגעבן (אויב מיגליך, אויף יידיש, אַניט איז כאָטש אויף דײַטש) זײַן גרויסע אַרבעט. דער יידישער פילאָלאָגיע וואָלט א סך צוגעקומען דערפון, בפרט נאָך, אַז די «פוילישע

ענציקלאָפּעדיע» איז אינגאַנצן אויסגעפּאַרקויפט און קיין נײַע אויפלאַגע זעהט זיך דערווײַלע ניט·

14· נאָך שווערער איז בײַ הײַנטיגן טאָג צו באַקומען א ווערק, וואָס האָט אויפגעהויבן אויף א העכערן שטאַפּל די גאַנצע יידישע שפּראַכוויסנ־שאַפט: די אַרבעט פון יעקב גערצאָן: Die jüdisch-deutsche Sprache, פראַנקפורט 1902 [באָראָכאָוו, No. 322]· גערצאָנס אויפטו באַשטײט אין דעם, וואָס ער האָט טריט פאַר טריט דורכגעפירט דעם פאַרגלײַך צווישן יידיש און מיטלהויכדייטש און אויף אַזאַ אופן געשאַפן דעם יסוד פאַר א וויסנשאַפטליכער יידישער גראַמאַטיק· געטון געוואָרן איז דאָס אויף א גע־נוג פרימיטיוון אופן: ער האָט גענומען פוילס מיטלהויכדייטשע גראַמאַטיק און אײַנגעטײלט זײַן יידישן מאַטעריאַל אויפן זעלביגן שטייגער, ניט אָפּ־צוטרעטן אויף א האָר· און דעם מאַטעריאַל זײַנעם האָט ער אויך צונויפ־גענומען מיט א מערקווירדיגן גאַנג· גערצאָן איז א דײַטשער ייד, וואָס האָט קיינמאָל קיין יידיש ניט גערעדט און ניט געהערט (סײַדן אַמאָל א פּאָר ווערטער בײַ זײַנע «רוסישע», ד״ה מזרח־יידישע קאָלעגן); האָט אים עמיצער געגעבן אַן עצה, בשעת ער האָט שטודירט גערמאַניסטיק אין היידעלבערגער אוניווערסיטעט, אַז ער זאָל אָנשרײַבן א דיסערטאַציע וועגן יידיש· גערצאָנען איז דאָס געפעלן, זײַן פּראָפעסאָר (ווילהעלם ברוינע, איינער פון די חשובסטע דײַטשע פילאָלאָגן) האָט אויך גע־געבן זײַן הסכם· האָט גערצאָן אַראָפּגעבראַכט פון רוסלאַנד פרצעס יום־טוב־בלעטלעך, פרוגס לידער און געדאַנקען (אַדעס 1896), דרײַ דער־ציילונגען פון ד· פינסקי, «א בינטל בלומען» פון שלום־עליכם (בער־דיטשעוו 1888), די קליאַטשע און נאָך א פּאָר — אַרום און אַרום אַכט ביכלעך! פון דאָרטן האָט ער געשעפּט זײַן גאַנצע תורה· צום העברעאישן און סלאַווישן עלעמענט אין יידיש האָט ער מורא געהאַט זיך צוצורירן — איז בײַ אים איבערגעבליבן נאָר אַן אויספאָרשונג פון די דײַטשע טיילן·

15· ווען מען נעמט אין אַכט, ווי אַזוי און פון וועמען דאָס בוך איז געשריבן געוואָרן, מוז מען זאָגן: ס'איז גערעאָטן זייער גוט· ד״ר אַלפרעד לאַנדוי, אַליין אַן אויסגעצייכנטער קענער פון יידיש און פון גערמאַניסטיק (זעה אונטן) האָט אָנגעשריבן וועגן גערצאָנס בוך ניט קיין גינציגע רע־צענזיע (Zeitschrift für deutsche Philologie באַנד 36, ז' 262—269), און

ס׳קומט בײַ אים כמעט אויס, אַז גערצאָן האָט נאָר איין מעלה: ער האָט געהאַט מוט זיך צו נעמען צו דער אַרבעט, ניט קענענדיג ניט קיין יידיש, ניט קיין העברעאיש־אַראַמיש, ניט קיין סלאַווישע שפּראַכן. אַזאַ מין שאַרפער פּסק איז אַבסאָלוט ניט באַרעכטיגט, הגם לאַנדויס איינצלנע באַמערקונגען און אויסבעסערונגען קאָן מען אַלע אָננעמען. דאָס איז קיין ספק ניט, אַז ווען לאַנדוי אַליין וואָלט אונז מזכּה געווען מיט א סיסטעמאַטיש ווערק וועגן יידיש, וואָלט דאָס געווען א שיינדל אין אונזער וויסנשאַפט; אָבער די מעשה איז, וואָס פון לאַנדוי׳ן פאַרמאָגן מיר נאָר אַרטיקלען וועגן איינציגע פראַגן, קיין סך־הכּל פון זײַנע צעהנדליגגיאָרעדיגע אַרבעטן האָט ער אונז ניט געגעבן. און איידער מען גייט אַריבער צו ווײַטערדיגע פאָרשונגען, מוז מען האָבן א סכעמע פון די באַציאונגען צווישן מה״ד און יידיש. די סכעמע געפינען מיר בײַ גערצאָגן, און זי העלפט אונז אָפט אויס אין ספק׳דיגע פאַלן, כאָטש ער איז טיילמאָל אַזוי אומבאַהאָלפן, אַז ער קאָן קיין שום אַלגעמיינעם געזעץ ניט פאָרמולירן. אויך איז וויכטיג, ניט געקוקט אויף טעותן, זײַן אָפּטיילונג «וואָרט־אוצר», וואָס טײַטשט אויס אויף 47 זײַטן די אָפּשטאַמונג פון 424 יידישע ווערטער.

16. זינט גערצאָן האָט אָפּגעדרוקט זײַן דיסערטאַציע, זײַנען אַוועק צוואַנציג יאָר, נאָר מיר האָבן נאָך ביז הײַנט ניט קיין צווייטן פּרוב דורכצופירן (מיט א בעסערער צוגרייטונג) א סיסטעמאַטישן פאַרגלײַך צווישן מאָרפאָלאָגיע, סינטאַקסיס און לעקסיקאָן פון מה״ד און יידיש. בנוגע פאָנעטיק איז אונז יאָ צוגעקומען א נײַס, וואָס איז אין די מערסטע פּרטים בעסער ווי גערצאָן, מחמת מיר האָבן דאָ צו טון מיט א מענטשן, וואָס האָט געהערט ריידן און אפשר אַליין גערעדט א לעבעדיגן יידישן דיאַלעקט. איך האָב אין זינען ד״ר עדוואַרד סאַפּיר׳ס עטיוד, וואָס איז אין דער צײַט פון קריג געווען אָפּגעדרוקט אונטערן נאָמען: Notes on Judeo-German Philology אין דעם אַמעריקאַנער זשורנאַל Jewish Quarterly Review (נײַע סעריע, ב׳ 6, No. 2 אָקטאָבער 1915). סאַפּיר, א מענטש, וואָס האָט שוין געשריבן וועגן אַלגעמיינע פילאָלאָגישע פראַגן, האָט אין דעם אַרטיקל (37 זײַטן) אַרומגערעדט די קלאַנגען פונם קאָוונער יידיש. אויף עפּעס ברייטערס פאַרמעסט ער זיך ניט, אָבער אין זײַן גבול האָט ער געגעבן גוטס, ניט נאָר «באַמערקונגען» (ווי ער רופט אָן מיט

עניוות זײַן אַרבעט), נאָר א סיסטעמאַטישן איבערבליק. אויך מאַכט ער אַלגעמיינערע אויספירן, ווי גערצאָן, און מיטן גרעסטן טייל קאָן מען מסכים זײַן. (אַמאָל ווערט סאַפּיר געשטרויכלט אויך. ער וויל, למשל, באַנעמען די פאָרם «ראַטעווען» לגבי דעם דײַטשן retten. מה״ד און אַה״ד איז אויך אַזוי, ווי נה״ד; אין דער גערמאַנישער אורשפּראַך איז געווען hradjan. איז סאַפּיר משער: אפשר איז געווען אין אורגערמאַניש, אחוץ דער פאָרם מיט j, נאָך א בײַפאָרם מיט w, אַן־ערך hradwan*, וואָס האָט געגעבן אין מה״ד ratwen, און די דאָזיגע פאָרם האָט זיך אײַנגעהיט אין יידיש? איידער אויפבויען אַזאַ מין טורעם און מטריח זײַן אַזש די גער־מאַנישע אורשפּראַך פון פאַר 2000 יאָר, וואָלט געווען א סך פשוט׳ער צו געבן דעם איינציק־מיגליכן ענטפער: אַז דאָס וואָרט «ראַטעווען» איז גע־קומען צו אונז ניט פון דײַטש, נאָר דורך דער פאַרמיטלונג פון פּויליש ratować[1]. יעמאָלט ווערט קלאָר אי דער a, אי דער w). ס׳וואָלט זייער כדאי געווען צו האָבן סאַפּירס אַרבעט אין יידיש, כאָטש ער אַליין האָט זיך געשטעלט פאַר א ציל «צו דערווײַזן, אַז א גרונטיקע אויספאָרשונג פון דער פאָנעטיק, פון דער מאָרפאָלאָגיע און פונם וואָרט־אוצר פון יידיש מוז געבן רײַכע פרוכט פאַר דער דײַטשער דיאַלעקטאָלאָגיע».

17. אַז מיר האַלטן שוין בײַ פאָנעטיק, מוזן מיר זיך אָפּשטעלן נאָך אויף איינער אַן אַרבעט, וואָס איר מחבר האָט שוין גראָד ניט געקוקט אין דער פרעמד און דווקא געהאַט אין זינען דעם באַטײַט פון דער יידישער פילאָלאָגיע פאַר דער יידישער וויסנשאַפט. ס׳איז ה. טשעמערינסקיס ז״ל «יידישע פאָנעטיק» אין פּנקס I. אַלגעמיינע טענות קעגן טש׳ סיסטעם האָט שוין געגעבן ב. באָראָכאָוו אין זײַנע «אָנמערקונגען», וואָס זיינען געדרוקט באַלד נאָך טש׳ אַרבעט. ליידער האָט באָראָכאָוו ניט אָנ־געוויזן, אַז בײַ טש׳ זיינען געבראַכט אַנדערע «מה״ד» בײַשפּילן ניט פון א מה״ד ווערטערבוך, נאָר פון דער הגדה; א שטייגער די חקירה וועגן vor און für (ז׳ 62), וועגן זון Sonne און זון Sohn (דאָרטן גופא). בכלל איז דאָ שטאַרק געפּלאָנטערט אין א סך זאַכן, וואָס זיינען שייך צו דײַטש, א שטייגער וועגן דעם קורצן i אין viel, Glieder א. אַז. וו. (די אַנאַלאָגיע «פויפס — אויבס» האָט ז. רייזען, ווייזט אויס, אויך פון טשעמערינסקין.)

[1] ענליך איז אויך מיט «שאַנעווען». זעה ווײַטער אונטן «מגילת ווינץ», הערה 76.

נאָר איך בין ניט מסכים מיט א רעצענזענט (אויב איך האָב קיין טעות ניט, איז דאָס געווען ה׳ בעל־דמיון אין דער «יידישער וועלט»), אַז אויב מען מוז שוין יאָ אָנקומען צו מה״ד, איז גלײַכער לכתחילה געבן א פאַרגלײַך פון אַלע יידישע קלאַנגען מיט מה״ד, איידער אָנקומען צום מאָדערנעם דײַטש, ווי טש׳ האָט דאָס געטון. בײַ מיר קומט אויס, אַז טש׳ איז אין פרינציפּ גראָד געווען גערעכט. פאַראַן אַ סך ערשײַנונגען אין יידיש, וואָס מען קאָן זיי מיט מה״ד ניט בײַקומען — ווער רעדט נאָך מיט יענע נאָרמאַלי־זירטע מה״ד פאָרמען, וואָס מען געפינט אין לעקסערס ווערטערבוך — און מען מוז ניט־ווילנדיג אַרײַנציען אין ראָד אויך די הײַנטיגע דײַטשע שפּראַך און אירע דיאַלעקטן.

18. צו די אַרבעטן וועגן פאָנעטיק קומט אונז אויס דערווײַלע צוצו־רעכענען אויך דעם «היסטאָריש־גראַמאַטישן פּרוב», וואָס מתתיהו מיזעס האָט פּובליקירט אין די No. 62/61 און 64/63 פון די «מיטטיילונגען». איך זאָג «דערווײַלע», מחמת פאַרמאָסטן האָט זיך דער מחבר אויף עפּעס ברייטערס, דאָס קעפּל הייסט: Die jiddische Sprache, נאָר לע״ע האָט זיך דער דרוק פון דער אַרבעט איבערגעריסן בײַ דער באַטראַכטונג פון די וואָקאַלן. פון דעם רייסטער פון די באַנוצטע ביכער, וואָס פאַרנעמט באַלד 4 זײַטן, זעהט מען שוין אַרויס מיזעסעס ווײַטגרייכיגע כּוונות, און די ערשטע פּאָר זײַטלעך פון דער אַרבעט באַשטעטיגן, אַז דער מחבר האָט דאָ געהאַט בדעה צו געבן אַזוינס, וואָס זאָל מאַכן א סך־הכל פון די ביז־איצטיגע פאָרשונגען. נאָר איך האַלט ניט, אַז דער «פּרוב» זאָל קאָנען באַפרידיגן. מיזעס ברענגט זייער פיל בײַשפּילן, וואָס קאָנען צו־נוץ קומען; ער קען גוט די סלאַווישע שפּראַכן און ווייס צו ברענגען פון זיי אינטערעסאַנטע פּאַראַלעלן. אויך בין איך דורכאויס מסכים מיט אים, וואָס ער נעמט פאַר א יסוד פון זײַן באַטראַכטונג ניט דאָס ליטווישע יידיש, נאָר די דיאַלעקטן פון פּוילן, גאַליציע, וואָלין, פּאָדאָל, אוקראַאינע און צפון־אונגאַרן, וואָס ער רופט אָן אַלע צוזאַמען מיטן נאָמען «דרום־יידיש» (דאָס ליטווישע יידיש הייסט בײַ אים צפון־יידיש, דאָס כמעט אויסגעשטאָרבענע יידיש פון דײַטשלאַנד — «מערב־יידיש»). נאָר מיזעס לאָזט זיך פאַרפירן פון זײַן הויפּטגעדאַנק, וואָס ער האָט אַרויס־געזאָגט אין זײַן בוך: «די סיבה פונם אויפקומען פון די יידישע דיאַלעקטן»

[זעה אויבן ז׳ 9—10]· וויבאַלד די רעליגיע איז די עיקר־סיבה פון שפּראַכיגע שינוים׳ מוז שפּילן די הויפּט־ראָליע יענער עלעמענט׳ וואָס בלײַבט איבער אין אַלע יידישע לשונות: דער העברעאישער עלעמענט· וויל מיזעס אויפוויַיזן אין עטליכע פאַלן׳ אַז דווקא די אויסשפּראַך פון העברעאיש בײַ יידן האָט געבראַכט צו דער אָדער יענער אייגנטימליכקייט פון אונזער הײַנטיגן יידיש· א שטייגער׳ דער דײַטשער לאַנגער a איז בײַ אונז גע־וואָרן o· ס׳איז באַוואוסט׳ אַז אויף דער שוועל פון דער נײַער צײַט איז דער a אין דײַטש אויך כמעט ווי בָטל געוואָרן׳ א גרויסער טייל דײַטשע דיאַלעקטן וויסן פון אים הײַנט אויך ניט׳ און טאָמער האָט זיך אין דער דײַטשער ליטעראַטור־שפּראַך צוריק איינגעפונדעוועט דער a׳ איז דאָס א רעזולטאַט פון לאַטײַנישער׳ איטאַליענישער און פראַנצויזישער השפּעה· דוכט זיך׳ ס׳איז קלאָר׳ אַז דער יידישער o (לכל־הפּחות אין די דײַטשע עלעמענטן פון יידיש) איז אויך אַן אָפּשײַן פון דיזעלביגע פאַרהעלטענישן· נאָר מיזעס זאָגט ניין· ער ברענגט פריער אויף זעקסטהאַלבן זײַטן ראיות׳ אַז דעם קמץ־גדול האָבן יידן אַרויסגערעדט מיט דער הײַנטיגער אַשכּנזישער הברה (o) נאָך איידער זיי זיינען געקומען קיין דײַטשלאַנד׳ און וויבאַלד אַזוי׳ איז דער o פון ā אין ניט־העברעאישע ווערטער «נאָר אַן אויס־געהאַלטענע פאַרשפּרייטונג פון אַן אייגנטימליכקייט׳ וואָס יידן האָבן מיט־געבראַכט פון דער פרעמד»׳ און טאָמער שטימט דאָס מיט קלאַנגיגע שינוים אין דער דײַטשער שפּראַך׳ איז דאָס «א ריין צופעליגער צוזאַמענטרעף»!

ענליכע חקירות געפינען מיר אויך בײַ אַנדערע וואָקאַלן: אומעטום לאַנגע ציטאַטעס וועגן ערשײַנונגען פון דער העברעאישער אויסשפּראַך׳ וואָס האָבן צו אונז קיין דירעקטע שייכות ניט· נאָר איין שבח קומט מיזעסן — ער האָט באַנוצט אַזוי פיל און אַזאַ פילזײַטיגן מאַטעריאַל׳ ווי קיינער ביז אים·

ג

די עלעמענטן פון יידיש

19· אַז יידיש באַשטייט פון דרײַ עלעמענטן: גערמאַניש׳ העברעאיש און סלאַוויש׳ דאָס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן שוין פון לאַנג׳ און אומזיסט האָט ה׳ בעל־דמיון אין זײַן רעצענזיע אויפן «פּנקס» («יידישע וועלט» II און III׳ 1914) געפּרובט אָפּפרעגן דעם אויסדרוק «עלעמענט» בנוגע סלאַוויש׳

פויליש· אוקראַאיניש· ווײַסרוסיש (טיילווייז אויך גרויסרוסיש) זיינען פאַר אונז אין א גרויסער מאָס דאָס· וואָס פאַרן אַמעריקאַנער יידיש דאָס ענג־ליש — די מעכטיגע· אַמאָל איבערמעכטיגע שפּראַך פון דער אַרומיגער וועלט· וואָס פון איר דרינגען אַרײַן אין יידיש דורך אַלע פּאָרעס ווערטער· ווענדונגען· פאָרמען· איז דעריבער צו פאַרשטיין דער אינסטינקטיווער ווידערטעם· וואָס יעדער רייַנהאַלטער פון יידיש דערשפּירט בײַ א סלאַווישן אָדער אַן ענגלישן וואָרט· אָבער דאָס טאָר דאָך אונז ניט פאַרבלענדן די אויגן· אַז מיר זאָלן ניט זעהן וויכטיגע סימנים פון אונזער שפּראַך· וואָס שטאַמען גראָד פון סלאַווישע מקורים·

ניט דאָ איז דער אָרט צו ריידן וועגן-דעם באַריכות· איך זאָג דאָס נאָר אויף צו באַווײַזן· אַז פונקט ווי גערצאָן האָט אַנאַליזירט די גערמאַנישע טיילן פון יידיש· אַזוי איז זייער וויכטיג פונאַנדערצוגלידערן די העברע־אישע און סלאַווישע טיילן· כדי מיר זאָלן זעהן· וואָס מיר האָבן זיי צו פאַרדאַנקען·

20· וואָסערע פונקציעס עס טוען אָפּ די פאַרשיידענע עלעמענטן פון יידיש: דײַטש· העברעאיש· סלאַוויש — דאָס האָט נאָך קיינער ניט באַ־שריבן אַזוי· אַז מען זאָל קאָנען פון דעם זײַן צופרידן· מיר שטייען נאָך הײַנט בײַ דער דעפיניציע· וואָס עס האָט געגעבן מיט 90 יאָר צוריק לעאָ־פּאָלד צונץ אין זײַן ווערק: Die gottesdienstlichen Vorträge der» «Juden (בערלין 1832)· ז׳ 438—441· די העברעאישע ווערטער· זאָגט ער· ניצט מען: א) פאַר געגנשטאַנדן· וואָס זײַנען שייך צו יידישקייט (טלית· חופּה· אתרוג· מצוה אד״ג) און צום יידישן לעבן (ישיבה· דין· קהל· בעל-הבית אד״ג); ב) פאַר השגות· וואָס דאָס לערנען פלעגט געבן (דווקא· בקי· אדרבא· פשיטא א· אַ·); ג) פאַר פאַרשיידענע אויסדרוקן פון טעגליכן לעבן (אַכילה· גדולה· דאגה· מזל· תכלית א· אַ·)· און ד) פאַר געגנשטאַנדן· וואָס מען האָט בכיוון ניט געוואָלט אָנרופן מיט דײַטשע ווערטער (בלבול· גזרה· משומד אד״ג)·

ב· באָראָכאָוו האָט אין זײַן אַרטיקל «צו די אויפגאַבן פון דער יידישער פילאָלאָגיע» (פנקס I· ז׳ 10) געפּרובט געבן אַן אַנדער פאָרמול: «די ער־שײַנונגען· וואָס זיינען אויסגעוואַקסן אויפן באָדן פונם אינעווייניגסטן יידישן לעבן· ווערן אויסגעדריקט על פּי רוב אין העברעאיש»· נאָר דאָ

מוז ער באַלד נעמען צו־הילף א באַמערקונג, אַז «געוויס, זיינען פאַראַן פיל און וויכטיגע אויסנאַמען»; און צונצעס קאַטעגאָריע, וואָס מיר האָבן געבראַכט אונטער ד, קומט אים נאָך אויך אויס צו באַהאַנדלען באַזונדער·

אַן אַרבעט וועגן דעם ענין, וואָס זאָל אויסשעפּן די טעמע, וועט מוזן אַרומנעמען ניט נאָר די העברעאישע ווערטער, נאָר אויך די העברעאישע סופיקסן און בכלל די העברעאישע עלעמענטן פון דער גראַמאַטיק· ביז איצטער איז שווער געווען זיך צו ריכטן אויף אַזאַ מין טיפער אויספאָרשטונג, וואָרים ס׳האָבן נאָך געפעלט די געהעריגע פאָראַרבעטן; נאָר איצטער, רעכן איך, לאָזט זיך שוין די אויפגאַבע שטעלן, וואָרים זי לאָזט זיך שוין פאַרענטפערן·

21· דער לעקסיקאַלישער איינטייל פון העברעאיש אין דער יידישער שפּראַך לאָזט זיך שוין פעסטשטעלן לויט יהואָש־ספּיוואַקס «אידיש ווערטערבוך», ניו־יאָרק 1911 (באָראָכאָוו No. 343), און פאַר דעם גראַמאַטישן טייל האָבן מיר שוין איצטער ד״ר שלמה בירנבוימס עטיוד: **Das hebräisch-aramäische Element in der jiddischen Sprache** (פאַרלאַג גוסטאַוו ענגעל, לײַפּציג 1922)· בירנבוים שטעלט זיך דאָ ניט פאַר קיין ציל צו געבן היסטאָריש־פּסיכאָלאָגישע אויספירן, און דעריבער טאָר מען צו אים ניט קומען מיט קיין טענות, פאַרוואָס ער האָט זיי ניט געגעבן· דאָס וואָס עס איז יאָ דאָ: פאָנעטיק, מאָרפאָלאָגיע א· אַז· וו·· נעמט אַרום אַלע פּרקים פון דער גראַמאַטיק און רעגיסטרירט געטרײַ אַלע פאַקטן· ס׳איז בעצם א צווייטער טייל צו גערצאָגנען (מערניט מיט א סך א גרעסערער בקיאות): יענער האָט צונויפגענומען די דײַטשע עלעמענטן, בירנבוים די העברעאיש־אַראַמישע·

ווען מיר זאָלן נאָך באַקומען א מאָנאָגראַפיע וועגן די סלאַווישע עלעמענטן, וואָלט יעמאָלט א סך גרינגער געווען דער וועג פאַר א סינטעטישער גראַמאַטיק פון יידיש· אָט די איינהייטליכע גראַמאַטיק וועט ווײַזן דאָס, וואָס מען זעהט שוין אַרויס אי פון גערצאָגס, אי פון בירנבוימס אַרבעט: אַז די דײַטשע, העברעאישע און סלאַווישע עלעמענטן זיינען צו פעסט צונויפגעוואַקסן, אַז מען זאָל זיי גאָר קאָנען אָפּטיילן איינס פונם צווייטן·

געוויינטליך, אָן אַנאַטאָם קאָן באַשרײַבן ספּעציעל די האַנט און דעם

פוס׳ א גראַמאַטיקער קאָן אָנשרײַבן א חיבור וועגן דעם פּאַרטיציפּ פון דער פּאַרגאַנגענהייט אָדער וועגן די הויפּטווערטער׳ וואָס ענדיגן זיך אין פּלוראַל אויף ־ן׳ אָבער פונקט ווי די האַנט בלײַבט א טייל פונם אָרגאַניזם׳ פונקט ווי דער פּאַרטיציפּ פון פּאַרגאַנגענהייט איז אויסגעבונדן מיט אַלע אַנדערע פאָרמען פונם צײַטוואָרט׳ אַזוי זיינען פּאַרקניפּט און פּאַרבונדן צווישן זיך די דרײַ טיילן פון יידיש׳ וואָס וואַקסן פון פּאַרשיידענע מקורים· אַמאָל קאָן זײַן נוציג צוליב וועלכן עס איז טעם צו צעגלידערן יידיש אויף חיבור־צאָלן; אָבער גראָד ווען מען טוט דאָס׳ צײַגט מען זיך איבער׳ אַז דײַטש + העברעאיש + סלאַוויש איז נאָך ניט גלײַך יידיש׳ אַז דער סוד שטעקט אין דעם׳ ווי אַזוי די קאָמבינאַציע איז געמאַכט געוואָרן און ווי אַזוי די איינציגע טיילן האָבן זיך באַהאָפטן·[1])

22· אין «השלח» פאַר 1914 האָט זיך געדרוקט אַן אַרבעט פון י· ח· טאַוויאָוון «היסודות הסלאַבים בז׳רגון»· ליידער איז מיר ניט אויסגעקומען צו זעהן דעם מאמר· נאָר איך מוז זאָגן׳ אַז קיין גרויס צוטרוי צו אים האָב איך ניט׳ נאָכדעם ווי איך קען טאַוויאָווס מחיהדיגע הקדמה צו אלעזר שולמאַנס ליטעראַטורגעשיכטע (זעה ז׳ 141) און זײַן אַרטיקל׳ וואָס האָט זיך אַמאָל געדרוקט אין די חודשדיגע צוגאָבן צום «הזמן» [באָראָכאָוו .No 376]· אין יענעם אַרטיקל («היסודות העברים בז׳רגון») זיינען געוועזן א סך בײַשפּילן און אײַנפאַלן׳ נאָר דער שענסטער אײַנפאַל איז פאָרט געוועזן דעם מחברס פּלאַן: היות אין יידיש זיינען פאַראַן א סך העברעאישע עלעמענטן׳ דאַרף מען דאגהענען׳ אַז די צאָל זייערע זאָל וואָס מער פאַרגרעסערט ווערן׳ וועט מען זיך יעמאָלט צוּביסלעך דערשלאָגן׳ אַז יידן זאָלן אינגאַנצן אָנהייבן ריידן העברעאיש·

ס׳איז ממש ניט צו פאַרשטיין׳ פאַרוואָס דאָס יידישע פאָלק האָט ניט אָנגענומען אַזאַ טײַערן פּראָיעקט·

ד

ווערטערביכער

23· מיט די אַנדערע טיילן פון דער גראַמאַטיק קאָנען מיר זיך אָפּפאַרטיגן בקיצור· וועגן יידישער וואָרטבילדונג האָבן מיר גאָרנישט׳

[1]) אַן אַרבעט וועגן די פונקציעס פון די העברעאישע עלעמענטן אין יידיש האָט פאַרענדיגט נ· שטיף (פּריוואַטע מיטטיילונג)·

וועגן סינטאַקסיס — כמעט ווי גאָרנישט. (מ. ווייַנגערס «יודישער סינטאַקסיס» [וואַרשע 1913] איז ניט מער ווי אַן ערשטער פּרוב). פאַר־צייכענען דאַרף מען די סינטאַקטישע קאַפּיטלען בייַ גערצאָגען (ז' 57—82) און אין ש. בירנבוימס גראַמאַטיק (ז' 57—70). אינטערע־סאַנט איז אויך ח. טשעמערינסקיס עטיוד וועגן «מענדעלעס סינטאַקסיס», וואָס איז אַמאָל געווען געדרוקט אין א זאַמלבוך, וואָס דער «פרייַנד» האָט אַרויסגעלאָזן לכבוד מענדעלעס יובילעאום. ס'וואָלט כדאי געווען אָפּצוראַטעווען דעם אַרטיקל, אַרויסגעבנדיג אים פונדאַסנייַ.

24. מיר האַלטן בייַ די ווערטערביכער. מיר פאַרמאָגן עטליכע ווערטערביכער, נאָר קיין ווערטערבוך האָבן מיר נאָך ניט. און ווער ווייס, ווען מיר וועלן זוכה זייַן דאָס צו האָבן: גרימס «דויטשעס ווערטערבוך» מאַכט מען שוין צעהנדליגער יאָרן, און ס'איז נאָך אַלץ ניט פאַרענדיגט; דער רוסישער אַקאַדעמישער לעקסיקאָן איז, דוכט זיך, אויך ניט דערפירט געוואָרן ביזן סוף. ווען מיר זאָלן שוין אַפילו האָבן דעם גאַנצן מאַטעריאַל, וואָלט אויך געווען אוממיגליך אים אָפּצודרוקן בייַ הייַנטיגע צייַטן.

דאָס יידישע וויסנשאַפטליכע ווערטערבוך, וואָס זאָל באמת ווערט זייַן דעם נאָמען, דאַרף ארומנעמען אַלע אוצרות פון דער יידישער שפּראַך. אַלץ, וואָס עס איז פאַררעגיסטרירט אין דער ליטעראַטור; אַלץ, וואָס עס קלינגט פון שוואַרצן ים ביזן באַלטישן און פון אַטלאַנטיק ביזן פּאַסיפיק אין מויל פון פאָלק; אַלץ, וואָס עס ליגט באַהאַלטן אין דער עלטערער ליטעראַטור אונזערער און וואָלט נאָך געקאָנט באַפרוכפּערן אונזער מאָדערנע שפּראַך. אַן אויפגאַבע ניט אויף א יאָר־צוויי און ניט פאַר א יחיד; און די אינסטיטוציע, וואָס זאָל דאָס נעמען אויף זיך, האָבן מיר נאָך אויך ניט. וועלן מיר זיך נאָך א היפּשע ווייַלע מוזן באַנוגענען מיט האלבע אַרבעטן, וואָס קומען צו גיין מיט מער עניוות. אַזוינע טייליגע זאַמלונגען קאָנען אויך האָבן א גרויסע ווערדע. א האָפענונג, אַז עס וועט אַמאָל פאַרטיג ווערן «דער אוצר פון דער יידישער שפּראַך», וועלכן עס גרייט צו ז. קאַלמאַנאָוויטש; א נישקשהדיגער טייל פון דער אַרבעט זאָל שוין זייַן אָפּגעטון.

25. יהואש־ספּיוואַקס «אידיש ווערטערבוך» האָבן מיר שוין דער־מאָנט (ז׳ 23)؛ ס׳האָט א ספּעציעלן ציל, און דעם ציל דערגרייכט דאָס פּיל־ווייניג. א חסרון איז נאָר, וואָס א סך ווערטער זיינען ניט פאַרטײַטשט, נאָר פאַרדײַטשט: אָנשטאָט דעם העברעאישן אויסדרוק שטייט א דײַטשער, אַפילו אויב ער ווערט אין יידיש ניט גענוצט. ש. בירנבוימס ווערטער־ביכל (ביי דער גראַמאַטיק) איז זייער קליין, נאָר אַמאָל איז גאַנץ נוציג אריינצוקוקן. מיט עטליכע ווערטערביכער האָט אונז מזכה געווען די צײַט פון דער דײַטשער אָקופּאַציע. פון זיי איז דאָס חשובסטע פּראָפעסאָר הערמאַן שטראַק׳ס «Jüdisches Wörterbuch», אַן ערנסטע אַרבעט, וואָס עס שטעקט אין איר א סך מי. געוויינטליך, עס שפּירט זיך זייער שטאַרק, אַז דער מחבר רעדט ניט קיין יידיש: איז ער צוגעשמידט צו די טעקסטן און ער קען ניט פּסקענען פון פאַל צו פאַל, צי איז דאָס טאַקע א יידיש וואָרט אָדער ריין צופעליג אַרײַנגעפאַלן אין דעם טעקסט, וואָס ער האָט אונטער דער האַנט. אין «יידישן» ווערטערבוך שטייען דערפאַר אַזעלכע ווערטער ווי: אַבטיחים (פאַרטײַטשט «מעלאָנען»), אָדוק («פאַ־נאַטיקער»), אָטסטאַוועקע («אַבשיעד»), אָטדיך («ערהאָלונג»), דענגי («געלד»). אַנדערע ווערטער זיינען אויסגעטײַטשט ניט ריכטיג, מסתמא ווײַל דער קאָנטעקסט איז געווען ניט קלאָר؛ און דער הויפּט־חסרון איז, וואָס די אויסשפּראַך פון די העברעאישע ווערטער איז אָנגעוויזן לויט דער «האַוואַראַ האַספאַרדיט». פונדעסטוועגן איז אָפּטמאָל ממש נשתומם צו ווערן, וויפיל ווערטער פּראָפ׳ שטראַק האָט אַרײַנגענומען אין זײַן ווערק. ס׳איז אַן אמתער דענקמאָל פון דער התמדה פון א דײַטשן פּראָפעסאָר.

דאָס «זיבן־שפּראַכן־ווערטערבוך», אַרויסגעגעבן פון דער דײַטשער אַרמעאישער הנהגה אייבער־אָסט, האָט ניט קיין שום האַפּט. אויף גיך צונויפגעשלעפּטער מאַטעריאַל, אָהן שום קריטישער באַציאונג. פאַר די אינעווייניגסטע באַדערפענישן פון דער מיליטערישער אַדמיניסטראַציע האָט דאָס אפשר געקלעקט؛ דרוקן האָט דאָס געלוינט סײַדן אויף צו שטעלן א מצבה דעם אייבער־אָסט. (פונדעסטוועגן זיינען דאָרטן פאַרצייכנט א פּאָר גוטע נעאָלאָגיזמען؛ למשל, «טונקשיף» אָנשטאָט דעם אומגעלומ־פּערטן «אונטערוואַסערשיפל»).

בעסער איז ק. שולצ׳עס ווערטערבוך, אַרויסגעגאַנגען אין דער צײַט פון די דײַטשן אין וואַרשע. דאָ ווערן אויך די יידישע וואָקאַבולן איבערגעזעצט אויף דײַטש.

26. דרייזינס «Полный русско-новоеврейскій словарь» ברענגט, קאָנטיג, א פראַקטישן נוץ, וויבאַלד ס׳איז אַרויס 1913 שוין די 5טע אויפ־לאַגע (1טע אויפלאַגע 1886). מען קאָן דאָרטן טאַקע געפינען אַמאָל גאַנץ גוטע ווערטער, כאָטש אָפּט העלפּט זיך דער מחבר גאָר אויף א גרינגן שטייגער; ווען ער ווייס ניט, ווי אַזוי איבערצוזעצן, שרײַבט ער: «א מין חיה», «א מין פויגל».

וועגן א. האַרקאַווי׳ס גרויסע ווערטערביכער (ענגליש־יידיש און יידיש־ענגליש) דאַרף מען קיין סך ניט ריידן; זיי זיינען זייער שוואַך פאַר דעם, וואָס זוכט יידישע ווערטער. אמת, די ביידע ביכער זיינען צו־נויפגעשטעלט געוואָרן אין א צײַט, ווען מען האָט נאָך אויף יידיש ניט אַזוי שטאַרק מקפּיד געווען (1891 און 1898). נאָר ערשטנס זיינען שפּעטער אַרויס נײַע אויפלאַגעס, און צווייטנס האָט האַרקאַווי, איינער פון די פּיאָנערן פון קאַמף פאַר דער אָנערקענונג פון יידיש, ניט געטאָרט פאַרגעסן, אַז יידיש האָט זיך זײַן אייגענעם נוסח. האַרקאַווי האָט אָבער אויף דעם ניט געקוקט און, ווי ער דערציילט אַליין, «זיך געווענדעט צו דיא לעקסיקאָנען פון דיא גערמאַנישע, סלאַווישע און סעמיטישע שפּראַכען, און האָט פון זיי הערויסגעצויגען יענע ווערטער, וועלכע ווערען אין איהר [אין דער יידישער שפּראַך] בענוצט». חוץ דעם האָט ער נאָך פאַרצייכנט אייגענע יידישע ווערטער — נאָר מישטיינס געזאָגט, וואָס עס האָט געקאָנט אַרויסקומען פון אַזאַ מין נישטערן איבער די רוסישע, דייטשע און העברעאישע לעקסיקאָנען.

28. דוד הורוויצ׳עס «ספר המלים ושאַרגאָני־עברי יודישער לשון־קדשער ווערטער־בוך» (3טע אויפלאַגע אָדעס 1903) שטעלט זיך פאַר א ציל אויסצוגעפינען געגויע העברעאישע טײַטשן פאַר אַלע ווערטער פון דעד לעבעדיגער שפּראַך. עס טוט אים וויי, זאָגט דער מחבר, וואָס עס גייט שוין פערציג יאָר א שָׂפה־ברורה־באַוועגונג, און נאָך האָט זיך קיינער ניט אונטערגענומען אָפּצוטון אַזאַ מין נייטיגע זאַך. מען ווייס ניט, ווי אַזוי הייסט אויף העברעאיש סאָדע, סאַלאַמיאַק, סעליטרע,

באָרשטש׳ באַנדער׳ טאָקער׳ אָט וועגן דעם דאגהעט הורוויץ; דער יידישער טייל פון ווערטערבוך אינטערעסירט אים א סך ווייניגער. פאַר אונז זיינען גראָד וויכטיג זײַנע יידישע ווערטער. הורוויץ איז א ייד פון קיעווער גובערניע׳ און די ליטעראַטור האָט אויף אים ניט אַזוי שטאַרק משפּיע געוועזן; גיט ער אָפטמאָל׳ ווי ער זאָל זיך ניט פלײַסן צו זײַן דײַטשמעריש׳ גוטע אוקראַאינישע דיאַלעקט־ווערטער. ער פאַרצייכנט׳ למשל׳ אַזעלכע שיינע ווערטער׳ ווי: מילכנער־פיש׳ טריף (=טריפוואַקס)׳ ענעס («מאָדערן»): אַניס׳ א מין געוויקס)׳ פאָרשטן (די איינציג־ריכטיגע יידישע פאָרם)׳ פיקהאָלץ (דער פויגל)׳ קערמע (רודער)׳ שאַרן (רודערן)׳ הייסט עס׳ גוטער מאַטעריאַל. אָבער געוואָרנט דאַרף מען זײַן! אינמיטן דערינען גיבן זיך א לאָז אַרײַן אַזעלכע «יידישע» ווערטער׳ ווי: טאָטשקע׳ טאָלפּאַ׳ טאָפּרישטשע (הענטל פון א האַק) אָדער «מאָפּס — זעה באָלוואַן».

אַרום און אַרום: א בוך׳ וואָס קאָן קומען צו־נוץ׳ ווען מען ווייס ווי זיך צו באַגיין דערמיט.

29. גאָר פון אַן אַנדער טייג געקנאָטן זיינען י׳ מ׳ ליפשיצ׳ עס ביידע ווערטערביכער: רוסיש־יידיש און יידיש־רוסיש (זשיטאָמיר׳ 1874 און 1876). יהושע מרדכי ליפשיץ וואָלט פאַרדינט א גוטע׳ בפּרטיותדיגע ביאָגראַפיע׳ און אין זײַן היים־שטאָט באַרדיטשעוו׳ וואו ער האָט אָפּגעלעבט זײַנע יאָרן׳ איז מסתמא גאָרניט אַזוי שווער צונויפקלײַבן דעם נייטיגן מאַטעריאַל. דאָס וואָלט געווען ניט נאָר אַן אַקט פון פיעטעט אַנטקעגן א מענטשן א האָרעפּאַשניק׳ וואָס האָט געטון זײַן אומדאַנקבאַרע אַרבעט מיט אַן אמתער מסירת־נפש׳ נאָר אַזאַ מין ביאָגראַפיע וואָלט אויך געווען צושטייער צו דער געשיכטע פון אונזערע געזעלשאַפטליכע באַוועגונגען. ליפשיץ איז געווען א פיאָנער פון דעם קאַמף פאַר דער אָנערקענונג פון יידיש. ער האָט אויך אין «קול־מבשר» געדרוקט עטליכע אַרטיקלען וועגן דעם ענין; נאָר אין זײַן «יודעש־רוסישן ווערטער ביך» גייט ער אַרויס אָפן מיט דער שפּראַך און ער רעכנט זיך אָפּ מיט אַלע זײַנע «סטיגמאָטערס» (געגנער) אויף זיין יאָדערדיגן באַרדיטשעווער לשון:[1])

«פרעגט מען מיך׳ באשר: צו וואָס טויג יידיש־רוסישע ווערטערביכער׳ אַז

[1]) איך שרײַב דאָס איבער מיט אונזער אָרטאָגראַפיע׳ כדי צו פאַרגרינגערן די מי דעם זעצער און דעם לעזער. וועגן ליפשיצעס אויסלייג זעה רייזען I׳ §§ 55—66.

יידן האָבן גאָר קיין ליטעראַטור? דער דאָזיגער אָפּפרעגער ווײַזט שוין אויס צו זײַן ניט קיין תּם, נאָר א חכם פון דער מה־נשתּנה. ער ווײַזט שוין אויס צו זײַן אַזאַ געבילדעטער, וואָס איז אַזוי פאַרגלייבט אין ליטעראַטור, ווי «די געבילדעטע קעכנע», וואָס אַז מען שמועסט מיט איר מכּוח קאָכן וואַרעמעס, ענטפערט זי פון ליטעראַטור. ביי אים, מײַן מַקשן, מוז א וואָרט אַנדערש קיין ווערט ניט האָבן סײַדן אַז עס איז געדרוקט. איבעריגנס האָט זיך די יידישע שפּראַך אָהן עין־הרע, קיין בייז אויג, אויך עפּעס א ליטעראַטור הן אין אייגענע און הן אין איבערגעזעצטע. אַאַאי וואָס?! זי טויג אויף כּפּרות? מילא, ווער־זשע איז שולדיג, אַז די יידישע שרײַבער באַשטייען פון גראָבע יונגען, אָדער פון מאַרשעליקעס, אָדער פון אַזעלכע, וואָס האָבן זיך קאַליע געמאַכט דעם מאָגן מיט דעם פאַרשימלטן העברעאיש (אונטער «העברעאיש» פאַרשטיי איך דאָ די דאָזיגע העברעאישע ליטעראַטור, וואָס די מחברים ווילן מחיה־מתים זיין, דאָס הייסט זיי ווילן די טויטע שפּראַך לעבעדיג מאַכן). ווער־זשע איז שולדיג, אַז זיי מיינען, אַז דער צוועק פון שרײַבן איז אַבי מען זאָל הייסן שרײַבער; אַז זיי מיינען, אַז מען טאָר ניט נאָר שרײַבן וואָס מען דענקט, נאָר אַפילו ניט ווי אַזוי מען דענקט; אַז זיי ווילן ניט פאַרדינען, נאָר אויסנאַרן געלט; אַז אַפילו עס געפינען זיך שוין יאָ אַמאָל א פּאָר יידן, וואָס וואָלטן געקענט און געהאַט וואָס צו שרײַבן פון יידנס וועגן, שטופּן זיי זיך גאָר אין די הויכע פענצטער אַרײַן און שרײַבן ליבער אין מאָדערנע, אייראָפּעישע שפּראַכן, וואָס דאָרט זעהען זיי זיך אָן ווי א טראָפּן אין ים. קורץ פון דער זאַך! ניט דער פידעל איז שולדיג, נאָר דער קלעזמער.

«איך ווייס, אַז עס וועט די העברעער שטאַרק פאַרדריסן וואָס איך בין אַזוי אָנגעפאַלן אויף זייער העברעאיש; ערשטנס דערפאַר, וואָס עס הייסט גלאַט לשון־קודש און צווייטנס ווייל איך, אַלס ייד, קען מיך אַליין אין מיין שפּראַך אויך ניט באַגיין אָהן לשון־קודש־ווערטער. די ערשטע שאלה לאָז זיי גאָט פאַרענטפערן, נאָר די אַנדערע וועל איך פאַרענטפערן. מען ווייסט, אַז למשל אין רוסישן איז דאָ (חוץ העברעאישע, דײַטשישע, פראַנ־צייזישע וכדומה) א סך סלאַוויאַנישע, גרעקישע, טאָטערשע און לאַטײַנישע ווערטער. פונדעסטוועגן זענען ניט נאָר דאָ א סך רוסן, וואָס ס׳שמעקט זיי גאָרניט דער היינטיגער קלאַסיציזם, נאָר וועלכן רוס איר וועט שרײַבן

למשל א סלאַוויאַנישן פּראַקטישן בריוו אָדער בוך׳ וועט ער בעטלען צו נ׳אײַך בייזע חלומות. נו איז מיט דעם לשון־קודש אויך אַזוי. אין שול מעגט איר רעדן מיט גאָט׳ מיט די מלאָכים אויף לשון־קודש; אָבער אינם פּראַקטישן לעבן׳ צו פּראַקטישע יידן האָט איר קיין שום פּראַווע ניט צו רעדן אדער צו שרײַבן העברעאיש׳ ווען איר מיינט נאָר מיט זיי ערנצט און ווילט זיי באַהאַנדלען ווי אָרנטליכע מענטשן. שוין כלעבן צײַט׳ איר זאָלט אויסטון די קינדערשע שיכלעך און זאָלט פאַרשטיין וואָס איר האָט צו טון.»

אָט אַזוי איז מיט פופציג יאָר צוריק׳ כאָטש פּאָרמולירט אָהן שום «איזמען»׳ אַרויסגעזאָגט געוואָרן דער תמצית פון אונזער הײַנטיגער קולטורבאַוועגונג. און ווען אַזאַ מין ליבשאַפט צו יידיש האָט זיך צונויפגעפּאָרט מיט א זעלטענעם פילאָלאָגישן טאַלענט׳ האָט געמוזט אַרויסקומען א רעזולטאַט׳ וואָס מעג זיך נאָך הײַנט באַווייזן פאַר לײַטן.

30. געוויינטליך׳ ביי פעלערן קאָן מען כאַפּן ליפשיצן אויך; אָבער מען קאָן זאָגן אָהן גוזמא: אין די פעלערן איז שולדיג די צײַט׳ די מעלות נעמען זיך פון אים אַליין. ער האָט אַן אייגענע סיסטעם פון באַצייכענען די אויסשפּראַך; ער ברענגט א געוואַלד ווערטער׳ וואָס מען ניצט זיי נאָר אין וואָלין אָדער פּאָדאָליע און זיי זיינען אונז אַלעמען נייטיג ווי אין לעבן; אַלע פרעמדווערטער און לײַווערטער גיט ער איבער פונקט אַזוי ווי זיי ווערן אַרויסגערעדט. נח פּרילוצקי איז גערעכט׳ אַז ליפשיץ האָט כמעט ווי אויסגעשעפּט דאָס דרום־רוסלענדער יידיש. אָהן ליפשיצעס ווערטערביכער קאָן זיך הײַנט ניט רירן פון אָרט קיין איינער׳ וואָס וויל שטודירן די יידישע שפּראַך אין אַלגעמיין אָדער אירע איינציגע דיאַלעקטן.

ה
ליטעראַרישע שפּראַך און דיאַלעקטן

31. דאָס ווייס איטליכער׳ אַז די אמתע׳ רעאַלע שפּראַך זיינען טאַקע די דיאַלעקטן. דאָס ליטעראַרישע לשון איז בײַ אלע פעלקער׳ און בײַ אונז אויך דאָס אייגענע׳ מערניט אַן אַבסטראַקציע. אין איר גיסן זיך צונויף עלעמענטן פון פאַרשיידענע דיאַלעקטן׳ און עס איז שווער צו געפינען א

מענטשן, וואָס זאָלריידן שטרענג «ליטעראַריש». ביים ריידן וועט איר באַלד דערקענען א פּראָווינציעלע פאַרבונג; די ליטעראַרישע שפּראַך איז בעצם נאָר אַן אינסטרומענט בכתב. ווען א פאָלק וואַקסט אַריבער די מדרגה פון פּראָווינציעלער אָפּגעשלאָסנקייט און הייבט זיך אָן שפּירן, ווי א נאַציאָנאַלער קיבוץ — יעמאָלט שטייט אויף אינאיינעם מיטן פאָלק די שפּראַך פון זיין ליטעראַטור. אין א געוויסער מאָס קאָן מען זאָגן, אַז זי ווערט קינסטליך באַשאַפן.

אָבער איינמאָל פאַראַן אויף דער ליכטיגער וועלט, נעמט שוין די ליטעראַרישע שפּראַך לעבן איר אייגענעם לעבן. זי הייבט שוין אָן ווירקן אויף דעם לשון פון יעדער יחיד, אַפילו אויף די מענטשן פון דער מאַסע. ציי־טונגסווערטער ווערן פּאָפּולער; דורכן טעאַטר, דורך די פּאַרטייען דרינגען אַריין אין פּוילישן יידיש ליטווישע ווערטער און פאַרמען, און דורך דער שיינער ליטעראַטור קומען אָן אין דער ליטע ווערטער פון פּוילן און פון אוקראַאינע. די ליטעראַרישע שפּראַך באַקומט צו־ביסלעך א שטיקל חשיבות ביים ברייטערן עולם. נאָר פאַרקערט? ווי אַזוי באַציט זיך די ליטעראַרישע שפּראַך צו די דיאַלעקטן?

32. קוקן מיר זיך איין אין לעבן פון פאַרשיידענע שפּראַכן, באַמערקן מיר אומעטום דאָס אייגענע. צייטן בייטן זיך. געווען א צייט פון קלאַסיציזם, ווען די פראַנצויזישע שפּראַך האָט זיך אָפּגעצאַמט מיט א כינעזישער וואַנט פון אַלע דיאַלעקטישע, «פּראָסטע» ווערטער. און דאָס איז געווען גוט אַזוי. די דיאַלעקטן זיינען רעאַל, אָבער דאָס רעאַלע איז אָפטמאָל מגושמדיג. דער פּויער אין דאָרף און דער פּראָסטער מענטש אין שטאָט פאַרמאָגן ניט קיין אויסדרוקן פאַר געהויבענע געפילן, פאַר צאַרטע איבערלעבונגען, פאַר מאַיעסטעטישע געשעהענישן. ווען די פראַנצויזישע שפּראַך וואָלט זיך בשעתו ניט אָפּגעטיילט פון די דיאַלעקטן, ווען זי וואָלט געבליבן צוגעשמידט צו דער ערד, וואָלט זי קיינמאָל ניט געוואָרן קיין שפּראַך פון סאַלאָנען, פון קונסט און פון וויסנשאַפט. אָבער דערנאָך איז געקומען די רעאַקציע. די ליטעראַטן האָבן זיך אַרומגעזעהן, אַז זיי האָבן זייער א שיינעם לשון, נאָר דאָס לשון איז טויט. זיי קאָנען בויען מי יודע ווי שיינע מליצות, נאָר זיי זיינען ניט אימשטאַנד צו ריידן וועגן רעאַלע, פּשוטע זאַכן. האָט מען זיך א לאָז געטון צוריק. די מאָדערנע

פראַנצויזישע ליטעראַטור איז פּאַק און פול מיט דיאַלעקטישע ווערטער און אויסדרוקן. מענטשן, וואָס האָבן זיך געלערנט פראַנצויז מיט א יאָר 40—50 צוריק, קלאָגן זיך, אַז זיי קאָנען גאָר היינט קיין פראַנצויזישן בוך ניט לייענען.

33. אַזוי איז אויך אין דער אַנטוויקלונג פון דײַטש און פון רוסיש. אומעטום האָט מען זיך א קער געטון צוריק צום מקור פון שפּראַך־לעבן, צו די דיאַלעקטן. און כאָטש אונזער ליטעראַטור האָט נאָך ניט באַוויזן איבערצולעבן אַזעלכע בליאונגס־תּקופות, דוכט זיך מיר אויס, אַז פאַר אונז איז אויך געקומען די צײַט אַרומצוקוקן זיך אויף די דיאַלעקטן. ניט כּדי אַרויסצושטופּן די ליטעראַרישע שפּראַך, נאָר כּדי זי צו באַרײַכערן. מיר דאַרפן אַרײַנפירן אין דער ליטעראַטור (און אין דער לעבעדיגער שפּראַך פון אונזער אינטעליגענץ) דאָס *גאַנצע* אייגנס, וואָס מיר האָבן בכל תּפוצות ישׂראל: אַניט וועט אונזער שפּראַך אינגיכן מגולגל ווערן אין א פלאַכן, לעבליכן פּובליציסטישן קוואַטש, אָהן טעם און אָהן פאַרב, אָהן לײַב און לעבן. אָהן די מעלות פון דער פראַנצויזישער קלאַסישער שפּראַך, נאָר מיט אַלע אירע חסרונות.

34. און פונקט ווי מיר דאַרפן אויפהיטן און מפרסם זײַן *ווערטער*, אַזוי איז אויך מיט *פאָרמען* און *קלאַנגען*. «איך האָב שוין געוועסט גע־נומען», «איך וואָלט געווען גענומען», «דאָס בוך» זאָגט מען ווײַט ניט אין גאַנצן יידישן שפּראַך־געביט; נאָר שרײַבן שרײַבט מען דאָס אומעטום, און פון דעם ווערט די שפּראַך רײַכער, בייגעוודיגער. «גלייבן» און «גלויבן» זאָגט מען אין פוילן; דאָס ערשטע איז א צייטוואָרט, דאָס צווייטע א הויפּטוואָרט. איך מיין, אַז אַזאַ מין דיפערענץ מעג מען ראַטעווען; ס׳איז א געווינס פאַר דער שפּראַך. «ברייט» און «ברויט» זיינען צוויי פאַרשיידענע זאַכן, און איך פריי זיך אויף איטליכן מינסקער, וואָס לערנט זיך אויס אונטערצושיידן צווישן די צוויי דיפטאָנגען. מיט קיין שום דעקרעטן פון קיין שום אַקאַדעמיעס קאָן מען דאָ ניט העלפן, נאָר פאַראַן זאַכן, וואָס האַלטן אָפּ א נצחון איינע אליין, פון זיך.

35. וואָס איז ביי אונז פאַראַן געשריבנס וועגן די דיאַלעקטן אונזערע? כמעט ווי גאָרנישט. מיר האָבן נאָך אַפילו ניט קיין *פּראָגראַם*, ווי אַזוי צו קלײַבן דיאַלעקטישע מאַטעריאַלן, אַן ערך אויף דעם שטייגער, ווי

פראָפ׳ קאַרסקי האָט נאָך אין 1897 אַרויסגעלאָזן פאַר ווײַסרוסיש.[1] אַזאַ מין ביכל פאַרענטפערט ניט קיין קשיות, נאָר עס גיט פונדעסטוועגן אַן אָנווייז, און ווען מיר זאָלן האָבן אַזאַ האַנטביכל, וואָלטן געוויס א סך לערער און אַנדערע פאָלקסטוער, ניט דווקא פילאָלאָגן־ספּעציאַליסטן, פאַראינטערעסירט זיך מיט דער ארבעט. הײַנט ווייס מען נאָך גאָרניט וועגן א סך דיאַלעקטישע אונטערשיידן. איינער א יידישער שרײַבער, און גראָד אַזוינער, וואָס קאָן אויסגעצייכנט די שפּראַך, האָט מיר ניט געוואָלט גלייבן, אַז עס זענען פאַראַן געגנדן, וואו מען זאָגט: «מען שלאָגט זי» און ניט «מען שלאָגט איר». א פשיטא ווייס מען שוין קיין זאַך ניט וועגן דיאַלעקטישע גרעניצן. א שטייגער, ווי ווײַט גייט די טעריטאָריע, וואו מען זאָגט tote אָנשטאָט tate? וואו נאָך, אַחוץ באַרדיטשעוו, זאָגט מען ile אָנשטאָט ale (אַלע)?

און שוין גאָר אַן עלעמענטארע פראַגע: וואו ציט זיך דער גרעניץ צווישן zogn און zugn, צווישן buch און bich? אויף אַזעלכע פראַגן דאַרף געבן אַן ענטפער א דיאַלעקטישער אַטלאַס. די דײַטשן האָבן זיך געשאַפן אַזאַ אַטלאַס. פון 1876 ביז 1888 האָט מען פונאַנדערגעשיקט העכער 40 טויזנט פראַגע־בויגנס, און ביז הײַנט באַאַרבעט מען דאָס. העכער טויזנט גרויסע קאַרטעס זײַנען שוין פאַרטיג. פאַר אונז איז דאָס נאָך דערווײַלע אַ טרוים, און צו אַזעלכע בדיוקדיגע פאָרשונגען וועלן מיר מסתּמא גאָרניט זוכה זײַן. אָבער טון אין דעם מוז מען אומבאַדינגט, וואָרים די דיאַלעקטאָלאָגיע איז, ווי מיר האָבן געזעהן, א לעבעדיגע אַרבעט פאַר דער לעבעדיגער שפּראַך. וועגן איר באַטײַט פאַר דער געשיכטע פון דער שפּראַך איז שוין אָפּגערעדט.

36. ווען מיר גיבן א קוק אויף ש. אײַזענשטאַטס אויבנאויפיגן מאמר: «די גרעניצן פון דער יודישער שפּראַך און איהרע אויסשפּראַכען» («ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטען» IV, 1908), זעהט מען תּיכּף, ווי פיל מיר האָבן צו פאַרדאַנקען נח פּרילוצקין. ווען מיר זאָלן אַראָפּרעכענען אַלפרעד לאַנדויס אַרבעט וועגן דימינוטיוו (וואָס איז שייך מער צו דער

[1] Программы для собиранія особенностей народныхъ говоровъ. Изданіе отдѣленія русскаго языка и словесности императорской академіи наукъ. Санктпетербургъ 1897. — Ш. Е. Ѳ. Карскій, Программа для собиранія особенностей бѣлорусскаго нарѣчія.

געשיכטע פון יידיש, זעה ז׳ 47) און עטליכע אַרטיקלען וועגן יידיש אין עלזאַס [באָראָכאָוו, No. 347—350], זיינען פרילוצקיס אַרבעטן די איינציגע וואָס מען קאָן אָנרופן. מען מעג זאָגן, אַז ער האָט דער ערשטער אַוועקגעשטעלט די פּראָבלעם פון די יידישע דיאַלעקטן. פריער אין זײַנע 2 בענד «פאָלקסלידער», וואו ער האָט זיך כאָטש געפלײַסט צו בלייבן געטרײַ דער אויסשפּראַך (להיפּוך צו גינזבורג־מאַרעק׳ס «ליטעראַריש»־עם־האַרצישער טראַנסקריפּציע), דערנאָך אין זײַנע צוויי בענד «זאַמלביכער» און ענדליך אין זײַנע «דיאַלעקטאָלאָגישע פאָרשונגען», פון וועלכע מיר האָבן ביז איצטער: 1. דער יידישער קאָנסאָנאַנטיזם (ערשטע העלפט); 2. דיאַלעקטאָלאָגישע פּאַראַלעלען און באַמערקונגען (עטיודען וועגן יידישען וואָקאַליזם); 3. צום יידישען וואָקאַליזם.[1]

37. אין דעם ערשטן פון די דרײַ ווערק רעדט נאָך פּרילוצקי איבערהויפּט וועגן די פּויליש־יידישע [אונטער־דיאַלעקטן; אין די ווײַטערדיגע צוויי ביכער נעמט ער שוין אַרײַן אין קאָן די אַנדערע יידישע געגנדן אויך. און אוטעטום טוט ער אויף א נײַס: ער זוכט דעם צַד־הַשָּׁוֶה צווישן הײַנטיגע יידישע ריידענישן און אַלט־יידישע ליטעראַרישע מאָנומענטן; אָפטמאָל ווייזן זיך דערבײַ אַרויס זייער טשיקאַווע פאַקטן פון דער שפּראַךגעשיכטע. אין «וואָקאַליזם», קאַפּ׳ IV, למשל, ווײַזט פּ׳ אויף, און ער איז גערעכט, אַז «ĭ־מונדאַרטן» (libm = לעבן, špiter = שפּעטער א. אַז. וו.) זיינען אַן אַלטע ערשײַנונג אין יידיש נאָך אין דייטשלאַנד, און ניט, ווי ז. רייזען איז משער (I, 81), א ווירקונג פון אוקראַאיניש (רוס׳ мѣсяцъ: אוקר׳ місяц). אין די «פּאַראַלעלען און באַמערקונגען» איז שוין פאַראַן א פּרוב צו קלאַסיפיצירן די יידישע ריידענישן. לויט דער פאַרשיידענער אויסשפּראַך פון «וי» אין פאַרשיידענע ווערטער («טויב», דער פויגל — אַנטקעגן «טויב», דער וואָס הערט ניט) שטעלט פּרילוצקי אויף א טאַבעלע פון 4 דרום־רוסלענדישע אונטערדיאַלעקטן, 6 ליטווישע א. אַז. וו. דאָס אייגענע אויך בנוגע אַנדערע קלאַנגען.

38. פאַרצייכנט דאַרף אויך ווערן, אַז פּ׳ האָט געגעבן א פאַרזיכדיגע[2] אַלגעמיינע קלאַסיפיצירונג פון אַלע יידישע דיאַלעקטן. ער נעמט פאַר

[1] «וֹ» באַטײַט בײַ פּרילוצקין דעם קורצן o, וואָס בלײַבט ניט־געביטן אין אַלע יידישע דיאַלעקטן.

[2] «איינגאַרטיג» בלע״ז.

א יסוד ניט דעם o און u («טאָג»), ווי מען טוט דאָס ס'רוב (א שטייגער, ש. בירנבוים רעדט וועגן u־דיאַלעקט און o־דיאַלעקט), נאָר דעם מה"ד ei (אין אַזעלכע ווערטער ווי ברייט, קלייד, הייסן). פרילוצקי באַקומט דאָ 3 געשלאָסענע טעריטאָריעס, וואָס ציען זיך פּאַסנווײַז פון צפון אויף דרום:

1. מזרח־יידיש (ליטע, רוסלאַנד, אוקראַאינע), וואו מה"ד ei גיט ej. אַלזאָ: klejd.

2. מיטל־יידיש (דער גרעסטער טייל קאָנגרעס־פּוילן און דער גרעסטער טייל גאַליציע); מה"ד ei: aj. אַלזאָ: klajd (אָדער klajt).

3. מערב־יידיש (ביימען, מעהרן, אונגאַרן, דײַטשלאַנד); מה"ד ei: ā. אַלזאָ: klād.

צי וועט זיך אויפהאַלטן די טיילונג, איז נאָך לע"ע ניט אינגאַנצן זיכער. א קלאַסיפיצירונג איז צוגעמאָסטן יעמאָלט, ווען זי איז אויפגעבויט אויף איין בולטן סימן; דעם באַדינג באַפרידיגט פּ' גרופּירונג אויסגעצייכנט. אָבער פאַראַן נאָך א באַדינג: יעטווידער גרופּע דאַרף זײַן פאַראייניגט ניט נאָר דורך דעם איין סימן, נאָר דורך אירע וויכטיגסטע, עיקרדיגע סימנים. וועגן דעם לוינט זיך איצטער ניט צו שפּאַרן — ס'איז א שפּעטערדיגע זאַך, וואָס מעג וואַרטן, ביז וואַנען די יידישע דיאַלעקטן מיט זייערע באַזונדערקייטן וועלן זײַן בעסער אויסגעפאָרשט.

39. נאָר אַנטקעגן פרילוצקי'ס זייער גרויסע מעלות שטייען ממשות־דיגע חסרונות. ערשטנס, דער אויפבוי. דער מאַטעריאַל איז צעוואָרפן, מען קאָן ניט געפינען אַזוי גרינג דאָס, וואָס מען דאַרף; א סך אָבסערוואַציעס זיינען ניט דערפירט ביזן סוף. איך מיין, אַז מער ווי איין לעזער וועט מסכים זײַן מיט די ווערטער פונם מחבר (אין דער הקדמה צום «קוֹנסוֹנאַנטיזם»), אַז «איבערהויפּט וואָלט אפשר ראַטזאַמער געווען צו אַרבעטען איבער דעם בוך אַ פאָר יאָר לענגער, כדי עס זוֹל ארויסקומען טעכניש פוֹלקוֹמענער».

40. ווײַטער האָב איך א טענה, וואָס פּ' גיט אָפּ אין די צוויי ביכער וועגן וואָקאַליזם אַזוי פיל אָרט פאַר ביישפּילן פון דײַטשע דיאַלעקטן. בעצם איז דאָס זייער א גלײַכער געדאַנק, וואָרים ווען מען קוקט זיך צו צו די דײַטשע דיאַלעקטן, געפינט מען דאָרטן כמעט אַלע באַזונדערקייטן פון

אונזערע יידישע ריידענישן; מוז מען אויסגעפינען די שייכות און דעם גראַד פון פאַרשפרייטקייט דאָרטן און ביי אונז. נאָר פ׳ גיט די פאַראַלעלן, ניט איבערקלויבנדיג, צי דאָס איז נידערדײַטש, צי הויכדײַטש, ער ווײַזט קיינמאָל ניט אָן, ווי ווײַט עס גרייכט די דײַטשע טעריטאָריע, וואָס האָט דעם אָדער יענעם סימן. וויבאַלד איך ווייס דאָס ניט, העלפט מיר שוין ניט דער אָנווײַז; מחמת אויב עס זאָל זיך אויסלאָזן, אַז דער סימן איז כאַראַקטעריסטיש נאָר פאַר א קליינעם שטח און נאָך אפשר אין א געגנד, וואו יידן זיינען קיינמאָל ניט געזעסן אין א גרעסערער צאָל, דאַן איז דערפון פאַר יידיש קיין זאַך ניט געדרונגען. אין א גרויסער מאָס זיינען אין דעם שולדיג פ׳ מקורים (רייז און ווייזע, אויף וועלכע מען קאָן זיך ניט אַלעמאָל פאַרלאָזן, איבערהויפט אויפן ערשטן); אויב שוין זוכן דעם מאַטעריאַל, דאַרף מען אים נעמען פון דײַטשן שפּראַך־אַטלאַס דירעקט אָדער פון די באַריכטן וועגן אים, וואָס פראָפ׳ ורעדע האָט געדרוקט אין Anzeiger für deutsches Altertum, אָנהייבנדיג פון ב׳ 18. און צוליב וואָס דאַרף מען באַשווערן דאָס בוך מיט ראיות פון אינדאָגערמאַניש, פון מערב־גערמאַניש, פון גאָטיש, פון אַלטהויכדײַטש, בשעת עס איז שוין אַבסאָלוט זיכער, אַז פאַר דער מיטלהויכדײַטשער צײַט איז אונזער יידיש געוויס ניט אויפגעקומען? קיין וויסנשאַפטליכקייט קומט ניט צו פון אַזאַ באַלאַסט.

41. און ענדליך איז א גרויסער חסרון פון פרילוצקיס אַלע ביכער דאָס, וואָס ער שרײַבט אַזוי האַרב. צײַטנווײַז ווערט באַשאַפן אַן אײַנדרוק, אַז ער פלײַסט זיך, מען זאָל אים ניט פאַרשטיין. צו וואָס דאַרף מען שרײַבן: «אין די קאָמפּאָזיטיס», ניט מאַכנדיג קיין פּרוב דאָס צו פאַרטײַטשן? צו וואָס דאַרף שטיין: «דאַטיוו פון פּראָנאָמען דעמאָנסטראַט׳ נעווטרי סינגולאַ־ריס» און אין אַן אָנמערקונג אונטערן טעקסט: «דאָס», בשעת מען האָט געקאָנט פשוט זאָגן: «דאַטיוו פון ,דאָס׳»? אַזוי גייט דאָרטן כסדר. צי מיינט ניט אמאָל פרילוצקי, אַז אַזעלכע שווער־פאַרשטענדליכע וויסנשאַפט־ליכע ווערק האָבן א גרעסערן פּאָליטיש־פּסיכאָלאָגישן באַטײַט אין פּאָליטישן קאַמף פאַר די רעכט פון דער יידישער שפּראַך (זעה קאָנסאָנאַנטיזם, ז׳ IX)? אויב יאָ, קומט דאָס אויס ביי מיר זייער קרום. יענע, ביי וועמען מען דאַרף אַרויסרײַסן די רעכט פון יידיש, קוקן זיך סײַ־ווי ניט אַרום אויף

אונזערע ביכער. א ווערדע האָבן יידיש־פילאָלאָגישע ביכער יאָ, אָבער ניט ביי «זיי», נאָר ביי אונז אין דערהיים, ביי אונזער אינטעליגענץ, וואָס דערשפּירט מער דרך־ארץ צו א שפּראַך, וויבאַלד זי ווערט וויסנשאַפטליך באַאַרבעט. נאָר אויב אַזוי, דאַרף מען דאָך דאגהנען, אַז די אינטעלי־גענץ זאָל דאָס קאָנען לייענען; אַניט וועט זיך דער אינהאַלט פון די «רייִן־וויסנשאַפטליכע» פאָרמולירונגען צוקלעפּן צו איר, ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט.[1])

ו

ליטעראַטור־געשיכטע. ביבליאָגראַפיע. טעקסט־אויסגאַבעס

42. די דײַטשן האָבן אַמאָל געהאַט א טבע אונטערצושיידן צווישן «ליטע־ראַר־געשיכטע» און «ליטעראַטור־געשיכטע». דאָס ערשטע האָט באַטײַט א זאַמלונג פון ביבליאָגראַפישע מאַטעריאַלן, איבערדערצײלט, לשם קלאָר־קייט, אין א כראָנאָלאָגישן סדר און אפשר אויך אין א צונויפגעבונדענער פאָרם; ליטעראַטור־געשיכטע איז די ווײַטערדיגע מדרגה, א שילדערונג, וואָס אַנטפּלעקט דעם אינעווייניגסטן צונויפבונד פון די ליטעראַרישע ערשײַנונגען און דעם אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דער ליטעראַטור פון אירע אָנהייבן ביז אונזערע טעג.

מיר האָבן נאָך ניט קיין ליטעראַטור־געשיכטע, מיר קאָנען זי נאָך גאָר־ניט האָבן, ווײַל מען ווייס נאָך אַפילו ניט די נעמען פון אַלע אונזערע ליטעראַרישע ווערק; מען האָט שוין גערדאַרפט פאַרמאָגן א הויכן גראַד פון תּמימות אויף צו שטורמעווען, אַזוי ווי פּינעס, מיט לײדיגע הענט אַזא מין אומצוטריטליכע פעסטונג. נאָך דעם, ווי בעל־דמיון האָט אָהן רחמנות דעמאַסקירט פּינעסעס «געשיכטע פון דער יודישער ליטעראַטור» [פּנקס I, ז' 313—348], פאַרשפּאָרט מען שוין צו זאָגן נאָך עפּעס וועגן דעם «ווערק». ס'איז פאַר דער צײַט אַרויס (אַחוץ פראַנצויז און יידיש) נאָך אין רוסיש און דײַטש, נאָר בעסער איז עס פון דעם ניט געוואָרן.

43. א סך בעסער איז שוין ל. ווינער'ס History of Yiddish Literature in XIX century; אָבער זי איז אויך מער אויסן צו אינפאָרמירן דעם

[1]) דיאַלעקטאָלאָגישע מאַטעריאַלן זײַנען אויך פאַראַן לרוב אין אַלע יאָרגאַנגען פון די מיט־טיילונגען; נאָר מען דאַרף זיך אַלעמאָל באַציען צו זיי זייער אָפּגעהיט; פאַראַן דאָרטן א סך אומפּינקטליכקייטן און בפירושע גרײַזן.

ניט־יידישן לעזער׳ איידער טאַקע באמת צו באַווײַזן דעם צונויפבונד צווישן די איינציקע ליטעראַרישע ווערק צווישן זיך און צווישן דער יידישער ליטעראַטור מיט דער יידישער געשיכטע. אָהן דעם דאָזיקן פירנדיקן געדאַנק מוז יעדער פּרוב פון א יידישער ליטעראַטור־געשיכטע בלײַבן בײַם וועלן.

די גלײַכסטע זאַך וואָלט געווען׳ ווען די נאָהענטסטע יאָרן זאָלן זײַן אָפּגעגעבן דער אויספאָרשטונג פון אונזער ליטעראַטור׳ איבער־הויפּט פון דער עלטערער׳ און אויף צונויפגעבונדענע׳ סינטעטישע שילדערונגען זאָל מען זיך דערווײַלע ניט פאַרמעסטן. פון סברות און צע־שאָטענע ברעקלעך קאָן מען אַפילו בײַם בעסטן ווילן קיין בנין ניט אויפשטעלן.

44. א גאַנץ גוטע «ליטעראַר־געשיכטע» איז אלעזר שולמאַנ׳ס «שפת יהודית־אשכנזית וספרותה. מקץ המאה הט״ו עד קץ שנות המאה הי״ח» (ריגע׳ 1913)׳ און ווען ניט די געוואַלדיגע דרוק־קאָסטן הײַנטיגע צײַטן׳ וואָלט געוויס געלוינט דאָס ווערק אַרויסצוגעבן אויף יידיש (בפרט נאָך׳ ווײַל אויף העברעאיש איז דאָס אויך כמעט אוממיגליך צו באַקומען). שולמאַן האָט געטון זײַן אַרבעט א ביסל אַלטפרענקיש: ער איז ניט גענוי אין זײַנע ביבליאָגראַפישע אָנווײַזן׳ ער רופט ניט אָן די ערטער׳ פון וואַנען ער ברענגט זײַנע ציטאַטעס׳ צום בוך איז ניט צוגעגעבן קיין שום רייסטער (אין דעם איז שוין שולדיג דער רעדאַקטאָר׳ ה׳ טאַוויאָוו׳ וואָס האָט אַרויסגעגעבן דאָס בוך נאָך שולמאַנס טויט לויט דער בקשה פון זײַן געזינד). מען קאָן אויך מסופק זײַן אין דער אײַנטיילונג פון די קאַ־פּיטלעך. נאָר אַרום און אַרום איז דאָס פּאָרט א גאַנץ גוטער איבערבליק איבער אונזער עלטערער ליטעראַטור׳ צונויפגעשטעלט מיט גרויס ליבשאַפט אין יאָרנלאַנגער אַרבעט.

45. אַן אויסשניט פון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור־געשיכטע גיט ש. ניגער׳ס: «די יודישע ליטעראַטור און די לעזערין» (אין פנקס I; פאַראַן אויך א באַזונדער אויסגאַבע׳ ווילנע 1919). אייגנטליך וואָלט דאָס געמעגט הייסן: «די פרוי און די עלטערע יידישע ליטעראַטור»׳ וואָרים עס גייט א רייד ניט נאָר וועגן דער לעזערין׳ נאָר אויך וועגן שרייבערינס. מאַטעריאַל איז דאָ פאַראַן א סך; און דאָס וואָס מען קאָן זיך אין אים ניט איבעריגס גרינג אָריענטירן׳ איז אין דעם ניט אינגאַנצן שולדיג דער

מחבר; ס׳ליגט אויך אין א גרויסער מאָס אינם מאַטעריאַל גופא, וואָס איז שטאַרק מאָנאָטאָן און ס׳איז אים דעריבער שווער צו גרופירן.

די אַרבעט איז זייער נוציג פאַר יעדערן, ווײַל זי לאָזט פילן די אַטמאָספערע פון דער אַלט־יידישער ליטעראַטור.

46. בכדי ניט צו פאַרנעמען אומזיסט פלאַץ, וויל איך דאָ ניט גיין איבערחזרן די אויסגעצייכנטע צונויפשטעלונג פון אונזער ביבליאָגראַפישער ליטעראַטור, וואָס באָראָכאָוו האָט געגעבן אין זיין «ביבליאָטייק», No. 239—313. דער «פנקס» I איז פאַראַן אין יעטווידער ביבליאָטעק, און מען קאָן אים נאָך קויפן אויך; און אָהן אים קאָן זיך ניט באַגיין קיין שום יידישער פילאָלאָג. נאָר איינס וויל איך אָנווייזן: ביי שטיינשניידער׳ס «Jüdisch-Deutsche Literatur» אין «סעראַפעאום» (1848 און 1849), וואָס באָראָכאָוו שטעלט מיט רעכט אוועק אויבנאָן, מוז מען זיין אָפגעהיט. שטיינשניידער האָט צונויפגעשטעלט די דאָזיגע רשימה פון 385 יידישע ליטעראַרישע דענקמאָלן אַן ערך ביז 1740 לויט ידיעות פון דער צווייטער האַנט, איידער ער האָט אַליין געזעהן די אָקספאָרדער ביבליאָטעק. דערפאַר האָבן זיך אין זיין רשימה ארײַנגעכאַפּט פעלערן, עטליכע זאַכן האָט ער פאַרזעהן (א שטייגער, «מגילת ווינץ» איז אינגאַנצן ניט דערמאָנט), אין אַנדערע פאַלן האָט ער אַליין ניט געוואוסט, ווי אַזוי צו פּסקנען. נאָר מיט עטליכע יאָר שפּעטער איז שטיינשניידער געקומען קיין אָקספאָרד, און דאָרטן האָט ער געשאַפן זיין מאָנומענטאַלן קאַטאַלאָג [באָראָכאָוו, No. 297], וואו ער האָט די טעותן פאַרריכט. אַלזאָ, ווער עס וויל אַן אמתן בילד פון שטיינשניידערס אויפטו, דער וואָלט געדאַרפט אויסשרײַבן די קעפּלעך פון דער רשימה אין «סעראַפעאום» און צוגעבן צו איטליכן ווערק די ידיעות, וואָס זיינען פאַראַן וועגן דעם אין אָקספאָרדער קאַטאַלאָג.

47. בכלל וואָלט שוין געווען צײַט צו האָבן א גוטע, פולע יידישע ביבליאָגראַפיע: א פאַרצייכעניש פון די כתב־ידן און דרוק־ווערק, אַן אָנווייז אויף אַלע אויסגאַבעס (ביי דרוק־ווערק), און באַלד דערביי רעגיסטרירט די אַלע אַרבעטן, וואָס זיינען אָנגעשריבן געוואָרן וועגן די דאָזיגע ווערק. ווי אַזוי אײַנצואָרדענען דעם דאָזיגן «אוצר», כראָנאָלאָגיש צי לויט זאַכליכע אָפטיילונגען, דאָס איז נאָך א פראַגע; אָבער אַז

אַזאַ אַרבעט איז שוין הײַנט מיגליך׳ דאָס איז פאַר מיר קיין פראַגע ניט׳ דער וועג איז אויסגעטראָטן׳ דאָס אייגנס פון די גרויסע ביבליאָטעקן איז פאַררעגיסטרירט; אָט פון די אַלע צוגרייטנדיגע זאַמלונגען דאַרף מען איצט פעסטשטעלן אונזער ליטעראַרישן אינווענטאַר׳ איידער דאָס וועט אָפּגעטון ווערן׳ ווען מיר קיין ליטעראַטור־געשיכטע ניט האָבן׳[1]

48׳ זייער פאַרשווערט איז די אַרבעט צוליב דעם׳ וואָס די רײַכסטע יידישע ביכער־זאַמלונג געפינט זיך אין ענגלאַנד׳ אין דער אָקספאָרדער «באָדלעיאַנאַ»׳ וואָס ס׳איז ניט אַזוי גרינג אַהין אָנצושפּאַרן׳ אָבער גרויסע יידיש־אוצרות זיינען אויך פאַראַן אין דײַטשלאַנד (מינכען׳ פראַנקפורט־מאַין׳ האַמבורג׳ בערלין) און אין ניו־יאָרק; הייסט עס׳ מען קאָן זיך אַן עצה געבן׳ אין מזרח־אייראָפּע איז ניטאָ קיין ביבליאָטעק׳ וואו מען זאָל קאָנען פירן וויסנשאַפטליכע אַרבעט וועגן יידיש׳ אויב מען זאָל ניט רעכענען דעם «אַזיאַטישן מוזעאום» אין פּעטערבורג׳[2] אין סטראַשונס ביבליאָטעק אין ווילנע זיינען פאַראַן א סך אַנטיקן׳ אָבער טאָמער דאַרפט איר א באַשטימטן ספר׳ איז דאָס גראָד ניטאָ׳ און אַחוץ דעם פעלן די עלעמענטאַרע הילפסביכער׳ זייער א שיינע ביכער־זאַמלונג האָט זיך געהאַט אָנגעקליבן אין משך פון לאַנגע יאָרן אלעזר שולמאַן אין קיעוו; וואו איז אַהינגעקומען זײַן ביבליאָטעק נאָך זײַן טויט?

49׳ די דאָזיגע אינווענטאַר־רשימות זיינען אַן אומבאַדינגט בייטיגע זאַך׳ נאָר ס׳איז פּאָרט מערניט דער ערשטער שטאַפּל׳ נאָכן רעגיסטרירן דאַרף קומען דאָס פּובליקירן׳ ווען איינער וויל הײַנט שטודירן די עלטערע יידישע ליטעראַטור׳ קאָן אים העלפן נאָר זײַן מזל: אויב ער

[1] ס׳איז באַוואוסט׳ אַז מאָריץ שטיינשנײַדער׳ וואָס איז געשטאָרבן 1907 אין עלטער פון 90 יאָר׳ האָט ביז די לעצטע טעג געפירט ווײַטער זײַנע ביבליאָגראַפישע אַרבעטן׳ ווי ס׳גיט מיר איבער ה׳ זענגער (דער באַלעבאָס פון דער בוכהאַנדלונג פאָפּעלויער אין בערלין)׳ האָט ש׳ פאַרמאָגט א האַנט־עקזעמפּלאַר פון זײַנע אַמאָליגע סעראַפּעאום־אַרבעטן וועגן דער יידיש־דײַטשער ליטעראַטור׳ וואָס דער עקזעמפּלאַר איז געווען ענג באַשריבן מיט כלערליי הוספות און אויסבעסערונגען׳ ש׳ האָט געהאַט בדעה אָפּצוגעבן פאַר זײַנע פאָרשונגען וועגן יידיש־דײַטש צוויי בענד אין זײַנע «געקליבענע שריפטן»׳ וואָס האָבן געזאָלט אַרויסגיין אין 12 בענד׳ דער טויט האָט אים אָפּגעריסן פון זײַן אַרבעט׳ נאָך זײַן טויט איז זײַן גאַנצע ביבליאָטעק׳ צוזאמען מיט אַלע האַנט־עקזעמפּלאַרן פון זײַנע אייגענע ווערק׳ אַוועק קיין אַמעריקע׳ דאָס אַרויסגעבן ש׳ שריפטן האָט זיך פאַרהאַלטן עד־היום צוליב פאַרשיידענע סיבות׳ נאָר איצטער זאָל זײַן א האָפענונג׳ אַז די אַרבעט וועט פאַרגיכערט ווערן׳ — הייסט עס׳ מיר מעגן זיך ריכטן׳ אַז אין א צײַט אַרום וועלן מיר האָבן די פולקומע ביבליאָגראַפיע פון דער עלטערער יידיש־ליטעראַטור טאַקע פון שטיינשנײַדערן אַליין׳ קיין געבענטשטערע האַנט אויף דעם קאָן מען זיך גאָרניט פאָרשטעלן׳

[2] מיט דער סינאַגאָגע־ביבליאָטעק אין וואַרשע בין איך ליידער ניט באַקאַנט׳

פּאַקט ביי א מוכר־ספרימניק דעם ספר, וואָס ער זוכט, איז גוט — אַניט איז פאַרפאַלן. די ביכער פון 16טן און טיילווייַז פון 17טן י״ה איז שוין אָבער אוממיגליך צו קריגן: דער עולם האָט זיי בשעתו «צעלייענט» אויף פּיץ־פּיצלעך, און נאָר געציילטע עקזעמפּלאַרן האָבן זיך אויפגעהיט אין די מערב־אייראָפּעאישע ביבליאָטעקן. ווידער ווען איר באַקומט שוין אַן עקזעמפּלאַר פון «יוסיפון» צו פון «לב־טוב», קאָנט איר ניט וויסן, אויף וויפיל די אויסגאַבע, וואָס איר האָט אין האַנט, שטימט מיט דער ערשטער אויסגאַבע; איר ווייסט ניט, וואָס עס האָבן אַרייַנגעטראָגן נייַס די שפּעטערדיגע איבערדרוקער, צי איז ניט דער אַרויסגעבער פון אייַער עקזעמפּלאַר געווען פאַראיינס א רעדאַקטאָר אויך. ביי די אומות־העולם זיינען פאַראַן אויף דעם קריטישע אויסגאַבעס. א פאָרשטער נעמט די פאַרשיידענע כתב־יַדן אָדער דרוקן פון א ווערק, ער גלייַכט זיי צו איינס צום אַנדערן, ער באַווייזט איטליכן אַרויסגעבערס חידושים, ער געפינט אויס (אויב מיגליך) די מקורים, פון וואַנען דער מחבר האָט געשעפּט. דאָס רוב ווערן נאָך צוגעגעבן צו דעם גראַמאַטישע און לעקסיקאַלישע פּירושים, כדי דער לעזער, וואָס נעמט דאָס אין האַנט אַרייַן, זאָל האָבן א פולקום בילד פון דעם ווערק.

אָט אַזוינע קריטישע אויסגאַבעס דאַרפן מיר אויך האָבן, לכל־הפחות פון די וויכטיגסטע דענקמאָלן פון אונזער אַלטער ליטעראַטור. מען וואָלט געדאַרפט אַרויסגעבן אויף אַזאַ שטייגער דאָס שמואל־בוך, דאָס מעשה־בוך, דעם תהילים פון 1490 (א מאַנוסקריפּט אין דער בערלינער מלוכה־ביבליאָטעק) א. אַז. וו. אויף אַזוינע אַרבעטן וועט זיך אויפבויען אי די יידישע ליטעראַטור־געשיכטע, אי די געשיכטע פון דער יידשער שפּראַך.

50. די איינציגע באַפרידיגנדיגע טעקסט־אויסגאַבע, וואָס מיר פאַרמאָגן, איז אייגנטליך דאָס בינטל «פּראַגער בריוו פון 1619», וואָס ד״ר א. לאַנדוי און ד״ר ב. וואַכשטיין האָבן אַרויסגעגעבן (זעה פּנקס I, ז׳ 351—356). נאָר ס׳איז ניט קיין ליטעראַריש ווערק אין געוויינטליכן זינען פון וואָרט, הגם מען קאָן פון דאָרטן א סך אָפּלערנען.[1]

[1]) צו די יידישע טעקסטן פון די בריוו איז נאָך צוגעגעבן (אַחוץ זייער א וויכטיגן אַרייַנפיר) א טראַנסקריפּציע מיט לאַטייַנישע אותיות. קעגן דער דאָזיגער טראַנסקריפּציע האָב איך א גרויסע טענה. דאָרטן שטייט כסדר אַן a, וואו נה״ד האָט a: hat, lasen (לאָזן), gesagt אאַז״וו. איך

פּראָפ׳ מ· באַלאַבאַנס אויסגאַבע פונם סטאַטוט פון דער יידישער קהילה אין קראָקע (פראַנקפורט־מאַין׳ 1913) איז מיר לײַדער ניט אויס־געקומען צו זעהן·

51· מיט צוויי יאָר פאַר דער קריג איז אַרויס א קריטישע אויסגאַבע פון «קיניג אַרטוס הויף»: «Dr. L. Landau: Arthurian Legends, or: «the Hebrew-German Rhymed version of the Legend of King Arthur (לייפּציג׳ סעריע «טייטאָניאַ»׳ פאַרלאַג עדואַרד אַוועגאַריוס׳ 1912)· ס׳איז א בוך פון 16 דרוקבויגן׳ וואָס אַן ערך א דריטל פאַרנעמט זייער א געווויסנדיגער אַרייַנפיר· ד״ר ל· לאַנדוי האָט דורכגעפירט א בדיוקדיגע פאַראַלעל צווישן צוויי כתב־יַדן פון אַרטוס־ראָמאַן׳ וואָס געפינען זיך אין דער האַמבורגער שטאָטישער ביבליאָטעק׳ און עטליכע געדרוקטע אויס־גאַבעס· דער אַרייַנפיר איז אויסגעצייכנט; דער אָפּדרוק פון די טעקסטן האָט אָבער דעם גרויסן חסרון׳ וואָס ער איז געגעבן מיט לאַטייַנישע אותיות· דער מחבר שרייבט אַפילו׳ אַז ער האָט זיך געפלייַסט «אַזוי נאָהענט ווי מיגליך איבערצוגעבן אַלע כאַראַקטעריסטישע סימנים פונם העברעאישן טעקסט»׳ ד״ה פונם טעקסט׳ וואָס איז געשריבן מיט יידישע אותיות· נאָר ווען ער שרייַבט אויפן מה״ד שטייגער «ouf»׳ פון וואַנען קאָן מען וויסן׳ אַז אין טעקסט שטייט דווקא «אויף» (און ניט «אוף»)? און אַז בייַ לאַנדוין שטייט «gegn»׳ דאַרף מען טרעפן על־פּי סברא׳ אַז דער שרייַבער פון אָנהייב 15 טן י״ה האָט געשריבן «גיגן»· דאָס אייגענע שטייט אין כתב־יַד «לנט» און לאַנדוי שרייַבט «lant»; «אויערם» טראַנ־סקריבירט לאַנדוי üerm׳ «מֵין»[1] שרייַבט ער «men»· אויפן גאַנצן טעקסט־אָפּדרוק בייַ לאַנדוין קאָן מען זיך ניט פאַרלאָזן· דאָס וואָס ער האָט געגעבן איז אַפילו ניט גענוג געווען פאַר דער סעריע «טייטאָניאַ׳ אַרבעטן פון דער גערמאַנישער פילאָלאָגיע»׳ און פאַר אונז אַוודאי ניט·

פערזענליך בין זיכער׳ אַז נאָך די אַלטע יידישע שפּראַך האָט געהאַט o דאָרטן וואו דאָס הייַנטיגע ליטווישע יידיש האָט o; נאָר אויב ד״ר לאַנדוי האַלט אַנדערש (און זייַן מיינונג איז געוויס מי יודע ווי וויכטיג)׳ האָט מען דאָס געדאַרפט דערווייַזן׳ ניט מאַכן זיך ניט וויסנדיג פון דער גאַנצער פּראָבלעם· איבעריגנס געפינען מיר דעם זעלביגן טעות אויך בייַ אַלע טראַנס־סקריפּטאָרן אין דייַטשלאַנד: אַווע־לאַלעמאַן׳ גרינבוים א· אַז· וו· אָבער ווען מען חזרט איבער א טעות א סך מאָל׳ ווערט ער דאָך דערפון ניט אויס טעות· — זעה וועגן דעם ז׳ 85 און 136·

[1]) די נקודות שטייען אין אָריגינאַל·

52. גליקל פון האַמעלנס פרעכטיגע מעמואַרן זיינען אָפּגעדרוקט פון פּראָפ׳ דוד קויפמאַנען אין 1896 מיט יידישע אותיות (זעה פנקס I, ז׳ 135), אָבער ד״ר אַ. לאַנדוי האָט שוין אויפגעוויזן אין «מיטטיילונגען» 7 [באָראָכאָוו, No. 359], אַז אין פּרט פון שפּראַך איז די אויסגאַבע אומ־געלונגען ביז גאָר. פּירושים, שפּראַכיגע און קולטורגעשיכטיגע, זיינען פאַראַן אין די «מיטטיילונגען», 7, 17 און 54.

53. און דאָס איז גאָר: מער האָבן מיר ניט קיין טעקסט־אויסגאַבעס.[1] און די אויסצוגן, וואָס מיר פאַרמאָגן פון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור, האָבן אויך א קנאַפּע ווערדע. אַווע־לאַלעמאַן [באָראָכאָוו, No. 103] האָט אָפּגעגעבן די זייַטן 435—537 אויף פאַרשיידענע אויסצוגן פון אַלטע יידישע ספרים: פון «מעשה נסים», פון «טיל איילנשפּיגל», פון «מעשה־בוך» א. אַז. וו. אָהן א סיסטעם, נאָר מיט איין מעלה: אַלצדינג איז געגעבן מיט יידישע אותיות.

54. מאַקס גרינבוימס כרעסטאָמאַטיע [באָראָכאָוו, No. 110] האָט באָראָכאָוו אָפּגעשאַצט ווי געהעריג. גרינבוים איז געווען דער אמתער טיפּ פונם וועלטפרעמדן מלומד, וואָס האָט געשעפּט זייַן גאַנצע וויסנשאַפט פון ביכער און פון זייַן אייגענעם קאָפּ. דאָס לעבעדיגע יידיש האָט ער ניט געקענט, און דערפאַר האָט ער זיך, א שטייגער, קוים געכאַפּט א מינוט פאַר ליכטבענטשן (אין א תיקון־טעות אויף דער לעצטער זייַט), אַז «באדינער» (דער טייַטש פון „משרתים״ אין תהילים, קאַפּ׳ קד, ד) מאַכט ניט «bodener» [!], נאָר badíner.

א צווייט ביכל גרינבוימס: «Die jüdisch-deutsche Literatur in Deutschland, Polen und Amerika» (אַן אָפּדרוק פון אַן אַרטיקל אין ווינטער־ווינשע׳ס «די יידישע ליטעראַטור זייט אַבשלוס דעס

[1] ד״ר פעליקס ראָזענבערג האָט 1888 געשריבן אין בערלין א דיסערטאַציע אויף דער טעמע: «Über eine Sammlung deutscher Volks- und Gesellschaftslieder mit hebräischen Lettern». ס׳זיינען טעקסטן פון א יידישן כ״י אין דער באָדלעיאַנאַ, נאָר טראַנסקריבירט מיט דייַטשע אותיות, און מיט אַלע חסרונות פון די דייַטשע טראַנסקריפּציעס. איבעריגנס האָט זיך ה׳ ראָזענ־בערג מיט דער שפּראַך פון די טעקסטן ניט אינטערעסירט, אים איז געגאַנגען וועגן זייער ליטע־ראַר־היסטאָרישן באַטייַט. צווישן די עטליכע צעהנדליגג לידער, וואָס ער ברענגט, זיינען דאָס רוב טאַקע פאַראַן אין דייַטשע זאַמלונגען אויך; דאָ וואָלט כדאי געווען צו אַנאַליזירן די שפּראַך אויף צו דערגיין, וואָס יידן האָבן אַרייַנגעטראָגן נייַס. פאַראַן אָבער אַזוינע, וואָס זיינען אין דייַטשע מקורים ניטאָ, נאָר פאַר ה׳ ראָזענבערג זיינען דאָס נאָך אַלץ «deutsche Lieder mit hebräischen Lettern». — וועגן מ. באַסינס אַנטאָלאָגיע זעה צום סוף אין די «הוספות».

קאַנאָנס», ב׳ III, ז׳ 351 פפ. – טריר, 1894) איז פשוט א קאַריקאַטור. אין 1894 ציטירט גרינבוים א ווילנער «מנורת המאור» פון 1880, א פּאָר לידער פון אליקום בדחן און א פּאָר מעשיות פון אייזיק מאיר דיקן, נאָר ער ווייס קיין איין וואָרט ניט צו דערציילן וועגן לינעצקין, וועגן מענדעלען, וועגן שלום־עליכמען!

נאָך גרינבוימען איז געבליבן בירושה א צווייטער, ניט געדרוקטער באַנד פון זײַן «כרעסטאָמאַטיע»; דער מאַנוסקריפּט געפינט זיך בײַ זײַנע קרובים אין האַנוי, לעבן פראַנקפורט־מאַין.[1]) ס׳וואָלט פונדעסטוועגן געווען א פאַרדראָס, אויב די אַרבעט וואָלט געבליבן ניט־פּובליקירט אָדער ניט־אויס־גענוצט, מחמת די שפּראַכוויסנשאַפטליכע חקירות גרינבוימס זײַנען אָפּט־מאָל זייער אינטערעסאַנט. ער איז געווען א מענטש מיט ברייטע קענטע־נישן, און ווען דאָס מזל וואָלט אים צונויפגעפירט מיטן מזרחדיגן יידנטום, וואָלט פון זײַן פלײַסיגער, מסירת־נפשדיגער האָרעוואַניע אַרויס־געקומען גאָר עפּעס רעכטס.

55. ס׳איז א גרויסער שאָד, וואָס ד״ר יוסף פּערלעס׳עס «Beiträge zur Geschichte der hebräischen und aramäischen Studien» (מינכען, 1884) איז געוואָרן אַזאַ יקר־המציאות. פּערלעס, א מינכענער ראַבינער און א גרויסער מלומד, האָט פאַרשטאַנען צו ברענגען די ציטאַטעס מיט די יידישע אותיות. און ציטירן ציטירט ער גראָד די עלטסטע כתב־ידן און דרוקן, וואו דער העברעאישער טעקסט איז אַדורכגעמישט מיט «טײַטשע» פאַרטײַטשונגען [באַראַכאָוו, No. 68, 69, 71, 75, 79 אאַז״וו] אייגנטליך איז דאָס ניט קיין ליטעראַטור, נאָר מאַטעריאַל פאַר דער שפּראַך־געשיכטע; נאָר פונדעסטוועגן קאָנען מיר אַרויסזעהן פון די דאָזיגע «גלאָסעס», ווי אַזוי ס׳איז אויפגעקומען בהדרגה אונזער ליטעראַטור: פון

[1]) מיטגעטיילט אין פעליקס פּערלעס׳עס גאַנץ אינטערעסאַנטן אַרטיקל: «Zur Erforschung des Jüdisch-Deutschen» (אין Beiträge zur Geschichte der deutschen Sprache und Literatur, ב׳ 43 און 44). אין דער אַרבעט פּרובט פּערלעס אויסטײַטשן (אָפּטמאָל מיט ערפאָלג) עטליכע צעהנדליגג וואָקאַבולן, וואָס זײַנען פאַראַן אין שטראַקס ווערטערבוך: ער ברענגט פּאַראַלעלעס פון מה״ד און פון נה״ד דיאַלעקטן. אָבער ווי נאָר ער רירט זיך צו צו דער עלטערער יידישער שפּראַך, איז ביטער. ער וויל למשל אויפווײַזן, אַז צו דער פאָרם beištidl (זעה ז׳ 122), וואָס איז פאַראַן אין דער ערשטער אויסגאַבע פון «ספר ר׳ אַנשיל» (1534), איז אין דער צווייטער אויסגאַבע פאַראַן א בײַפאָרם beištoidl. פון וואַנען איז דאָס געדרונגען? אָט פון וואַנען: עס שטייט געשריבן „בייא שטוידל‘. הייסט עס, ה׳ פּערלעס ווייס ניט, אַז אין דער עלטערער ליטעראַטור האָט דער „וי‘ קיינמאָל ניט באַטײַט קיין oi, און אַז דאָ איז דאָס פשוט א ü!

איינציגע ווערטער צו איינציגע זאַצן צו פאַרגרינגערן דאָס לערנען, דער־נאָך מוסר־ספרים און פאַרווײַלונגס־ביכער (מיט א מוסרדיגן אונטערשלאַק), און דערנאָך ווײַטער ביז אַלע פאַרצווײַגונגען, וואָס א מאָדערנע ליטעראַטור פאַרמאָגט.

56. אויסצוגן פון מוסר־ספרים, איבערהויפּט אַזוינע, וואָס כאַראַקטערי־זירן דעם צושטאַנד פון בילדונג און ערציאונג בײַ יידן, האָט געבראַכט גידעמאַן אין דריטן באַנד פון זײַן «געשיכטע פון דער ערציאונג און קולטור בײַ די מערבדיגע יידן»[1] און נאָך מער אין זײַן ווינציג־וואָס באַקענטן צוגאָב־ווערק: «Quellenschriften zur Geschichte des Unterrichts und der Erziehung bei den deutschen Juden» (בערלין, 1891, פאַרלאַג אַ. האָפמאַן עט קאָ.). דאָרטן זיינען פאַראַן אויסצוגן פון «בראַנטשפיגל», פון «לב טוב», פון «ספר מידות» 1542 א. אַז. וו. — די קולטורגעשיכטיגע ווערדע פון גידעמאַנען (וואָס איז אומגעהײַער גרויס) איז ניט שייך צו אונזער טעמע.

[1] אָט דער דריטער באַנד איז ניט לאַנג אַרויס אין יידיש: «מ. גידעמאַן, אידישע קולטור־געשיכטע אין מיטלאַלטער (אידן אין דײַטשלאַנד דאָס XIV און XV יאָרהונדערט). אידיש — נחום שטיף. כלל־פאַרלאַג, בערלין 1922». וועגן שטיפס איבערזעצונג קאָן מען זאָגן מיט איין וואָרט: אויסגעצייכנט. איך וויל דאָ פונדעסטוועגן פאַרצייכענען עטליכע פון די פגמ׳ען, וואָס איך האָב באַמערקט בײַם לייענען. ז׳ 21 איז דורכגעלאָזן גידעמאַנס סברא וועגן דער פאַרבינדונג צווישן די צוויי משה מולינס. ז׳ 105 איז «des Deutschen Ritterordens» איבערגעזעצט: «פון א ריטער־אָרדן». דאָרטן גופא ווערט דערציילט וועגן א פירשט, וואָס האָט ליב געהאַט «die Juden und das Rotwild», ד״ה יידן און הירשן; בײַ שטיפן שטייט אָבער: «ער האָט צו פיל ליב געהאַט אידן און ציגײַנער»! (אַפּנים, א קווי־פראָ־קוואָ פון Rotwild און rotwelsch!) ז׳ 106 שטייט: די קריסטן אין מאַינץ האָבן געמיינט, אַז יידן ווילן מאַכן «eine Revolte»; בײַ שטיפן שטייט: א רעוואָלוציע! ז׳ 110 שטייט בײַ שטיפן: «לויט א פראַנצויזיש געדיכט פון Manessier», און מען קאָן מיינען, אַז דאָס איז א פראַנצויזישער שרײַבער אַזאַ. אין אָריגינאַל שטייט «nach dem französischen Gedicht des Manessier», און דאָס מיינט די באַוואוסטע Manessische Handschrift פון מה״ד טעקסטן, וואָס האָט זיך פריער געפונען אין פאַריז (פגל׳ הײַנעס בערנע־פאַמפלעט) און איצטער אין היידעלבערג. ז׳ 146 שטייט בײַ שטיפן, אַז דאָס «ספר מידות» איז אַרויס 1542 אין «יעסני»; אין דער אמתן הייסט די שטאָט «איסני» (Isny). ז׳ 182 ברענגט שטיף אַן אייגענע סברא צום אָפּשטאַם פון «יי» אַלס באַצייכענונג פון ei און באַמערקט דערבײַ (בײַ די שטעט־נעמען אויף ‎-heim): «מעגליך, אַז די צוויי יי האָט מען אָנגעהויבן שרײַבן ערשט דאַמאָלס, ווען מ׳האָט שוין געלייענט דעם לעצטן טראָף ניט hîm, נאָר heim». אַזאַ מין אויסשפּראַך hîm איז גאָר קיינמאָל ניט געווען. די מה״ד און אַה״ד פאָרם איז שוין אויך געווען heim, און דערפאַר האָבן מיר טאַקע אין ליטווישן יידיש hejm און ניט hajm. — די צוריק־טראַנסקריפּציע פון די טעקסטן פון «ספר מידות» (ז׳ 148—157) גייט זיך שטאַרק פונאַנדער מיט דער אויסלייגונג פון יידישן אָריגינאַל. דאָס איז ניט קיין טענה קעגן נ. שטיפס חריפות: ע״פ סברא לאָזט זיך ניט בעסער רעקאָנסטרואירן אַן אויסלייגונג, אין וועלכער ס׳איז געווען אַזוי פיל מוטוויל. נאָר דאָס יאָ: פאַר א בוך, וואָס איז אַרויס אין דײַטשלאַנד, איז ניט אַזוי שווער געווען אַראָפּצוברענגען פון פראַנקפורט־מאַין די איסניער אָריגינאַל־אויסגאַבע פון «ספר מידות».

57. אַן איבערבליק איבער דער רײַכער ליטעראַטור וועגן «שמואל־בוך» האָט געגעבן ד״ר פ. פאַלק [באָראָכאָוו, No. 130]. דאָס איז א גרונטיגע אַרבעט, אָבער פאַרטיג געוואָרן זיינען פון איר מערניט ווי צוויי קאַפּיטלעך. דאָס ערשטע הייסט: אַרײַנפירנדיגע באַמערקונגען וועגן דער יידיש־דײַטשער ליטעראַטור (עלטער פון דער יידיש־דײַטשער פאָלקס־ליטעראַטור; כאַראַקטער, אויפקומען און פאַרשפרייטונג פון דער פאָלקס־ליטעראַטור; איר אינהאַלט און גרייס; יידיש־דײַטשע שפּראַך און ליטעראַטור פאַרן משפּט פון עטליכע געלערנטע; איר ווערדע פאַר דער פאָרשונג פון דער דײַטשער שפּראַך און ליטעראַטור). דאָס צווייטע קאַפּיטל טראָגט דעם נאָמען: «די ביזאיצטיגע פאָרשונגען וועגן דעם שמואל־בוך אין ניבעלונגען־סטראָפעס». דאָ ווערט געגעבן אַן איבערבליק איבער די וויכטיגסטע תּנ״ך־איבערזעצונגען, גלאָסאַרן און געגראַמטע תּנכן ביזן סוף פון 16 טן י״ה; דערנאָך ווערט באַשריבן די שטעלונג פון די געלערנטע צו דער פּראָבלעם פון «שמואל־בוך». אָט גראָד דאָ, וואו ס׳האָט זיך געדאַרפט אָנהייבן אַן אַנאַליז פון דעם ווערק גופא, רײַסט זיך איבער די אַרבעט.[1]

א פּאָר זײַטלעך ציטאַטעס פונם «שמואל־בוך» זיינען אָפּגעדרוקט אין ה. לאָטצע׳ס אַרטיקל: «צור יידיש־דויטשען ליטעראַטור» אין «Gosches Archiv für Literaturgeschichte», I, 1870. ס׳האָט יעמאָלט געזאָלט אָנהייבן אַרויסגיין א יידיש־דײַטשע טעקסטביבליאָטעק, און דער אַרויסגעבער פון «אַרכיוו» (גאָשע) האָט לכבוד דעם באַשטעלט בײַ לאָטצען אַזאַ מין אינפאָרמאַטיוון אַרטיקל. (פון דעס פּלאַן איז גאָרנישט געוואָרן.)

58. אין פּרילוצקיס זאַמלביכער II זיינען געדרוקט שטיקער פון משה מאַרקוזעס זייער אינטערעסאַנטן «ספר רפואות». איך וויל אַגב באַמערקן, אַז אַן עקזעמפּלאַר פון דעם דאָזיגן אַנטיק געפינט זיך אויך אין דער פראַנקפורטער שטאָט־ביבליאָטעק.

אָט דאָס איז, דוכט זיך, גאָר; מער קיין הילפסמיטלען זיינען ניטאָ אויף צו באַקענען זיך מיט דער עלטערער און אַלטער יידישער

[1]) דיזעלביגע אַרבעט האָט פאַלק, יעמאָלט א פּריוואַט־דאָצענט אין זשענעווער אוניווערסיטעט, אַרויסגעגעבן מיט א יאָר פריער אין פראַנצויז [באָראָכאָוו, No. 130]. דאָרטן איז פאַראַן אַן אָנמערקונג, פון וועלכער ס׳איז צו זעהן, אַז דער מחבר האָט געהאַט בדעה אַרויסצוגעבן א קריטישע אויסגאַבע פון «שמואל־בוך» (לויט די כתב־ידן פון פּאַריז און האַמבורג).ליידער איז דער פּלאַן ניט פאַרווירקליכט געוואָרן.

ליטעראַטור. ס׳איז ווינציג! אויב ניט קיין גרויסע טעקסט־ביבליאָטעק איז כאָטש א כרעסטאָמאַטיע וואָלטן מיר שוין געוויס געמעגט און גע־קאָנט האָבן.[1]

ז

געשיכטע פון דער יידישער שפּראַך. דער אָפּשטאַם פון יידיש און פון די יידישע דיאַלעקטן

59. נאָך ערגער ווי מיט דער ליטעראַטור־געשיכטע האַלטן מיר דער־ווײַלע מיט דער געשיכטע פון דער יידישער שפּראַך. און ס׳איז ניט קיין חידוש. די געשיכטע פון א שפּראַך בויט זיך אויף אויף צוויי עלעמענטן. די דענקמאָלן פון דער אַלטער ליטעראַטור געבן דעם יסוד, און דאָס וואָס די אותיות דערזאָגן ניט (פּאָרט ניט מער ווי טויטער חומר!) קאָן מען טיילמאָל אַרויסדרינגען פון די היינטיגע גערעדטע דיאַלעקטן. אָבער אַז דאָס איז ניט אויסגעפאָרשט און יענץ איז ניט אויסגעפאָרשט — פון וואַנען זאָל זיך נעמען א געשיכטע פון דער יידישער שפּראַך?

60. פון די פּאָר מאָנאָגראַפיעס, וואָס מיר פאַרמאָגן, זיינען די ווײַט־וויכטיגסטע ד״ר אַלפרעד לאַנדויס אַרבעטן. די זיכערע האַנט און דער פעסטער בליק לאָזן זיך שוין פילן אין זײַן ערשטן אַרטיקל וועגן די פאַר־קלענער־פאָרמען אין יידיש[2] [באָראָכאָוו, No. 358], אָבער נאָך א סך א גרעסערע בקיאות אין דער עלטערער יידישער ליטעראַטור און אין די דײַטשע דיאַלעקטן זעהט זיך אַרויס פון זײַנע ווײַטערדיגע פאָרשטונגען: וועגן דער שפּראַך פון גליקל פון האַמעלן [באָראָכאָוו, No. 359] און וועגן די פּראָגער בריוו פון 1619 [באָראָכאָוו, No. 360]. שוין די ווערטער־ביכלעך אַליין, וואָס פאַרנעמען אין איטליכן פון דיביידע אַרטיקלען צו 19 זײַטן, גיבן א סך לעקסיקאַלישן מאַטעריאַל. מיר ווערן געוואויר, א שטייגער, אַז דער ווילנער אויסדרוק: «מיט ליב אײַך אײַער גאַסט» איז שוין פאַראַן אין אָנהייב 17 טן י״ה אין פּראָג; גליקל שרייבט שוין (צום סוף פון 17 טן י״ה) «באַזוכן» (מיטן טײַטש: «אַרומזוכן»[3]) אד״ג.

[1]) ב. שטיף קלײַבט זיך שוין א צײַט מיט יאָרן אַרויסצוגעבן א לייענבוך פון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור. — די «קולטורליגע» אין וואַרשע גרייט זיך אַרויסצוגעבן זלמן רייזענס א גרויסע כרעסטאָמאַטיע: «פון מענדעלסאָן ביז מענדעלי». — וועגן ז. רייזענס «לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע» זעה צום סוף אין די «הוספות».

[2]) וועגן דעם דימינוטיוו אין דײַטש איז נאָך לאַנדויס אַרטיקל צוגעקומען א סך מאַטעריאַל פונם דײַטשן שפּראַך־אַטלאַס, פּובליקירט אין פּראָפ׳ ווערעדע׳ס «Die Diminutiva im Deutschen» (Deutsche Dialektgeographie I, מאַרבורג, 1908).

[3]) דאָס וואָרט באַגעגנט זיך איבעריגנס מיט דעם פּשט נאָך אין מה״ד.

א סך ווערטער זײַנען פֿאַראַן, ווי בכלל אין דער גאַנצער עלטערער ליטע־ראַטור, וואָס קאָנען בפֿירוש צו־ניץ קומען נאָך הײַנטיגן טאָג: «מאַכן אַן אויסרוף» (גליקל, = ליציטאַציע); באַטראַכטליך (גליקל, = באַקלערט, überlegt); קניפּלען (גליקל, = מאַכן שפּיצן, klöppeln) א. אַז. וו. — לאַנדוי באַנוגנט זיך אָבער ניט מיט פֿאַרצײכענען די ווערטער; ער טײַטשט זיי נאָך אויס, ער ברענגט בײַשפּילן פֿון אַנדערע יידישע טעקסטן און פּאַראַלעלעס פֿון דײַטשע דיאַלעקטן. אַכלל, די גלאָסאַרן זײַנען א מוסטער פֿון אַן אַרבעט; די גראַמאַטישע באַמערקונגען, הגם זיי זײַנען אויך שטרענג וויסנשאַפֿטליך, באַפֿרידיגן מיך ניט אין דערזעלביגער מאָס.

61. וועגן ד״ר ל. לאַנדויס אַרטוס־אויסגאַבע איז שוין אויסגעקומען צו ריידן (ז׳ 42). אויף זײַט LXV—XLVII איז דאָרטן געגעבן א זאָרגעוו־דיגער גראַמאַטישער אַנאַליז פֿון דעם אַרטוס־ראָמאַן, און אויף דעם סמך קומט לאַנדוי צום באַשלוס, אַז דער מחבר האָט געמוזט שטאַמען פֿון רייניש־פֿרענקישן געגנד, אַן ערך אַרום מאַינץ, פֿראַנקפֿורט אָדער וואָרמס.

62. בלויז אַזוינע מיני בדיוקדיגע אויספֿאָרשטונגען קאָנען אונז געבן אַן ענטפֿער אויף דער פֿראַגע, צי לאָזן זיך די עלטערע יידישע ווערק לאָקאַליזירן אין געוויסע דײַטשע געגנדן. דאָס איז זייער א וויכטיגע פּראָבלעם, וואָרים זי פּירט אונז צו צו א צווייטן ענין: ווען האָט זיך די שפּראַך פֿון די יידן אין דײַטשלאַנד גענומען שטאַרק אונטערשיידן פֿון דער דײַטשער שפּראַך אַרום זיי? אין די פּראָגער בריוו 1619, א שטייגער, איז גרינג צו קאָנסטאַטירן סימנים פֿון פֿאַרשיידענע דײַטשע דיאַלעקטן; הייסט עס, יידן האָבן שוין געהאַט באַשאַפֿן אין יענער צײַט א פֿאַר־זיכדיגע קאָמבינאַציע פֿון פֿאַרשיידענע דײַטשע שפּראַך־עלעמענטן מיט העברעאישע און סלאַווישע.[1] דאָס אייגענע גליקל; זי האָט אָפּגעלעבט איר גאַנץ לעבן אין צפֿון־דײַטשלאַנד, און עס פֿילט זיך אין איר לשון א צפֿונדיגע («נידערדײַטשע» אָדער «פּלאַטדײַטשע») השפּעה, נאָר דער קערן פֿון איר שפּראַך איז הויכדײַטש, ד״ה דרום־דײַטש, ווי בכלל אין יידיש.

גיכער ווי אַלץ זײַנען ווערליג דעם מחבר און דעם אָרט פֿאַראַן פֿאַר־שיידענע מדרגות פֿון צופּאַסונג צו די לאָקאַלע דײַטשע דיאַלעקטן. וואָס

[1]) זעה וועגן דעם ז׳ 136.

ס'איז שייך צו געדרוקטע אויסגאַבעס, דאַרף מען נאָך האָבן אין זינען די טראַדיציע. אויב א באַוואוסטע אַמסטערדאַמער דרוק, למשל, האָט שוין געהאַט צוגעוויינט אירע קונדן צו א געוויסן אויסלייג, וועט שוין דער קראָקער נאָכדרוקער אָדער קאָנקורענט אויך בלייַבן בייַ דער שרייַבונג; אָט האַלט זיך דאָך בייַ אונז אויך נאָך די אָרטאָגראַפיע פון דער וואַרשעווער פּרעסע, מחמת «דער עולם איז שוין אייַנגעוויינט»! ווידער דאַרף מען געדענקען, אַז אַמאָליגע יאָרן איז דער אויסוויייניגסטער לבוש פון א ווערק (אויך די שפּראַכיגע פאָרם) געווען געווענדט א סך מער אינם זעצער, קאָרעקטאָר און אַרויסגעבער, איידער אינם אויטאָר. יידישע ביכער פלעגן זייַן אויסגערעכנט אויף א קאָלאָסאַלער טעריטאָריע, און א בוך, פון וועלכן עס וואָלט געשמעקט צו שטאַרק מיט פראַנקפורטער לשון, וואָלט מען אין פּראָג און אין קראָקע און אין האַמבורג אין האַנט ניט גענומען. שוין צו־ליב געשעפטליכע טעמים אַליין האָט דער אַרויסגעבער געמוזט אָפּשלייפן די שאַרפע דיאַלעקטישע קאַנטן אין אַלע זייַנע אויסגאַבעס.[1]

בייַ אַזוינע אומשטאַנדן איז אָפּטמאָל זייער שווער אַרויסצושיילן דעם אמתן מיין פונם מחבר פון אונטער דער צווייאיגער שאָלעכץ פון טראַ־דיציע און פון דעם אַרויסגעבערס צופוץ. אָבער שטרעבן דאַרף מען דערצו: אָנשטאָט די אותיות, וואָס פירן אַזוי אָפט אַרייַן אין טעות, דאַרף מען זיך פלייַסן מַשׂיג צו זייַן די קלאַנגען און פאָרמען, וואָס דער שרייַבער האָט בשעתו גענוצט אין זייַן ריידן; און פאַראיינס דאַרף מען זעהן צו פאַררעגיסטרירן יענע שותּפותדיגע, איבער־דיאַלעקטישע בוך־שפּראַך, וואָס האָט זיך פאַמעליך אויסגעפורימט בייַ יידן און געוואָרן די פאָרגייערין פון אונזער הייַנטיגער ליטעראַרישער שפּראַך.

63. חוץ די שריפטליכע דאָקומענטן פון אַמאָליגע צייַטן איז פאַראַן נאָך א קוואַל פון מאַטעריאַל פאַר דער געשיכטע פון יידיש: דאָס זייַנען די רעשטן פון יידיש אין מערב־אייראָפּע («מערב־יידיש», לויט דער טערמי־נאָלאָגיע פון מיזעסן און פרילוצקין). דאָס יידיש איז אָפּגעשטאָרבן בייַ די דייַטשע יידן אין משך פון 1750—1850, אָבער אינגאַנצן איז עס נאָך ניט

[1] לוטערן האָט מען א לאַנגע צייַט גערעכנט פאַר א מין אייבער־רעפאָרמאַטאָר פון דער דייַטשער שפּראַך און שרייַבונג. הייַנט איז מען אין א סך פאַלן זייער שטאַרק מספּק, פון וואַנען וואַקסן די חידושים: צי פון לוטערן אַליין, צי פון זייַן דרוקער האַנס לופט. לוטער אַליין האָט געהאַלטן, אַז זייַן טירינגער דיאַלעקט איז דאָס שענסטע לשון, וואָס עס קאָן נאָר געמאָלט זייַן.

אויסגעראָטן ביזן הײַנטיגן טאָג און עס לאָזט זיך נאָך פילן אינם דײַטש פון די יידן, וואו שטאַרקער, וואו שוואַכער. דאָס דריקט זיך אויס אי אין דער אויסשפּראַך (למשל, פּראָפ׳ מערינגער האָט אויסגעפונען, אַז יידן זאָגן זייער אָפט prson אָנשטאָט Person און mechanisch מיט א האַרטן ch אָנשטאָט מיטן ווייכן ich-קלאַנג), אי אין דעם ניגון, אי אין די ווערטער — איבערהויפּט ווען מען רעדט ניט מיט גוים, נאָר צווישן זיך.[1]) אָט אין די רעשטן פון אַמאָליגן יידיש, וואָס זיינען אין משך פון אַזאַ לאַנגער צײַט געווען איזאָלירט פון אונזער מזרח־יידישער שפּראַך, האָבן זיך אָפּט־מאָל אויפגעהיט שפּורן פון אַלטערטימליכע פאָרמען און ווערטער. ליידער האָבן זיך נאָך צווישן די דײַטשע יידן ניט געפונען קיין בעלנים צו שטודירן אָט די שפּראַכיגע רואינען, וואָס דערמאָנען זיי אין די פאַר־גאַנגענע צײַטן פון זייער «יידישליכקייט». דער איינציגער געגנד, וואָס איז פיל־ווייניג באַאַרבעט, איז עלזאַס. פאַראַן אַן אַרבעט פון ווייס׳ן, וואָס גיט א 400 יידישע (דאָס רוב העברעאישע) ווערטער אין זייער כאַראַקטעריסטישער אויסשפּראַך, און צוגאָבן צו דעם אַרטיקל פון עטליכע אַנדערע שרײַבער [באָראָכאָוו, No. 347—350]. ווייס, אַליין דוכט זיך א קריסט, דערציילט, אַז ווען ער האָט זיך געווענדט צו איינעם א ראַבינער וועגן ספּעציפיש־יידישע ווערטער, האָט יענער זיך אָפּגעזאָגט אים צו געבן מאַטעריאַל, מחמת דאָס קאָן נאָך ווערן א געצײַג בײַ אַנטיסעמיטן אין די הענט![2])

די אַרבעט פון עמיל ווייל׳ן וועגן עלזאַסער יידיש (אין Revue des études juives) איז מיר געבליבן ניט באַקענט.

64. אין 1915 איז אַרויס א בוך וועגן יידיש אין האָלאַנד: Het Joodsch in Nederland (פולער טיטול אין דער רשימה פון די אָפּקירצונגען). ס׳איז א דיק בוך, פון 324 זײַטן, מיט א היפּש ביסל אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל. ס׳האָבן זיך אין האָלאַנד נאָך אויפגעהיט אַלטע יידישע ווערטער: «טעטשן» — בלאָזן שופר; «fraale» [= פרויעלע] — באָבע; «געשוויי» — שוועגערין, שוואָגער; «סקאָצל קומט»; «צאָכן» — קנויט א. אַז. וו. די זאַמלונג האָט

[1]) א סך ווערטער זיינען פון די דײַטשע יידן אַריבער צו די דײַטשן: mies (מיאוס), Moos (מעות), meschugge, Dalles, Mezzie א. אַז. וו.

[2]) פון ביימען און מערן איז פאַראַן א סך מאַטעריאַל אין די מיטטיילונגען; נאָר דערביי דאַרף מען נעמען אין אַכט דאָס, וואָס עס שטייט אין דער אָנמערקונג אויף ז׳ 37.

צונויפגעשטעלט מיט גרויס התמדה א לערער פּאָרזאַנגער, דערנאָך נאָך זײַן טויט, איז די אַרבעט פאַרענדיגט געוואָרן דורך א צווייטן לערער, פּאָלאַק. א גאַנצע ריי אָנגעזעהענע יידישע פּערזענליכקייטן (צווישן זיי ד״ר יעקב גערצאָן, וואָס איז איצט א לערער פון א גימנאַזיע אין גראַווענ־האַגען־האָלאַנד) האָבן מאַטעריעל מיטגעהאָלפן דאָס ווערק אַרויסצוגעבן. ליידער איז דאָרטן פאַראַן זייער פיל איבעריגס. צווישן די «יידישע ווערטער», וואָס ווערן פאַרטײַטשט, זיינען פאַראַן אַזוינע: אחד־העם, בבא־בוך, די חברה «כל ישראל חברים», רמב״ם א. אַז. וו.; אַלזאָ, א מין יידישע ענציקלאָפּעדיע, און דאָס פאַרוואַסערט דעם לינגוויסטישן אינהאַלט פונם בוך. פונדעסטוועגן איז דאָס זייער א וויכטיגער אויפטו, בפרט נאָך, ווען ס׳וועט זיך געפינען עמיצער, וואָס וועט דורכזיפּן דעם גאַנצן מאַטעריאַל.

65. זייער וויכטיג וואָלט געווען אַרויסצוגעבן א זאַמלונג מקורים צו זי׳ער אויספאָרשטונג פון דער יידישער שפּראַך, אָנהייבנדיג פון בעשענ־שטיינען [באָראָכאָוו No. 1] ביז קריזאַנדערן [באָראָכאָוו No. 20—21]. די זײַטלעך, וואָס די דאָזיגע געלערנטע האָבן געשריבן וועגן יידיש, זיינען דאָס רוב פאַררוקט אין גרויסע ווערק, וואָס זיינען שוין לאַנג געוואָרן א יקר־המציאות. ס׳פּאַסט צו זאָגן, אַז אַפילו באָראָכאָוו האָט געזעהן מיט די אייגענע אויגן ניט מער ווי זעקס פון די 24 לינגוויסטישע ווערק, וואָס ער האָט פאַרצייכנט פאַר דער צײַט פון 16 טן ביזן 18 טן י״ה. דאָס רוב האָבן די אַלע געלערנטע געשריבן וועגן יידיש ניט קיין סך, און איך רעכן, אַז מיט א בוך פון א בויגן צעהן וואָלט מען געקאָנט איינמאָל פאַר אַלעמאָל געבן יעדערן א צוטריט צום פאַרשלאָסענעם אַלמער פון דער עלטערער יידישער פילאָלאָגיע.

66. בײַם אויספאָרשן די געשיכטע פון יידיש מוז מען זיך אָנשטויסן אויף דער פּראָבלעם, ווי אַזוי ס׳זיינען אויפגעקומען די הײַנטיגע יידישע דיאַלעקטן: צי האָבן יידן זיי געבראַכט פאַרטיגערהייט פון דײַטשלאַנד אָדער זיי זיינען אויפגעקומען ערשט אין מזרח־אייראָפּע? א ביסל מאַטע־ריאַל וועגן דעם ענין איז פאַראַן בײַ א. לאַנדוין [באָראָכאָוו No. 358] און בײַ ריכאַרד לעווע׳ן [באָראָכאָוו No. 323 און 361]. ד. לייבל האָט זיך אונטערגענומען צו געבן אַן ענטפער אויף דער פראַגע אין זײַן אַרטיקל: «מזרח־יודישער אורדיאַלעקט» (זאַמלהעפט «אונזער לעבן», צום

דריטן יאָרצײַט פון ב׳ באָראָכאָװון׳ װאַרשע 1921)· דער מחבר רופט עס אַליין אָן «א פרוב»; ער פרובט אויפווײַזן׳ אַז אַמאָל איז די יידישע שפּראַך פון אַלע יידן געווען געגליכן צום פּוילישן דיאַלעקט׳ און דער־נאָך האָט זיך פון דעם אַנטוויקלט דער ליטווישער דיאַלעקט· די פאַקטן׳ וואָס ער האָט געבראַכט פון דער געשיכטע פון דער דײַטשער שפּראַך׳ זיינען אָבער דורך און דורך פאַלש׳ און מען זעהט׳ אַז דער מחבר האָט זיך אַפילו ניט גענומען די מי אַרײַנצוקוקן אין א קליינעם מה״ד ווערטער־בוך· ה׳ לייבל פרעגט א קלאָץ־קשיה: אויב דאָס פּוילישע יידיש איז ניט געווען דער אורדיאַלעקט׳ טאָ פאַרוואָס זאָגט מען אין דער ליטע «jid» און ניט «jud»׳ וואָס עס נעמט זיך דאָך פון «Jude»?[1] דער ענטפער איז: אין דער עלטערער דײַטשער שפּראַך איז טאַקע געווען א סך מער פאַר־שפרייט די פאָרם jüde; אין בערלין איז נאָך הײַנט פאַראַן א Jüdenstraße· צווייטע קלאָץ־קשיה: פאַרוואָס זאָגן די ליטווישע יידן: «ווינד» (wind) און «וויי»׳ וואָס דאָס נעמט זיך פון wund und wehe? ענטפער: «ווינד» נעמט זיך גאָרניט פון wund׳ נאָר אין מה״ד איז געווען א וואָרט winde אָדער wint׳ וואָס האָט באַטײַט «וויטאָג»· דריטע קלאָץ־קשיה: פאַרוואָס זאָגט מען אין דער ליטע «ציך» (cich)׳ ציכל»׳ וואָס דאָס נעמט זיך פונם דײַטשן Zug? ענטפער: ס׳האָט ניט קיין שום שייכות צו Zug׳ נאָר עס נעמט זיך פון Zieche׳ וואָס איר קאָנט הערן אין עסטרײַך ביז הײַנטיגן טאָג; שטאַמען שטאַמט דאָס וואָרט פון גריכיש theca (פגל׳ פּויליש teka — פוטערפאָס׳ פאָרטפעל)· פערטע קלאָץ־קשיא: פאַרוואָס רופט מען די מיידלעך אין דער ליטע «פראַדל» (fradl) און ניט «פריידל» (frejdl)? ענטפער: אין גרעסטן טייל ליטע זאָגט מען טאַקע frejdl· און חוץ דעם לאָמיך ענטפערן צוריק מיט א פראַגע: אויב שוין יאָ fradl׳ איז דאָך דאָס אַלץ ניט קיין ראַיה אויף פּוילישער אָפּשטאַמונג! אין פוילן וואָלט עס דאָך געדאַרפט הייסן׳ אויב בויען נאָר אויף די קלאַנגען־געזעצן: frajdl און אויך a lajbm brojt׳ פונקט ווי מען זאָגט majdl און klajdl!

בנוגע «לאַבן ברויט» האָט שוין נ׳ פּרילוצקי אויסגעזאָגט דעם סוד אין וואָקאַליזם I ז׳ 87: ס׳איז אַנטליען פונם מערב־יידישן דיאַלעקט׳ וואָס האָט אָנשטאָט מה״ד ei כסדר ā· אַזוינע אַנטלײַאונגען פון דיאַלעקט צו דיאַלעקט

[1] אַזוי ווי א שטייגער דאָס פּוילישע bich הייסט אין דער ליטע buch·

טרעפן זיך זייער אָפט, און דערפון איז נאָך כלל ניט געדרונגען, אַז איין דיאַלעקט שטאַמט פון אַנדערן. מיט אַנטלייאונגען פון פוילישן יידיש האָבן מיר אפשר צו טון ביי די נעמען זאַנוול (פון ?sein will') און שיע, אויב דאָ האָט ניט געשפּילט א ראָליע די פאָרם «הוֹשִׁיעַ».[1] «צימעס» איז א קנאַפּערע ראיה, וואָרים ס'איז גאָר א סברא, אַז עס נעמט זיך ניט פון zuo-müese, ווי מען טייטשט דאָס רוב, נאָר פון z'imbis, וואָס שמעלער ברענגט פון בייערן [גערצאָן, ז' 103].

וואָס זאָל מען זאָגן אויף אַזאַ מין חקירה וועגן אור־דיאַלעקט, וואָס האָט נאָך דערצו די פּרעטענזיע צו «שפּינען פון די דינסטע פעדימלעך די שטאַרקסטע שטריק פון דערקענטעניש»? גלייכער, אַז מען זאָגט גאָרנישט.

67. יעדערער, וואָס וויל שטודירן יידיש, און א פשיטא שוין די גע־שיכטע פון יידיש, דאַרף וויסן די געשיכטע פון דייטש. פאַר אַן ערשטן אַריינפיר קאָן מען זייער רעקאָמענדירן Behaghels'ס ניט איבעריג גרויס בוך (400 זייטן): Die deutsche Sprache (4טע אויפלאַגע 1917). א סך ספּעציעלער, גרונטיגער און שווערער איז דעם זעלביגן מחברס Geschichte der deutschen Sprache. וועגן די עלטערע תקופות פון דער דייטשער שפּראַך אינפאָרמירט גאַנץ גוט Kluge'ס Deutsche Sprach-geschichte (לייפּציג 1921; 340 זייטן). וויכטיג איז דעם זעלביגן קלוגע'ס Etymologisches Wörterbuch der deutschen Sprache (פאַראַן שוין א 9טע אויפלאַגע). פון די מה"ד גראַמאַטיקעס רעכנט זיך נאָך אַלץ פאַר דער בעסטער: Paul, Mittelhochdeutsche Grammatik; כמעט דאָס איינ־ציגע מה"ד ווערטערבוך איז Lexer (די גרויסע אויסגאַבע אין 3 בענד איז שוין לאַנג ניטאָ אויפן מאַרק; מען ניצט איצטער ס'רוב דאָס «טאַשענ־ווערטערבוך» אין איין קליינעם באַנד).

אַלס הילפסמיטל פאַרן שטודיום פון יידיש וואָלט כדאי געווען צו האָבן א כרעסטאָמאַטיע פון דייטשע טעקסטן, וואָס זאָלן זיין ספּעציעל צוגע־קליבן. פון דאָרטן וואָלט מען גוט געקאָנט אַרויסזעהן, וואָס פאַר אַן אָרט יידיש פאַרנעמט צווישן די דייטשע לשונות פון די עלטערע תקופות און צווישן די היינטיגע דייטשע דיאַלעקטן.

[1] ה' קאַלמאַנאָוויטש האַלט אויך פאַר מעגליך, אַז דאָ האָט זיך נאָך אַריינגעמישט דער נאָמען "יהושיעיהו" (פּריוואַטע מיטטיילונג).

ח
פֿאָלקלאָר

68. איך וויל נאָך געבן א קורצן איבערבליק איבער דער ליטעראַטור וועגן יידישן פֿאָלקלאָר.

אַז מען רעדט וועגן שפּריכווערטער, דערמאָנט מען זיך קודם־כל אין בערנשטיינס גרויסער זאַמלונג [באָראָכאָוו, No. 340]. ליידער זעהט מען ביי אונז נאָר די אויסגאַבע פֿון «אונזער לעבן», וואָס האָט צונויפגעפּאָרט די שיינע מאַטריצן פֿון קראָקע מיט שמאַטעוואַטע פּאַפּיר און אַרויסגעוואָרפֿן דעם «גלאָסאַר». די קראָקער אויסגאַבע, פּרעכטיג געדרוקט און געבונדן, האָט ווידער פּאַר אונז אַן איבעריגע משא: א לאַטיינישע טראַנסקריפּציע פֿון אַלע 4000 שפּריכווערטער, און דערצו נאָך, בנוגע די העברעאישע ווערטער, א פּאַרגרייזטע: ס׳וואָלט געדאַרפֿט שטיין ניט ssüku (סוכה), נאָר ssike אָדער ssüke, ניט ssimon (סימן), נאָר ssimen, ניט sojl (זול), נאָר sol אד״ג. אין «גלאָסאַר» זיינען פּאַראַן טעותן, נאָר ער איז פֿונדעסטוועגן נוציג. בכלל איז בערנשטיינס זאַמלונג שוין אויף אַזוי פֿיל מפֿורסם געוואָרן, אַז זי נייטיגט זיך ניט אין קיין הסכמות. נאָר איין גרויסן חסרון האָט זי: די שפּריכווערטער זיינען דאָרטן נאָר אין גאָר א קליינע צאָל פֿאַלן לאָקאַליזירט. נאָר זעלטן־ווען שטייט, אַז אַזוי זאָגט מען אין רומעניע, אין דייטשלאַנד א. אַז. וו., דאָס רוב שטייט סתּם אַזוי א שפּריכוואָרט — און גיי טרעף, וואו מען זאָגט דאָס. טאָמער וואָלט מען זיך געקאָנט אָנשטויסן לויט דער אויסשפּראַך — איז אַלצדינג אַריינגעשטופּט אין דעם סדום־בעטל פֿון דעם וואָלינער־פּאָדאָלער דיאַלעקט. געוויינטליך, פּאַראַן שפּריכווערטער, וואָס מען הערט זיי בכל תּפֿוצות ישראל, א שטייגער: «זכות אָבות איז קיין קאַטאָוועס», אָדער: «אַז די מויז איז זאַט, איז דאָס מעל ביטער» און הונדערטער אַנדערע; אָבער ס׳זיינען דאָ נאָך הונדערטער שפּריכווערטער, ביי וועלכע מען ווייס ניט, ווי ווייט עס גרייכן זייערע גרעניצן. דאָ וואָלט אומעטום געמוזט זיין פֿאַרצייכנט, וואו אָדער פֿון וואָסער לאַנדסמאַן דער צונויפשטעלער האָט דאָס געהערט.

69. די זאַמלונגען פֿון שפּריכווערטער אין די «מיטטיילונגען» זיינען זייער וויכטיג און דערגאַנצן גוט בערנשטיינען; נאָר מיט זיי איז דיזעלביגע

צרה, וואָס מיט אַלע אַרטיקלען אין דעם זשורנאַל: מען דאַרף זיין זייער געוואָרנט מיט דער טראַנסקריפּציע, פאַראַן א סך גרייזן. איבערהויפּט זיינען ווערט געדאַכט צו ווערן די אַנטיקן, וואָס זיינען אַרויסגעראַטעוועט געוואָרן פון אַן אונטערגייענדיגער וועלט: פון ביימען, פון מערן, פון פאַרשיידענע דייטשע געגנדן.

70. אין די «מיטטיילונגען» 8 איז אָפּגעדרוקט ד״ר אַ. לאַנדויס א ביבליאָגראַפיע פון יידישע שפּריכווערטער [באַראָכאָוו, No. 168 און 169]; אָבער זי גייט נאָר ביז 1900. איך גיב דאָ די נעמען פון די וויכטיגסטע אַרבעטן, וואָס זיינען אַרויס נאָך דער צייט (אַחוץ די יאָרגאַנגען פון די «מיטטיילונגען», וואָס זיינען פול מיט אַזאַ מאַטעריאַל).

י. פּיראָזשניקאָוו האָט אַרויסגעגעבן 1908 א זאַמלונג «יידישע שפּריכווערטער» (איך האָב געזעהן דאָס בוך מיט א לאַנגער צייט צוריק און נעם זיך איצט ניט אונטער צו זאָגן אויף דעם מבינות).

נ. פּרילוצקי האָט אין זיינע זאַמלביכער I [באַראָכאָוו, No. 163] און II אָפּגעדרוקט העכער 1100 «געאָגראַפישע» שפּריכווערטער און ווערט־לעך (זעה צו דעם די רעצענזיע פון ב. ב. אין פּנקס I).

דער אירקוטסקער ראַבינער ביילין, אַליין א ייד פון מאָהליווער גובערניע, וואָס האָט אין משך פון לאַנגע יאָרן צוגעשטעלט אַזוי פיל מאַטעריאַל פאַר די «מיטטיילונגען», האָט פאַרעפנטליכט 1912 אין אירקוטסק א ביכל: **С. Х. Бейлинъ. Пословицы и поговорки сибирскихъ евреевъ**. עס שטייט אויף דעם: «העפט 1», נאָר מער, דוכט זיך, איז ניט אַרויס. דער יידישער טעקסט איז געדרוקט, צוליב דעם הויכן מעמד פון די אירקוטסקער דרוקן, מיט רוסישע אותיות. די פּירושים זיינען אויך אויף רוסיש. פאַראַן שיינע ווערטלעך אין ה׳ ביילינס זאַמלונג, נאָר ליידער האָט ער געגעבן צו פיל פּירושים: אויף 24 זייטן זיינען געגעבן ניט מער ווי 35 נומערן — ווייטער אַלץ מעשיות, אַנעקדאָטן א. ד. ג., וואָס מען דאַרף כלומרשט האָבן אויף צו פאַרשטיין דעם טעקסט. דאָס ביכל איז פונדעסטוועגן זייער נוציג; ה׳ ביילין ווייזט אָן גאַנץ ריכטיג, אַז צווישן די יידן אין סיביר, וואָס זיצן דאָרטן שוין דורות־לאַנג, האָבן זיך אויפגעהיט אַלטע יידישע ווערטער, ווערטלעך און לידער.

ש. באַסטאָמסקי האָט אַרויסגעגעבן 1920 אין ווילנע: «ביים קוואַל,

ייִדישע שפּריכווערטער, ווערטלאַך, גלײַכווערטלאַך, רעדנסאַרטן, פאַר־גלײַכעניש; ברכות, ווינטשענישן, קללות, חרמות, סימנים, סגולות, זאַבאַבאָנעס א. אַ. ס׳איז מאַטעריאַל פון ווילנע און פון ווילנער קאַנט, אָבער ווער עס קאָן דעם פאַרביגן ווילנער לשון, זעהט באַלד, אַז דאָ פעלט נאָך א סך: «אַז עס קומט דער באשערטער, ווערט אין צוויי ווערטער»; «געלט איז ניט שפּעלט»; «איך וועל ניט קריכן מיטן קאָפּ אין אָרון־קודש»; «אַז ס׳איז א זול, איז א יקרות»; «אַז מען מאַכט א טאָכטער ניט חתונה, מאַכט זי זיך אַליין חתונה»; «אַז מען עסט קנאָבל, שטינקט»; «שלעפער, שלעפער, וואָס וועט זײַן מאָרגן?» (צו א הוליאַקע) — און אַזוי ווײַטער, און אַזוי ווײַטער. דערקלערונגען זײַנען געגעבן, אָבער דאָס רוב בײַ אַזעלכע אויסדרוקן, וואָס יעדערער קאָן זיך אַליין אָנשטויסן. דערפאַר איז ניט אויסגעטײַטשט, וואָס עס הייסט «אויסקרעמלען זיך», «וועסט זיך ניט אונטעררײַסן», «אויפלייגן די אויגן» א. אַז. וו. — (אין אַלגעמיין האָט די זאַמלונג אַ היפּשן ווערט, איך האָב נאָר געוואָלט מאַכן עטליכע באַמערקונגען, און דעריבער האָב איך עובר געווען אויפן דין, אַז מען זאָל מעסטן דאָס וואָס עס איז דאָ און ניט וואָס עס פעלט.)

בײַ באַסטאָמסקין אין דער «הקדמה» (וואָס איז ניט איבעריגס געראָטן) איז אויך פאַראַן א קליינע ביבליאָגראַפישע רשימה.

א היפּשן מאַטעריאַל קאָן מען געפינען אין דער «יעווריייסקאַיאַ סטאַרינאַ».

71. דערמאָנען ווילט זיך מיר וועגן א ביכל, וואָס עס האָט אַרויס־געגעבן דער פּראָפעסאָר פאַר פאָלקלאָר אינם אַלט־נײַעם (איצטער עסטיש) אוניווערסיטעט דערפּעט וו. אַ נ ד ע ר ס אָ ן: Die Geschichte von Kaiser und Abt bei den Minsker Juden (דערפּעט, 1920). דער מחבר איז ביז דער מלחמה געווען פּריוואַט־דאָצענט אין קאַזאַן; אין דער צײַט פון דער דײַטשער אָקופּאַציע איז ער פאַרוואָגלט געוואָרן קיין מינסק און בלית־ברירה געוואָרן א לערער פון דײַטש אין עטליכע שולעס. מיט דער מעשה וועגן דעם קיסר און דעם גלח האָט ער זיך שוין פאַרנומען פריער און אַרויסגעגעבן וועגן דעם א בוך אויף רוסיש; איצטער האָט ער זיך פאַראינטערעסירט מיט דעם, צי איז פאַראַן די מעשה בײַ ייִדן אויך, און

ער האָט אַרויסבאַקומען ביי זיינע תלמידים און תלמידות 24 וואַריאַנטן, וואָס ער האָט פּובליקירט (אין א גוטער לאַטיינישער טראַנסקריפּציע) אין דעם ביכל. ווייטער האָט פּראָפ׳ אַנדערסאָן געווירקט אויף די קינדער, זיי זאָלן אים ברענגען נאָך מעשיות, לידלעך, קינדערשע גראַמען א. אַז. וו., און ער האָט אויף אַזאַ שטייגער אויפגעקליבן, לויט ווי ער גיט איבער, 453 מאַנוסקריפּטן מיט העכער 1300 זייטן. הלוואַי אויף אונזערע יידישע לערער געזאָגט געוואָרן!

72. א באַזונדערן אָרט פאַרנעמט יהודה עלזעט׳ס: «דער וואונדער־אוצר פון דער יידישער שפּראַך», וואַרשע 1918 און פפ. (איך האָב געזעהן דריי העפטן: דאָס דאַוונען, מלאכות און בעלי־מלאכות, יודישע מאכלים). ס׳איז געוויס זייער א נוציגע אַרבעט צו סיסטעמאַטיזירן לויט געוויסע קאַטעגאָריעס דעם פאָלקלאָריסטישן מאַטעריאַל, וואָס איז פאַראַן אין דער יידישער ליטעראַטור און אין די שוין געדרוקטע זאַמלונגען. די דאָזיגע אַרבעט איז אָפּגעטון גוט. אָבער ס׳ווילט זיך פרעגן, צי וואָלט ניט ביי היינטיגן טאָג מער כּדאַי געווען אויפצוקלייבן גלייך פון פאָלק די ווערטלעך און שפּריכווערטער, וואָס ווערן צו־ביסלעך פאַרשוואונדן? דאָס וואָס עס איז אָפּגעדרוקט, וועט שוין ניט פאַרפאַלן ווערן, און דאָ דאַרף מען ראַטעווען דאָס, וואָס עס וועט אין א יאָר צעהן־צוואַנציג אַרום שוין מער ניט זיין! (איך מיין דערמיט ניט אַרויסצוזאָגן א מיינונג, אַז די יידישע פאָלקסשאַפונג גייט אונטער; די קריג, די רעוואָלוציע, די נייע מדינות האָבן געגעבן ניט ווינציג שטאָף פאַר נייע לידער, גלייכווערטלעך, צונעמענישן און אַנעקדאָטן; אָבער דער אַלטער מאַטעריאַל ווערט פאַרגעסן, און דאָס דאַרף מען צונויפנעמען, כּל־זמן ס׳איז נאָך ניט צו שפּעט.)

73. צו דער ליטעראַטור וועגן יידישע פאָלקסלידער וויל איך נאָר דערמאָנען צוויי ביכער, וואָס זיינען אַרויס פאַר דער לעצטער צייט. דאָס איז ערשטנס פריץ מרדכי קויפמאַנ׳ס ע״ה Die schönsten Lieder der Ostjuden (בערלין 1920, Jüdischer Verlag), וואָס מבינים זאָגן אויף דעם, אַז די מוזיקאַלישע זייט איז זייער גוט באַאַרבעט; קיין נייע טעקסטן זיינען דאָרטן ניטאָ. און צווייטנס, ש. לעהמאַנ׳ס זאַמלונג: «אַרבייט און פרייהייט» (וואַרשע, 1921), עטליכע הונדערט

לידער פון דער פרײַהײַטס־באַוועגונג, צווישן וועלכע ס׳זײַנען פֿאַראַן אַ סך טשיקאַווע טעקסטן.

די עלטערע זאַמלונגען (גינזבורג־מאַרעק, י. ל. כהן, נ. פּרילוצקי) זײַנען באַוואוסט, און איך פֿאַרשפּאַר דאָ אויסצושרײַבן זייערע טיטולן.

ט

אויסלאָז

74. אָט אַזוי האָבן מיר אַדורכגעשפּרײַזט איבערן פעלד פון דער יידישער פילאָלאָגיע פון אָנהייב ביזן סוף. דאָ אָפּגעשטעלט זיך אַ ביסעלע לענגער, דאָ געבליבן מער ניט ווי אַ רגע, צו אַ דריטער זאַך אַפילו ניט צוגעגאַנגען נאָהענט. אַזאַ מין איבערבליק מוז נעמען אויף זיך די אַחריות פאַר אַ געוויסער סוביעקטיווקייט. אַפילו אַ ביבליאָגראַפיע אַ גוטע מוז דאָך זײַן סוביעקטיוו, ד״ה אויב זי וויל ניט זײַן סתם אַ רשימה און פאַרצייכענען נעמען פון ביכער, נאָר אויך אָפּשאַצן די ווערדע פון די ביכער. און דער דאָזיגער איבערבליק האָט דאָך געזאָלט זײַן עפּעס אַנדערש ווי אַ ביבליאָגראַפיע; ער האָט לכתחילה געוואָלט דערמאָנען ניט אַלץ, נאָר דאָס וויכטיגסטע, כדי דער לייענער זאָל זיך קאָנען אָריענטירן און געפינען אַ וועג.

די אונטערשטע שורה?

מיר האָבן געפרעגט, וואָס מיר האָבן און וואָס אונז פעלט. פעלן פעלט אונז נאָך אַ ים (יאָ, אַ ים, וואָס שעפּט זיך קיינמאָל ניט אויס); אָבער מיר האָבן שוין אויך אַ היפּש ביסל, מער ווי אַנדערע רעכענען. עס ווילט זיך האָפן, אַז די ידיעות, וואָס זײַנען דאָ געבראַכט, וועלן צוגעבן חשק דעם אָדער יענעם אַרײַנצודרינגען טיפער אין דער וויסנשאַפט פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור.

דאָס איז ניט אַזאַ גרינגע אַרבעט. אָבער ס׳איז ווערט די מי!

דאָס ערשטע יאָרהונדערט יידישע שפּראַכפאָרשונג

ווען ס'איז אין דריטן יאָר פון דער וועלט־מלחמה אַרויסגעגאַנגען פּראָפ' הערמאַן שטראַקס יידיש ווערטערבוך, איז דאָס פאַרן גרעסטן טייל לעזער געווען קָשה: ווי קומט דאָס א בערלינער פּראָפעסאָר פון טעאָלאָגיע, אַן עוואַנגעלישער קריסט מבֿטן ולֵידה, צו פאַרנעמען זיך מיט יידיש? צי איז דאָס ניט א חידוש, וואָס גראָד א דײַטש האָט זיך אָפּגעגעבן מיט אונזער שפּראַך אין דער צײַט פונם גרויסן נאַציאָנאַליסטיש־ציוניסטישן טאַרעראַם בײַ די דײַטשע יידן?

נאָר זאָל דער וואונדער קיין וואונדער ניט זײַן. פּראָפ' שטראַק איז דערווײַלע דער לעצטער, אָבער ווײַט ניט דער ערשטער קריסטליכער טעאָלאָג, וואָס פאַראינטערעסירט זיך מיט יידיש. ער איז — באַוואוסט־זיניג צי אומבאַוואוסטזיניג — דער יורש פון א לאַנגער טראַדיציע. ניט נאָר אין ערשטן יאָרהונדערט פון דער יידישער שפּראַכפאָרשונג — אין זעכצעהנטן יאָרהונדערט — נאָר ביז אין 19טן י"ה אַרײַן האָבן קריסטן געשריבן וועגן יידיש פאַראייַנס מיט יידן, און גראָד קריסטן האָבן מיר צו פאַרדאַנקען גאָר גרויסע אויפטוען פון אונזער וויסנשאַפט: א בוקסטאָרפן, א קריזאַנדערן, אַ וואַגענזיילן. געווען צײַטן, ווען פּראָ־פעסאָרן האָבן אין די דײַטשע אוניווערסיטעטן געלייענט קורסן פון יידיש. אמת, דאָס זיינען אַלץ געווען ניט קיין «אָנהענגער פון יידיש» מיטן הײַנטיגן פּשט פון וואָרט, זיי האָבן געהאַט דערבײַ זייערע אייגענע כוונות. אָבער מען דאַרף דאָך האָבן א היסטאָרישע פּערספּעקטיוו. דאָס איז דאָך דער פּסק פון אַלע פאָלקסשפּראַכן, פון אַלע פאָלקסליטעראַטורן, וואָס פריער באַמערקט מען זיי סתּם ניט; דערנאָך, אַז זיי וואַקסן אויס

און וואַרפֿן זיך שוין צופֿיל אין די אויגן, נעמט מען זיי אויסניצן צוליב זײַטיגע, קלויסטערשע אָדער פּעדאַגאָגישע צילן. די קריסטליכע פֿאָרשטער, מיט וועלכע מיר וועלן זיך באַלד באַגעגענען, זײַנען גאָר אָפּטמאָל ברוגז אויף אונז יידן, וואָס מיר האָבן קאַליע געמאַכט די שיינע דײַטשע שפּראַך. נאָר מיר זײַנען זיי דאָס מוחל במחילה גמורה. בײַ די יידישע לומדים און מדקדקים, וואָס האָבן געשריבן אין פֿאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער וועגן יידיש, איז דאָך אויך דאָס אייגענע: זיי האָבן אויך ניט געטון פֿאַר יידיש לשמה. נאָר מיר האָבן גאָרנישט ניט צו די און ניט צו יענע: זיי זײַנען געווען זין פֿון זייער דור. אַדרבא, עס קומט זיי אַלעמען א דאַנק דער־פֿאַר, וואָס זיי האָבן זיך אַרומגעקוקט אויף דער יידישער שפּראַך, וואָס זיי האָבן זיך פֿאַראינטערעסירט מיט איר בוי און מיט אירע געזעצן. זיי זײַנען געווען די ע ר ש ט ע אין דער אַרבעט; ווײַל דאָס וואָס עס איז פֿאַראַן אין יידישע מקורים פֿון פֿריערדיגע יאָרהונדערטער ביזן זעכצעהנטן (טײַטש־ווערטער, גאַנצע יידישע זאַצן און אַפֿילו גאַנצע ווערק יידישע) איז נאָר מאַ ט ע ר י אַ ל פֿאַרן יידישן שפּראַכפֿאָרשער, ניט די יידישע שפּראַכ־פֿאָרשונג גופֿא.

דער דאָזיגער עטיוד נעמט אַרום די יידישע פֿילאָלאָגיע פֿון ז ע כ־צ ע ה נ ט ן יאָרהונדערט. דאָ זאָל געמאַכט ווערן א פּרוב צו אַנטפּלעקן ניט נאָר די פֿאַקטן, ניט נאָר די אויפֿטוען, וואָס זײַנען געבליבן, נאָר אויך די געזעלשאַפֿטליכע אַטמאָספֿערע און די כּוונות פֿון די פֿאָרשער.

.1

אין קריסטליכן מיטלעלטער איז לאַטײַן געווען די איינציגע שפּראַך פֿון גאָטסדינסט און בילדונג, די איינציגע, וואָס האָט געפּאַסט פֿאַר א לײַטישן מענטשן. דער כּלל איז געווען, אַז מען מעג אַכפֿערן גאָט אויף דרײַ לשונות: אויף העברעאיש, גריכיש און לאַטײַן. נאָר אַזוי ווי קיין העברע־איש און גריכיש האָט מען ניט געקענט, איז געבליבן לאַטײַן אַליין. וועגן די וואָכעדיגע שפּראַכן אין גאָטסדינסט האָט אין מערב־אייראָפּע ניט גע־טאָרט זײַן קיין רייד — און אַחוץ גאָטסדינסט און טעאָלאָגישע סכאָלאַסטיק זײַנען דאָך ניט געווען קיין אינטערעסן אין א תּקופֿה, וואָס האָט גע־האַלטן, אַז די וויסנשאַפֿט איז נאָר א דינסטמויד בײַ דער קירך, האָט

דאָך נאָך אין 1486, ד״ה מיט א קורצער צײַט פאַר דער רעפאָרמאַציע, דער מאַינצער אַרציביסקופּ גוזר געווען: קיין שום רעליגיעזע ביכער טאָרן ניט איבערגעזעצט ווערן אויף דײַטש, סײַדן מיטן הֶכשר פון געוויסע קאָמיסאַרן, מחמת די דײַטשע שפּראַך איז ניט גענוג בייגעוודיג און איז ניט פעאיג איבערצוגעבן געטרײַ די טיפע געדאַנקען פון די גריכישע און לאַטײַנישע שריפטן.[1]

מיר זעהען שוין אָבער דאָ א גרויסן פּראָגרעס: דער אַרציביסקופּ רעדט שוין וועגן לאַטײַן און גריכיש. דאָס גריכיש איז געווען גאָר א יונגער געווינס פון 15טן י״ה; ביז יעמאָלט האָט מען געשטודירט די גריכישע פילאָסאָפן און אַפילו דעם נײַעם טעסטאַמענט נאָר אין לאַטײַנישע איבער־זעצונגען. דער גרויסער עראַסמוס פון ראָטערדאַם, איינער פון די קעפּ פון האָלענדיש־דײַטשן הומאַניזם, איז געווען דער הויפּטפאָרשפּרייטער און הויפּטפאַרטיפער פון די גריכישע קענטענישן. זײַן קריטישע אויסגאַבע פונם נײַעם טעסטאַמענט האָט באַוויזן, וויפיל ניטפאַרשטייענישן, וויפיל בפֵרושע גרײַזן ס׳האָבן געשטעקט אין דער לאַטײַנישער איבערזעצונג, אין דער «וואולגאַטאַ», וואָס מען האָט ביז ניט לאַנג פאַרהייליגט. גריכיש איז געוואָרן א מוז־זאַך פאַר איטליכן געלערנטן. די הומאַניסטן ריידן אין זייער קאָרעספּאָנדענץ סתם וועגן «ביידע שפּראַכן», און די שולן, וואו מען לערנט לאַטײַן און גריכיש, הייסן «צוויישפּראַכיגע קאָלעגיומס».

צום אָנהייב פון 16טן י״ה געפינען מיר שוין «דרײַשפּראַכיגע קאָלע־גיומס»: עס איז נאָך צוגעקומען העברעאיש אויך.

פונקט ווי מען האָט פאַרן נײַעם טעסטאַמענט געזוכט דעם גריכישן אור־קוואַל, אַזוי האָט מען זיך באַלד געמוזט אָנשטויסן, אַז מיט דער לאַטײַנישער איבערזעצונג פון תּנ״ך איז אויך ניט אַלצדינג גלאַטיג. מען האָט געבענקט נאָכן אָריגינאַל, און דערצו האָט מען געדאַרפט האָבן העברעאיש. גראַף פּיקאָ דעלאַ מיראַנדאָלאַ (געשטאָרבן 1494), דער גרויסער איטאַליענישער הומאַניסט, האָט שוין געקאָנט העברעאיש און אַפילו געלערנט קבָלה. אָבער דער אמתער אויפשטײַג פון די העברעאישע שפּראַך־קענטענישן וואַקסט ניט פון איטאַליע, נאָר פון האָלאַנד און דײַטשלאַנד.

---

[1] Gieseler, Kirchengeschichte II, 4, 350.

יאָהאַן רייכלין — דאָס איז דער נאָמען פונם מאַן, וואָס דאַרף דאָ קודם־כּל דערמאָנט ווערן. ער האָט אפשר געהאַט געוויסע פאָרגייער, נאָר מען מעג זאָגן אויף זיכער: ער איז געווען דער לערער פון העברעאיש פאַר דער גאַנצער קריסטליכער וועלט. ער איז געווען א גרויסער בקי אין גריכיש אויך, און אַן אָנצוהערעניש אויף דעם געפינען מיר שוין אין זײַן צונאָמען: ער אַליין רופט זיך «קאַפּניאָן», און זײַנע גוטע פרײַנד, די הומאַניסטן, רופן אים אויך אַזוי. «רויך» הייסט אויף גריכיש «קאַפּנאָס», און דעריבער הייסט רייכלין (= רייכעלע, א קליינער רויך): «קאַפּניאָן».[1]

רייכלין איז געוואָרן דער «מײַסטער פון די דרײַ שפּראַכן». נאָך לאַנגער שווערער מי גיט זיך אים אײַן צו באַהערשן די העברעאישע שפּראַך. יאָרן און יאָרן האָט ער זיך געמאַטערט איינער אַליין, ביז וואַנען ער האָט זיך אָנגעשטויסן בײַם הויף פון קיסר פרידריך III. אויף א יידישן דאָקטער יעקב יחיאל לאָאַנס. אָט דאָס באַגעגעניש, שרײַבט ל. גייגער, איז געווען א וועלטהיסטאָרישער מאָמענט.[2] לאָאַנס איז געוואָרן רייכלינס רבי, און אים צוזאַמען מיט רייכלינס שפּעטערדיקן רבין, עובדיה ספורנו (Sforno), האָט די קריסטליכע וועלט צו פאַרדאַנקען די העברעאישע קענטענישן, וואָס זי פאַרמאָגט.

בײַם ברייטערן עולם איז נאָך דאָס העברעאיש געווען גענוג טרייף, וואָרים ס׳איז דאָך געווען די שפּראַך פון די פאַרהאַסטע און פאַראַכטע יידן. מעכטיגע כוחות זיינען נאָך אַרויסגעטראָטן קעגן: גענוג צו דערמאָנען זיך די העצע, וואָס דער משומד פּעפּערקאָרן מיט די דאָמיניקאַנער האָבן געפירט קעגן תּלמוד. אָבער גראָד רייכלין האָט געהאָלפן דורכברעכן די וואַנט: צו אים, דעם מלומד, האָט זיך געווענדט דער קיסר מאַקסימיליאַן, און רייכלין האָט זיך הייס אָנגענומען פאַר די יידישע ספרים. דער פּויפּס, די

---

[1] ס׳איז אַזאַ מאָדע פון דער צײַט, אַז מען בײַט די נעמען, ווער אויף לאַטײַן און ווער אויף גריכיש. דעזידעריוס עראַסמוס האָט אַפילו אַרײַנגעכאַפּט בײדע שפּראַכן. געהייסן האָט ער: Geer Geerts, וואו «Geer» באַטײַט אַן ערך «דער באַגערטער», געליבטער; האָט ער איבער־געזעצט דעם ערשטן נאָמען אויף לאַטײַן און דעם צווייטן אויף גריכיש, און ס׳איז אַרויסגעקומען אַזאַ אַלטקלאַסישער נאָמען ווי «דעזידעריוס עראַסמוס».

[2] גייגער, ז׳ 26. — גייגערס בוך איז אַפילו איצט פאַרעלטערט אין אַנדערע פּרטים, נאָר אין אַלגעמיין איז עס נאָך ביז הײַנטיקן טאָג דאָס בעסטע, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן וועגן דעם ענין.

העכסטע אינסטאַנץ פון דער קירך, האָט איינגעשטימט מיט רייכלינען, און ס'איז אַראָפּגענומען געוואָרן דער איסור צו דרוקן די תּלמודישע און רבנישע ליטעראַטור.

דאָס האָט ווייטער געשטאַרקט דעם חשק צו פאַרנעמען זיך מיט דער הייליגער שפּראַך, «אויף וועלכער גאָט אַליין האָט גערעדט», «וואָס האָט אָנגעהויבן קלינגען נאָך אין גן־עדן».[1] עס איז שוין אויפגעקומען א גאַנצע גרופּע מענטשן, ווער מיט מער קענטעניש, ווער מיט ווינציגער, נאָר אַלע מיט א גרויסן חשק צו קענען, און די אַלע מענטשן קוקן אויף רייכלינען, ווי אויפן קאָפּ פון זייער גאַנצער עֵדה.

אָט דאָ, צווישן דעם עולם פון רייכלינס חסידים, געפינען מיר — א געלערנטן איז שווער צו זאָגן, נאָר א לערנער, וואָס האָט שוין א דירעקטע שייכות צו דער געשיכטע פון דער יידישער שפּראַכ־פאָרשונג.

2.

אין 1518 איז אין דער שטאָט רעגנסבורג ביי דער טיר פון אַן אַכסניא געווען צוגעקלאַפּט אַזאַ מין צעטעלע:

«איך יוחנן בישנשטיין קייזרליך מאישטאט קאפעלאן וויל איינן אידן [= יעדן] אין זיכז [= זעקס] טגן לערן היבראיש טויטש לערן שרייבן אונ' לעזן אום איין צימליך געלט ווער לערנן וויל דער קום אין דיזא הירווערג [= האַרבעריג] היא אנגישלאגן».

אַן אינטערעסאַנטער פּאַרשוין, אָט דער בעשענשטיין, דער ערשטער מחבר פון כּללים ווי אַזוי צו שרייבן יידיש. א מענטש פון נידעריגן שטאַנד, ווי א סך הומאַניסטן; א נע־ונדניק זיין גאַנצן לעבן, ווי דאָס רוב הומאַניסטן. א טיפּישע פיגור.

אויסגעפינען די ביאָגראַפיעס פון יענעם דור מענטשן איז ניט פון די גרינגע זאַכן. כּל־זמן זיי האָבן געלעבט, האָט מען זיך מיט די פּרטים פון זייער לעבן ווינציג וואָס אינטערעסירט, די מעטריקעס און די קלויסטערשע פּנקסים זיינען אָפטמאָל פאַרברענט און צעריסן געוואָרן. איין גליק נאָר,

[1] דאָס זיינען ציטאַטעס פון קריסטליכע טעאָלאָגישע שריפטן; זיי זיינען געבראַכט ביי גייגערן, ז' 4 אָנמ'.

וואָס מענטשן האָבן אין יענע צײַטן געהאַט א טבע צו ריידן וועגן זיך א סך מער ווי הײַנט· יעטווידער ביכל, וואָס מען האָט אַרויסגעגעבן, פלעגט מען באַלייטן מיט א לאַנגער הקדמה, דאָס רוב א הייליגונג צו עפּעס א גוטן־פרײַנד א געלערנטן, און דאָרטן פלעגט מען אַגב־אורחא דערציילן פאַקטן פון דער אייגענער און פון דעם אַדרעסאַטס לעבנסגעשיכטע· מען פלעגט זיך שרײַבן בריוו איינס צו די אַנדערע, און א בריוו פלעגט מען יעמאָלט שיקן מיט א געלעגנהייט, וואָס האָט זיך געמאַכט ניט אַזוי אָפט; פלעגט מען אַרײַנלייגן אין דעם א סך מער מי און זאָרגעוודיקייט· פלעגט א הומאַניסט קויפן א בוך אָדער א כתב־יד, האָט ער געהאַט א טבע אָנצושרײַבן בפרוטרוט זײַן נאָמען און דעם אָרט, וואו ער האָט דאָס געקויפט, און ווען, און פון וועמען· אַמאָל טרעפט, אַז אַן אַנדער שרײַבער דערמאָנט זײַנע קאָלעגן צום גוטן אָדער צום בייזן· אָט פון אַזוינע ברעקלעך, פון איינציגע אָפּגעריסענע ידיעות, קומט אויס איצטער צו קאָמבינירן א בילד· טרעפט טאַקע טיילמאָל, אַז גאַנצע יאָרן אין עמיצנס לעבן בלײַבן פאַר אונז אינגאַנצן א רעטעניש·

בעשענשטיין האָט געהאַט אַן אומגליק, וואָס מען האָט אים חושד גע־ווען, אַז ער שטאַמט פון יידן· צי דער חשד איז געווען א באַרעכטיגטער, וועלן מיר באַלד זעהן; ער אַליין האָט דאָס אָבער שאַרף געלייקנט און אַפילו אַרויסגעגעבן א ספּעציעלע שריפט צו פאַרענטפערן זיך קעגן דעם בלבול: אַזוינע ליגנס, זאָגט ער, וואַקסן פון די שונאים פון העברע־איש, וואָס ווילן פאַרמיאוסן די שפּראַך, טענהענדיג, אַז אירע פאַר־שפּרייטער זיינען יידן· «ווען איך וואָלט יאָ געווען א ייד, וואָלט איך זיך צוליב דעם ניט געהאַלטן נידעריגער בײַ גאָט, וואָרים איך ווייס, אַז בײַ גאָט זיינען אַלע גלײַך, איטליכער, וואָס פאַרכט גאָט און טוט גע־רעכט, דער איז אָנגענומען בײַם רבונו של עולם, פון וואָסער פאָלק אָדער שטאַם ער זאָל ניט זײַן; אָבער איך מוז פונדעסטוועגן מבטל זײַן דעם חשד צוליב מײַנע קינדער און קינדסקינדער»[1]· ער איז געבוירן גע־וואָרן, זאָגט ער, פון פרומע קריסטליכע עלטערן אין דער שטאָט עסלינגען (אין ווירטעמבערג), און זײַנע שוועסטערקינדער זיינען נאָך

[1]) דער דײַטשער אָריגינאַל פון דעם זאַץ איז געבראַכט בײַ גייגערן, ז׳ 49·

הײַנט ערליכע פישער אין א קליין שטעטל אין דער שווייץ, לעבן קאָנ־סטאַנץ.

ס'איז אָבער א גרויסע סברא, אַז דאָס לייקענען איז טאַקע געווען פון די קינדערס און קינדסקינדערס וועגן. דאָס וואָס סעבאַסטיאַן מינסטער[1] רופט אָן בעשענשטיינען (געשמדטער ייד), baptizatus Judaeus קאָן מען נאָך אויסטײַטשן מיט קנאה פון א העברעער א קאָנקורענט. נאָר מיר האָבן א גבֿית־עדות פון מעלאַנכטאָנען (לוטערס נאָהענטסטן מיטהעלפער בײַ דער רעפאָרמאַציע), וואָס האָט זיך דווקא באַצויגן צו בעשענשטיינען זייער גוט. אָט זיינען זײַנע ווערטער[2]: «מיר האָבן געהאַט מיט 30 יאָר צוריק דאָ אין וויטענבערג א פּראָפעסאָר פון העברעאיש, פלעגט ער זאָגן: וואָס זאָל איך דאָ טון? אַנדערשוואו קאָן איך געפינען א בעסערע פרנסה. איך האָב אים געפרעגט, וואו איז דאָס אַזוינס. האָט ער גע־ענטפערט: אין רעגענסבורג קאָן איך לעבן פרײַ צווישן די יידן. איינמאָל האָב איך אינדערפרי פון מײַן געזונט וועגן געשפּאַצירט אין טעמפּל [מסתמא: שולהויף]. איז געקומען אַן אַלטע יידענע, געגעבן מיר א באַצען [אַזאַ מטבע] און געבעטן מיך, איך זאָל פאַר איר זאָגן תהלים [מעלאַנכטאָן: ut legam pro se missam]; דערנאָך איז געקומען א צווייטע און א דריטע, און אַזוי קאָן איך פאַרדינען פאַר א וואָך זעקס באַצען.»

דער פּראָפעסאָר, וועגן וועמען מעלאַנכטאָן רעדט אין 1550טן יאָר, איז ניט קיין אַנדערער, ווי בעשענשטיין. אין 1518 איז ער טאַקע געווען א קורצע צײַט אין וויטענבערג, און מיט א קורצער צײַט פריער איז ער געווען אין רעגענסבורג. דאָס ווייסן מיר פון א נאָטיץ, וואָס ער האָט געמאַכט מיט זײַן אייגענער האַנט אויף א העברעאישן כתב־יד פון תהלים, וואָס געפינט זיך הײַנט אין מינכען.[3] דאָרטן שטייט אָנגעשריבן אַזוי: «דש תהלם [!] הב איך יוחנן בֿישנשטיין קאופט צו טובינגען בשנת א״ קת״

---

1) זעה ווײַטער אין דעם אַרטיקל.

2) איבערגעזעצט פון לאַטײַן אויף דײַטש (ניט אינגאַנצן גענוי) בײַ גייגערן ז' 52.

3) זעה שטיינשנײַדערס קאַטאַלאָג פון די מינכענער העבר' כ״י No. 400 און פערלעס ז' 27.

אַגב: שטיינשנײַדער האַלט (Zeitschrift für die Geschichte der Juden in Deutschland I, ז' 285) אַז פערלעסעס פּרוב איבערצוזעצן 'eine Messe lesen,' («missam legere») מיט זאָגן תהלים' איז «zu gewagt».

י״ז אום רביעי זהב», און א שטיקעלע ווײַטער: «משה אוירבאך טובו׳ רבו׳ עשה לי וכל הקהלה בריגנשפורג י״י יתן [«יָגן»?] עליהם»· הייסט עס׳ אַחוץ די פּאָר אַלטע יידענעס האָט בעשענשטיין געהאַט נאָך גוטע פרײַנד אין רעגענסבורג· און אויב מען קאָן נאָך משער זײַן׳ אַז די קריסטליכע קאָלעגן־קאָנקורענטן בעשענשטיינס האָבן אים ע״פּ טעות אָנ־גענומען פאַר א ייד׳ קאָן מען אָבער זײַן זיכער׳ אַז די רעגענסבורגער קהילה און די אַלטע יידענעס אויפן רעגענסבורגער שולהויף האָבן שוין געוויס קיין טעות ניט געהאַט·[1])

ווי די מעשה איז׳ קיין מזלדיגן לעבן האָט בעשענשטיין ניט געהאַט· די יידן׳ שרײַבט ער׳ רודפן אים׳ ווײַל ער זאָגט אויס פאַר די קריסטן זייערע סודות (און אויב ער איז געווען א משומד׳ האָט ער מסתּמא טאַקע בײַ יידן קיין האָניג ניט געלעקט׳ סײַדן זיי האָבן ניט געוואוסט וועגן זײַן שמד); און די קריסטן ווידער קאָנען אים ניט מוחל זײַן׳ וואָס ער גייט אום מיט יידן· אַפילו אין תּפיסה איז אים אויסגעקומען צו זיצן; פאַר וואָסערע מעשים־טובים׳ פאַרשווײַגט ער· זײַן פרנסה איז אויך גע־ווען צו דערלײַדן· פון וויטענבערג איז ער אַפּנים אַוועק׳ ווײַל מען האָט אים געצאָלט צו ווינציג; און ווען ער איז 1521 געקומען קיין היידעל־בערג׳ 49 יאָר אַלט׳ מיט די בעסטע רעקאָמענדאַציעס אין קעשענע׳ איז ער געווען זייער אָן אָנגעלייגטער גאַסט אין אוניווערסיטעט׳ נאָר קיין געהאַלט האָט דער קורפירשט ניט געוואָלט צאָלן· די אַנדערע פאַקולטעטן האָבן באַשלאָסן צו געבן צושטײַער פון זייערע אייגענע מיטלען פאַר דער פּראָפעסור פון העברעאיש׳ נאָר אַרום און אַרום האָבן זיי געקאָנט אויפ־

---

[1]) פערלעס מיינט אַפילו (ז׳ 27)׳ אַז בעשענשטיין האָט זיך אַליין מודה געווען׳ אַז ער איז א משומד· אין דעם זעלביגן מינכענער העברעאישן כ״י .No 400 שטייט אויף דער צווייטער זײַט: «זולט איין משומד אין אמנה העולי׳ אלז ויל ליידן אלז ביי יהודי׳ מן וערד קיין משומד אים עולם דש גלאב איך גענצליך»· — דאָס ברענגט שטיינשנײַדער אין זײַן מינכענער קאַטאַלאָג׳ שטעלנדיג נאָך «העולי׳» א «so» און נאָך «גענצליך» א פרעגצייכן· דער פשט פון זאַך איז אָבער קלאָר: דער משומד׳ וואָס שרײַבט דאָס׳ האָט געהאַט אויסצושטיין גוטע צרות פון יידן· איז פערלעס משער׳ אַז דאָס האָט געשריבן בעשענשטיין· אָבער ערשטנס ווײַזט שטיינשנײַדער אָן׳ אַז דער דאָזיגער זאַץ איז געשריבן «von etwas verschiedener Hand»׳ און צווייטנס האָט דאָך בעשענ־שטיין אָקאָרשט אַליין געשריבן און אונטערגעחתמעט׳ אַז ער האָט געהאַט טובות פון יידן! פערלעסעס השערה איז ניט אינגאַנצן גלאַטיג· — איך אַליין האָב לײדער ניט געהאַט קיין מיגליכ־קייט צו זעהן דעם מינכענער כ״י׳ האָב איך דעריבער ניט קיין אייגענע מיינונג ניט וועגן דעם כּתב און ניט וועגן די ספקדיגע ווערטער·

קליַיבן א 20—25 גאָלדגולדען א יאָר· דאָס האָט אַפילו אין יענע צײַטן ניט געקלעקט אויף חיונה׳ און אין אויגוסט 1522 האָט בעשענשטיין פונ־דאַסנײַ גענומען זײַן פּעקל אין האַנט· געשטאָרבן איז ער מיט 10 יאָר שפּעטער׳ 60 יאָר אַלט; זײַן געבוירן־יאָר איז געווען 1472·

וואו ער האָט זיך געהאַט געלערנט העברעאיש׳ ווייסן מיר ניט· אין זײַן היימשטאָט עסלינגען געפינען מיר אים שוין פאַר א לערער· ער אַליין דערציילט׳ אַז זײַן רבי איז געווען Mosche Möllin פון דער שטאָט ווײַסענבורג; דאָס איז דער איינציגער׳ וואָס איז אים געבליבן געטרײַ אין אַלע אָנשיקעניש פון לעבן· עס איז אים שווער אָנגעקומען צו לערנען «moseas voces»[1]׳ און ער האָט דאָס געמוזט באַהאַלטן׳ שרײַבט ער׳ «ווי א טײַערן פּערל׳ וואָס מען רײַסט אַרויס בײַ די שונאים»· קיין גרויסער למדן איז ער ניט געוואָרן׳ דאָס זעהט מען אַרויס פון אַלץ וואָס ער האָט געשריבן·

3.

דאָס מזל האָט געפירט בעשענשטיינען דורך גאַנץ דרום־ און מיטל־דײַטשלאַנד· מיר געפינען אים אין מינכען און אין נירנבערג׳ אין וויטענ־בערג און אינגאָלשטאַט׳ אין רעגענסבורג און אין דאָנויוועורט· אין 1514 איז ער פאַרוואָגלט געוואָרן קיין אויגסבורג׳ און דאָרטן האָט ער אָפּ־געדרוקט דאָס קליין ביכעלע׳ וואָס רופט אַרויס בײַ אונז אַזאַ גרויסן אינטערעס· ס׳איז די ערשטע זאַמלונג פון כּללים׳ ווי אַזוי צו שרײַבן דײַטש מיט העברעאישע אותיות· געשריבן נעבעך שטאַרק אומבאַהאָלפן׳ ממש קינדעריש· אָבער פאַר אונז איז וויכטיג׳ אַז עס איז געווען א באַדערפעניש אין אַזאַ ביכל·

שוין די אײַנטיילונג פונם מאַטעריאַל און דער טעקסט מאַכן א קלאָגע־דיגן אײַנדרוק· די ערשטע זײַט ברענגט דעם טיטול׳ וואָס דערציילט אויס׳ ווי דער שטייגער איז׳ אַלצדינג וואָס עס שטייט אין דעם בוך[2]·

גלײַך אויף דער צווייטער זײַט (קיין פרײַע קעגנזײַט פונם שער איז ניטאָ) גייט א לאַטײַנישע הקדמה אין דער פאָרם פון א בריוו צו רייכלינען·

---

[1] ווערטליך: «די מאָזאַאישע קלאַנגען»׳ ד״ה די העברעאישע (משה רבינו׳ס) שפּראַך·

[2] זעה די רעפּראָדוקציע אויף דער נאָהענטסטער זײַט· — «ארבעה אותיות» מיינט דעם נאָמען פון גאָט (יהוה); אַלזאָ׳ א וואַריאַנט פונם אויסדרוק «בשם ה׳»·

בשם איבעד אותיות

CONTENTA IN HOC LIBELLO NVPER
a Ioanne boeſchenſtein eſſlingenſi edita.

Elementale introductoriu in hebreas litteras
teutonice & hebraice legendas
Decem precepta Exodi. xx.
Oratio dominica Math. vi. Luce. xi
Salutatio angelica Luce primo
Simbolum apoſtolorum
Canticum Marie Luce. i.
Canticum Simeonis. Luce. z.
Añ. Veni ſancte
Añ. Salue regina
Canticum zacbarie. Luce. i.

דער מחַבר דערציילט דאָרטן וועגן די רדיפות אויף אים, ווײַל מען האָט אים חושד געווען, אַז ער איז א ייד, דערמאָנט צום גוטן זײַן רבי'ן Mosche Möllin. בעשענשטיין ברענגט א גאַנצע ריי מענטשן, וואָס האָבן געלערנט בײַ אים העברעאיש; לויט זייער פאַרלאַנג, אָבער מער ווי אַלץ לויט רייכלינס בקשה, האָט ער אָנגעשריבן דעם חיבור. אים, קאַפּיאָנען, וואָס איז אַזוי געניט אין די דרײַ שפּראַכן, הייליגט ער דאָס דאָזיגע ביכל.

דערנאָך גייען צוויי לאַטײַנישע שירים צו בעשענשטיינען, וואו מען זאָגט אים צו אַן אייביגן שם פאַר זײַן אויפטו; ווײַטער דער פסוק דברים כ"ז, ח' און די לאַטײַנישע איבערזעצונג דערפון.

דערמיט זיינען פאַרנומען די ערשטע פינף זײַטן. אַצונדערט, אָהן שום קעפּל און אָהן שום איבערגאַנג, אויף דער זעקסטער זײַט (רעכטס) גייט דער קורסיוו־אלף־בית (ווײַבערטײַטש), און דערנאָך שטייט:

אי	pro i in principio tenens vim vocalis	אוֹ א וֹ	pro o quia iudaei carent littera o in alphabeto
אוֹ	v in principio tenens vim vocalis		
אוי	pro au vel eu		
איי	pro ai in principio	ח	Haec tria elementa non scribuntur nisi in lingua sancta
יי	pro ei	ס	
ו	pro v consona in principio, sed alias semper vocalis	ת	
בֿ	pro f leni		
פֿ	pro ff duplici	ק	k, c, q
שפ	pro sp		
שט	pro st		

דערמיט איז פול די גאַנצע זעקסטע זײַט. קיין סך שטייט דאָ ניט, אָבער א ביסל פאָרט. מיר ווערן געוואויר, אַז מען שרײַבט וֹ, א אָדער אוֹ פאַר o, «ווײַל יידן האָבן ניט קיין o אין זייער אלף־בית». ח, ס, ת ניצט מען נאָר אין העברעאישע ווערטער (וואָרים ch און t ווערן באַצייכנט דורך כ און ט; ש באַטײַט אי s, אי š). ווען מען דאַרף אין אָנהייב וואָרט א i, u[1]), au, אָדער ei, דאַרף מען פאַרן וואָקאַל שטעלן אַן «א». א «ו» וואָרט אײַן באַטײַט ניט קיין u, נאָר א v, ד"ה אי אַ w, אי א f; וואָרט־אין ווערט אַ w באַצייכנט דורך בֿ.

אויף דער זיבעטער זײַט גייען נאָך ווײַטער די כּללים:

«אויב אין אָנהייב וואָרט שטייען צוויי קאָנסאָנאַנטן, וואָס קאָנען פאַר זיך, אָהן אַ וואָקאַל, ניט זײַן קיין טראַף, קאָן מען זיך פאָרשטעלן צווישן זיי דעם וואָקאַל a, א שטייגער מרטין, ד"ה Martin.

[1]) בעשענשטיין שרײַבט ניט u, נאָר v; אין דער עלטערער לאַטײַנישער שריפט פלעגט מען פאַרביידע קלאַנגען ניצן דעם זעלביגן אות, די דיפערענצירונג איז א יונגער אויפטו.

«אויב צום סוף וואָרט שטייט א ליקוויד: l׳ m׳ n אָדער r׳ קאָן דורכ־געלאָזן ווערן דער אות e׳ א שטייגער פּ ט ר«׳ [id est pater[1]]׳ טײַטשט אויס בעשענשטיין׳]

«אָן אויסנאַם זיינען איינטראַפיגע ווערטער׳ למשל מעל׳ וואָרים אין אַזוינע איינטראַפיגע ווערט דורכגעלאָזן ניט e׳ נאָר a׳

«אָנמערקונג: יידן פאַרטאָפּלען ניט בײַם שרײַבן קיין שום אות׳ נאָר אָנשטאָט דעם שטעלן זיי א פינטל אינמיטן אות׳ וואָס הייסט דגש׳ למשל מילר׳ וואָס דאָס פינטל פאַרטאָפּלט און שטאַרקט דעם אות l׳[2] אַזוי דאַרפסטו אויך פאַרשטיין אין אַנדערע ענליכע פאַלן׳»

«פון דעם דאָזיגן אַלף־בית און פון די קורצע כללים ווערסטו׳ אָ לעזער׳ אויפן אָנגענעמסטן אופן דורך דײַן אייגענער פלײַסיקייט׳ אָהן גרויסער מי׳ קאָנען לייענען און שרײַבן מיט העברעאישע אותיות סײַ אונזער פאָלקס־שפּראַך׳ סײַ לאַטײַן׳»

«און איצט — צו די גרויסהאַנטיגע אותיות׳»

די גרויסהאַנטיגע אותיות (litterae majusculae)׳ להיפוך צו דער ווײַבערטײַטשער קורסיוו־שריפט — דאָס איז העברעאיש׳ און דערמיט שעפּט זיך אויס אונזער אינטערעס פאַר דעם ביכל׳ אויף דער איינס־פאַר־לעצטער זײַט שטייט׳ אַז דאָס ווערק איז געדרוקט אין מאַי מאָנאַט 1514 אין אויגסבורג׳ בײַ Erhard Oeglin׳ אויף דער לעצטער זײַט גע־זעגנט זיך בעשענשטיין מיט די לעזער:

JOANNES BOESCHENSTAIN

שָׁלוֹם וְשַׁלְוָה לְכָל קוֹרְאִים

און ער זאָגט אָן דעם לעזער׳ אַז דאָס ביכל דאַרף מען לייענען ניט ווי אַנדערע ביכער: ניט פון לינקס אויף רעכטס דאַרף מען גיין׳ נאָר פון רעכטס אויף לינקס׳

---

[1] דאָס הייסט «פאַטער»׳

[2] בעשענשטיין האָט גאַנץ ריכטיג באַמערקט׳ אַז יידן טאָפּלען ניט קיין קאָנסאָנאַנטן׳ בכדי צו דערקלערן פאַר זיך אָט דעם פאַקט׳ וואָס עס איז אויסגעקומען בײַ אים אומפאַרשטענדליך׳ האָט ער צוגעקלערט די מעשה מיטן דגש׳ איך ווייס ניט פון קיין איין יידישן כתב־יד אָדער בוך׳ וואו מען זאָל ניצן דעם דגש אָנשטאָט דער פאַרטאָפּלונג׳

אַרום און אַרום האַלט דאָס ביכל 3 בויגן צו 4 בלעטער. קיין גאונות האָט דער מחבר אויף די 24 זייטן ניט אַרויסגעוויזן, און היינטיקע צייטן, ווען עמיצער גייט אַרויס מיט אַזאַ «ווערק», וואָלטן מיר אים געמשפּט אַנדערש. אָבער מיר טאָרן דאָך ניט פאַרגעסן, אַז דאָס איז געווען דער ערשטער פּרוב צו פאָרמולירן יידישע שרייב־כּללים; דער «ספר מידות», וואָס זיינע אָרטאָגראַפישע געבאָטן ווערן אַזוי אָפט ציטירט [באָראָכאָוו, No. 84], איז דאָך אָפּגעדרוקט ערשט מיט 28 יאָר שפּעטער, אין 1542! און דאָס לאָמיר אויך געדענקען, אַז ווי עס זאָל ניט פאַרענט־פערט ווערן די פראַגע וועגן בעשענשטיינס אָפּשטאַם, נאָר איינס איז קלאָר: געשריבן האָט ער זיין ביכל פאַר קריסטן. ווען מען זעהט דעם וויטערדיקן אינהאַלט פון זיין «Introductorium» (אַריינפיר), וואָס באַ־שטייט איבערהויפּט פון קאַפּיטלעך פונם נייעם טעסטאַמענט, איז דער ערשטער איינדרוק, אַז דאָס איז מאַטעריאַל פאַר מיסיאָנערן. איך האַלט אָבער, אַז אַזאַ מין מיינונג וואָלט געווען א טעות. אין דעם גאַנצן ביכל, ניט אין טעקסט, ניט אין דער הקדמה (און אויך אין די אַנדערע שריפטן זיינע) געפינען מיר ניט קיין זכר פון מיסיאָנערישע כּוונות. קאַפּיטלעך וועגן יעזוסן און מאַריען געפינען מיר אָבער יאָ (א שטייגער, אין זיין העברעאישער גראַמאַטיק 1518); איך מיין, אַז דאָס איז פּשוט געווען א פּעדאַגאָגישער גאַנג אַזאַ (וואָס מען געפינט נאָך צייטנווייז אַפילו ביי מחברים פון היינטיקע לערנביכער), וואָס ניט מען וויל געבן דעם תּלמיד גוטן לייען־שטאָף, נאָר אַזאַ מאַטעריאַל, וואָס זאָל איהם זיין «נאָהענט[1]».

דאָס דאַרף מען אָבער יאָ וויסן זיין: אַז אָט דער מיסיאָנערישער ציל — אויסניצן יידיש פאַר א מיטל צו פאַרשפּרייטן די קריסטליכע אמונה צווישן יידן — איז געווען איינער פון די טעמים, וואָס האָבן געשטופּט קריסטליכע געלערנטע צו פאַרנעמען זיך מיט דער פאַראַכטער שפּראַך פון די פאַר־אַכטע יידן. מיר וועלן דאָס באַלד זעהן גענויער. א צווייטער ציל איז

[1]) איך האָב אַזוי ברייט ציטירט בעשענשטיינס «ווערק», ווייל דאָס ביכל איז זייער זעלטן; סיי לאַנדוי און סיי באָראָכאָוו ווייזן אָן אין זייערע ביבליאָגראַפיעס, אַז זיי האָבן דאָס ניט געזעהן. איין עקזעמפּלאַר דערפון איז פאַראַן אין היידעלבערג, וואו גייגער האָט עס גענוצט; איך האָב דאָס גענוצט אין דער פּרייסישער מלוכה־ביבליאָטעק אין בערלין. אין די מזרח־אייראָפּעאישע ביבליאָ־טעקן איז דאָס מסתּמא אין ערגעץ נישטאָ.

געווען: דורך דער באַקענטשאַפֿט מיט ייִדיש פֿאַרגרינגערן דעם שטודיום פֿון דער העברעאישער שפּראַך. אָט דאָס איז מסתּמא אויסן געווען בעשענשטיין מיט זיינע הילפֿלאָזע כּללים. ניט אַלעמאָל לאָזט זיך ציִען אַ שאַרפֿער גרעניץ צווישן די איינציקע געלערנטע, אַז מיר זאָלן קאָנען זאָגן: דער האָט געהאַט נאָר העבראַאיסטישע, און יענער נאָר מיסיאָ־נערישע כּוונות; אָט סעבאַסטיאַן מינסטער, וועגן וועלכן עס וועט אונז באַלד אויסקומען צו ריידן, איז שוין געוויס געווען אַ ריינער הומאַניסט, און פֿונדעסטוועגן האָט ער אויך אָנגעשריבן אַ חיבור קעגן ייִדישקייט אונטערן נאָמען: «Messias Christianorum et Iudæorum» (דער קריסט־ליכער און ייִדישער משיח). נאָר איינאיינעם גענומען האָבן די צוויי מאָטיוון אין משך פֿון הונדערטער יאָרן געשטופּט צעהנדלינגער קריסטליכע גע־לערנטע צו פֿאַרנעמען זיך מיט ייִדיש. שפּעטער זיינען נאָך צוגעקומען אַנדערע, וואָס זיינען געפֿאַלן אויף ייִדיש, זוכנדיק די גנבים־שפּראַך. אַ ריינער, וויסנשאַפֿטליכער אינטערעס צו דער ייִדישער שפּראַך איז אויפֿ־געקומען ניט פֿריער ווי אין דער צווייטער העלפֿט פֿון 19טן יאָרהונדערט.

4.

פֿון בעשענשטיינען ביז די ווײַטערדיקע ייִדיש־פֿאָרשטער (בעשענ־שטיינען אַליין קאָנען מיר אָנרופֿן «פֿאָרשטער» נאָר אין גענזנפֿיסלעך) איז קיין סך צײַט ניט אַוועק: סעבאַסטיאַן מינסטערס ייִדיש־גלאָסן זיינען שוין אָפּגעדרוקט אין 1523, פּױלוס פֿאַגיוס האָט פּובליקירט זײַן העברעאישע גראַמאַטיק (מיט אַ קאַפּיטל וועגן ייִדיש) אין 1542. הייסט עס, אַפֿילו קיין פֿולע 30 יאָר ניט. נאָר וואָס פֿאַר אַ מהלך! געוויינטליך, עס קאָנען דאָ שפּילן אַ ראָליע פּערזענליכע פֿעאיקייטן און בעשענשטיינס פּערזענליכע אומפֿעהיקייט. נאָר פֿונדעסטוועגן, מיין איך, וועט קיין טעות ניט זײַן, אויב מיר וועלן אָננעמען, אַז דעם פּראָגרעס לגבי בעשענשטיינען האָבן די צוויי צו פֿאַרדאַנקען אין אַ גרויסער מאָס זייער ייִדישן רבין. דאָס איז געווען ניט קיין קלענערער, ווי ר׳ אֵלִי׳ לֵוִי, וואָס האָט געהייסן בײַ די קריסטליכע געלערנטע «עליאַ לעוויטאַ» און בײַ ייִדן דאָס רוב «אליהו בחור» אָדער «אליהו הלוי אשכנזי».

וועגן אלי׳ לוי[1]) איז אָנגעשריבן א גרויסע ליטעראַטור· מען האָט זיך געקריגט וועגן דעם׳ צי איז ער טאַקע געבוירן געוואָרן אין דײַטשלאַנד; עס איז געווען א פּלוגתּא׳ צי שטאַמט פון אים די קאָנסטאַנצער תּורה־איבער־זעצונג 1544· איצטער זיינען שוין די געלערנטע געקומען צו א הסכּם׳ און אין משך פון די לעצטע צעהנדלינגער יאָרן האָט מען אויך געמאַכט דעם סך־הכּל פון אליס וויסנשאַפטליכע אויפטוען· אָבער דערבײַ האָט מען אַלעמאָל געהאַט אין זינען נאָר די העברעאישע גראַמאַטיק; וועגן זײַן שרײַבן אין יידיש און וועגן יידיש פעלט נאָך די אויס־פאָרשטונג· ס׳איז אָבער כּדאי זיך מיט דעם צו פאַרנעמען·

אלי׳ לוי איז געבוירן געוואָרן אין 1469 אָדער 1472 אין א קליינשטעטל אין בײַערן׳ נײַשטאָט (Neustadt an der Aisch)׳ ניט ווײַט פון נירנבערג· ער איז געווען דער ייִנגסטער פון 9 זין· ער דערציילט אין די שפּעטער־דיגע יאָרן׳ אַז זײַן פאָטער האָט מיט אים געלערנט׳ און געלערנט גרונטיג· ווי אַזוי אלי׳ איז געקומען קיין איטאַליע׳ ווייס מען ניט אויף קלאָר· יעדנפאַלס׳ אויב ער איז אַפילו ניט אַוועק אַהין ספּעציעל אויף צו שטו־דירן׳ האָט אים אָבער דער אויפהאַלט אין איטאַליע שטאַרק צוגעהאָלפן אין זײַן לערנען· בײַ די דײַטשע יידן זיינען די קענטעניש אין העברעאיש געווען א סך שוואַכער׳ ווענן דקדוק האָט מען ווינציג וואָס געוואוסט; ניט צופעליג זיינען רייכלינס רביים געווען גראָד איטאַליענישע יידן· אלי׳ לוי האָט זיך א סך אויסגעלערנט· 1496 געפינען מיר אים אין ווע־נעציע׳ 1504 איז ער אין פּאַדוע׳ שוין אַרומגערינגלט מיט תּלמידים· מיט פינף יאָר שפּעטער קערט ער זיך אום קיין ווענעציע׳ 1512 פאָרט ער אַריבער קיין רוים און בלײַבט דאָרטן 15 יאָר· אין רוים האָט ער זיך באַקענט מיטן גײַסטליכן עדזשידיאָ וויטערבאָ׳ וואָס איז שפּעטער געוואָרן קאַרדינאַל· עדזשידיאָ האָט זיך פאַרנומען מיט קבלה׳ און כּדי צו פאַרשטיין די קבלה־ספרים אין אָריגינאַל׳ האָט ער זיך גענומען לערנען בײַ ר׳ אלין העברעאיש· די 15 יאָר׳ וואָס אלי׳ איז געווען אין רוים׳ זיינען די פּרוכ־

[1]) דווקא אַזוי מוזן מיר אים רופן און ניט «אליהו לעוויטאַ» אָדער «אליהו הלוי»· ער אַליין פלעגט זיך חתמענען (זעה זײַן בריוו׳ אָפּגעדרוקט בײַ פּערלעסן ז׳ 158): «אלי הלוי»׳ און אויך אין שפּעטערדיגע צײַטן האָט מען אים אַזוי גערופן (פּראָגער אויסגאַבע פון «ספר ההרכבה»׳ 1793: «· · · חברו המדקדק הגדול האשכנזי ר׳ אלי׳ לוי הובא עתה שלישית לבית הדפוס»)· אויב א מענטש׳ וואָס איז שייך צו אונז׳ האָט א גוטן יידישן נאָמען׳ טאָ צו וואָס זאָלן מיר זוכן פאַר אים נעמען פון לאַטײַן אָדער העברעאיש?

פערדיגסטע יאָרן פון זייַן לעבן· אין דער צייַט האָט ער אָנגעשריבן דעם גרעסטן טייל פון זייַנע גראַמאַטישע ווערק (די קאָנקאָרדאַנץ, וואָס איר כתב־יד איז פאַראַן אין דער מינכענער ביבליאָטעק; דעם «ספר הבחור»[1]; דעם «ספר ההרכבה»; דעם «פרק שירה», אאַז״וו)·

1527 האָט ר׳ אלי׳ צוליב קריגס־מהומות געמוזט פאַרלאָזן רוים· נאָך עטליכע יאָר נע־ונד זייַן קומט ער אָן צוריק אין ווענעציע· אַפילו אונטער־וועגנס האָט ער אויך ניט אָוועקגעוואָרפן זייַן אַרבעט· עטליכע ווערק, וואָס זייערע מאַנוסקריפּטן זיינען פאַרפאַלן געוואָרן אין רוים, האָט ער גענומען שרייַבן פונדאָסנייַ; פלענער, וואָס האָבן אין אים געלעבט, האָט ער איצטער גענומען פאַרווירקליכן· ער איז געוואָרן קאָרעקטאָר (און אין יענע צייַטן האָט דאָס אָפטמאָל געהייסן רעדאַקטאָר) אין דער באַרימטער דרוק פון באָמבערגן, און דאָ האָט ער אויך געדרוקט אייגענע ווערק· זייַן שם איז געוואָרן אַלץ גרעסער, און מען האָט אים פאַרבעטן קיין פאַריז פאַר א פּראָפעסאָר פון העברעאיש; נאָר ער האָט זיך אָפּגעזאָגט· 1538 איז אַרויס פון דרוק זייַן «מסורת המסורת», וואָס האָט נאָך גרעסער געמאַכט זייַן נאָמען·

אינגיכן האָט זיך פאַרמאַכט באָמבערגס דרוק, און ר׳ אלי׳ האָט געמוזט זוכן אַן אַנדער דרוקער· איז אים גראָד אָנגעקומען (1540) א בריוו פונם פריידיגער פּוילוס פאַגיוס אין איסני (ווירטעמבערג), וואָס האָט געעפנט א העברעאישע דרוק און געבעטן דעם גרויסן געלערנטן, ער זאָל אים העלפן אין זייַן אַרבעט· ר׳ אלי׳ איז אָוועק קיין איסני אין 1540· לאַנג איז ער דאָרטן ניט געווען· פאַגיוסעס דרוק האָט ניט געהאַט קיין באַ־שטאַנד, אויך האָט ר׳ אלי׳ ניט געוואָלט שטאַרבן ווייַט פון זייַנע אייגענע· 1542 לאָזט ער זיך שוין אָוועק צוריק קיין ווענעציע· בייַ פּוילוס פאַגיוסן האָט ער באַוויזן אַרויסצוגעבן עטליכע עלטערע ווערק זייַנע, און ער האָט אויך אָנגעשריבן א שולבוך, דעם באַוואוסטן «שמות

[1] די געשיכטע פון זייַן צונאָמען «בחור» איז ניט קלאָר· טייל מיינען, אַז דאָס איז א פאַמיליע־נאָמען; אַנדערע זיינען משער, אַז «בחור» איז געווען א מין מיליטערישע באַצייכענונג, און ר׳ אליס פאָטער איז געקומען קיין איטאַליע אַלס ליוועראַנט פאַרן מיליטער; נאָך אַנדערע האַלטן, אַז מען האָט אים א נאָמען געגעבן «בחור», ווייַל ער איז געקומען קיין איטאַליע ניט קיין באַווייבטער· זעה: Dr. J. Levi, Elia Levita und seine Leistungen als Grammatiker (ברעסלוי, 1888), ז׳ 7 אָנמערקונג·

דברים», דאָס ערשטע יידיש־העברעאישע ווערטער־ביכל, וואו די יידישע ווערטער גייען נאָכן אַלף־בית. אין ווענעציע האָט ער ווייטער געאַרבעט אין באָמבערגס דרוק, וואָס האָט זיך צוריק געהאַט געעפנט, און דאָ איז 1544 אַרויס זיין יידישע תהלים־איבערזעצונג. 1548 האָט ער נאָך געשריבן א שיר צו דוד באָמבערגס גרויסער תנ״ך־אויסגאַבע. ער איז געשטאָרבן דעם 28טן יאַנואַר 1549 אין ווענעציע[1], עטליכע טעג האָבן אים געפעלט צו פולע 80 יאָר.

צווישן ר׳ אליס תלמידים זיינען געווען די חשובסטע פערזענליכקייטן: קאַרדינאַלן און ביסקופן, געלערנטע און אַמבאַסאַדאָרן. אַלע האָבן נאָר דערציילט שבָחים וועגן זיין לומדות, וועגן זיין עניוות און זיין אַרבעטס־חשק. יידן האָבן קאָנטיג ניט אַזוי געהאַלטן פון אים; מען האָט געקוקט אויף אים קרום, וואָס ער חברט זיך מיט קריסטן, און אין דער הקדמה צו «מסורת המסורת» געפינט ר׳ אלי׳ פאַר נייטיג זיך צו פאַרענטפערן. עס איז דאָך נאָר פאַרווערט, זאָגט ער, צו לערנען די קריסטן די סודות פון מעשה־בְּרֵאשית און פון מעשה־מרכָּבה; נחס זיבן געבאָט מעג מען זיי בפֵּרוש לערנען. נאָר ווי אַזוי קאָן דאָס געמאָלט זיין, אויב מען זאָל זיי ניט אויסלערנען פריער די העברעאישע שפּראַך, וואָס אין איר איז געשריבן די גאַנצע תורה?

אָבער די התנַצלות האָט מסתמא אויף יידן קנאַפּ וואָס געווירקט. ר׳ אלי׳ איז געזעסן אין רוים ביים קאַרדינאַל אין שטוב; צי פּירט זיך אַזוי א פרומער ייד? אין זיינע שריפטן וואַרפן זיך דורך באַמערקונגען, וואָס האָבן געמוזט באַליידיגן א יידן — שוין אָפּגערעדט וועגן דעם, וואָס א טייל פון זיינע ווערק האָבן זיך געדרוקט מיט הקדמות אין «גַלחות» (לאַטיין). אַזוי שטייט, למשל, אין תשבי, ז׳ 9: «אמר לי הקרדינל ...», גאַנץ פאַמיליער. אויף ז׳ 71 שטייט: «... ובעל המדרש נקרא דרשן כמו רבי משה הדרשן וכן נקרא אדוני הנוצרי פּוילוש באגיוס הדרשן בעיר איזנה». הייסט עס, דער קריסטליכער פּריידיגער פּוילוס פאַגיוס ווערט צוגעגליכן צו ר׳ משה הדרשן! און איך מיין ניט, אַז פּוילוס פאַגיוס, דער אַרויסגעבער און לאַטיינישער איבערזעצער פונם «תשבי», זאָל דאָס

[1]) די ביאָגראַפישע ידיעות זיינען גענומען פון ד״ר י. לעווי (זעה אָנמערקונג אויף ז׳ 74). אויך ביי ל. גייגערן (ז׳ 56—65) איז פאַראַן מאַטעריאַל.

האָבן צוגעשריבן פון זיך; וואָרים גראָד אין לאַטײַנישן טעקסט, וואו דער קריסטליכער לייענער וואָלט דאָס א סך בעסער פאַרשטאַנען, פעלט דער זאַץ. אין דער ניט־געחתמעטער לאַטײַנישער הקדמה צו דער דאָזיגער תּשבי־אויסגאַבע (וואָס שטאַמט אָבער אַפּנים פון פאַגיוסן) שטייט וועגן ר׳ אלין: «כאָטש איך האַלט, אַז מען דאַרף באַדויערן, וואָס ער איז ניט אַרײַנגעטראָטן אין דער עדה פון די קריסטן», און אינעם זעלביגן בוך שטייט צום סוף: «... שנת אלף וחמש מאות וארבעים ואחת לביאת משיחנו וגואלנו ישוע יתברך שמו לעולמי עולמין אמן». צום אַרטיקל ישו (יעזוס) האָט פאַגיוס, אין זײַן אייגענעם נאָמען, געמאַכט אַ צוגאָב בזה הלשון: «יעזוס איז געווען דער משיח... ער האָט אָפּגעטון די אַלע נסים, וואָס די נביאים האָבן געהאַט פאָרויסגעזאָגט וועגן אים...»

צי האָבן יידן געקאָנט זײַן צופרידן פון אַזוינע ריין־קריסטליכע זאַצן אין העברעאישע ספרים?[1])

ר׳ אלי׳ לוי איז אָבער אַבסאָלוט ניט געווען קריסטליך געשטימט; ער איז נאָר געווען א פרײַערער מענטש, ווי דער גרעסטער טייל יידן אין זײַן צײַט. אַז ער איז געווען נאָהענט צו יידן, אַז ער האָט געקענט זייערע אינטערעסן און זייער לשון — אויף דעם זאָגן עדות זײַנע ווערק.[2])

.5

אינגאַנצן אויף יידיש זײַנען פאַראַן נאָר צוויי ווערק ר׳ אליס: 1) דאָס «בָבא־בוך», געשריבן 1507 אין פאַדוע, געדרוקט צווישן 1508 און 1549, דער דרוק־אָרט איז ניט באַוואוסט; 2) די איבערזעצונג פון «תּהלים», ווענעציע 1545[3]). — נאָך פון 18טן י״ה גייט אום פון איין בוך אין צווייטן די השערה, אַז ר׳ אלי׳ האָט אַרויסגעגעבן 1544 די חומש־איבערזעצונג אין קאָנסטאַנץ. דעם טעות חזרט איבער גרעץ אין זײַן געשיכטע (ער ווייס אַפילו צו דערציילן, אַז ר׳ אלי׳ האָט געמאַכט די איבערזעצונג,

---

[1]) אַגב־אורחא מעג דאָ דערמאָנט ווערן, אַז ר׳ אליס צוויי אייניקלעך האָבן זיך געשמדט און זײַנען געוואָרן שונאי־ישראל, בשעת זייער מוטער, אליס טאָכטער, איז נאָך געווען בײַם לעבן. זעה גרעצעס געשיכטע, ב׳ IX², ז׳ 344.

[2]) אַז ר׳ אלי׳ האָט אַפילו געהאַט בפירוש א נעגאַטיווע באַציאונג צו דער קריסטליכער אמונה, איז צו זעהן פון דער ציטאַטע ז׳ 124 אָנמ׳.

[3]) פּרטים וועגן דער איבערזעצונג בײַ שולמאַנען ז׳ 21—22; די הקדמה איז געבראַכט בײַ גרינבוימען ז׳ 552—554.

«צוריקוועגס פון איסני קיין וועגעציע»)[1], און אַפילו גרינבוים ז׳ 70 שרײַבט נאָך אין יאָר 1882: «מיר וועלן לאָזן ניט־פאַרענטפערט די פראַגע, צי לעוויטאַ איז געוועז דער מחבר פון דער קאָנסטאַנצער איבערזעצונג». שטיינשניידער האָט שוין אָבער מיט 13 יאָר פריער (Serapeum, 1869, ז׳ 149—151 אָנמ׳) דערוויזן, אַז דער גאַנצער טעות נעמט זיך פון א באַ־מערקונג אין וואָלפס Bibliotheca Hebræa[2]). עס זיינען אַפילו ניטאָ קיין ראיות, אַז ר׳ אלי׳ איז געווען ווען עס איז אין קאָנסטאַנץ.

מיר האָבן גערוסן פון ר׳ אליס נאָך עטליכע ווערק.

קאָרנעליאָ אַדלקינד, דער אַרויסגעבער פון ר׳ אליס תהלים־איבער־זעצונג, דערציילט אין דער הקדמה, אַז ער איז דורכגעקומען מיט ר׳ אליה בחור, «ער זול מיר איטליכי [= עטליכע] ספרים טוייטשן אונ׳ צום ערשטן דש תהלים נאך דעם דקדוק»; און באַלד נאָכדעם, אַז גאָט וועט געבן, וועלן אַרויס־גיין משלי און איוב און דניאל, וואויל געטײַטשט. אָט די ווײַטערדיגע ספרים זיינען ניט אַרויס פון דרוק; צי איז די אַרבעט געווען געענדיגט אין כתב־יד? וועגן איין ספר, וועגן איוב, ווייסן מיר געוויס, אַז יאָ. אין 1592טן יאָר שרײַבט דער שטראַסבורגער פריידיגער און מיסיאָנער שאַדעאוס, וואָס מיר וועלן זיך באַלד מיט אים באַגעגענען פונדאָסניי, אין זײַן «געוויסן באַריכט» [באַראָכאָוו No. 5]: «אויב איך וועל אַרויסזעהן, אַז די דאָזיגע אַרבעט מײַנע [וואו ס׳ווערט דערציילט, ווי אַזוי מען שרײַבט «העברעאיש־טײַטש»] איז אָנגעלייגט, וועל איך אַרויסגעבן מיט דער דאָ־זיגער (ווײַבערטײַטש־)שריפט דעם ספר איוב, פאַרטײַטשט וואָרט בײַ וואָרט דורכן גרויסן מלומד, דעם געניטן ר׳ אלי׳ לוי, און אויפגעשריבן פון זײַן מויל מיט דער אייגענער האַנט דורכן ווערדיגן הער פּוילוס פאַגיוס (von« Wort zu Wort verdeutscht durch den hochgelehrten und erfahrenen R. Eliah Levi und durch den ehrwürdigen Herrn Paulum Fagium «aus seinem Munde mit eigener Hand excipiret»). ליידער האָט שאַדע־

---

[1]) ב׳ IX[2], ז׳ 219.

[2]) ב׳ I ז׳ 159. וואָלף איז געשטרויכלט געוואָרן צוליב א נאָטיץ אין שבתי בַּס, שפתי ישנים [באָראָכאָוו No. 465], נאָר דערנאָך האָט ער דאָס אין ב׳ IV, ז׳ 193 אַליין פאַרריכט און אָנ־געוויזן ווי ס׳געהער צו זײַן, אַז די קאָנסטאַנצער איבערזעצונג שטאַמט פון מיכאל אַדאַמען בשותפות מיט פאַגיוסן. — דער אָפּגעהיטער שטיינשניידער לאָזט אָבער אויס זײַן באַוויַיז מיט אַ טאָמער: «ich möchte nicht geradezu jede Art der Mitwirkung Levitas beim Pentateuch entschieden in Abrede stellen».

אוס ניט דורכגעפּירט דעם פּלאַן, און דער מאַנוסקריפּט איז פאַרפאַלן געוואָרן.[1]

בלײַבן מיר, הייסט עס, מערניט ווי בײַ די צוויי ווערק ר׳ אלי׳ס. געוויס וואָלט געלוינט צו באַטראַכטן זיי גענוי הן אין פּרט פון שפּראַך און הן אין פּרט פון סטיל; עס וואָלטן זיך דערבײַ אַרויסגעוויזן זייער אינטערעסאַנטע פאַקטן. נאָר אין דעם איצטיגן צוזאַמענבונד, ווען מיר ריידן וועגן דער געשיכטע פון דער שפּראַכפאָרשונג, איז נאָך וויכטיגער א קוק צו טון אויף יענע ווערק פון ר׳ אלין, וואָס זיינען ניט ריין יידיש, נאָר געמישט העברעאיש מיט יידיש. ריכטיגער: ווערק וואָס זיינען העברעאיש און די כּוונה איז געווענדט אויף העברעאיש, נאָר אַגב אורחא ווערן אַרויסגעזאָגט זאַכן, וואָס זיינען שייך צו יידיש. דאָס זיינען: 1) ספר התשבי לאליהו התשבי» און 2) «ספר שמות דברים».

דער «תּשבּי» איז אַרויס, אינאיינעם מיט א לאַטײַנישער איבערזעצונג, בײַ פּוילוס פאַגיוסן אין איסני 1541. «תּשבּי» איז דער בײַנאָמען פון אליהו הנביא — אַן אָנצוהערעניש אויפן נאָמען פונם מחבר — און אַגב מאַכט תשב״י: 712; דאָס איז די צאָל ווערטער, העברעאישע און תּלמודישע, וואָס ווערן אויסגעטײַטשט אין דעם בוך. די ווערטער זיינען אויסגעשטעלט נאָכן אַלף־בית, און א סך פון זיי זיינען איבערגעזעצט אויף איטאַליעניש (בלעז) און אויף יידיש (בלשון אַשכּנז). ס׳איז אָבער ניט אינגאַנצן «לשון אַשכּנז»; ס׳זיינען טיילווײַז פאַרזיכדיגע יידישע ווערטער, הגם אַנדערע זיינען שוין הײַנט פאַרעלטערט. דער «תּשבּי» איז א גראָבער באַנד, פּאַפּיר האָט מען אין יענע צײַטן ניט געזשאַלעוועט, אײַלן זיך האָט מען אויך ניט געדאַרפט — שטויסן מיר זיך אָן אומגעריכט אויף טשיקאַווע באַמערקונגען, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער שפּראַך פון יענער תּקופה, פאַר די קולטורעלע פאַרהעלטענישן אָדער פאַר אלין אַליין.

אָט האָט איר א געמעל, ווי גרונטיג ר׳ אלי׳ האָט געאַרבעט:

[1] א· שולמאַן איז משער (ז׳ 28 אָנמערקונג), אַז שאַדעאוס האָט צעפלאָנטערט א יידישע איוב־איבערזעצונג מיט דער העברעאישער איוב־אויסגאַבע, וואָס ר׳ אלי׳ האָט רעדאַקטירט 1544 אין ווענעציע. זייער א מאָדנע השערה! עס איז ניטאָ קיין שום גרונט צו ספקן, אַז אָט דער כתב־יד, וועגן וועלכן שאַדעאוס רעדט מיט אַזאַ באַשטימטקייט, איז פון פאַגיוסעס ירושה אַרײַנגעפאַלן צו שאַדעאוסן; פאַגיוס איז שטאַרק געווען פאַרבונדן מיט שטראַסבורג, וואו שאַדעאוס איז מיט א יאָר 50 שפּעטער געווען פּריידיגער. זעה ווײַטער ז׳ 96 אָנמ׳ 1 און ז׳ 132.

«מַשְׁקֶיט — אַזוי רופט מען די דינע שריפט, ד״ה די וואָס איז ניט פּירקאַנטיג. מיט א צייַט צוריק האָט מען מיר געזאָגט, אַז דאָס איז אַן אַראַביש וואָרט, און דער פשט איז שוואַך, דאַר. נאָר נאָכדעם בין איך געוואויר געוואָרן, אַז דאָס איז גאָרניט קיין אַראַביש. איך האָב געפרעגט בייַ א סך איטאַליענישע («לועזים»), פראַנצויזישע, שפּאַנישע, גריכישע («יונים») און אַראַבישע יידן; אַלע רופן די שריפט מיט דעם נאָמען, נאָר קיינער ווייס ניט צו זאָגן, פון וואַנען דער נאָמען נעמט זיך. און מיר דייַטשע יידן (אַשכנזים) רופן זי מְעַשֵׂיט און מיר ווייסן ניט וואָס דאָס איז. איך האָב געפונען אין ספרים, אַז מען רופט דאָס קייַלעכדיגע שריפט. און נאָך איז פאַראַן א שריפט...»

ר׳ אלי׳ איז היימיש מיטן לעזער: אינמיטן דעם שטרענגן העברעאישן טעקסט גיט ער א זאָג:

«נשלמה אות הגימל
גילובט זיי גוט בון [פון] הימל.»

יידיש איז אים בכלל נאָהענט, און דווקא יידיש, ניט דייַטש; דאָס זעהט מען אַרויס, ווען מען גלייַכט צו זייַנע טייַטש־ווערטער, וואו ער שרייַבט «בלשון אשכנז», צו יענע דייַטשע ווערטער, וואָס פוילוס פאַגיוס ברענגט מיט לאַטייַנישע אותיות אינם פאַראַלעלן לאַטייַנישן טעקסט. ר׳ אלי׳ שרייַבט: «הבל — ובלשון אשכנז אוֹטם»; «סעודה — איין מול». דער «וֹ» קאָן אַנדערש ווי o ניט געלייענט ווערן. דעם ערשטן מאָל שרייַבט פאַגיוס ריכטיג: «Germanice Athem», דעם צווייטן מאָל ווערט ער נכשל אין זייַן דייַטש און שרייַבט «germanice ein mol», כאָטש די דייַטשע אָרטאָגראַפיע האָט דאָ אַלעמאָל געפאָדערט אַ a. ר׳ אלי׳ שרייַבט לויט דער יידישער טראַדיציע, פון דער דייַטשער אויסלייגונג מאַכט ער זיך ניט וויסנדיג; דעריבער האָבן מיר בייַ אים דעם שטומען א: דכן — באנקא (פאַגיוס: banck), עין — וארבא (פאַגיוס: farb) אאַז״וו; מיר געפינען בייַ אים צֶיטֶל, לוּפְט, און ניט Zettel, Lufft, ווי פאַגיוס שרייַבט; ער שרייַבט ווי ס׳געהער צו זייַן אזו און ניט also.

ר׳ אלי׳ האָט א קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן דעם אונטערשייד פון יידיש ביז דייַטש. אַזוי שרייַבט ער, א שטייגער, וועגן דעם וואָרט סעד, סעודה:

«...בלעז פאשטו ופותרים אותו המלמדים האשכנזים פּוֹשט; אבל אינו לשון אשכנז רק נלקח מלשון לעז ובלשון אשכנז איין מול».[1]) מילא, קאָרעקט דײַטש איז ניט Mol, נאָר Mal, אָבער ניט וועגן דעם גייט דאָ. דער עיקר איז אָט וואָס: דער מחבר ווייס, אַז עס זײַנען פֿאַראַן אַזוינע יידישע ווערטער, וואָס יידן ניצן, און אין דײַטש זײַנען זיי ניטאָ. דאָס וואָרט «פּאָסט» פאַר «מאָלצײַט» באַגעגנט זיך טאַקע אין ספר של ר׳ אנשיל (קראָקע, 1534), אין דער קראָקער איבערזעצונג פון מגילת אסתר (1590), אין דער קרעמאָנער חומש־אויסגאַבע 1560, אין ר׳ אליי׳ לויס «בבא־בוך» אאַז״וו.[2])

ר׳ אלי׳ ברענגט נאָך אַזעלכע ווערטער, וואָס זײַנען אַרײַן אין יידיש (אויך אין דײַטש) פון איטאַליעניש: פּריזאַנט (מתנה), קאָסטן (טועם זײַן) «והוא נלקח מלשון רומי גושטרי...(gustare)». ער האָט סתם גוטע ווערטער: «געפאַלן» — פאַלן אויף א געוויסן טאָג; «באַשיידליך» — קלאָר, דײַטליך; יחוס פאַרטײַטשט ער «איידלשאַפט». גאָר א טייער וואָרט געפינען מיר אויף ז׳ 197. «קֻבְּיָא... דאָס זײַנען קליינע ביינדלעך מיט זעקס קאַנטן; אויף איין קאַנט איז אויסגעקריצט איין פּינטל, אויפן צווייטן צוויי פּינטלעך, אויפן דריטן דרײַ אאַז״וו, און מען שפּילט זיך דערמיט, און בלשון אשכנז וואורפיל אָדער טופיל שטיין». «טאָפּלשטיין» — דאָס איז א וואָרט, וואָס קאָן תּכף אַרײַן אין אונזער געברויך!

אין א סך ערטער פון «תשבי» לאָזט זיך דער מחבר אַרײַן אין חקירות, פון וואַנען עס נעמט זיך א וואָרט; מיר האָבן דאָס שוין געזעהן אויבן בײַ «משקט». «סאַרגענעס»[3]) פירט ער אַרויס פון פראַנצ׳ sarge, וואָס באַצייכנט אַזאַ סאָרט שטאָף. בײַם וואָרט «קרבץ» שטעלט ער זיך אָפּ אויף דער ווירקונג, וואָס פראַנצייז האָט געהאַט אויף דער יידישער שפּראַך.

---

[1]) «אויף איטאַליעניש פאשטו, און די דײַטשע מלמדים טײַטשן דאָס פּושט [= פּאָסט]; ס׳איז אָבער ניט קיין דײַטש, נאָר ס׳איז גענומען פון איטאַליעניש, און אין דײַטש הייסט עס איין מול».

[2]) יידן זײַנען געזעסן אין צפון־איטאַליע אין א לפי־ערך גרויסער צאָל, און זייער שפּראַך דאָרטן איז געווען יידיש; ווען ר׳ אלי׳ איז געקומען פון בײַערן קיין ווענעציע, האָט ער זיך געקאָנט צונויפריידן מיט די דאָרטיגע יידן אויף זײַן היימישן לשון. פון דאָרטן זײַנען עס מסתמא געקומען אין אונזער שפּראַך אַרײַן יענע דרום־ראָמאַנישע ווערטער, וואָס מיר פאַרמאָגן (בענטשן, «אָרן» = דאַוונען אאַז״וו).

[3]) א קיטל; דאָס וואָרט ווערט גענוצט ביז הײַנט בײַ די דײַטשע יידן.

«קְרָבֵּץ רופן די אַשכנזים די פּיוטים, וואָס מען זאָגט שבת און יום־טוב, און מען האָט ניט געפונען קיין אַנדער דערקלערונג, ווי די ראשי־תיבות: קול רנה וישועה באהלי צדיקים. נאָר דער טעם האָט קיין טעם ניט [ר׳ אליס א וויץ אינמיטן דעם ערנסטן וויסנשאַפטליכן טעקסט!] ··· איך וועל דיר געבן צו פאַרשטיין, ווי אַזוי צו אונז איז אַרײַנגעפאַלן אָט דער גרײַז. עס איז באַוואוסט, אַז מיר דײַטשע יידן קומען פונם שטאַם פון די פראַנצויזישע, וואָרים בעת מען האָט אונז פאַרטריבן פון פראַנקרײַך אין יאָר כלה גרש יגרש[1]), זײַנען מיר צעשפּרייט געוואָרן איבער דײַטשלאַנד. זײַנען איבערגעבליבן אין אונזער מויל א סך ווערטער פון זייער שפּראַך, און א סך פון אונז מיינען, אַז די ווערטער נעמען זיך פון לשון קודש, ווי איך האָב געוויזן בײַם וואָרט סַרְגְנֵס. אָט די פּיוטים ווערן גערופן קרובות, ווײַל מען דערנעהנטערט זיי («שֶׁמְּקָרְבִין אותם») צו די תפילות. ··· און מחמת די פראַנצויזן שיידן ניט אונטער פון א c ביז א s («בין הַצָּדֵי ובין הַתָּי״ו הרפויָה»), האָבן מיר, הערנדיג ‚קרובות‘, געמיינט, אַז זיי זאָגן ‚קְרָבוֹץ‘».

בײַם וואָרט «כַּתָּבוּת» (קאַטאָוועס) גיט דער מחבר צו, אַז דאָס שטאַמט פונם שורש «כתב», שרײַבן, און ער מאַכט אויף דעם אַזאַ פֵּרוש: «פאַר־צײַטנס פלעגן וויצלינגען און משלים־שרײַבער באַהאַלטענערהייט שרײַבן זייערע ווערטער אויף די טירן פון די רייכע הייזער אָדער אין די רוישיגע גאַסן, אַז מען זאָל ניט וויסן, ווער עס האָט דאָס געשריבן; און אַזוי פירט זיך נאָך הײַנט אין רוים. אָט די געשריפטסן רופט מען כַּתָּבוּת. נאָר דער גרויסער עולם האָט א טעות און מיינט, אַז מען לייגט דאָס אויס מיט א ט: ‚כַּטוֹב‘ און ‚כַּטָבוּת‘ פונם וואָרט טוב». און דאָ קומט ווידער א גלײַכוואָרטל: «ואינם מבחינים בין רע לטוב».[2])

[1]) צוליב דער מליצה (דער פסוק איז גענומען פון שמות יא) וואָלט געווען אוממעגליך צו טרעפן, וואָס דאָס מיינט; פאַגיוס שרײַבט אָנשטאָט דעם: «a condito orbe 55 55», וויס מען ערשט ניט, וואָס פאַר א יאָר דאָס איז. נאָר פּערלעס ז׳ 115 ציטירט פון «תשבי» (פון אַן אַנדער אויסגאַבע אַפּנִים) און פון אַנדערע שריפטן דעם זעלביגן זאַץ אַזוי: «שנת קנ״ה וסימנך כלה גרש יגרש»; הייסט עס, ר׳ אליִ׳ מיינט דאָ דעם גירוש פון 1395.

[2]) פאַגיוס זעצט איבער אויף לאַטײַן: «אַזוינע געשריפטסן רופן מִיר ‚כתבות‘, ד״ה «facetiae». אָט דאָס וואָרט facetia (וואָס איז נאָך הײַנט פאַרשפּרייט אין יידיש אין דער פאָרם «פאַצעצע») איז זייער וויכטיג. אַזוי האָט געהייסן א ליטעראַרישער זשאַנר, וואָס איז אין 15טן און 16טן י״ה געווען זייער באַליבט בײַ די הומאַניסטן. הייסט עס, פאַר פאַגיוסעס געפיל איז «פאַצעציע» און «קאַטאָוועס» געווען אַן ערך דאָס אייגענע.

איבערהויפּט ווערן אינטערעסאַנט ר׳ אליס אַגב־אורחאדיקע באַ־מערקונגען׳ ווען ער רירט אָן העברעאישע ווערטער׳ וואָס זײַנען אַרײַן אין יידיש און האָבן בײַ אונז באַקומען אַן אַנדער פּשט. די יידישע שפּראַך איז דאָך ניט סתּם א קאָמבינאַציע פון דײַטש מיט העברעאיש (א דײַטשער ראַבינער מישט אויך אָפטמאָל אַרײַן אין זײַנע רייד העברעאישע ווערטער׳ אָבער קיין יידיש ווערט פון דעם פאָרט ניט)׳ נאָר א גאַנץ באַשטימטע קאָמבינאַציע׳ וואו אי די דײַטשע ווערטער׳ אי די העברעאישע ווערטער באַקומען אַן אַנדער פּנים און אַן אַנדער 'אינהאַלט. בנוגע צו דײַטשע ווערטער אין יידיש האָבן מיר שוין פריער געזעהן׳ אַז ר׳ אלי׳ ברענגט זיי אין אַן אייגנאַרטיגער פאָרם׳ און ממילא זײַנען זיי געווען אין אַן אייגנאַרטיגער פאָרם; איצטער וועלן מיר האָבן דעם זעלביגן סימן בנוגע עטליכע העברעאישע ווערטער.

אויף זײַט 193 [1]) שטייט געשריבן: «מָחָה ··· בלשון אשכנז אב מֵיקָן. אָבער דאָס איז ניט קיין לשון אַשכנז׳ נאָר לשון־הקודש׳ וואָס איז פאַר־גרײַזט געוואָרן אין מויל פון די קינדער. וואָרים די מלמדים׳ וואָס האָבן ניט געוואוסט׳ ווי צו פאַרטײַטשן מחיקה׳ האָבן דאָס געזאָגט אויף לשון־הקודש מֶחְקָן; האָבן די תּלמידים געמיינט׳ אַז דאָס איז דײַטש׳ און געזאָגט מֵיקָן׳ ניט אַרויסריידנדיג דעם ח («ולא הֵניעו החית»)׳ ווי דער שטייגער איז בײַ די דײַטשן.[2]) איך וועל אויך אָנווײַזן אויפן וואָרט שַׁחְטַן׳ וואָס מען רעדט אַרויס שֶׁעכְטַן און מען מיינט׳ אַז דאָס איז דײַטש; ס׳איז אָבער דערזעלבער שורש׳ ווי שחיטה.»

בײַם וואָרט «אחור» (ז׳ 7) איז פאַרצייכנט: «און דער המון («והמון העם») רופט דאָס תַּחַת.» ר׳ אלי׳ ווייס שוין פון ספּעציעלע אויסדרוקן פון פאָלק!

בײַ «גוי» (ז׳ 39): «··· און אויב עס איז א פרוי׳ זאָגט מען גויה׳ און אין פילצאָל גויות׳ כאָטש עס איז ניט לויט די כּללים פון דער שפּראַך» («אף על פי שלא יתָכן בלשון»).

צום וואָרט «עם־הארץ» (ז׳ 255[3]) באַמערקט ר׳ אלי׳: «פאַראַן אַזוינע׳

---

[1]) איך ציטיר דאָ׳ ווי אומעטום׳ די אויסגאַבע איסני 1541.

[2]) מען דאַרף האָבן אין זינען׳ אַז גרויסע טיילן פון די דײַטשע יידן האָבן קיין ח ניט אַרויס־גערעדט׳ און דערפאַר פלעגט מען ריידן וועגן «בני חי״ת» און «בני הי״ת». אויספירליך וועגן דעם בײַ גידעמאַן III׳ ז׳ 75—76 (יידי׳ ז׳ 58).

[3]) צוליב א טעות־הדפוס שטייט דאָ אין אָריגינאַל 155; נאָך 199 האָט דער זעצער אָנגעהויבן די פּאַגינאַציע נאָך אַמאָל פון 100.

וואָס מאַכן דערפון א פּילצאָל: ,עמי הארצים׳ — אין דער אמתן זיינען זיי אַליין עם ארצים!» דאָ נעמט מען שוין שפּירן דעם בייזער פונם מלומד. און ער איז גערעכט אויך: «גויע» און «גויעס» און «אַמעראַצים» קלעפּט זיך טאַקע ניט צו די כללים פון דער העברעאישער שפּראַך; נאָר פאַרפאַלן, עס זיינען יידישע ווערטער!

פאַרשטייט זיך, פון אָנהייב 16טן י״ה האָט זיך יידיש שטאַרק אַנט־וויקלט, פונקט ווי יעטווידער שפּראַך; אָבער א שפּראַך פאַר זיך איז דאָס שוין געווען אין ר׳ אליס צײַטן.

דער מחבר פון «תשבי» שפּירט אַפילו די ווירקונג פון דער יידי־שער פאָלקסשפּראַך אויפן העברעאיש פון זײַן צײַט. צום וואָרט «מזג» (ז׳ 191) באַמערקט ער: «אונזערע רבנים האָבן גערופן דעם ווײַן, וואָס איז געמישט מיט וואַסער, ,יַין מָזוּג׳ ... און דערפון נעמט זיך דער אויס־דרוק ,מוזגין לו כוס שני׳ [,מען גיסט אים אָן א צווייטן בעכער׳], און אַפילו אויב דער ווײַן איז ניט קיין געמישטער, זאָגט מען אויך אַזוי ... בלשון אשכנז הייסט דאָס ,איין שענקן׳.[1]) און דערפון נעמט זיך בײַ די דײַטשע יידן א פײַנער גרײַז, וואָס צו דעם ברענגט זיי די דײַטשע שפּראַך: אָנשטאָט ,דורון׳ [געשאַנק] זאָגן זיי אויך ,מזיגה׳; ווײַל זיי זעהען ,שענקן׳ און ,איין שענקן׳, מיינען זיי, אַז אין לשון קודש ווערן אויך ביידע באַ־גריפן אויסגעדריקט מיט איין וואָרט.»

אַז דאָס מאָדערנע העברעאיש פון מענדעלען, שלום־עליכמען אאַז״וו וואָלט ניט געקאָנט געמאָלט זײַן אָהן יידיש, דאָס ווייסן מיר. אָבער שפּורן פון דער «יידישיזירונג» פון העברעאיש באַמערקן מיר שוין לרוב אין דער אַלטער העברעאישער ליטעראַטור אין דײַטשלאַנד[2]), און אָט געפינען מיר בײַ ר׳ אלי׳ בחור א בפירושן אָנווייז אויף דעם.

*

כדי צו פאַרענדיגן מיט ר׳ אליס ווערק, דאַרפן מיר נאָך דער־מאָנען צום גוטן דאָס ווערטער־ביכל «שמות דברים» (איסני 1542). ס׳איז א העפט פון 62 זײַטן קליין 8, אַרויסגעגעבן, אַפנים לויט פוילוס פאַגיוסעס פאַרלאַנג, «**in gratiam omnium tyronum ac studiosorum linguae**

[1]) פגל׳ דאָס וואָרט «שענק»

[2]) עטליכע בײַשפּילן זיינען געבראַכט בײַ גידעמאַנען III, ז׳ 160 (ייד׳ ז׳ 112).

sanctae»[1]· דער מאַטעריאַל איז צעטיילט מאָדנע· פריער גייען נעמען פון זאַכן («שמות דברים באלפא ביתא»)· דערנאָך די בײַווערטער («שמות התוארים»)· ווײַטער: «נאמן דער דינג דיא מן ניט זעהען און גרייבן [= גרייפן· אָנטאַפּן] קאָן» (דאָ גייען אַריין: ליגן· געווין· פאַרלוסט· זיס· הונגער· דאָרשט· פיל· זייל אאַז״וו)· «נאמן דער קראנקהייטן»· «נאמן דער אַרצניי» וכו׳· די נעמען פון די קאַפּיטלעך זיינען געשריבן אַזוי דײַטשמעריש· אַז זיי שטאַמען געוויס פון פּאַגיוסן·

ר׳ אלי׳ איז ניט אויסן געווען אָפּצומאָלן דעם יידישן וואָרט־אוצר פון זײַן צײַט; ער האָט אַפילו ניט אַרײַנגענומען אין זײַן ווערטערביכל יענע יידישע ווערטער (מעקן· קאַטאָוועס אאַז״וו)· וואָס ער דערמאָנט אין «תשבי»· דער צוועק פון דעם חיבור איז געווען גאָר אַן אַנדערער· ס׳האָט געדאַרפט זײַן א הילפסבוך פאַר די קריסטליכע תלמידים איבערצוזעצן פון דײַטש (אָדער לאַטײַן) אויף העברעאיש· האָט ר׳ אלי׳ ניט געקאָנט ברענגען יידישע ווערטער (פון העברעאיש אָדער פון די ראָמאַנישע שפּראַכן אָדער איבערגעאַנדערשטע ווערטער פון דײַטשן שורש)· נאָר ער האָט געמוזט נעמען אַזוינס· וואָס די תלמידים זאָלן פאַרשטיין· ד״ה דײַטשע ווערטער· — אַלץ איינס· צי יידן האָבן זיי גענוצט אָדער ניט· דעריבער טאָרן מיר אינם «שמות דברים» ניט זוכן קיין כאַראַקטעריסטישע יידישע ווערטער; נאָר ווען־ניט־ווען שפּרינגען זיי אַרויס קעגן דעם ווילן פון מחבר· אָפּלערנען פון דעם ביכל קאָנען מיר איבערהויפּט וועגן דער קלאַנגיקער אַנטוויקלונג פון יידיש·

איטליך וואָרט גייט פריער אויף יידיש· דערנאָך אויף העברעאיש· לאַטײַן און דײַטש; די דײַטשע איבערשרײַבונג האָט געגעבן פּוילוס פּאַגיוס לויט זײַן גוסט· איז ווען מען גלײַכט צו ר׳ אליס «לשון אשכנז» צו פּאַגיוסעס דײַטש· זעהט מען אָפּטמאָל אַרויס וויכטיגע קלאַנגיגע אונטערשיידן·

ר׳ אלי׳ שרײַבט «ו» (חולם· דער o פון יענעם אויסלייג) כמעט אומעטום· וואו מיר האָבן הײַנט o אין ליטווישן יידיש און וואו פּאַגיוס שרײַבט a: אודר — **Ader**· בלוזבאלק — **Blasbalg**· הור — **Har**· נודל —

[1]) «פאַר אַלע אָנהייבער און לערנער פון דער הייליגער שפּראַך»·

Nadel אאַז״וו· דערפון, האַלט איך, איז געדרונגען: דאָרטן, וואו עס שטייט געשריבן «א» פאַר אונזער הײַנטיקן ליטווישן o («א» האָט געקאָנט באַטײַטן אי a, אי o), דאַרפן מיר אויך לייע־נען o·

א זײַטל פונם «שמות דברים»

כאון דער בלוטרויבט

Son	Filius	בֵּן	זון
Dochter	Filia	בַּת	שכֿטור
Kinder	Liberi	יְלָדִים	קינדר
Enickel	Nepos	נֶכֶר	עניקלין
Brûder	Frater	אָח	ברודר
Sshwôſter	Soror	אָחוֹת	שוועשטר
Aiden	Gener	חָתָן	איידן
Schnurr	Nurus	כַּלָּה	שנויר
Vetter	Patruus	דוד	ויטר
Mumlen	Patruelis	דוֹדָה	מומלן
Man	Mas	בַּעַל	מאן
weib	Mulier	אִשָּׁה	וייב
Schweher	Socer	חָמִיה	שוועהר
Schwiger	Socrus	חוֹתֶנֶת	שוויגר
Schwager	Affinis	גֹּאֵל	שוואגר
Geſchwey	Sororia	יְבָמָה	גשוויי
Freunde	Conſanguinei	קְרוֹבִים	פרוינדי
Geſchlecht	Familia	מִשְׁפָּחָה	גשלעכט
Geſind	Domeſtici	בְּנֵי בַּיִת	גזינד
Geburt	Generatio	תּוֹלְדוֹת	גבורט
Geſchwiſterig kinder.	Conſobrini	שְׁבִי בְּשְׁבִי	גשוועשטר קינד

זייער וויכטיק איז די עוואָלוציע פונם u-קלאַנג· ר׳ אלי׳ שרײַבט טויך (בֶּגֶד, Tuch)· לוינג (רֵיאָה), צוינג (לָשׁוֹן), שויל (כְּנֶסֶת), שלוינד (וֶשֶׁט), שנויר (קַו)[1] אאַז״וו; אין די אַלע פאַלן האָט פאַגיוס דיזעלביגע ווערטער,

[1] אין דער עלטסטער יידישער אָרטאָגראַפיע באַצייכנט דער «וי» סײַ דעם au, סײַ דעם ö (oe), סײַ דעם ü (ue)· זעה וועגן דעם ווײַטער ז׳ 110·

נאָר מיט א ריינעם u·[1]) לויט מיין מיינונג קען מען דאָס אויסטייטשן נאָר אויף איין אופן: אַז «וי» איז דאָ דער מיטלדיגער שטאַפּל (= ü) אינם איבער־גאַנג פון u צו i· מיר געפינען דאָ, הייסט עס, ביי ר׳ אלי׳ לוי אַן עלע־מענט פון אונזער שפראַך, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן הײַנטיגן פויליש־אוקראַאינישן יידיש·

לאָמיר נאָך פאַרצייכענען א רײ אינטערעסאַנטע ווערטער, וואָס זיינען פאַראַן אין דעם ביכל· אנצליט (פנים; איינס פון די ווערטער, וואָס גייען אַדורך דורך דער גאַנצער עלטערער יידישער ליטעראַטור; אין קיין שום דײַטשן מקור האָב איך אָט די בייפאָרם פון Antlitz ניט געפונען); אַק (= נאַקן, די דאָזיגע פאָרם שטייט אויך); צוכן (קנויט; אויך דאָס איינציגע וואָרט פאַר דעם באַגריף אין דער גאַנצער עלטערער ליטעראַטור); קיט (שלשלת; דווקא מיט «י» = ē, להיפוך צום דײַטשן Kette); שילטקרוט («ו» האָט שפּעטער געגעבן «וי», און דעריבער הייסט Schildkröte אויף יידיש «שילדקרויט», ווי עס באַווײַזט דער נאָמען פונם באַוואוסטן אַרטיסט); פויער (דווקא מיט א «פ»); פראַנצוזן (סיפיליס); שניט (פאַגיוס אָנשטאָט דעם: Erndt); אויף גאנג, נידר גאנג, מיט טאג, מיט נאכט (מזרח, מערב, דרום, צפון); הורן יעגר (זנאי), גישוויי (שוועגערין, זייער פאַרשפּרייט אין דער עלטערער שפראַך); פרידיגר (דער ערשטער «י» = ē, אַלזאָ דאַרפן מיר הײַנט ריידן און שרײַבן: פריידיגער)· איינס פון די לעצטע ווערטער, וואָס שטייען אין דעם «שמות דברים», איז «דורטן», וואָס פאַגיוס טראַנסקריבירט: dort·[2]) האָבן מיר ווידעראַמאָל א ראַיה, אַז שוין יעמאָלט האָט מען געשפּירט דעם בפירושן אונטערשייד צווישן דײַטשע און יידישע פאָרמען, כאָטש די מחיצה איז נאָך יעמאָלט ניט געווען אַזוי שאַרף, ווי הײַנט·[3])

[1]) עס שטייען איינס לעבן דעם אַנדערן: די זוין (שמש, פאַגיוס: Sunn), אָבער איין [=איין] זון (בן, פאַגיוס: Sûn); נאָר א פּאָר זײַטלעך ווײַטער שטייט שוין «זוין», און פאַגיוס גיט דאָס איבער מיט Son· הייסט עס, קיין פולע אויסגעהאַלטנקייט איז ניטאָ· איינמאָל, אין אַן אַנדער בוך, שרײַבט פאַגיוס אויך ü· זעה ז׳ 115·

[2]) די פאָרם „דאָרטן" באַנעגנט זיך אין טייל דײַטשע דיאַלעקטן·

[3]) לויט ווי שטיינשנײַדער גיט איבער (Cat. Bodl. I 938), איז א קליין ווערטערביכל («glossariolum vocum exoticarum») צוגעגעבן אויך צו דער ערשטער אויסגאַבע פון ר׳ אליס בבא־בוך· ס׳וואָלט געווען טשיקאַווע צו וויסן, וואָסערע «אויסלענדישע» (exoticus) ווערטער דער מחבר האָט דאָ פאַרצייכנט; נאָר ליידער שווײַגט וועגן דעם שטיינשנײַדער, און פון א פאַרבײַ־גייענדיגער באַמערקונג ביי גרינבוימען (ז׳ 509) ווערן מיר נאָר געוואויר, אַז דאָס וואָרט «ריגאַץ» איז פאַרטײַטשט «רענר» (Renner, לויפער)· קיין אַנדערער האָט דאָס ערשטע «בבא־

6.

עס איז גאָר שווער זיך פאָרצושטעלן, וואָס פאַר א רושם ר׳ אליס העברעאישע גראַמאַטישע ווערק האָבן געמאַכט אויף דער קריסטליכער וועלט. רייכלין האָט געהאַט געבראַכט זײַנע קענטעניששן פון איטאַליע; אַהין האָט ניט יעדערער געקאָנט זיך אַוועקלאָזן, כאָטש קריסטליכע יונגע־לײַט («אָרעם־בחורים» וואָלטן מיר זיי גערופן) האָבן ניט געזשאַלעוועט קיין צײַט און קיין מי און קיין וועג צו זוכן פאַר זיך העברעאישע לערער. און וואָס מען האָט געקענט אין דײַטשלאַנד, האָבן מיר שוין געזעהן בײַ בעשענשטיינען: קלאָגעדיג ווייניג. פאַר די אַלע, וואָס האָבן געגאַרט נאָך העברעאישן דקדוק, זיינען ר׳ אליס ווערק געווען אַזוי ווי אַן אַנט־פּלעקונג; און ווען זיי האָבן זיך באַקאָנט מיטן מחבר, זיינען זיי נאָך מער נתפעל געוואָרן. א מענטש מיט א גרויסן וויסן, און פאָרט אַן עָניו; א געטרײַער ייד, און פאָרט א «פרײַער», וואָס האָט ניט מורא אומצוגיין מיט קריסטן; א מלומד ווי אַן איטאַליענישער ייד, און פאָרט א דײַטש, מיט וועלכן מען קאָן זיך אויפריידן. דער גאַנצער טיפּ איז זיי געווען נאָהענט; צי איז ר׳ אלי׳ דער נע־ונדניק, וואָס טראָגט זיך אום מיט זײַנע כתב־ידן פון שטאָט צו שטאָט, ניט געווען געגליכן צו די וואַנדערנדיגע הומאַניסטן פון 16טן י״ה? פונקט ווי ר׳ אלי׳ לויבט שטאַרק אין דער הקדמה צום «תשבי» פּוילוס פאַגיוסן, וואָס האָט אים אויסגעהאָלפן מיט זײַן דרוק, ווען באָמבערגס דרוק אין ווענעציע האָט זיך פאַרמאַכט, אַזוי קאָנען זיך פּוילוס פאַגיוס און סעבאַסטיאַן מינסטער גאָרניט אָפּלויבן אויף ר׳ אלין, אויף זײַן בקיאות און חריפות.[1])

אָנהייבנדיג פון דריטן יאָרצעהנדלינג פון 16טן י״ה זיינען עטליכע צעהנדלינג יאָר פון העברעאישע לימודים אין קריסטליכן דײַטשלאַנד אָנ־

בוך» ניט באַשריבן. — א ביסל יידישע ווערטער, אַלס טײַטש־ווערטער, זיינען פאַראַן אין ר׳ אליס תרגום־ווערטערבוך «מתורגמן» (איסני, 1542); מיר געפינען דאָרטן «מולטוואורף» (רוס׳ кротъ), «הייבט» (ניט מיט ווי און אויך אָהן אַן איבערקלאַנג; אַלזאָ ניט Haupt און ניט Heupt, נאָר דווקא hejpt); «שילטליך», וואָס גיט אָנצוהערעניש אויף דעם, ווי אַזוי ר׳ אלי׳ פלעגט בילדן די פאַרקלענער־פאָרמען (שילטליך» איז פלוראַל דעמינ׳ פון «שילט», דאָס טײַטש־וואָרט פאַר «שלט» יִרמיה יג, כג). א פּאָר יידישע ווערטער זיינען אויך פאַראַן אין ר׳ אליס באַמערקונגען צו קמחי׳ס «ספר השורשים». נאָר קיין גרעסערן יידיש־פילאָלאָגישן באַטײַט האָבן ניט די לעצטע צוויי ביכער, מעגן מיר ניט מאריך זײַן וועגן דעם. אַגב פאַרשפּאָר איך דאָס צו טון, ווײַל בײַ גרינבוימען (ז׳ 508—521) זיינען די ווערטער געבראַכט און אויסגעטײַטשט.

[1]) די לויבגעזאַנגען זיינען אָפּגעדרוקט בײַ ג י י ג ע ר ן, ז׳ 57—60.

געפּילט כמעט נאָר מיט אײן זאַך: מען דרוקט איבער אָדער מען זעצט איבער אָדער מען אַנדערשט איבער ר׳ אליס ווערק. און מען טוט דאָס ניט באַהאַלטענערהײט, נאָר גאַנץ אָפֿן, מען גרײסט זיך דערמיט; מיר זײַנען דאָך נאָך אין יענע צײַטן, וואו אָריגינעלקײט איז לאַו דווקא — בעסער אַלטס, אַבי גוטס. אין א וואָסערע פֿינף און צוואַנציק יאָר זײַנען צוגעקומען אַזוי פֿיל לערנביכער, אַז מיר זעהען שוין אַן אויסווײניגסטן אונטערשײד. בעשענשטײן דערצײלט אין דער הקדמה צו זײַן חיבור, אַז מען האָט זיך בײַ אים אײַנגעבעטן, ער זאָל דאָס אָפּדרוקן. פּױלוס פּאַגיוס, פֿאַרקערט, גײט שוין אַרויס מיט א התנצלות צום לעזער: ער ווײס, אַז עס זײַנען פֿאַראַן גענוג העברעאישע לערנביכער און פֿון גרויסע מלומדים, נאָר פֿונדעסטוועגן מאַכט דאָך דאָס ניט אויס, וואָרים ס׳איז גוט צו האָבן פֿאַרשײדענע ביכער, «פּונקט ווי דער מאָגן האָט הנאה פֿון פֿאַרשײדענע מאכלים». לאָמיר מוחל זײַן דעם וואוילן פֿרײדיגער זײַן «פּאָעטישן» פֿאַרגלײַך און אָפּלערנען דערפֿון, ווי גיך די פֿאַרהעלטענישן האָבן זיך געביטן.

ס׳זײַנען געווען יעמאָלט א סך העבראַאיסטן אין דײַטשלאַנד, וואָס האָבן אַלע געאַרבעט לויט זײערע כוחות. נאָר מער ווי אַלץ האָט מען געהאַט צו פֿאַרדאַנקען, ווי ס׳איז שוין דערמאָנט געוואָרן, אלי׳ לויס תלמידים: סעבאַסטיאַן מינסטער און פּױלוס פּאַגיוס.

סעבאַסטיאַן מינסטער איז געבוירן געוואָרן 1489 אין אינגעלהײם (לעבן מאַינץ), נאָר דעם גרעסטן טײל פֿון זײַן לעבן האָט ער פֿאַרבראַכט אין באַזעל, וואו ער איז געווען פּראָפֿעסאָר פֿון העברעאיש. מינסטער איז גע־ווען א פֿילזײַטיגער מענטש; ער האָט זיך פֿאַרנומען מיט מאַטעמאַטיק, אינ־טערעסירט זיך מיט רעליגיעזע פּראָבלעמען (ס׳איז געווען די שטורעמצײַט פֿון דער רעפֿאָרמאַציע!). ער איז געווען א פֿראַנציסקאַנער מאָנאַך, נאָר שפּעטער האָט ער אָנגענומען די רעפֿאָרם. אויף דער עלטער, אין 1544, האָט ער אַרויסגעגעבן א גוואַלדיק־גרויסען ספר אונטערן נאָמען «קאָסמאָ־גראַפֿיע», און שוין ניט אויף לאַטײַן, ווי אַלע פֿריערדיגע ווערק זײַנע, נאָר אויף דײַטש.

ס׳איז זײער א טשיקאַווע ווערק, ווײַל עס באַווײַזט זיך דאָ דער גײַסטיגער שניט פֿון א גאַנצער עפּאָכע. «קאָסמאָגראַפֿיע» איז בײַ

מינסטערן ניט אַזוי, ווי היינט, א פיזיקאַליש־אַסטראָנאָמישע וויסנשאַפט, נאָר פשוטו כמשמעו: «וועלטבאַשרייבונג»; ער באַשרייבט אַלע פיר וועלט־טיילן (אויסטראַליע איז נאָך ניט געווען אויפגעדעקט), אָבער דעם גרעסטן אָרט, מער ווי א העלפט פון בוך, גיט ער אָפּ פאַר דייטשלאַנד. אפנים דאָס ווערק האָט שטאַרק אויסגענומען ביים לעזער, ווייל מען האָט עס איבער־געדרוקט זייער א סך מאָל, אַפילו איבערגעזעצט אויף לאַטיין, איטאַליעניש און פראַנצייזיש. לויט אונזער היינטיקן קוק איז דאָס אויפגעבויט אָהן שום סיסטעם, אָנגעפילט מיט מעשיות, גענעאַלאָגיעס און באַשרייבונגען פון אויסווייניגסטע סימנים פון א שטאָט: צו וועמען זי באַלאַנגט איצטער, צו וועמען זי האָט באַלאַנגט פריער אד״ג. צייטנווייז כאַפּט זיך דער מחבר אַרויס מיט א לעבעדיגן וואָרט, און יעמאָלט זעהען מיר, אַז ער האָט געהאַט א גוט אויג פאַר די ערשיינונגען פון לעבן: א שטייגער, ווען ער רעדט וועגן דעם וויסטן מזל פון די צוגעהעריגע פויערים, וואָס קומען אָפּ אין פינסטערע, קויטיגע הייזקעס, וואָס גענערן זיך מיט וואַסער און ברויט און מוזן טון פאַר זייערע פריצים די שווערסטע אַרבעט. נאָר באַלד האָט מינסטער חרטה אויף אַזעלכע לעבעדיגע רייד, און ער כאַפּט זיך אַרויף צוריק אויף זיינע נודנע כלומרשט «וויסנשאַפטליכע» שטאָלצן. אָט הייבט זיך אָן ביי אים א קאַפּיטל: «וועגן די מידות און מנהגים פון די איצטיגע דייטשע פעלקער», און מיר פרייען זיך שוין, וואָס מיר וועלן דאָ הערן באַריכטן פון א באַגלייבטן עדות. גיט ער זיך אָנשטאָט דעם א קערעווע און זאָגט: «כמעט יעדער איינער וויס דאָך, וואָסערע קליידער און וואָסער שפייז עס ווערן באַנוצט אין דייטשלאַנד, דעריבער פאַרשפּאָרט מען וועגן דעם צו שרייבן».

אָט דערזעלביגער אומגליק איז מיט מינסטערס לינגוויסטישע שריפטן אויך. ער איז שטייף, אָנגעצויגן, «וויסנשאַפטליך»; נאָר אַגב־אורחא, אַזוי ווי קעגן זיין ווילן, כאַפּט זיך אַמאָל אַרויס ביי אים א שאַרפע באַ־מערקונג, א גוטע אַכטגעבונג.[1]) אַזוי גיט ער, למשל, איבער אין דער הקדמה צו זיין «דקדוק לשון אַרמי» (באַזעל, 1527) זיינעם א שמועס מיט

[1]) אָט דאָס וואָרט לייג איך פאָר אָנשטאָט «בעאָבאַכטונג», וואָס טויג פאַר אונז ניט, ווייל מיר האָבן ניט קיין וואָרט «אָבאַכט». די כלומרשט «יידישיזירטע» פאָרם «באַאויבאַכטונג» (באָראָכאָוו) קומט אויס ביי מיר גאָר ווילד. «אָבאַכט» אויף דייטש איז פונקט דאָס אייגענע, וואָס דאָס יידישע «אַכט», אַפילו דער אייגענער שורש.

א ייִדן׳ ער׳ מינסטער׳ האָט צו אים געזאָגט: «אײַערע שרײַבער האָבן א טבע אַרײַנצומישן אַראַמישע ווערטער אין זייער העברעאיש; פּונקט ווי הײַנט: ווען זיי ווייסן ניט ווי צו טײַטשן עפּעס א העברעאישן וואָרט׳ נעמען זיי צוהילף די פאָלקס־שפּראַך׳ שפּאַניש אָדער דײַטש»· אַן אַנדערש מאָל גליטשט זיך אַרויס בײַ מינסטערן א באַמערקונג׳ וואָס קלינגט פאַר אונז ממש פּובליציסטיש· אינם ערשטן קאַפּיטל פון אָט דעם «דקדוק לשון אַרמי» (ז׳ 4) רעדט ער אַרום די קרובהשאַפט צווישן אַראַמיש (כאַלדעאיש) און העברעאיש׳ און ער דערציילט׳ אַז נאָך גלות־בָּבל׳ ווען ייִדן האָבן זיך אומגעקערט קיין ארץ־ישראל׳ האָבן זיי אַהין מיטגעבראַכט מיט זיך די אַראַמישע שפּראַך·[1] «פּונקט דאָס אייגענע ווי ווען מען וואָלט אונזערע דײַטשע ייִדן געגעבן א מיגליכקייט צו באַזעצן זיך אין הייליגן לאַנד און צו באַזיצן דאָס; זיי וואָלטן אויך געמאַכט דאָרטן די דײַטשע שפּראַך פאַר אַן אומגאַנגס־שפּראַך׳ וואָרים נאָר גאָר א קליינע צאָל צווישן זיי קאָנען ריידן העברעאיש·»

אַזוינע אַגבדיגע באַמערקונגען ווײַזן אונז׳ אַז מינסטער האָט זיך אומגעפירט מיט ייִדן׳ געטראַכט וועגן ייִדישע ענינים און געוויס געקענט ייִדיש (ער רופט די שפּראַך פון די ייִדן «דײַטש»׳ פּונקט ווי ר׳ אליי׳ שרײַבט כסדר «לשון אשכנז» און פּונקט ווי מען זאָגט נאָך הײַנט «טײַטש־חומש»)· נאָר אין זײַנע ווערק האָט זיך דאָס ניט אָפּגעשפּיגלט· אין דער קאָסמאָגראַפיע וואַרפט זיך דורך וואו־ניט־וואו א וואָרט וועגן ייִדן (ז׳ 128—129׳ א שטייגער׳ דערציילט ער׳ איינס לעבן דעם אַנדערן׳ די געשיכטע פון די הונען אין איטאַליע אין יאָר 454 און דעם בלוט־בלבול אויף ייִדן אין טריענט אין 1475)׳ נאָר ער באַגרעניצט זיך מיט הוילע פאַקטן· אין זײַנע פיל ווערק וועגן העברעאיש זעהט זיך כמעט אין ערגעץ ניט אַרויס׳ אַז דאָס רעדט ער וועגן דער שפּראַך פון א לעבעדיגן פאָלק׳ וואָס לעבט אין זײַן לאַנד· איין צײַט האָט מען געמיינט׳ אַז מינסטער האָט אין זײַן **Opus grammaticum** (1542) אָפּגעגעבן א ספּעציעלן קאַפּיטל דער ייִדישער שפּראַך; אַזוי האָט דערציילט אלעזר שולמאַן· נאָר

[1] איך וויל פאַרבײַגייענדיג באַמערקן׳ אַז די הײַנטיגע וויסנשאַפט איז שטאַרק מסופק אין דעם׳ צי איז אַראַמיש געקומען צום ייִדישן פאָלק מיט דעם וועג·

ב· באָראָכאָוו האָט שוין אויסגעפונען[1]· אַז שולמאַנען האָט זיך דאָס אָפּ־געדוכט· בלײַבן איבער אַלס עדות פון זײַנע קענטענישן אין יידיש נאָר די איינציגע ווערטער· וואָס זיינען צעשפּרייט איבער זײַן העברעאישן און כאַלדעאישן לעקסיקאָנען· אַרום און אַרום זיינען דאָס אפשר ביַי א זיבעציג־אַכציג ווערטער· וואָס נאָר א קליינער טייל פון זיי האָבן אַן אינטערעס פאַר אונז· א שטייגער אינם Dictionarium hebraicum (אַרויס־געגעבן 1523):

אֲבָנַיִם cathedra, rota. Judaei dicunt בֿורם·
אֶשֶׁךְ Testiculus, coleus. גמיכֿט Germanice·[2]
כֻּסֶּמֶת Far, triticum. Judaei דינקל·
מְנַצֵּחַ Carmen triumphale, victoria . . . Judaei dicunt אובר זייגונג·
עֲלִיל Vas alchimicum. Psal. 12. Judaei טעשט·[3]
פָּז Aurum obrizon et purgatum . . . Judaei גימא[4]·
רָחָם Porphirion, avis quaedam. Judaei dicunt אגלאשטר·
שָׁלָךְ Mergulus, quaedam avis . . . Judaei רעגר·

מיט פיר יאָר נאָכן העברעאישן ווערטערבוך האָט מינסטער אַרויס־געגעבן א «Dictionarium chaldaicum» ערוך»· ס׳איז ניט זיין ווערק· נאָר אַן אויסצוג פונם אַלטן תַּרגום־ווערטערבוך «עָרוך»· וואָס ר׳ נתן בן יחיאל פון רוים האָט צונויפגעשטעלט אַרום 1100טן יאָר· אָט דאָס ווערק איז געווען פאַרשפּרייט איבער גאַנץ אייראָפּע אין א גרויסער צאָל כתב־ידן· ביז וואַנען עס איז אויפגעקומען דער בוכדרוק און מען האָט דאָס גענומען דרוקן· מינסטער האָט געהאַט אין די הענט דעם מאַנוסקריפּט — אַן אויסצוג פון «ערוך» — וואָס געפינט זיך הײַנט אין מינכען (כתב־יד No. 420) און פריער איז ער געווען אין רעגענסבורג· מינסטער האָט געמיינט· אַז דאָס איז ניט קיין אויסצוג· נאָר טאַקע דער «ערוך» אַליין· און מחמת אין דעם מאַנוסקריפּט זיינען א סך שווערע ווערטער פאַר־טײַטשט «בלשון אַשכנז»· דרינגט מינסטער דערפון אַרויס· אַז דער בעל־

[1] באָראָכאָוו No. 2·
[2] לעקסער I· 834: gemaht· פילצאָל gemehte: genitalia· testiculi·
[3] זעה ז׳ 122·
[4] דער א איז א שטומער; פגל׳ אונזער אויסדרוק: «גינגאָלד»·

הערוך איז געווען דווקא א דײַטשער ייד׳ אין דער אמתן איז דאָס געווען א שפּעטערדיגע איבערשריפט (פון 14טן י״ה׳ ווי ס׳ווײַזט אויף פערלעס)׳ וואו א דײַטשער ייד האָט זיך פאַרגרינגערט די אַרבעט דורך פאַרשטענדליכע טײַטשן. פונקט אַזוי זײַנען אין דער קאָנסטאַנטינאָפּאָלער געדרוקטער אויסגאַבע פון 1511 צוגעגעבן נײַגריכישע׳ שפּאַנישע און טערקישע טײַטש־ווערטער.[1]) אָט פון דעם דאָזיקן רעגענסבורגער כתב־יד שעפּט מינסטער זײַנע פאַר «דײַטשע» וואָקאַבולן:

גֶדֶם — . . . שטונף Germanice.

גַדְגַדְנִיּוֹת [ד״ה גוּדְגְדָנִיּוֹת] — קיירשין, id Primo sunt Germanice est cerasa.

דַלְמַטְקִיוֹן — קפּא׳ id est Cappa Germanice.

דאָ׳ בײַ דעם אַראַמישן ווערטערבוך׳ איז מינסטערס מקור באַוואוסט. נאָר פון וואַנען האָט ער זײַנע «Judaei dicunt» פאַרן העברעאישן ווערטערבוך?

ער אַליין דערציילט אין זײַן הקדמה צו אָט דעם ווערק׳ ווי שווער עס איז אים אָנגעקומען צו געפינען הילפסביכער פאַר זײַן שטודיום. נאָר דאָ האָט אים דער חשובער געאָרג רייש (Georgius Reischius Cartusianus) פאַרשאַפט «א דײַטשע איבערזעצונג פון אַלטן טעסטאַמענט׳ וואָס אנדערע שרײַבן צו ר׳ שלמהן. פון דעם בוך האָב איך אַרויסגענומען פאַר־שיידענע דערקלערונגען פון ווערטער (in manus meas venit ... Germanica veteris instrumenti versio, quam Rabbi Salomoni quidam adscribunt. Ex quo libro varias vocabulorum interpretationes excerpsi)».

הייסט עס׳ פון וואַנען מינסטער האָט געשעפּט׳ ווייסן מיר שוין. נאָר אָנשטאָט דעם שווימט אַרויף א צווייטע פראַגע׳ נאָך א האַרבערע: וואָס איז דאָס פאַר א יידישע איבערזעצונג פון אַלטן טעסטאַמענט׳ וואָס אַנדערע שרייבן צו ר׳ שלמהן? דאָס איז אַן ענין׳ וואָס רירט אָן אונזער גאַנצע עלטערע ליטעראַטור־געשיכטע׳ וואָרים די צאָל ביבל־איבערזעצונגען איז בײַ אונז גאָרניט אַזוי גרויס. פערלעס׳ וואָס האָט

[1]) פערלעס׳ ז׳ 2 און 20—44.

גרונטיג אויסגעפאָרשט די גאַנצע מינסטער־ליטעראַטור, איז משער, אַז דאָס מיינט ער דעם ספר ר׳ אַנשיל[1]; אָבער די טעמים זיינען שוואַכע ביז גאָר. פּערלעס שרייבט (ז׳ 33 אָנמערקונג), אַז Salomo און Anschel איז דער־זעלביגער נאָמען; פון וואַנען איז דאָס געדרונגען? נאָר אויב שוין יאָ, איז אָבער דער ספר ר׳ אַנשיל אַרויסגעגאַנגען פון דרוק ערשט 1534, און מינסטערס לעקסיקאָן שטאַמט פון יוני 1523! מוז מען אָננעמען, הייסט עס, א פרישע סברא: אַז דער ספר ר׳ אַנשיל האָט פריער צירקולירט אין מאַנוסקריפּטן[2]; נאָר אויף דעם איז קיין שום באַשטעטיגונג ניטאָ. אַגב שטימען גאָר ניט מינסטערס אַלע טייטשן מיטן ספר ר׳ אַנשיל, און דאָס וואָס דאָס רוב שטימען יאָ, איז נאָר אַן אָנצוהערעניש אויף דער פעסטער מלמדישער טראַדיציע פון טייטשן דעם תנ״ך, וואָס האָט זיך אויסגעאַרבעט ביי דייטשע יידן אין משך פון הונדערטער יאָרן. ווען מען זאָל נאָך נעמען אין אַכט, אַז ר׳ אַנשיל טייטשט נאָר איינציגע ווערטער, אין דער צייט וואָס מינסטער רעדט וועגן א «versio», אַן איבערזעצונג, וועלן מיר מוזן קומען צום באַשלוס, אַז פּערלעסעס גאַנצע השערה איז געבויט אויף זאַמד. גיכער ווי אַלץ האָט מינסטער געהאַט אין די הענט א זעלבשטענדיגע תנ״ך־ (אָדער אפשר נאָר חומש־) איבערזעצונג.

נאָר וואו איז די איבערזעצונג? דאָס ווייס מען ניט. מינסטערס ליטע־ראַרישע ירושה און זיין ביבליאָטעק זיינען שפּעטער געוועזן ביי יאָהאַן בוקסטאָרפן, וואָס איז געווען פּראָפעסאָר פון העברעאיש אין באַזעל מיט א האַלבן יאָרהונדערט נאָך מינסטערן. בוקסטאָרפס ירושה געפינט זיך איצטער אין דער באַזעלער אוניווערסיטעטישער ביבליאָטעק, נאָר דער דאָזיגער כתב־יד איז דאָרטן, דוכט זיך, ניטאָ.[3] הייסט עס, ווידעראַמאָל א בלויזער אָרט אין צוזאַמענהאַנג מיט מינסטערן, וואָס האָט געוויס גע־וואוסט אונז צו זאָגן א סך און געזאָגט אַזוי ווינציג!

ניט נאָר ביכער האָבן זייער מזל, ווי דאָס לאַטייניש שפּריכוואָרט זאָגט, נאָר ביכער־שרייבער אויך.

[1]) זעה ווייטער ז׳ 115—123.

[2]) אַזוי האַלט טאַקע פּערלעס; זעה ז׳ 124 אָנמ׳ 2.

[3]) פגל׳ די אַרבעט פון מ. שוואַב: Les manuscrits hébreux de la Bibliothèque de Bâles. אין Revue des études juives, V, ז׳ 250—256.

.7

אליהו לעוויטאַס צווייטער תלמיד אין דײַטשלאַנד, דער פּריידיגער פּוילוס פּאַגיוס, האָט אין דעם רבינס לעבן געשפּילט א גרעסערע ראָליע, איידער מינסטער, און דעריבער דערציילט ר׳ אלי׳ וועגן אים באריכות. אין דער הקדמה צום «תשבי» 1541 גיט ער איבער, ווי ביטער עס איז אים געווען, ווען עס האָט זיך פֿאַרמאַכט די דרוק פֿון «דניאל בומבירגו» (= באָמבערגאָ; שוין אין יענע צײַטן האָבן יידן געהאַט א טבע צוצופּאַסן זייערע נעמען צו דער שפּראַך פֿון לאַנד, איז פֿון דעם עכט דײַטשן «באָמבערג» געוואָרן דער איטאַליענער «באָמבערגאָ») אין ווענעציע און ער האָט ניט געהאַט וואו צו דרוקן זײַנע ווערק. ער האָט געקלערט אַריבער־שיקן דעם כ״י קיין באָלאָניע, נאָר דערווײַלע איז ער געוואויר געוואָרן, אַז דאָרטן האָט זיך אויך פֿאַרמאַכט די יידישע דרוק. דאָ איז אים אָנגעקומען א בריוו פֿונם «דרשן» פּאַגיוס פֿון איסני, וואָס האָט אים געמאָלדן, אַז ער עפֿנט א יידישע דרוק, און געבעטן אים קומען צו הילף אין דער אַרבעט. ר׳ אלי׳ איז טאַקע אַוועקגעפֿאָרן אַהין, און פֿאַר דער צײַט, וואָס ער איז אָפּגעווען אין איסני, האָט ער געאַרבעט טאָג ווי נאַכט (אי ער אַליין שרײַבט דאָס, אי פּאַגיוס רעדט וועגן דעם), כדי אַרויסצוגעבן זײַנע פֿאַרטיגע ווערק און צוצוגרייטן נײַע. פּוילוס פּאַגיוס האָט דאָס אַלץ אַרויסגעגעבן און ווי ווײַט מיגליך אים טעכניש צוגעהאָלפֿן אין זײַן אַרבעט — איז קיין וואונדער ניט, וואָס ר׳ אלי׳ איז באַגײַסטערט פֿון זײַן תלמיד און מעסט אָן אויף אים דעם פּסוק, וואָס איז געזאָגט געוואָרן אויפֿן רמב״ם. «פֿון פּוילוסן [דעם אַפּאָסטאָל] ביז פּוילוסן [פּאַגיוס] איז ניט אויפֿגעשטאַנען אַזוינער ווי פּוילוס» — שרײַבט ר׳ אלי׳ אין זײַן הקדמה.

אין דער אמתן איז פּוילוס פּאַגיוס ניט געווען אַזאַ גרויסע פּערזענ־ליכקייט. שוין דער זאַץ אַליין, וואָס מיר האָבן געבראַכט פֿריער (ס׳איז גוט צו האָבן פֿאַרשיידענע לערנביכער, «פּונקט ווי דער מאָגן האָט הנאה פֿון פֿאַרשיידענע מאכלים») זאָגט עדות אויפֿן ניט־איבעריגס הויכן פֿלי פֿון זײַן געדאַנק. נאָר איין גרויסע מעלה האָט ער געהאַט: ער איז געווען ענערגיש און איבערגעגעבן צו דער זאַך, וואָס ער האָט געמאַכט פֿאַר זײַן לעבנס־אַרבעט — צום שטודיום פֿון דער העברעאישער שפּראַך.

פּוילוס פאַגיוס איז געבוירן געוואָרן 1504 אין שטעטל ריינצאַבערן, (אין געגנד פון שפּייער), וואו זיין פאָטער איז געווען לערער און שטאָטי־שער שרייבער. עלף יאָר אַלט איז ער אַוועק אין היידעלבערגער אוני־ווערסיטעט.[1]

1522 געפינען מיר אים אין שטראַסבורגער אוניווערסיטעט, וואו ער לערנט ביים הומאַניסט קאַפּיטאָ העברעאיש. 1527, 23 יאָר אַלט, איז ער אַרויסגערופן געוואָרן אַלס לערער קיין איסני. ער האָט זיך דאָ איינ־געלעבט, חתונה געהאַט; דער עולם האָט פון אים שטאַרק געהאַלטן. אין א צייט אַרום האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אַ צווייטן מאָל קיין שטראַסבורג, שטודירט דאָרטן צוויי יאָר טעאָלאָגיע, און 1537, ווען ער האָט זיך אומ־געקערט קיין איסני, איז ער צום לערער נאָך געוואָרן פריידיגער. 6 יאָר האָט ער דאָ געטון זיין אַרבעט באמונה. אין דער שולע זיינער האָט ער געלערנט העברעאיש אויך.

פאַרשפּרייטן די קענטעניש פון העברעאיש איז געווען זיין העכסטער פאַרלאַנג; האָט זיך אים געמאַכט אַזאַ געלעגנהייט, וואָס ער אַליין האָט זיך דערויף ניט גערעכט. די גוט־פריינדשאַפט פון א רייכן בירגער, א ליבהאָבער פון דער העברעאישער שפּראַך, האָט אים געגעבן א מיגליכקייט צו עפענען א העברעאישע דרוק, וואָס האָט אָנגעהויבן אַרבעטן 1541. קיין אַריכת־ימים האָט זי אָבער ניט געהאַט: פאַגיוסעס העברעאישע גראַמאַ־טיק, וואָס מיר וועלן באַלד ריידן וועגן איר ברייטער, איז אַרויס, מאַי 1543, שוין אין קאָנסטאַנץ; הייסט עס, זיין איסניער דרוק האָט שוין אַפנים יעמאָלט ניט עקזיסטירט.[2]

---

(1) וויבאַלד ער האָט זיך אָנגעהויבן לערנען, איז אים שוין געווייִנטליך ניט אָנגעשטאַנען דעם פאָטערס כשרער דייטשער פאַמיליע־נאָמען בוכלין, און ער האָט דאָס געמוזט איבערזעצן אויף לאַטיין. בוכלין הייסט אַ קליינע Buche, און דער בוים Buche הייסט אויף לאַטיין fagus. אין אָנהייב האָט זיך דער תלמיד גערופן Faginus, נאָר דערנאָך איז אים בעסער געפעלן געוואָרן Fagius, און דערביי איז ער געבליבן. — דאָס וואָס אַן עלף־יאָריג ייִנגל איז אָנגעקומען «אין אוניווערסיטעט», זאָל קיין חידוש ניט זיין; אין יענע צייטן פלעגט מען דעם צוגרייטונגס־קורס אויך דורכגיין ביים אוניווערסיטעט גופא.

(2) די סיבות, פאַרוואָס די איסניער דרוק האָט געפּלאַצט, זיינען ניט באַוואוסט; צי צוליב דוחק אין געלט, צי צוליב ר׳ אליס אָפּפאָר, צי איבער דעם, וואָס פאַגיוס אַליין האָט זיך שוין געקליבן קיין שטראַסבורג און געהאַט נאָך א קירכישע שליחות אין קאָנסטאַנץ? אין שטראַסבורג געפינט זיך נאָך א בינטל (Herzog, Realenzyklopädie für protestantische Theologie V זעה) בריוו פאַגיוסעס; דאָרטן וואָלטן מיר אפשר געפונען דעם באַשייד פונם רעטעניש. — טייל פאָרשער מיינען א׳בעריגנס, אַז די ק נסטאַנצער דרוק איז אויך געווען פאַגיוסעס אייגנס

1544 האָט פאַגיוס אָנגענומען די העברעאישע פּראָפעסור אין שטראַסבורג, וואָס מען האָט אים געהאַט פאָרגעלייגט נאָך מיט דרײַ יאָר פריער, באַלד נאָך קאַפּיטאָס טויט. ער איז געוואָרן זייער חשוב בײַ דער שטראַסבורגער באַפעלקערונג, אי ווי א דאָצענט, אי ווי א פריידיגער; און ער האָט געאַרבעט ווײַטער אין זײַן וויסנשאַפט אויך. 1546 האָט ער אַרויסגעגעבן דעם ערשטן טייל פון א לאַטײַנישער איבערזעצונג פון תרגום אונקלוס, געפירט א וויסנשאַפטליכע קאָרעספּאָנדענץ מיט פאַרשיידענע הומאַניסטן. ער האָט אַפילו געפּרובט אויפבויען דאָ אויך א העברעאישע דרוק, נאָר ער איז אַרײַנגעפאַלן צו אַן אומגעניטן מייסטער אין די הענט, ס'האָט אים אָפּגעקאָסט א סך מי און געלט, און ס'איז פון דעם פּלאַן גאָרנישט ניט געוואָרן.[1] 1549, דעם 5טן אַפּריל, האָט מען אים פאַרטריבן פון שטראַסבורג, אויפן סמך פון נײַע קירכישע תקנות, אינאיינעם מיט נאָך מיינונגס־חברים. ער האָט אָנגענומען די פאַרבעטונג קיין קעמברידזש אין ענגלאַנד (די נסיעה פון שטראַסבורג ביז לאָנדאָן האָט געדויערט 21 טעג) און גענומען לייענען לעקציעס פון העברעאיש אין דאָרטיגן אוניווערסיטעט. דאָ איז ער אינגיכן געשטאָרבן, דעם 12טן נאָוועמבער 1549.[2]

אין פאַגיוסן געפינען מיר אויך, פּונקט ווי מיר האָבן דאָס געזעהן בײַ מינסטערן און מיר וועלן דאָס נאָך זעהן בײַם גרעסטן טייל קריסטליכע העברעאיסטן ביז אונזערע טעג, א פאַראייניגונג פון צוויי כוונות. ערשטנס: שטודירן און לערנען אַנדערע העברעאיש; צווייטנס: פאַרשפּרייטן די קריסטליכע אמונה צווישן יידן. א מוסטער דערפון האָבן מיר שוין געזעהן אין זײַנע צוגאָבן צו ר' אליי' בחורס שריפטן (זעה אויבן

[1] אַזוי ווי דער דאָזיגער וויכטיגער שטריך אין פאַגיוסעס טעטיקייט ווערט אין ערגעץ בײַ זײַנע ביאָגראַפן (גייגער, פּערלעס אאַז״וו) ניט דערמאָנט, געפין איך פאַר נייטיג צו ברענגען, וואָס עס שרײַבט שאַדעאוס, Grammatica hebraeae linguae (שטראַסבורג 1591), אין דער הקדמה: «Etiam Typographiam hebraeam, quae nostra schola destituta fuerat . . . instituere et parare coepi. Inprimis vero exemplum, rudera et monumenta quaedam Typographica et literaria insignis viri Pauli Fagii me moverunt, et calcar mihi addiderunt: ut licet scirem, operam et sumptus ipsum in ea restauranda in hac urbe (siquidem in imperitum artificem incideret) perdidisse, ut ipsemet in literis ad amicum conqueritur: tamen . . . opus in manus ipse sumpsi.» (זעה האָרנינג, Magister Elias Schadäus, לייפּציג 1892, ז' 9.)

[2] פּערלעס ז' 231 ברענגט אַן אַנדער דאַטע: 15 נאָוועמבער 1550. נאָר איך האָב אין ערגעץ ניט געקאָנט געפינען דעם מקור, פון וואַנען ער האָט דאָס גענומען

ז׳ 76)· נאָך מערקווירדיגער איז די ראַליע׳ וואָס פּוילוס פּאַגיוס האָט געשפּילט אין דער קאָנסטאַנצער חומש־איבערזעצונג 1544·

עס שטייט אין די כתבים פון א בן־דור׳ אַז אָט די חומש־איבערזעצונג האָט געמאַכט דער משומד מיכאל אַדאַם (Michael Adam) פון ציריך׳ דער אייגענער׳ וואָס האָט מיט צוויי יאָר שפּעטער אַרויסגעגעבן אין ציריך דעם ערשטן יידישן «יוסיפון»·[1] שטיינשניידער גיט איינמאָל אָנצוהערניש[2])׳ אַז מיכאל אַדאַם האָט צו דער זאַך אפשר פאַרט קיין שייכות ניט געהאַט׳ און דער אַרויסגעבער איז געווען פּוילוס פּאַגיוס; נאָר קיין באַווייזן ברענגט שטיינשניידער ניט· יעדנפאַלס איז זיכער׳ אַז פּוילוס פּאַגיוס איז געווען א שותף אין דער זאַך· אָט איז די בעסטע ראַיה׳ וואָס מען ברענגט· פּאַגיוס האָט אַרויסגעגעבן 1543 א הילפסבוך צו לערנען העבראיש: די ערשטע פיר קאַפּיטלעך בראשית מיט א יידישער איבערזעצונג און לאַטייניש פירושים; איז דאָרטן די יידישע איבערזעצונג כמעט וואָרט ביי וואָרט געגליכן צו מיכאל אַדאַמס טעקסט· כאָטש פּאַגיוסעס ביכל איז אַרויס פון דרוק מיט א יאָר פריער· חוץ דעם שרייבט פּאַגיוס אין דער הקדמה צו די «ערשטע פיר קאַפּיטלעך»׳ אַז ער גרייט נאָך א «דייטשע העבראישע ביבל»׳ און אויף דעם סמך זאָגט פּערלעס אַפילו[3])׳ אַז פּאַגיוס האָט געדרוקט די קאָנסטאַנצער איבערזעצונג· איבעריגנס האָט שוין וואָלף אין 1733 געדרונגען׳ אַז «איבערגעזעצט דעם גרעסטן טייל פון דער ביבעל האָט מיכאל אַדאַם׳ נאָר פּוילוס פּאַגיוס האָט סיי געמאַכט פאַרבעסערונגען׳ סיי געדאַגהעט וועגן אַרויסגעבן דעם ספר»·[4])

ווי מיר זעהען׳ שטיצן זיך די אַלע חקירות אויף פּאַגיוסעס הקדמה צו די «פיר קאַפּיטלעך» און אויף דער ענליכקייט פון טעקסט· מיט אָט דער קאָנסטאַנצער איבערזעצונג איז אָבער צונויפגעקניפּט נאָך א פאַקט׳ וואָס וואַרפט א העלע שיין אויף פּאַגיוסעס מאָטיוון ביי זיין אַרבעט און בכלל אויף זיין גאַנצער פּערזענליכקייט· ווען מען נעמט אין אַכט דעם

[1]) זעה וואָלף׳ IV Bibliotheca hebraea׳ ז׳ 193·

[2]) I Zeitschrift für die Geschichte der Juden in Deutschland׳ ז׳ 286—287·

[3]) Monatsschrift für Geschichte und Wissenschaft des Judentums׳ 1876׳ ז׳ 366·

[4]) IV Bibliotheca hebraea׳ ז׳ 193· — וואָלף דערמאָנט נאָך׳ אַז די כללים פון יידיש־דייטשן אויסלייג׳ וואָס זיינען פאַראַן אין פּאַגיוסעס «פיר קאַפּיטלעך בראשית»׳ חזרן זיך איבער וואָרט ביי וואָרט אין דער הקדמה צו דער תורה־איבערזעצונג·

פאַקט׳ וואָס מיר וועלן תיכף מעלדן׳ און מען דערמאָנט זיך׳ אַז פאַגיוס האָט געהאַט אויף זיך אין פאַרשיידענע צײַטן עטליכע קירכישע שליחותן׳ וועלן מיר מוזן אָפּוואַרפן גייגערס כאַראַקטעריסטיק[1]׳ אַז פאַגיוס איז געווען «א רואיגער מאַן׳ מער אַרײַנגעטון אין געלערנטער אַרבעט׳ איידער אין טעאָלאָגישע מחלוקתן»׳

די ערשטע פיר קאַפּיטלעך בראשית׳ מיט א יידיש־טײַטשער איבער־זעצונג וואָרט בײַ וואָרט און א לאַטײַנישן קאָמענטאַר׳ האָט פאַגיוס אָנ־געגרייט — אַזוי דערציילט ער אַליין אין זײַן הקדמה צו דעם דאָזיגן ביכל — ווײַל בײַ עטליכע פון זײַנע תלמידים האָבן פאַרפעלט העברעאישע תנ״כן׳ מיט דער יידישער איבערזעצונג איז ער אויסן געווען ניט צו לערנען יידיש׳ נאָר צו פאַרגרינגערן דעם שטודיום פון העברעאיש׳ זעהענ־דיג׳ אַז די אַרבעט זײַנע האָט געהאַט א פעולה׳ האָט ער באַשלאָסן דאָס צו מאַכן צוטריטליך פאַר א ברייטערן עולם׳ און ווײַל ניט אַלע קאָנען לייענען יידיש־טײַטש׳ האָט ער צוגעגעבן צום סוף א קורצע לערע וועגן דעם׳ «דורך דעם דאָזיגן גאַנג האָב איך זיך פאַראיינס אויך צוגעגרייט א וועג צו א דײַטשער העברעאישער ביבל׳ וואָס מיר פאַרעפנטליכן אויך׳ צוליב אַ באַשטימטן טעם׳ ווי ס׳איז צו זעהן פון דער הקדמה צו דעם דאָזיגן ווערק׳»[2]

נאָר וואָס איז עס געווען פאַר אַ «באַשטימטער טעם»׳ צוליב וועלכן פאַגיוס האָט געוואָלט אַרויסגעבן א יידישע תורה־איבערזעצונג? אַן ער־קלערונג זאָגט ער צו צו געבן אין דער הקדמה צו דער דאָזיגער איבער־זעצונג׳ שולמאַן[3]) ברענגט פון דער הקדמה א גרויסן אויסצוג׳ «זינטמאל [היות] וויר זעהן דאז זיך די הערצן בון [= פון] טאג צו טאג מינדרן אין דעם ור שטאנד אונ׳ אין דער ווייסהייט ... צו דעם דאז וויר זעהן די קהילות בעונות הרבים אויך אימר דַר [כסדר] אב נעמן אונ׳ צר שטערט וועררדן דורך ויל פאלטיג [אָפטע] גירושים׳ דז וואו מן בור [פאַר] צייטן האט צעהן קהלות גיבונדן [= געפונען] גיבינט מן אצונדר קום [= קוים] אייני בעו״ה׳ אונ׳ דורך זולכי גירושים ווערדן די בעלי בתים גינויטיגט

1) Allgemeine Deutsche Biographie ׳ VI ׳ 533 ׳

2) «... quo ista ratione simul quoque viam pararem ad Germanica Hebraica Biblia, quae non sine certa causa, ut ex ejus operis praefatione patet, quoque evulgamus»׳

3) ז׳ 6

אויף דען דורפרן [= דערפער] צו זיצן, אונ׳ איז אבער ניט אין איינש איטליכן ור מיגן [= פאַרמעגן] דז ער קאן איין מלמד האלטן דער אים זייני קינדר לערנט, דא דורך דען גרושי עם הארצים דר וואכסן. דארום זיין וויר בוועגט ווארדן דז וויר דז חומש ··· צו דויטש גטריקט [= גע־דרוקט] הבן, וויא די זעלביגי איטליכי [= עטליכע] גלערטי יהודים אונ׳ רבנים אויש לשון הקודש אין לשון אשכנז ור דויטשט הבן ··· אלזו דז נון איין איטליכר בעל הבית דער נור דויטש לייאן [= לייענען] קאן זייני קינדר זעלבר מאג לערנן אונ׳ אינן דז חומש צו ור שטין געבן.»

זייער א וואוילע כוונה. נאָר צי וועט פּאַגיוס, דער פרומער קריסט, גיין אַוועקגעבן אַזוי פיל מי, כדי די בעלי־בתים אויפן ישוב זאָלן קאָנען אַליין לערנען מיט זייערע קינדער, אויב זיי קאָנען זיך ניט פאַרגינען צו האַלטן א מלמד? אָט דאָס זאָל זיין דער «באַשטימטער טעם», וואָס פּאַגיוס האָט צוגעזאָגט צו ברענגען אין דער הקדמה? עפּעס לייגט זיך דאָס ניט אויפן שכל.

די קשיה איז פאַר מיר געוואָרן אויס קשיה, ווען איך האָב דערזעהן דעם עקזעמפּלאַר פון דער קאָנסטאַנצער ביבל־איבערזעצונג 1544, וואָס איז פאַראַן אין דער פּרייסישער מלוכה־ביבליאָטעק אין בערלין. דער טעקסט פון חומש שטימט וואָרט פאַר וואָרט מיט יענע פּסוקים, וואָס שול־מאַן ברענגט. נאָר פונדעסטוועגן איז דאָס עפּעס אַנדערש. דער בערלינער עקזעמפּלאַר האָט ניט קיין יידישע הקדמה און אויך ניט קיין העברע־אישן טיטול, ווי דער וואָס שולמאַן באַשרייבט אים, נאָר א דייטשן:

Die fünff bücher Moſis ... auß Hebraiſcher ſprach nach Jüdiſcher art / von wort zu wort ins Teutſch verdolmetſchet / vnd mit Hebraiſcher ſchrifft / deren ſich die Juden in irem Teutſch ſchreiben gemainlich gebrauchen / gedruckt / nit on ſondere vrſach beſchehen / wie man findt in der Vorrede. Gedruckt zu Coſtenz Anno M.D.XLiiij

;«Non sine certa causa, ut ex ejus operis praefatione patet ...»
— «nit on ſondere vrſach beſchehen / wie man findt in der Vorrede»
אָט האָבן מיר געפונען די שפור פון יענעם צוזאָג, וואָס פּאַגיוס האָט גע־

געבן מיט א יאָר פֿריער! און טאַקע, קערט איבער דאָס שער־בלאַט, לייענט איר באַלד אויף דער צווייטער זײַט פֿונם אייגענעם בלאַט:

Vorrede zum Leser

durch Paulum Fagium.

אָט האָבן מיר דאָס! און דאָ, אין א דײַטשער הקדמה, פֿאַר ניט־יידישע באַנוצער, גייט פֿאַגיוס אַרויס מיט דער שפּראַך גאָר אויף אַן אַנדער שטייגער, איידער אין די רייד, מיט וועלכע ער (אָדער מיכאל אַדאַם) האָט זיך געווענדט צו די יידישע לעזער. מען וועט זיך מסתמא זייער חידושן, שרײַבט דאָ פֿאַגיוס, וואָס ער העלפֿט אַרויסגעבן א יידישע ביבל («daß durch mein fürdernus / dise Jüdisch Bibel an tag gebracht wird»); ווינציג גוטע ביבלען זיינען פֿאַראַן הײַנטיגע צײַטן? מען דאַרף נאָך זויפֿן דעם גאַוואַר, מיט וועלכן יידן באַשמירן דאָס קעסטליכע הייליגע בוך פֿון דער ביבל? נאָר פֿאַראַן א ספּעציעלער וויכטיגער טעם. ערשטנס, זאָגן יידן תמיד, אַז די קריסטן האָבן ניט קיין רעכטע ביבל, און דאָס פֿירט אַרײַן אין ספקות די תמימותדיגע קריסטן. האָט מען אים געבעטן צו פֿאַרטײַטשן די ביבל אויפֿן יידישן שטייגער, כדי מען זאָל זעהן, ווער ס׳פֿאַרמאָגט א מער ריינע ביבל: יידן אָדער קריסטן. ער האָט איצטער געטון צו ליב די בעטער און אַרויסגעגעבן פֿאַר א פּראָבע דעם חומש מיט די מגילות. יידן קאָנען ניט לערנען, אַפֿילו זייערע רבנים אויך ניט. וואָרים אין תנ״ך קוקן זיי אַרײַן סײַדן יינגלווײַז, דערנאָך טוען זיי זיך אַרײַן אינגאַנצן אין תלמוד, און פֿון דאָרטן נעמען זיי אויך ניט דאָס גוטע, וואָס מען קאָן דאָרטן געפֿינען, נאָר דורכאויס פּוסטע זאַכן: ווי אַזוי מען זאָל בויען א סוכה, וועגן טלית און תפילין אד״ג. די גאַנצע יידישקייט שטייט אויף איסור־והתר.

יידן וועלן גיכער געהאָלפֿן ווערן, שרייבט ווייטער די הקדמה, ווען זיי וועלן לייענען די הייליגע שריפֿטן און אָפּטון זיך פֿון אַנדערע ספרים. געוויינטליך וואָלט געווען בעסער, ווען זיי לייענען אַנדערע ביבלען; נאָר זיי ווילן דאָך ניט, די רבנים פֿאַרווערן דאָס, מען טייטשט אויס פֿאַלש אַפֿילו אַזוינע פּסוקים פֿון תנ״ך, וואָס ווייזן אָן בפירוש אויף קריסטוסן. דאַרף מען דרוקן די ביבל אויפֿן יידישן שטייגער. [ווייטער

דאָס ערשטע זײַטל פון דער קאָנסטאַנצער חומש־איבערזעצונג 1544


ת בראשי

אן דען) ער האט דר שאפן גאט די הימל אונ' די ערד :
אונ' די ערד וואש וואושט אונ' לער אונ' וינשטרנוש
אוף אן געזיכט דיש אב גרונדש אונ' (ווינד) גאטש שוועבט אוף אן געזיכט
דער וואסרן : אונ' ער שפראך גאט עש זאל זיין ליכט אונ' עש וואר
ליכט : אונ' ער זאך גאט דש ליכט דש עש גוט וואש אונ' ער
מאכט שיידן גאט צווישן דעם ליכט אונ' צווישן דער וינשטרנוש :
אונ' ער רופט גאט צום ליכט טאג אונ' צו דער וינשטרנוש האט
ער גרופט נאכט אונ' עש וואר אבנט אונ' עש וואר מארגן
(טאג איינר) : אונ' ער שפראך גאט עש
זאל זיין איין אויש שפרייטונג אין (צווישן) דער וואשרן אונ' זאל מאכן
שיידן צווישן וואסרן צו וואשרן : אונ' ער מאכט גאט די אויש
שפרייטונג אונ' ער מאכט אונדר שיידן צווישן דען וואשרן די בון
אונטן צור אויש שפרייטונג אונ' צווישן דען וואשרן די בון אובן צור
אויש שפרייטונג אונ' עש וואר אזו : אונ' ער רופט גאט צו דער אוש
שפרייטונג הימל אונ' עש וואר אבנט אונ' עש וואר מורגן טאג דער
אנדר : אונ' ער שפראך גאט זיא זאלן זיך
זאמלן די וואשר בון אונטן דעם הימל צור שטאט איינר אונ' זיא זאל
ווערדן געזעהן די טרויקניש אונ' עש וואר אזו : אונ' ער רופט גאט
צור טרויקנוש ערד אונ' צו זאמלונג דער וואשרן ער האט גרופט מיר
אונ' ער זאך גאט דש עש גוט וואש : אונ' ער שפראך גאט זי זאל
גרונן די ערד גראש אונ' קרויט דש דא מאכט זיען זאמן בוים דער
ורוכט מאכנדי ורוכט צו (זייבר לייא) דש זיין זאמן אין אים אוף די
ערד אונ' עש וואר אזו : אונ' זיא צוך אויש די ערד גראז אונ' קרויט
דאש מאכט זיען זאמן צו זייבר לייא אונ' בוים מאכנדר ורוכט
רש זיין A 1

גייען זלזולים אויף יידן׳ וואָס האָבן פאַרדרייט דעם אמתן גלויבן׳ פּונקט ווי די פּויפּסישע׳.

טאָמער ווערט זיך עמיצער וואונדערן׳ שרײַבט ווײַטער פּוילוס פאַגיוס אין זײַן הקדמה׳ פאַרוואָס איז דאָס געדרוקט מיט יידישע אותיות׳ זאָל מען וויסן זײַן׳ אַז דאָס איז אויסגערעכנט ניט פאַרן געמיינעם מאַן׳ נאָר פאַרן געלערנטן (צווישן קריסטן)׳ איך האָב בדעה׳ זאָגט דער בעל־הקדמה׳ אַרויסצוגעבן נאָך אַנדערע ספרים מיט יידישע

אותיות. דערפאַר וויל איך זייער, אַז מען זאָל זיך אײַנגעווײנען צו לייענען אַזאַ שריפט, און דערפאַר קומט דאָ א באַריכט, ווי אַזוי דאָס צו לייענען. זאָל יעדער לעזער בעטן פאַר מיר צו גאָט, ער זאָל מיר געבן כוח צו טון מײַן שליחות און אָפּצוצאָלן אים מײַן חוב.

אַלזאָ, א ריין־מיסיאָנערישע כוונה האָט געטריבן פאַגיוסן אונטער־צונעמען אַזאַ גרויסע אַרבעט. אײַ די הקדמה, וואָס שולמאַן ציטירט און וואָס ברענגט גאָר אַנדערע מאָטיוון, פאַרשווײַגנדיק אינגאַנצן דעם קריסט פאַגיוסעס נאָמען? דאָס איז אַפּנים געווען א געשעפטליכער דריי. א נאָכפרעג אויף יידישע תנ״כן איז געווען א גרויסער (די בעסטע ראיה איז, וואָס אין דעם זעלביגן יאָר 1544 איז אַרויס אין אויגסבורג א צווייטע חומש־איבערזעצונג, פּוילוס עמיליוס׳עס), נאָר אַן איבערזעצונג מיט א טרייף־פּסולן פאָרוואָרט, מיט זלזולים אויף יידן און יידישקייט, וואָלטן יידן אין האַנט ניט גענומען. דרוקן ווידער אַזאַ גרויסן ספר, וואָס האָט געמוזט קאָסטן א מַטמון מיט געלט, בלויז פאַר די פּאָר קריסטן, וואָס חלשן מֵמיר צו זײַן א יידן, האָט ניט געלוינט. איז דאָס געווען דער גלײַכסטער פּלאַן: אַרויסלאָזן צוויי אויסגאַבעס: דער גאַנצער טעקסט דער אייגענער, נאָר די פּאָר זײַטלעך פון דער הקדמה געזעצט און געדרוקט איבעראַנײַס.[1]

*

אָט דער אויפטו פאַגיוסעס מיט דער ביבל איז פאַר אונז, לויט זײַן געזעלשאַפטליכן און ליטעראַר־היסטאָרישן פאַרנעם, אפשר וויכטיגער, איידער זײַנע גראַמאַטישע כללים, וואָס ווערן דערמאָנט אין די ביבליאָ־גראַפיעס (למשל, באָראָכאָוו, No. 3; באָראָכאָוו האָט אָבער די כללים ניט געהאַט געזעהן). פונדעסטוועגן זיינען זיי אויך זייער ווערט צעגלידערט צו ווערן, ווײַל פאַגיוס האָט אַרויסגעוויזן אַן אויסגעצייכנטן חוש פאַר דער יידישער אָרטאָגראַפיע און אויפגעטון גרויסע זאַכן. נאָר כדי עס זאָל קלאָר ווערן, וואָס ער האָט דערגרייכט אייגנס און וואָס ער האָט גענומען

[1]) די אויגסבורגער ביבל־איבערזעצונג 1544 איז אויך אַרויס אין צוויי באַזונדערע אויסגאַבעס, מיט פאַרשיידענע שַער־בלעטער, ווי דאָס איז אויפגעוויזן געוואָרן אין Revue des études juives, V, ז׳ 143 און 315. וואָס עס איז דאָרטן געווען די כוונה, קאָן איך ניט זאָגן; איך האָב ניט גע־האַט קיין געלעגנהייט צוצוגלײַכן יענע עקזעמפּלאַרן. נאָר דער פאַקט גופא איז שוין א כאַראַקטע־ריסטישער; א סימן, אַז פאַגיוס איז ניט געווען דער איינציגער אַרויסגעבער, וואָס איז געפאַל אויף אַזאַ פּלאַן.

פון די פריערדיגע, איז גלייכער צו באַהאַנדלען אים אינאיינעם מיט יענעם ספר, וואָס ער האָט געוויס געהאַט אין האַנט — מיטן «ספר מידות».

8.

דער «ספר מידות» איז איינע פון די אינטערעסאַנטסטע ערשיינונגען אין דער עלטערער יידישער ליטעראַטור, סיי לויט זיין אינהאַלט און סיי לויט די פּראָבלעמען, וואָס זיינען מיט אים צונויפגעקניפּט. דעם עטיש־רעליגיעזן תּוך וועלן מיר איצטער לאָזן אין א זייט; דאָס איז א זאַך, וואָס איז שייך צו דער געשיכטע פון רעליגיעז־עטישע השגות ביי יידן. אין א געוויסער מאָס איז דער ספר א מאַטעריאַל פאַר יידישער קולטור־געשיכטע אויך. היפּשע אויסצוגן פון דעם ווערק האָט געבראַכט גידע־מאַן III, ז' 227—238 (ייד' 148—157), נאָר עפּעס האָט ער דאָס געמאַכט אויף א מאָדנעם אופן: אַרומגעפּוצט און אַרומגעשניטן, דורכגעלאָזן גרויסע שטיקער, צונויפגעבונדן דעם אָנהייב פון איין זאַך מיטן סוף פון אַן אַנדער זאַך. בעסער וואָלט ער געגעבן א קלענערע צאָל קאַפּיטלעך, נאָר אינגאַנצן, וואָלט יעמאָלט דער קלאָריט פונם בוך געווען א סך מער אָנזיכטיג. אויך מיט דער שפּראַך האָט זיך גידעמאַן אָפּגעפּאַרטיגט אויף א מאָדנעם שטייגער. ביי אים קומט אויס, אַז דאָס לשון פון דעם ספר איז ריין דייטש; אמת, עס זיינען פאַראַן העברעאישע אויסדרוקן, אָבער «מען טאָר זיי ניט פאַרביטן מיט העבראַאיזמען אָדער יודאַאיזמען, אַזוינע זוכט מען אומזיסט אין דעם בוך». דאָס איז א פראַגע פון אָפּ־שאַצונג, צי אַ זאַץ: «אויך זול מן מיט קיינם גוי מיט שקר אודר מיט רמאות אום גין [אומגיין], דען עש איז איין חילול השם» — איז «ריין דייטש»; לויט מיין מיינונג איז דאָס יידיש, און «מחייה זיין», «מקבל זיין», «צדקה געבן», «מבטל זיין», «חניפות טרייבן», «גנבען», «סדרן» קלינגט פאַר מיין אויער אויך ניט איבעריגס הויכדייטש. נאָר צו וואָס האָט גידעמאַן, דער שטרענגער און ערליכער פאָרשטער, געדאַרפט אין א גאַנצער ריי ערטער פ ר י ז י ר ן דעם טעקסט, כּדי ער זאָל אויסקומען דייטשער? (ה' שטיף האָט איבערגעלאָזן די אַלע ערטער, ווייל ער האָט ניט געהאַט ביי דער האַנט דעם אָריגינאַל). אָט זיינען א פּאָר ביי־שפּילן. קאַפּ' 5, אָריגינאַל: «זו קאן ער אויך הקדוש ברוך הוא ניט דינן».

גידעמאַן: «· · · גאָט ניט דינען»· קאַפּ׳ 23, אָריגינאַל: «און׳ מן זול מודה זיין אויף דען אמת· דש מאיינט [מיינט] מן זול דער ווארהייט ביקענן»; גידעמאַן: «מן זאָל דער וואַרהייט ביקענען»· דאָרטן גופא, צוויי שורות ווײַטער, האָט גידעמאַן דורכגעלאָזן א זאַץ: «דש איז דש חותם פֿון הק׳בה׳»· נאָך אינם זעלביגן קאַפּיטל, אין אָריגינאַל: «ווער אבר מיט ווארהייט און׳ באמונה מיט גוים האנדליט דער איז מקדש השם ית׳ און׳ הייליגט זיין הייליגן נאמן»; בײַ גידעמאַן: «· · · דער הייליגט · · ·» אין קאַפּיטל 27 שרײַבט דאָס «ספר מידות»: «דרום זול איינר זיין קינדר און׳ זיין גיזוינדא [געזינד] כלל ניט בטול [!] לושן [לאָזן] גין»· גידעמאַן שטעלט אַרײַן אָנשטאָט דעם «müszig», און נ· שטיף טראַנסקריבירט דאָס צוריק אין דער יידישער איבערזעצונג אויפֿן אַלטן שטייגער: «מוישיג»·

איך וועל דאָ ניט מערן קיין בײַשפּילן, ווײַל ס׳איז דאָך נאָר געקומען צו רייד אַגב־אורחא· אויך קאָנען מיר זיך דאָ ניט אַרײַנלאָזן אין דער פּראָבלעם פונם «ספר מידות», צי איז ער געווען געשריבן לכתחילה אויף יידיש אָדער אויף העברעאיש· געדרוקט געוואָרן איז די יידישע אויס־גאַבע א סך פריער פאַר דעם העברעאישן «ספר אורחות צדיקים והוא ספר מדות» (יידיש איסני 1542, העברעאיש פּראָג 1580)· אָבער דער העברע־אישער ספר איז שוין באַקענט געווען פריער, אין 1579 ווערט ער שוין ציטירט; איז דעריבער א סברא, אַז ער האָט צירקולירט אין כתב־יד, נאָך איידער עס איז אַרויס פון דרוק די יידישע אויסגאַבע פון איסני, און אויף דעם זיינען פאַראַן גרונטיקע ראַיות·[1]

[1] פאַראַן וועגן דעם ענין א היפּשע ליטעראַטור· אַחוץ פּערלעסן ז׳ 173—177, שטיינשנײַדערן אין Serapeum 1869 ז׳ 132—136 און גידעמאַן III ז׳ 225 (יידֹ׳ 146, וואו נ· שטיף האָט צוגעגעבן אַן אינטערעסאַנטע אָנמערקונג), דאַרף נאָך גענומען ווערן אין אַכט די מיינונג פון G· Margoulliouth אין דעם Catalogue of Hebrew and Samaritan Manuscripts in the British Museum, III (1915), ז׳ 169· מאַרגוליוט, דער מחבר פון דעם קאַטאַלאָג, רעדט אַרום דעם כ״י פון «ספר מידות», פון דער ערשטער העלפט פון 16טן י״ה, וואָס געפינט זיך אין בריטישן מוזעאום, און זאָגט אַרויס דעם געדאַנק, אַז די ערשטע העברעאישע אויסגאַבע (פּראָג 1580) איז נ י ט איבערגעזעצט פון יידיש· «נאָר היות דער יידיש־דײַטשער טעקסט זעהט אויס גיכער ווי א באַאַרבעטונג, איידער ווי אַן איבערזעצונג, קאָן מען אפשר אָננעמען, אַז דער מחבר האָט פריער געשריבן דאָס העברע־אישע און דערנאָך געמאַכט א פרײַע איבערגעבונג פון דעם זעלביגן ווערק אויפן אומגאַנגס־לשון· דאָס וואָס די יידיש־דײַטשע פאָרם פונם ווערק איז פאַרעפנטליכט געוואָרן פריער פאַר דער העברע־אישער, האָט געקאָנט זײַן אַרויסגערופן דורך געוויסע ספּעציעלע אומשטענדן; אפשר דורך דעם, וואָס אויף א יידישן בוך איז געווען א גרעסערער נאָכפרעג·» — מאַרגוליוט ווײַזט אויך אָן, אַז שלמה זלמן לונדונס יידישע אויסגאַבע פון «אורחת צדיקים» = ספר מידות (אַמסטערדאַם, 1735) איז אויף אַזוי פיל נאָהענט צום טעקסט פון דער ערשטער אויסגאַבע, אַז עס קאָן קיין רייד ניט זײַן וועגן א צוריק־איבערזעצונג פון העברעאיש, ווי אַנדערע האָבן משער געווען·

די פראַגע וועגן דעם מחבר פון «ספר מידות» איז אויך א רעטעניש און וועט שוין מסתמא בלייבן א רעטעניש· אויפן שער־בלאַט שטייט ניט קיין נאָמען· און צום סוף שטייט אויף העברעאיש אַזאַ גראַם:

«נשלם ספר מדות
בעזרת יושב תהלות·
לך ובשר לכל חסידים וחסידות
הדרים בישובים ובקהלות·
נדפס בעיר אייזנא על ידי פלוני אלמוני שנת שׂבֿ לפּקֿ·»

«אייזנא» איז «איסני»· די שטאָט· וואָס איז אונז גוט באַקענט פון אלי׳ בחורס און פאַגיוסעס טעטיקייט· נאָר ווער איז דער «פלוני אלמוני»? וואָלף· דער גרויסער קריסטליכער ביבליאָגראַף· האָט נאָך אין אָנהייב 18טן י״ה געשריבן אין זיין **Bibliotheca Hebraea** III· ז׳ 1177: «איך וואָלט מיינען· אַז פוילוס פאַגיוס האָט דאָס אָפּגעטון אָדער צום־ווייניגסטן געאַרבעט דערביי׳· ווי ס׳איז צו זעהן פון דער ענליכקייט פון שריפט»· יאָסט· דער יידישער געלערנטער פון אָנהייב 19טן י״ה· האָט געפּרובט טרעפן אויף ר׳ אלין· כאָטש קיין שום ראַיות זיינען ניטאָ· פערלעס (ז׳ 173—177) וויל האָבן· אַז דאָס איז פוילוס עמיליוס· דער משומד· וואָס האָט 1544 אַרויסגעגעבן אין אויגסבורג די יידישע חומש־איבערזעצונג; און אויף פערלעסעס שאַרפזיניגע אַרגומענטן דאַרף מען זאָגן· אַז «אויב ס׳איז ניט ריכטיג· איז עס כאָטש גוט צוגעקלערט»· גידעמאַן האַלט (III· ז׳ 224—225· יידי 146—147)· לויט אַן אַנאַליז פון אינהאַלט פון «ספר מידות»· אַז נאָר איין פערזאָן האָט געקאָנט אָנשרייבן אַזאַ ווערק· דער מחבר פון «נצחון»· ליפמאַן מילהויזן·

ווי מען זאָל ניט קוקן אויף דער פלוגתא — איינס איז קלאָר· דוכט זיך מיר: אַז ניט ר׳ אלי׳ בחור און ניט פוילוס פאַגיוס זיינען געווען די מחברים פון «ספר מידות»· ביי ר׳ אלין דעם מדקדק קלעפט זיך ניט דער «ספר מידות» צום גאַנצן שניט פון זיין פערזענליכקייט; און פוילוס פאַגיוס ווידער איז ניט געווען אַזאַ בקי אין יידישער עטיק און ניט אַזאַ קענער פון יידיש· אַז ער זאָל דאָס האָבן אָנגעשריבן אַזאַ ספר· אַגבֿ· ווען מיר דערמאָנען זיך די ריכטונג פון זיינע אינטערעסן און סימפאַטיעס· לויט ווי

זי האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דער דײַטשער הקדמה צו דער קאָנסטאַנצער ביבל־איבערזעצונג׳ דאַרפן מיר פרעגן: ווי אַזוי וואָלט זיך דאָס פאַגיוסן גאָר געקאָנט פאַרגלוסטן צו שרײַבן אַזאַ מין ספר׳ אָהן שום קריסטליכע טענדענצן׳ דורכאויס פאַר יידן? ניין׳ דאָס איז אוממיגליך׳

אָבער דערפאַר׳ דוכט זיך מיר אויס׳ קאָן מען זאָגן אויף זיכער׳ אַז דאָס «ספר מידות» איז געדרוקט געוואָרן בײַ פאַגיוסן אין דרוק׳ בײַ פּערלעסן קומט אויס קשה׳ וואָס דאָ שטייט «אייזנא»׳ אין דער צײַט וואָס פאַגיוס פלעגט אַלעמאָל שרײַבן «איזנה»׳ אָבער א סך מער׳ איידער אַזאַ מין וואַקלעניש אין אויסלייג׳ וועגט אַן אַנדער פאַקט (וועגן וועלכן וואָלף האָט שוין געגעבן אָנצוהערעניש): אַז די אותיות׳ מיט וועלכע עס איז געדרוקט דאָס «ספר מידות»׳ זיינען זייער ענליך צו דעם יידישן שריפט׳ וואָס איז גענוצט געוואָרן אין ר׳ אליס «שמות דברים»׳ איסני 1542׳ נאָך א כאַראַקטעריסטישע קלייניקייט׳ וואָס איז נאָך אין ערגעץ ניט באַטאָנט געוואָרן: די דרײַ בלעטעלעך׳ וואָס שטייען פון צירונג וועגן אויפן שער־בלאַט פון «ספר מידות»׳ זיינען פונקט די אייגענע (נאָר א ביסל אַנדערש אויסגעשטעלט)׳ ווי די דרײַ בלעטעלעך אויף ר׳ אליס «ספר מתורגמן»׳ געדרוקט בײַ פאַגיוסן אין איסני 1541׳

יעדנפאַלס האָט פאַגיוס געקענט דאָס «ספר מידות»׳ ווען מיר זאָלן ניט האָבן אויף דעם קיין שום אַנדער באַווייַז׳ וואָלט גענוג געווען צוצוגלײַכן זײַנע אָרטאָגראַפישע כללים צו די אָנווײַזונגען׳ וואָס עס גיט דער מחבר פון «ספר מידות»׳

*

דאָס «ספר מידות» איז געווען באַשטימט דורכאויס פאַר יידישע לעזער׳ און טאָמער האָט מען דאָרטן אויך געדאַרפט צושטעלן כללים וועגן לייענען «טײַטש»׳ איז א סימן׳ אַז יידן פלעגן אויך אָפטמאָל געשטרויכלט ווערן בײַ דער שווערער אויפגאַבע אויסצולייגן גערמאַנישע ווערטער מיטן העברעאישן אלף־בית׳[1] ס׳איז זייער מאָדנע׳ וואָרים אין מיטן 16 טן י״ה

[1]) באָראָכאָוו שרײַבט [ביבליאָטעק׳ .No 84]׳ אַז די כללים פון דער יידישער אָרטאָגראַפיע אין «ספר מידות» הייבן זיך אָן מיט אַזאַ מין אַריינפאָר: «אונ׳ איצונדר וועלן מיר איין קליין וועניג רעדן פון דעם וויא מאן טוייטש לייען אונ׳ שרייבן זאל»׳ באָראָכאָוו אַליין האָט דאָס «ספר מידות» ניט געהאַט געזעהן׳ און אַזוי ווי ער איז זיך סומך אויף גידעמאַנען III ז׳ 280—285׳ דאַרף מען זיך אָנשטויסן׳ אַז ער האָט דאָס גענומען פון דאָרטן׳ צוריק־טראַנסקריבירנדיג דאָס ע״פ סברא אויף יידיש׳ — נ׳ שטיף (גידעמאַן ייד׳ III׳ ז׳ 180) מעלדט אויך: «דער איבערזעצער פון ,ספר מדות׳ ברייגגט צום סוף בוך כללים: ,וויא מן טוייטש לייאן אונ׳ שרייבן זול׳׳» אָט דאָס

האָט דאָך שוין יידיש געהאַט א שרייַב־טראַדיציע צום ווייניגסטן פון פירהונדערט יאָר — נאָר ס'איז א פאַקט. דער בעל־ספר־מידות זאָגט בפירוש, אַז צוליב דעם שטעלט ער די כללים: «... וועלכר דער דא וואורד לייאן אין דיזם ספר מידות אונ' ... וואורד אים ניט וואל בון שטאט גין מיט דעם לייאן דש ער מירש ניט צום ערגשטן אויש ליג. דארום וויל איך אויך דיא מענגיל אן צייגן גאר קורץ דארינן איינר אודר אייניא ווייש דרויש צו קומן. ערשטליכן איז צו ווישן ...», און אַזוי ווייַטער, ווי ס'ווערט געבראַכט בייַ גידעמאַנען.[1])

אויף דער אומזיכערקייט פון דער אָרטאָגראַפיע ווייַזט נאָך אָן די פּאָלעמיק מיט די «פינטלער» (נקודות־שטעלער), וואָס פאַרנעמט א העלפט פון די צוויי זייַטלעך כללים. דער געדאַנק פון דער פּאָלעמיק איז אָט־וואָס: נקודות מעג מען שטעלן, אויב די נקודות גופא האָבן א באַשטימטן קלאַנג־ווערט; נאָר אַז מען ווייס ניט, ווי אַזוי אַרויסצורײדן די נקודה אָדער מען האָט אַזעלכע אותיות, צו וועלכע עס קלעפּט זיך ניט די נקודה — וואָס טויג דאָ דאָס פינטלען? אַזאַ פילטייַטשיגע נקודה איז דער חטף־קמץ; אַן אומפּאַסיגער זיווג פון אות און נקודה קומט אַרויס, אויב מען וויל פינטלען דעם «וי», וואָס באַצייכנט דאָס דייטשע aw (=au). «דארום וואו איינר וינט [געפינט] איין ויו אונ' איין יוד בייא אננדר זוא מוז ערש נאך זיינם ור שטאנדא לייאן.»[2])

אַראָפּגערעכנט אָט דעם וויכוח מיטן אָפּאָנענט דעם «פינטלער», גיט דער «ספר־מידות» אַזוינע אָנווייַזונגען:

קעפל שטאַמט ניט פונם «ספר מידות», נאָר פונם ציריכער «יוסיפון» 1546, וואָס האָט איבערגעדרוקט די גאַנצע כללים פונם «ספר מידות», מערניט מיט קליינע אָרטאָגראַפישע און סטיליסטישע שינוים («עירשטליכָן» אַנשטאָט «ערשטליכָן»; «דיא בֿויר נעמליכֿשטן פונטל» אָנשטאָט «דיא עיקרן פוינטיל»; «צירונג» אַנשטאָט «צירונגא» אאַז״וו). — ה' נ. שטיף האָט מיר אויך (פּריוואַט) אָנגעוויזן, אַז דיזעלביגע כללים פונם «ספר מידות» זייַנען איבערגעדרוקט אין דעם אַמסטערדאַמער «לב טוב» 1670 און אויף אַזוי פיל וואָרט בייַ וואָרט, אַז עס איז אַפילו געבליבן דער זאַץ: «וועלכר דער דא וואורד לייאן אין דיזם ספר מידות ...»

[1]) זעה די רעפּראָדוקציע אויף די נאָהענטסטע צוויי זייַטן.

[2]) נאָך מייַן מיינונג האָט גידעמאַן פאַלש אויסגעטייַטשט דעם כלל וועגן au. בייַ אים קומט אויס, אַז דער «ספר מידות» הייסט איבערגעבן דעם au אַזוי: שרייַבן א «ו», ד״ה u, און דערנאָך פאַרשטעלן זיך, אַז דער פריערדיגער אות איז געפינטלט מיט א פתח, ד״ה a; אַלזאָ a און au = u. בייַ מיר קומט אויס, אַז דער פאַרפאַסער וויל זאָגן אָט־וואָס: עס איז אוממיגליך צו געפינען פּאַסיגע נקודות פאַר «וי», וואָס באַצייכנט au, סייַדן מען זאָל וועלן איבערגעבן דעם au ניט דורך דער קאָמבינאַציע «וי», נאָר דורך דער פאַרבינדונג «אַו», אָט פונקט ווי די גוים שרייַבן: «פראַו, גנאַו, באַו» (baw, gnaw, fraw).

די לעצטע צוויי זײַטלעך פֿונם „ספר מידות" (איסני, 1542). דאָ

גוט דעם אַלמעכטיגן אַליין דיא איר

און ורויאן אונ׳ יונק ורויאן אן ביטן וויר אונזרן ווייזין גרוז. אונ׳ צו
ואר אויש דער ערברן אונ׳ צוכטיגן ורויאן · ורויא מוראדא דוקטרין
דער ורייאן קונשט דער ארצנייא וואנהאפטין צו ניבשפורג · ניבשטיג
ורויא נאך דעם איך ור שטאנדן האב דש איר וושט אונ׳ בגיר האבט
צו דעם ספר מידות · זא האב איך מיך אונטר שטאנדן מיט דער
הילף גוטש יתברך דעש אומעכטיגן אונ׳ האב עז אם טאג גיברוכט אונ׳
וויא וואו איך מיך זולך דינג ביט אן בעמן זולט · זא ויבט מן גישריבן
אין דען פרקים ובמקום שאין איש השתדל לחיות איש דש
איז וואו קיין מאן ביט איז זא מאך דיך זעלווערט צו איינם מאן · דרום
וו איך אידן אונ׳ אוב גמעלטן גיבעטן האבן ורויאן אונ׳ יונק ורויאן אודר
זו בשט וועלכר דער דא ווארד לייאן אין דיזם ספר מידות אונ׳ ווארד
ווש זאלש דינן ויגדן אודר ווארד אים ביט וואל בון שטאט גן מיט דעם
לייאן דש ער מ דש ביט צום ערגשטן אויש לג · דארום ווי איך אויך
דיא מענגלו אן צאייגן נאר קורץ דאריבן אייבר אודר אייביא וויש דרויש
צו קומן: ערשטליכן איז צו ווישן דש איין יוד ברינגט איין חיריק
אונ׳ איין ציריי · אונ׳ איין אוף ברינגט איין קמץ אונ׳ איין פתח · אונ׳ איין
וו ברינגט איין מלאפום אונ׳ איין חולם · אונ׳ איין ע׳ ברינגט איין סגול ·
אונ׳ וען צוויא יודן זיין זא איז דיא לעטר דא דאר בויד שטעט או מול
גפונקטירט מיט איינם פתח אונ׳ דז יוד מיט איינם שפא אונ׳ דש אנדר
יוד מאכט איין צייכן דש עש קיין חיריק איז גלייך אלש איין · צוויא ·
דרייא · אונ׳ דש בעלט נאר זעלטן · אונ׳ דש אוף זא עז היגדן שטעט
נאך איינם פונקטו זא טוט עז ביקש דען עש מאכט דער גשריפט איין
צירונגא גלייך אלש (דיא) · בון אז דש וו אונ׳ דז יוד דיא עיקרן פונקט ו
דא אייבר ביט קאן אויש קומן דען זיא ווערדן אין ויל פונקטיו גיברויכט:
אלש איך מיט דער הילף גו ית׳ אן צאייגן וויל זא ער מיר צייט ור לייכט ·
בון זיין עטליך דיא פונקטן איין ווארט ווען זיא עש ביט וואל קיינן
שרייבן · דש גב איך צו · אבר אוין אוף איין ציריי · אודר איין שורק
אודר זויגשט איין פונט צער וואל ביקאנט איז דיא מאנגן וואל פונקטן ·
גיי

1. י באַטײַט חיריק און צירה.
2. א באַטײַט קמץ און פתח.
3. ו באַטײַט מלאפום און חולם.

געפינען זיך די אָרטאָגראַפֿישע כּללים פון אָנהייב ביזן סוף·

גלייך אלש קוינן דא מאן מן וואל איין שורק סויבטלין · אונ׳ זיר א.דר
מיר איין צירי : אבר זיבשט דש וין אונ׳ דש יוד זוא עש גברויכט ווערט
פור איין האלב פתח אונ׳ האלב מלאפום · אודר האלבא קמץ אונ׳ האלב
צירי · וויא עש דען אופט גבונדן ווערט · דש איז יוא ניט מוגליך צו
סויבטלין · מן שרייבא דען איין פתח דש מאייבט איין אלף · אונ׳ איין
מלאפום דש מאייבט איין וין · אונ׳ וואלט ווישן וויא עש גברויכט ווערט
האלב פתח אונ׳ האלב מלאפום · בעמליך ווען דו שרייבשט ורויא אודר
גנויא אודר בויא דז איז אלש האלבא פתח אונ׳ האלב מלופום · דא
ברויכן דיא גוים איין *a* אונ׳ איין *u* גלייך וויא דא *fraw gnaw baw* ·
אונ׳ פור איין האלב קמץ אונ׳ פור איין האלבא צירי ווערן זיא
גברויכט גלייך אלש מוגן אודר בוזן ברויכן דיא גוים איין ö מיט איינם
e דרויף דש ביצייכנט איין קמץ אונ׳ איין צירי גלייך וויא דא *mögen* ·
bösen · אונ׳ וין דיא דעם גלייך זיין · כן זיין אבר שרייבר דיא ברויכן
פור דיא סויבטלין וואו זיא אזו האלבא קומן דא ברויכן זיא איין חטף קמץ
גלייך אז ווען זיא שרייבן הויר זא סויבטלין זיא איין חטף קמץ אובטר דש
הא . אונ׳ דש שיקט זיך יוא ניט דען מן ויבט אובטר הונדרט ניט איין
דער דש חטף קמץ לייאט וויא דער אנדר · איך ויבט מן זויך סויבטלין
ניט אין לשון הקדש וויא וואל דיא טייטשן לייאן דש חטף קמץ ניט וויא
דש שלעכט קמץ · דש ור שטאן דיא וועלשן דען זיא זיין ער וארן אין
דקדוק אונ׳ שפרעכן דש דש חטף קמץ אונ׳ דש שלעכט ווערט אייגש
אויש גשפראכן וויא דש אנדר · איין דש דש חטף קמץ האיישט
איין קליין סויבטלי אונ׳ דש שלעכט קמץ איין גרוש סויבטלי · דארום
וואו אייבר ויבט איין וין אונ׳ איין יוד בייא אנבדר זוא מוש ערש נאך
זייבם ור שטאנדא לייאן : דער אלמעכטיג בארמהערציג גאט יתברך
דער ור לייך אונש זיין גנאד צום רעכטן ור שטאנדא אמן :

נשלם ספר מדות בעזרת יושב תהלות
לך ובשר לכל חסידים וחסידות הדרים בישובים ובקהלות
נדפס בעיר אייזנא על ידי פלוני אלמוני שנת שב לפ״ק

4· ע באַטײַט סגול·

5· יי באַטײַטן (איין׳ צווייא׳ דרייא; דער אונטערשייד צווישן די דיפטאָנגען אין «צוויי» און «דרײַ» ווערט ניט גענומען אין אַכט)· ej און aj

6· **א** וואָרט־אויס האָט ניט קיין קלאַנגיגע ווערדע׳ «דען עש מאכֿט דער גישריפֿט איין צירונגא»·

7· **ו׳** קאָן באַטײַטן au און oe (עווענטועל ü)·

אָט די כללים ווילן מיר צוגלײַכן צו יענע אָרטאָגראַפּישע אָנווײַזונגען׳ וואָס עס גיט פּוילוס פּאַגיוס אין זײַן העברעאישער גראַמאַטיק: «Compen-diaria Isagoge in linguam hebraeam» («קיצורדיגער אַרײַנפיר אין דער העברעאישער שפּראַך»)· די דאָזיגע גראַמאַטיק׳ וואָס מיר האָבן שוין איינמאָל (ז׳ 95) דערמאָנט׳ איז אַרויס פון דרוק אין קאָנסטאַנץ 1543׳ מיט א יאָר נאָכן «ספר מידות»· פּאַגיוס האָט ניט געהאַט בדעה זיך אַרײַנצולאָזן טיפער אין א חקירה וועגן יידיש; זײַן קאַפּיטל׳ וואָס ער גיט דעם אָפּ׳ פאַרנעמט סך־הכל 4 קליינע זײַטלעך און הייסט פּשוט: «De variis literarum figuris seu notulis» («וועגן פאַרשיידענע פאָרמען אָדער סימָנימלעך פון די אותיות»)· נאָר ס׳אַרא מהלך פון פּאַגיוסעס באַמער־קונגען ביזן «ספר מידות»! עס פילט זיך בײַ אים אין יעדער שורה די שולונג פון א פילאָלאָג׳ וואָס איז אײַנגעוויינט צו טראַכטן אין גראַמאַ־טישע קאַטעגאָריעס·[1]) אַז מען גיט א קוק אויף אַלע אַכטגעבונגען׳ וואָס ער האָט אַרײַנגעשפּאַרט אין זיין קורצער סקיצע׳ זעהט מען: ער האָט ניט פאַרפעלט קיין איין פאַקט פון די אַלע׳ וואָס גידעמאַן ברענגט אין זיין דערגאַנצונג צו די כללים פון «ספר מידות»[2]); מיט אַנדערע ווערטער׳ ער האָט געגעבן א פולקומען איבערבליק איבער דער יעמאָלטיגער יידישער אָרטאָגראַפּיע·

פּאַגיוס כאַראַקטעריזירט פריער די קוואַדראַטישע אותיות און דער־ציילט׳ אַז מען רופט זיי: «כתיבה אשורית» אָדער סתם «כתיבה»· חוץ דעם איז פאַראַן א «כתיבה קטנה»׳ וואָס רופט זיך נאָך אַנדערש «מַשֶׁט»; «מיר» (די קריסטן) רופן דאָס קורענט־שריפט; יידן ניצן דאָס אין זייערע קאָמענטאַרן און אין פאַמיליע־בריוו (דאָ ברענגט פּאַגיוס דעם רשי־שריפט)· יענער שריפט ווידער׳ וואָס איז אין גאַנג׳ ווען מען דרוקט אָדער שרײַבט דײַטש מיט העברעאישע אותיות׳ זעהט אויס אַזוי (אָט דאָ קומט דער

[1]) נאָר אין איינס איז פּאַגיוס געבליבן הינטערשטעליג.: ער האָט ניט דערמאָנט די אויסלייגונג פונם ü·

[2]) ז׳ 289—291׳ יידי׳ 187—188·

«ווייַבערטייַטש»־אלף־בית)· בכדי עס זאָל זייַן גרינגער איינצוגעניטן זיך, ברענגט נאָך פאַגיוס פאַר זייַנע לעזער דאָס אייגענע פאַרקערט: ער שרייַבט אָן כסדר דעם דייַטשן אַלפאַבעט און באַצייכנט, מיט וואָס פאַר א יידישן צייכן עס ווערט איבערגעגעבן יעטווידער אות· ווייַטער גייען נאָך עטליכע אָרטאָגראַפישע כללים, צו וועלכע מיר וועלן זיך באַלד אומקערן, און ענדליך, אַלס פּראַקטיק אין לייענען, די עשרת־הדברות געדרוקט אויף «טייַטש», מיט די ווייַבערטייַטש־אותיות· דערמיט לאָזט זיך אויס דאָס קאַפּיטל וועגן יידיש, און פאַגיוס נעמט אייַנריידן דעם באַנוצער פון בוך, אַז אין דער העברעאישער שפּראַך דאַרף מען זייער שטאַרק מַקפּיד זייַן אויף דער אויסשפּראַך·

טאָ וואָס ווייס אונז פאַגיוס צו דערציילן?

די אַלע זיבן כללים, וואָס מיר האָבן געבראַכט פון «ספר מידות», זיינען פאַראַן ביי אים אויך, מערניט אין אַן אַנדער סדר·[1]) דעם כלל 6 דריקט ער אויס אַזוי, אַז ס'איז קיין ספק ניט, אַז ער האָט די פאָרמולירונג גענומען פונם «ספר מידות»: In fine . . . dictionum non rare Aleph vocalem non necessitatis sed ornatus causa ponere solent, ut» ליאבא, lob לובא, lieb» נאָר חוץ דעם ברענגט ער פאַרבייַגייענדיג נאָך א סך אַנדערע באַמערקונגען, וואָס מיר וועלן דאָ אויפשטעלן און אויסרעכענען פונקטנווייַז· כדי עס זאָל אַרויסקומען, צוזאַמען מיט די נאָטיצן פונם «ספר מידות», א בולט בילד פון דער יידישער אויסלייגונג אין מיטן 16טן י״ה, גיי איך דאָ ווייַטער מיט דערזעלביגער נומעראַציע פון די כללים·

דאָס וואָס דער «ספר מידות» האָט דערמאָנט וועגן אָרטאָגראַפיע, איז דורכאויס שייך צו די וואָקאַלן· קיין חידוש איז דאָס ניט; איבערגעבן די דייַטשע וואָקאַלן מיט העברעאישע אותיות איז טאַקע געווען א סך שווערער, איידער די קאָנסאָנאַנטן (די אַשכנזיגע הברה אין העברעאיש איז, לויט אַלע סמָנים, שוין יעמאָלט געווען פעסט)· נאָר פאַגיוס באַנוגנט זיך מיט דעם ניט· מיר ווערן נאָך ביי אים געוואויר פאַרשיידענע זאַכן אי

[1]) ביים כלל 2 פון «ספר מידות» איז פאַראַן א קליינער וואַריאַנט· פאַגיוס שרייַבט אָנשטאָט דעם: «Aleph pro a vocali»; וועגן o דערמאָנט ער ניט· אַן o באַצייכנט ער נאָר מיט «ו» אָדער «או» (דאָס לעצטע מיינט ער מסתמא אין אָנהייב וואָרט און נאָך «וו», ווייַל ער שרייַבט אין זייַן טעקסט־פּראָבע: אודר, וואורט)·

וועגן די קאָנסאָנאַנטן, אי וועגן דעם אויסלייג פון גאַנצע טראַפּן. אָט זײַנען זײַנע כללים, איבערדערציילט, געוויינטליך, אין אַן אַנדער סדר. די ערשטע פּאָר פּונקטן זײַנען נאָך א דערגאַנצונג צו די באַמערקונגען וועגן וואָקאַלן, דערנאָך גייען די קאָנסאָנאַנטן און ענדליך די גאַנצע טראַפּן.

8. eu ווערט אויסגעדריקט דורך עױי.

דאָס איז פּאַגיוסעס אַן אומפּינקטליכקייט. סיי אין «ספר מידות» און סיי אין אַנדערע דאָקומענטן פון יענער צײַט איז טאַקע נאָך פאַראַן א באַזונדער צייכן פאַרן eu; א סימן, אַז דער קלאַנג איז נאָך יעמאָלט אַרויסגערעדט געוואָרן. אָבער שרייבן פלעגט מען ניט «עויי» (דער ע האָט זיך מסתמא אַרײַנגעגליטשט ע״פ טעות, דורך דער אַנאַלאָגיע מיטן דייטשן eu), נאָר «ויי». דאָס «ספר מידות» לייגט אויס: לוייט (= לײַט), טוייטש (= טײַטש), טוייטן (= טײַטן, אָנווייזן מיטן פינגער) אאַז״וו. ביי פּאַגיוסן גופא אין זיין שרייב־פּראָבע (די עשרת הדברות) באַגעגנט זיך נאָר איין מאָל אַן eu, לייגט ער אָבער אויס «צויגניש» און ניט «צווייגניש» (= צייגניש). אין דער קאָנסטאַנצער תורה־איבערזעצונג שטייט געשריבן: «ביצוייגן» (= bezeugen).

9. ie ווערט איבערגעגעבן דורך יא.

אין די ביישפּילן, וואָס מיר האָבן געבראַכט פון פּאַגיוסן, האָבן מיר שוין געזעהן די שרייבונג: ליאבא — lieb. דער לעצטער א איז בפירוש א שטומער, פון שײַנקייט וועגן; נאָר דער א נאָכן י? אין מיטלהויכדייטש איז דער e נאָך i געווען דורכאויס א קלינגעוודיגער, מען פלעגט טאַקע זאָגן li-e-be (ליבע), wi-e (ווי) אד״ג. אין א סך דייטשע דיאַלעקטן איז דער ie נאָך היינט א דיפטאָנג. ס׳איז א גרויסע סברא, אַז אין דעם כלל קלינגט דורך אָדער פּאַגיוסעס אייגענע דייטשע אויסשפּראַך אָדער דער געדאַנק וועגן אַנדערע, וואָס ריידן אַזוי. אין פּאַגיוסעס פּראָבע־טעקסט שטייט: דיאנשט (= דינסט), אָבער פאַראיינס אויך: דיני (= דין), ליבא (= ליב). אין «ספר מידות» האָב איך זיך מיט אַזאַ דיפטאָנגישער שרייבונג ניט געטראָפן.

10. דער f ווערט איבערגעגעבן אויף דריי אופנים: דורך ו, בֿ און פֿ. דער כלל (אָדער די כלל־לאָגיקייט) שטימט דורכאויס מיט דער

פּראַקטיק פון יענער צייט· פּאַגיוס ווייזט אויך אָן גאַנץ ריכטיג, אַז דער «ו» ווערט גענוצט «מער ווי אַלץ אין אָנהייב וואָרט»·

11· w ווערט איבערגעגעבן דורך וו·

פון פּאַגיוסעס פאָרמולירונג פון דעם כלל זעהט מען אַרויס קלאָר, פון וואַנען עס נעמט זיך אַזאַ געברויך:

«geminatum vaf pro vv, ut וויר vvir, וואש vvass etc.»·

אין דער לאַטיינישער און אין דער עלטערער דייטשער שרייבונג איז פּאַר u און v געוועזן דערזעלביגער צייכן; w איז אָבער אין דער שרייבונג ניט קיין אַנדער זאַך, ווי צוויי v נאָכאַנאַנד (w = vv; פאַרגלייך דאָס ענגלישע double u!)· הייסט עס, אויב v (u און v) איז «ו», מוז w (vv) זיין «וו»·

12· ח, כ און ת ווערן גענוצט נאָר אין העברעאישע ווערטער·

13· ch ווערט איבערגעגעבן דורך כ מיט א שטריכעלע (רָפֶה) פון אויבן·

דאָס איז זייער א וויכטיגע באַמערקונג, וואָרים אין דער קלאַסישער העב־רעאישער אָרטאָגראַפיע איז אַזאַ כלל ניט געווען (אגב אורחא: פּאַגיוס האָט גע־האַט איבערגענומען פון לעוויטאַן די ספרדישע הברה, וואָס האָט שוין פון רייכלינען געגאָלטן אין קריסטליכן דייטשלאַנד)·

14· דער s-קלאַנג ווערט אויסגעדריקט דורך דריי אותיות: ש ס ז· דער š (sch) ווערט אויך באַצייכנט דורך אַ ש·

דער פּונקט איז געווען פאַר פּאַגיוסן זייער א האַרבער ענין· טעאָרעטיש האָט ער געוואוסט גאַנץ ריכטיג, אַז יידן ניצן: samech pro s acuto (a ס פאַרן שאַרפן s; פאָנעטיש s); Zain pro s lene (b ז פאַרן לינדן s; פאָנעטיש z); Schin pro s et sch (c ש פאַר s און sch; פאָנעטיש s און š)· די יידישע ספרים, אויך דאָס «ספר מידות», ווייסן טאַקע גוט דעם אונטער־שייד· אָבער אין פּאַגיוסעס דייטשער אויסשפּראַך איז קאָנטיג דער גרעניץ צווישן s און z געווען זייער מטושטש, פּונקט ווי מען קאָן נאָך היינט ביי א ווירטעמבערגער ניט דערקענען, צי זאָגט ער s אָדער z· דערפאַר שרייבט פּאַגיוס אין זיין מוסטער־טעקסט: שוכט (= זוכט), שאבט (= זאַבאַט = שבת), שעכס (= זעקס), שעגנט (= זעגנט; בענטשט)· אין דעם עשרת־הדברות־טעקסט פון דער קאָנסטאַנצער ביבל־איבערזעצונג

באַגעגנט זיך נאָר איין וואָרט פון די אַלע: זעקס; און ס'איז טאַקע געשריבן מיט א «ז»· צי זאָל דאָס זיין מיכאל אַדאַמס ווירקונג? [1])

15· איגם לעצטן טראָף ווערט אָפטמאָל דורכגעלאָזן דער וואָקאַל· מען שרייבט, הייסט עס: «באַטר» און ניט «באַטער» (= פּאָטער)· «מוטר» און ניט «מוטער»· «שרייבן» און ניט «שרייבען»· «עשן» און ניט «עשען»· (די אַלעביישפּילן ברענגט פּאַגיוס גופא·)

16· אויך ווערט אָפט דורכגעלאָזן דער וואָקאַל אין איינטראָפּיגע ווערטער: «דש» אָנשטאָט «דאַש»· «דר» אָנשטאָט «דער» אַאַז״וו·

17· אַן אַנדערש מאָל פעלט אויך דער וואָקאַל אין מערטראָפּיגע ווערטער אין ערשטן טראָף אָדער אין מיטן: ,גזאגט' אָנשטאָט ,גיזאגט'· ,גרעט' אָנשטאָט ,גירעט'; ,אידרמן' אָנשטאָט ,אידערמאן' (iederman)· ,אנדרש' אָנשטאָט ,אנדערש'· ,הינדרשט' אָנשטאָט ,הינדערשט' (הינטערשט)· — די אַלע ביישפּילן זיינען פּאַגיוסעס·

נעמען מיר צונויף אָט די אַלע כּללים, געסדרט אַזוי, אַז מען זאָל זיך קאָנען אין זיי אָריענטירן, דאַן דוכט זיך אונז אויס, אַז מיר האָבן דאָ צו טון ניט מיט א העבראַאיסט פון 16טן י״ה, נאָר מיט א מאָדערנעם יידישן גראַמאַטיקער, וואָס שטודירט די געשיכטע פון זיין שפּראַך· ביז גידעמאַנען (וואָס רעדט אָבער נאָר וועגן אויסלייג פון ,ספר מידות') האָט נאָך קיינער ניט פאָרמולירט אויף א בעסערן אופן די פּרינציפּן פון דער אַלטער יידישער אָרטאָגראַפיע· דער שרייבער פון ,ספר מידות' האָט געקאָנט יידיש אָהן א שיעור בעסער פאַר פּאַגיוסן, זיין שפּראַך איז טאַקע יידיש, אין דער צייט וואָס פּאַגיוס האַקט א שלעכטן דייטש — אָבער וועןביידע האָבן גענומען אַבסטראַהירן פון די טעקסטן אָרטאָגראַפישע כּללים, האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן פּאַגיוסעס געניטקייט אין הלכות גראַמאַטיק· —

די זעלביגע אָרטאָגראַפישע אָנווייזונגען, מערניט א ביסעלע קירצער, געפינען זיך אויך אין פּאַגיוסעס ,פיר קאַפּיטלעך בראשית' און אין זיין דייטשער הקדמה צו דער קאָנסטאַנצער ביבל־איבערזעצונג; פאַרשפּאָרן מיר

[1]) נאָך א מיגליכקייט איז פאַראַן· אין דער יידישער הקדמה צו דער קאָנסטאַנצער איבערזעצונג שטייט דאָך בפירוש (זעה אויבן ז' 99), אַז «וויר דז חומש ··· צו דויטש גטריקט הבן, וויא די זעלביגי איטליכי [= עטליכע] גלערטי יהודים אונ' רבנים אויש לשון הקודש אין לשון אשכנז ור דויטשט הבן ···» ס'איז טאַקע זייער מיגליך, אַז מיכאל אַדאַם מיט פּאַגיוסן האָבן געהאַט אין די הענט אַן עלטערן מאַנוסקריפּט, געשריבן פון א יידן; יעמאָלט ווערט פאַרענטפערט ניט נאָר די פראַגע וועגן דער ריכטיגער שרייבונג פון «ז», נאָר אויך א סך אַנדערע קשיות·

אַרומצורייידן דאָס באַזונדער· נאָר אין דערזעלביגער הקדמה געפינען מיר אַגב־אורחא — א מערקווירדיגע צייַט איז דאָס, וואָס דעם וויכטיגסטן מאַטעריאַל אירן דאַרף מען זוכן אין דרך־אַגבדיגע באַמערקונגען! — אַזאַ מין זאַץ: «Es ist auch zů wissen / das wie die Juden im brauch haben / wenn sie teutsch mit ainander reden / dz sy Hebraische wörter einmengen / also thün sie auch im teutsch schreiben»· עס איז גענוג איבערצולייענען די רייד פון דעם באַגלויבטן בן־דור אויף צו פאַרשטיין, ווי שטאַרק גערעכט עס איז גידעמאַן מיט זייַן געדאַנק, אַז אין 16טן י״ה האָבן נאָך יידן אין דייַטשלאַנד גערעדט אויף א ריינער דייַטשער שפּראַך·

9.

חוץ דעם «ספר מידות» האָט פּוילוס פאַגיוס געהאַט אין האַנט נאָך א צווייטן בוך, וואָס האָט א גרויסע ווערדע פאַר דער יידישער פילאָלאָגיע· ס'איז דאָס ספר, וואָס מען רופט «ספר של רבי אנשיל», כאָטש די ערשטע אויסגאַבע פון 1534 (וואָס פאַגיוס האָט אַגב אויך געמוזט באַנוצן) טראָגט ניט דעם נאָמען פונם מחבר·[1]) תחילת האָט דאָס געהייסן «מרכבת המשנה לקונקורדנשיו», און ס'ווערט פאַרטייַטשט, אַז «כך נקרא שמו מפני שמורכב משתי הלשונות לשון הקודש ולשון אשכנזי»· ס'איז טאַקע א מין קאָנקאָרדאַנץ: די העברעאישע ווערטער, מיט אַלע פּרעפיקסן און סופיקסן, זייַנען אויסגעשטעלט נאָכן אלף־בית, ס'איז אָנגעוויזן, וואו דאָס וואָרט באַגעגנט זיך אין תנ״ך, און דערנאָך גייט דאָס טייַטש־וואָרט אויף «לשון אשכנזי שהוא המורגל בינינו אשכנזים»·[2]) קיין ראַציאָנעלע סיסטעם איז דאָס ניט, לויט אונזער הייַנטיגן קוק, וואָס מען פאַרטייַטשט דרייַ מאָל באַזונדער «וּבְרָקִים», «בְּרַק», «בְּרָקָיו» און פינף מאָל «בַּת», «בִּתּוֹ», «בִּתְּךָ», «בְבִתְּכֶם», «בִּתֵּנוּ» אד״ג, אָנשטאָט אַוועקצושטעלן נאָר דעם שורש און צו ברענגען דערנאָך אַלע טייַטשן, וואָס דאָס וואָרט קאָן האָבן· נאָר אין יענער צייַט איז שוין דאָס געווען א גרויסער אויפטו, וואָס מען האָט געסדרט די ווערטער לויטן אַלף־בית פון די שורשים·

[1]) באָראָכאָוו Nr. 83 — Cat. Bodl. I, 738·

[2]) «די דייַטשע שפּראַך, וואָס איז אָנגענומען צווישן אונז דייַטשן (אשכנזים)»·

פֿאַר פּוילוס פּאַגיוסן איז דאָס «ספר רבי אנשיל» געווען זייער א געשמאַקער ביסן· ס׳האָט אים שטאַרק אונטערגעהאָלפֿן בײַם טײַטשן דעם תנ״ך פֿאַר זײַנע תלמידים· חוץ דעם האָט ער נאָך דאָ געפֿונען א הקדמה׳ וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן (אין יידיש) מיט א האַרבן ענין פֿון דער העברעאישער גראַמאַטיק: מיט די «אותיות משרתים» און זייערע פֿונקציעס אין דער שפּראַך· ניט לאַנג געטראַכט׳ האָט פּאַגיוס אין זײַנע «פֿיר ערשטע קאַפּיטלעך בראשית» איבערגעדרוקט די גאַנצע הקדמה פֿון «ספר רבי אַנשיל» אונטערן נאָמען: «quo pacto Iudaei suis pueris officia literarum servilium germanice tradunt»·[1]

פֿאַר דער הײַנטיגער יידישער שפּראַכפֿאָרשונג איז דאָס «ספר רבי אנשיל» אויך א גרויסער אוצר׳ נאָר ס׳איז לײדער מער אַן אָביעקט׳ ווי א סוביעקט פֿון אונזער פֿאָרשונג· דער מחבר האָט געלעבט אין די פּוילישע לענדער׳ ער האָט אונז איבערגעלאָזן איינעם פֿון די עלטסטע דענקמאָלן׳ וואָס מיר האָבן פֿונם מזרחדיגן (ניט־דײַטשלענדישן) יידיש· נאָר ס׳איז אים ניט געלעגן אין קאָפּ אונטערצוהערן׳ מיט וואָס זיין שפּראַך שיידט זיך אונטער פֿון דער שפּראַך פֿון די דײַטשע יידן אָדער גאָר פֿון די דײַטשע דײַטשן· ער האָט געדאגהעט וועגן דעם׳ אַז מען זאָל פֿאַרשטיין דעם פּשט פֿון די העברעאישע ווערטער׳ ער האָט געוואָלט שאַפֿן א הילפֿסמיטל פֿאַרן שטודיום פֿון תנ״ך· דעריבער איז ניטאָ ביי אים אַפֿילו דאָס ברעקל אָרטאָגראַפֿישע כללים פֿאַר יידיש׳ וואָס עס גיט׳ א שטייגער׳ דאָס «ספר מידות»·[2]

אָבער אַפֿילו ווען מען קוקט זיך צו נאָר אויבנאויף צום «ספר רבי אַנשיל»׳ זעהט מען שוין׳ וויפֿיל מען קאָן פֿון דאָרטן אָפּלערנען פֿאַר דער געשיכטע פֿון אונזער שפּראַך· דאָ קאָנען מיר זיך באַריכות מיט דעם ניט

---

[1] אָט דאָס איבערדרוקן גאַנצע שטיקער פֿון פֿרעמדע ווערק איז זייער כאַראַקטעריסטיש פֿאַר די ליטעראַרישע מנהגים פֿון יענער צײַט· הײַנטיגן טאָג שײַט זיך א גראַמאַטיקער איבערצודרוקן א גאַנצן קאַפּיטל בײַ א צווייטן׳ און טאָמער טוט ער דאָס יאָ׳ מוז ער זײַן אַן אומר דבר בשם אומרו׳ אַניט איז ער א פּלאַגיאַטאָר· די הומאַניסטן זיינען ניט געווען אַזעלכע מחמירים: זיי האָבן נאָר געוואָלט געבן עפּעס רעכטס׳ און וואו זיי פֿלעגן דאָס געפֿינען׳ פֿלעגן זיי נעמען· זעה אויך ז׳ 88 און 150·

[2] זעה איבעריגנס אויף ז׳ 124 אָנמ׳ 3 וועגן פּערלעסעס השערה׳ אַז דאָס ספר של ר׳ אַנשיל שטאַמט פֿון א סך א פֿריערדיגערער צײַט· צו פּערלעסעס רייד וועגן דעם «רייִנעם מיטלהויכ־דײַטש» אין ספר ר׳ אנשיל דאַרף מען זיך באַציִען סקעפּטיש·

זה השער לה׳ צדיקים יבואו בו

ספר
של רבי אנשיל

והוא מרכבת המשנה לקונקורדנציה
היותו מורכב משתי הלשונות לשון
הקודש ולשון אשכנזי שהוא הלשון
המורגל בינינו אשכנזים והוא מלמד
ללמוד דברי תורה נביאים וכתובים
הוא כל העשרים וארבע והאיש
המשכיל שירצה להבין דברי תורה
נביאים וכתובים בספר זה לבד יוכל
להבין אותו׳ קראו משל ספר
וי׳ אחת מהמה לא נעדרה:
יהי נא נועם יי׳ עלינו ומעשה ידינו
כוננה עלינו:

פה קק קראקא

שנת הנני שולח לכם את
אליהו הנביא ונומר:

דער שער פון דער צווייטער אויסגאַבע פון „ספר של רבי אנשיל‟, קראָקע 1584.

פאַרנעמען; ערשטנס האָב איך געהאַט אין די הענט נאָר די צווייטע אויסגאַבע פון דעם ספר (קראָקע 1584)׳ און פאַר אַזוינע פאָרשונגען דאַרף מען זיך אַלעמאָל רעכענען פריער פאַר אַלץ מיטן תחילתדיקן געשטאַלט פון א בוך; צווייטנס׳ וואָלט אַזאַ מין אָפּהאַנדלונג בכלל אַריבער־געשפּרײַזט איבערן גבול פון אונזער טעמע׳ וואָרים מיר ריידן דאָך דאָ אַרום נאָר די געשיכטע פון דער יידישער פילאָלאָגיע׳ ניט די געשיכטע פון דער יידישער שפּראַך׳ א פּאָר באַמערקונגען — מער אָנצוהערענישן׳ ווי ענדגילטיגע אויספירן — ווילט זיך מיר פונדעסטוועגן געבן׳

1׳ אין «ספר של ר׳ אַנשיל»[1]) איז א גרויסער פּלאָנטער אין אויסלייגן׳ טיילמאָל איז דאָס טאַקע נאָר א גראַפישער אונטערשייד׳ אַזוי א שטייגער׳ ווען אין איין עמוד שטייט «נעפל» און «גינעבלט»׳ «פּרוען»׳ און «אויג ברוען» (Brauen; ברעמען)׳ ס׳איז די אומזיכערקייט צווישן b און p׳ וואָס איז א סימן פון אייבערדײַטש׳ וואו ביידע קלאַנגען ווערן אַרויסגערעדט כמעט גלייך׳ דאָס אייגענע איז א וואַקלעניש צווישן d און t: «ווײַנט» און «ווײַנד» (פיינד)׳ אַן אַנדער מאָל האָבן מיר אָבער צו טון מיט ערשײַנונגען׳ וואָס האָבן ניט נאָר א גראַפישן באַטײַט׳ דאָס זיינען קודם־כּל די פאַקטן׳ וואָס זיינען שייך צום איבערקלאַנג׳ מיר געפינען דאָ איינס לעבן דאָס אַנדערע: «פליגל» און «פלויגל»׳ «גורטן» און «גוירטן»׳ «לוייט» און «לייט»׳ «איר פּרובט» און «ער פּרויבט»׳ «רוקן» און «רויקן»׳ «גיריטלט»׳ «גירוטלטי» און «רויטליך»׳ דאָס זיינען ניט סתם דרוק־גרײַזן׳ ווען איך זעה צוויי שרײַבונגען׳ וואָס איינע שטימט מיט דער טראַדיציע פון די פריערדיגע יאָרהונדערטער און די אַנדערע מיט אונזער הײַנטיגער אויסשפּראַך׳ זעה איך דערין א ראיה׳ אַז אונזער הײַנטיגע אויסשפּראַך האָט שוין דאַן אויך געגאָלטן (אַניט וואָלט דאָך דער שרײַבער ניט אויסגעפאַלן אויסצולייגן אַזוי׳ ווי מיר שרײַבן הײַנט); נאָר איין פראַגע בלײַבט: צי זיינען נאָך דאַן ביידע אויס־שפּראַכן געווען איינע לעבן דער אַנדערער׳ אָדער דער עולם האָט שוין דורכאויס גערעדט i און e אָנשטאָט ü און ö׳ מערניט דער אַלטער

[1]) דאָ און בײַ אַלע ווײַטערדיגע פונקטן בעט איך נעמען אין אַכט: ס׳גייט אַלץ וועגן דער אויסגאַבע קראָקע 1584׳

שריפט־בילד איז נאָך געשטאַנען פאַר די אויגן און ס׳האָט געווירקט די טראַדיציע·[1]

2· נה״ד ā ווערט אויסגעדריקט סײַ דורך אָ· סײַ דורך וֹ: אין איין שפּאַלט שטייט «דאָזיגי» און «דוֹזיגי»· ווען ס׳זאָל געווען זײַן כּסדר «אָ»· וואָלט געקאָנט זײַן אַ ספק· צי מיינט דאָס פּתח אָדער קמץ·[2] נאָר ווען איך זעה אָפט אַ חולם (הוֹסט· הוֹט· בּלוֹטרן· און [=אָהן] אד״ג) סײַ אָנשטאָט נה״ד ā· סײַ אָנשטאָט נה״ד o (דוֹ זוֹלסט· בּוֹטשפט· מוֹרט אד״ג) קאָן דערפון זײַן נאָר איין אויספיר: די שרײַבונג איז געווען ניט קיין קאָנסעקווענטע· נאָר די אויס־שפּראַך פון נה״ד ā איז בײַם מחבר פון «ספר ר׳ אַנשיל» געווען o·

3· e ווערט באַצייכנט דורך י און ע; דער כּלל איז אַפּנים אַזאַ· אַז ē איז י· ĕ איז ע: ביהעלטניס· גיוועלטיגער· אלט גיזעסנר· לערנר — אָבער מיר (Meer· ים)· גיריטלט (=גערײַטלט)· ליב (=לייב· די חיה)· דאָס וואָרט «אייל» (אַ מאָס)· וואָס האָט נה״ד אַ קורצן ĕ (Elle) און אין יידיש אַ «יי»· וואָס קאָן זיך נעמען נאָר פון אַ e אין אַן אָפענעם טראַף· האָט שוין אין «ספר ר׳ אַנשיל» אַ לאַנגן e (דף ז b: «אַמָה — איל»)·[3]

4· להֵפך צום גרעסטן טייל ווערק פון 16טן י״ה איז דאָ דער ס אַן אָפּטערע באַצייכענונג פאַרן s׳ איידער ש: בס (=פּאַס)· ווער לוסט (=פאַרלוסט)· דו זוֹלסט·

5· פאַראַן שוין אַן אָנצוהערעניש אויפן פּויליש־אוקראַאינישן איבער־גאַנג פון u (דורך ü) צו i: דו טוישט (=דו טוסט; וי = ü); אים (=אום) די צײַט·[4]

---

[1]) אָט איז אַ פאַקט· וואָס איז שייך צו דער געשיכטע פון איבערקלאַנג: דער «בראַנטשפּיגל» פראַנקפורט 1676 באַצייכנט אים כּמעט שטענדיג· דער «צוכטשפּיגל» פראַנקפורט 1680 האָט אים ניט· צי האָט זיך די שפּראַך אַזוי ראַדיקאַל געביטן פאַר פיר יאָר צײַט? ניין· דער דרוקער פון «בראַנטשפּיגל» האָט זיך געהאַלטן בײַ דער טראַדיציע· דער דרוקער פון «צוכטשפּיגל» בײַ זײַן פאַקטישער אויסשפּראַך·

[2]) קיין שום נקודות זיינען אין «ספר ר׳ אנשיל» ניטאָ; דאָס אייגענע איז אויך ניטאָ קיין רפה איבער ב׳ פ אאַז״וו (וואָס דאָס איז זייער זעלטן אין אַלט־יידישע שריפטן)· די העברעאישע ווערטער זיינען געזעצט מיט נאָרמאַלע געכתיבהעטע אותיות; אָבער פאַר די יידישע ווערטער איז באַנוצט ניט דער ווײַבערטײַטש־שריפט· נאָר דער רש״י־שריפט·

[3]) מה״ד elle און ele· דאָס הײַנטיגע דײַטשע Elle נעמט זיך פון דער ערשטער פאָרם· אונזער יידישע «אייל» פון דער צווייטער· — דאָס אייגענע איז מיט יידיש «קייט» (וואָס מוז שטאַמען פון אַ פאָרם מיט e אין אַן אָפענעם טראַף) לגבי נה״ד Kette· אין מה״ד איז די פאָרם מיט איין t טאַקע עלטער און אָפטער; די פאָרם מיט tt קומט אויף ערשט אין 15 טן י״ה (לעקסער I, 1562)· זעה אויך ז׳ 86·

[4]) פגל׳ ז׳ 85 און 86·

6· די ענדונג ־יג ווערט טײלמאָל (ניט קאָנסעקווענט) אויסגעדריקט דורך ־יק: שולדיק, אירשטיקייט (= ערשטיקייט, בכורה)·

7· די ענד־טראַפּן ווערן פאַרטונקלט: הערציג (= הערצאָג)·

8· דער פּאָדערטראַף דער־ ווערט דורכגעפירט כּסדר: דר ציהר (= דערציער), אויש דער ווילט (= אויסדערווײלט)·

9· העכסט וויכטיק איז דער «ספר ר׳ אַנשיל» מיט זײַן בײַגונג פון נאָמען און צײַטוואָרט· אין דעם פּרט איז פאַר אונז גראָד בעסער, וואָס מיר האָבן פאַר זיך ניט קיין רײנעם ווערטערבוך· וואָלט געשטאַנען סתּם, ווי אין א הײַנטיגן לעקסיקאָן: «אֶת» מיט אַלע טײַטשן פון דעם וואָרט, וואָלט דאָס אונז קנאַפּ וואָס צוגעדינט· שטייט אָבער דאָ ניט א וואָרט סתּם, נאָר מיט פאַרשײדענע סופיקסן און פּרעפיקסן, און דערבײַ האָבן מיר דעם פּשט: «צו זי», «מיט זיא», «פון זיא», «זי» אָדער «זיא» מײנט «זיי»; ווײסן מיר, הײסט עס, אַז אין 16טן י״ה האָבן יידן שוין אויך געזאָגט, פּונקט ווי הײַנט, «מיט זיי» און ניט «מיט אין»·[1]) פאַרקערט, «וְאַפְּסִי» איז פאַרטײַטשט: «און (= אָהן) מיך», וואָס הײַנט זאָגן מיר «אָהן מיר»·

10· אָט פּונקט ווי בײַ די קלאַנגען קאָנען מיר בײַ די פאָרמען אויך קאָנסטאַטירן א קאַמף צווישן לעבן און טראַדיציע· אײנע לעבן דער אַנדערער שטײען אַזוינע פאָרמען ווי «ער שפּלטט» (špaltet) און «שפּלט» (špalt)· הײסט עס, אין רײדן איז געווען די הײַנטיגע צוזאַמענגעצויגענע פאָרם[2]) (פּגל׳ מה״ד geret, יידיש «גערעדט» לגבי נה״ד geredet)· דאָס «ספר ר׳ אַנשיל» שרײַבט אויך, ווי ס׳געהער צו זײַן, «דרמורט» (= דער־מאָרדט) און ניט «ערמאָרדעט»· — דער פלאָנטער צווישן «וואש» (מה״ד was) און «וואר» (נה״ד war) איז אויך א סימן פון דער אומזיכערער שפּראַך אין אַן איבערגאַנגסצײַט·

11· ספּעציעל איז כּדאַי זיך אָפּצושטעלן א ביסל אויפן פּרוב פונם «ספר ר׳ אַנשיל» איבערצוגעבן די פאַרזיכדיגע פאָרמען פונם העברעאישן צײַטוואָרט· דער מחבר האָט געהאַט פאַר זיך ניט קײן

[1]) אַזוי (in) איז די מה״ד פאָרם לגבי נה״ד ihnen· טאָמער שטייט נאָך אין די דענקמאָלן פון 17טן י״ה, למשל אין «מגילת־ווינץ», די פאָרם «אין» (א שטייגער סטראָפ׳ כט, מט), איז דאָס גיכער ווי אַלץ ניט קיין פראַנקפורטער אײגנטימליכקייט, נאָר א «דײַטשמעריזם»·

[2]) וואָס איז אַגב כאַראַקטעריסטיש אויך פאַר מה״ד·

שיחת־חולין, נאָר א הייליגן טעקסט, דעם תנ״ך; איז קיין וואונדער ניט, וואָס א געטרײַע איבערזעצונג לויטן פשט איז פאַר אים געווען וויכטיג, ער האָט געוואָלט איבערגעבן די הייליקייט אות־באות. פונקט דיזעלביגע כּוונה האָבן געהאַט די דײַטשע איבערזעצער פון דער ביבל ביז לוטערן; מערניט זיי האָבן געהאַט פאַר זיך דעם פאַרהייליגטן לאַטײַנישן טעקסט, זיינען זיי געוואָרן שקלאַפן בײַ דער לאַטײַנישער קאָנסטרוקציע און ביי דער לאַטײַנישער וואָרטבילדונג. אונזער מחבר פאַרטײַטשט דעם לשון־קודשדיגן טעקסט, וויל ער נאָכפורימען אַלע קנייטשן פון די העברעאישע בנינים, און טאָמער געפינט ער ניט קיין אַדעקוואַטע פאָרם אין זײַן שפּראַך, באַשאַפט ער א נײַע. קיין פולע אויסגעהאַלטנקייט אין ניצן די אייגנאַרטיגע פאָרמען איז ניטאָ, נאָר פונדעסטוועגן לאָזן זיך אַרויסשיילן אַן ערך אַזוינע כּללים:

א) דער עבר פון בנין קל ווערט איבערגעגעבן דורכן פּערפעקטום: אָמַרְתִּי — איך האב גיזאגט; אָפְפוּ — זיא האבין אויס גירינגלט; אָצַלְתָּ — דו הוסט גישיידן.

ב) דער עתיד פון בנין קל מיטן ו המהפך ווערט איבערגעגעבן דורכן אימפּערפעקטום: ויאכַל — אונ׳ ער אס; וַתֹּאמַרְנָה — אונ׳ זיא זאגטן.

ג) דער בנין פִּעֵל ווערט אויסגעדריקט דורך א קאָנסטרוקציע מיט «מאַכן»: הַמְאַזְרֵנִי — דער דו (=דאָ) הוט מכין גורטין מיך.[1]

ד) דער הִפְעִיל ווערט איבערגעזעצט דורך א קאָנסטרוקציע מיט «טון»: הֵבִיא — ער טעט ברענגין; וְהִבְדִּילָה — אונ׳ זיא זאל טון שיידן; וְהִגְבַּלְתָּ — אונ׳ דו זולשט טון גימערקן; הִגַּעְתָּ — דו טוישט (= טוסט) גרייכן.

ה) דער הִתְפַּעֵל ווערט אויסגעדריקט דורך אַרומשרײַבונגען מיט «זײַן». ס׳טרעפט זיך די פשוטע פאַרבינדונג «וואר» (אָדער «וואס») מיטן אינפיניטיוו[2]: ער וואש טרויארן; ער וואר ריגנן; זי וואָרן טרויארן. אָבער א סך אָפטער טרעפן זיך מער קאָמפּליצירטע פאַרבינדונגען: הַמִּתְאַוִּים

[1]) די קאָנסטרוקציע מיט «מאַכן», וואָס האָט אַן אָנשפּאַר אין מה״ד און נאָך מער אין פרנה״ד (זעה Paul, Deutsche Grammatik, IV, § 336), איז געווען גאַנץ אָפט אויך אין עלטערן יידיש. למשל, «ספר מידות», איסני 1542, יח b: «ער מאכט אנדר לוייט אויך אונרעכט טון». שפּעטער איז בײַ אונז די קאָנסטרוקציע אײַנגעשרומפּן געוואָרן, און מיר האָבן דערלעבט, אַז איצטער ווערט זי צו אונז אַרײַנגעטראָגן דורך די ניו־יאָרקער צײַטונגען, און מען קוקט אויף דעם, ווי אויף אַ בפירושן אַנגליציזם!

[2]) זעה ז׳ 160;

— דיא דא ווארן זיין גילוסטן; הִתְאַוְּרוּ — זייט זיין גורטן; הִתְאַמֵּץ — ער וואש זיך זיין שטערקן; יִתְבַּרֵךְ — ער ווערט זיך זיין בירוימן (= באַרימען)·

12· דאָס «ספר ר׳ אנשיל»· פונקט ווי יעדער אַנדער דענקמאָל פון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור· איז רײַך אין גוטע יידישע ווערטער· וואָס צום טייל זיינען זיי נאָך הײַנט פאַראַן אין אונזער ליטעראַטור· צום טייל וואָלט מען זיי גרינגליך געדאַרפט האָבן· איך ברענג דאָ עטליכע אַזעלכע ווערטער לויט אונזער הײַנטיגן אויסלייגן; אין האַלבע לבנות דערבײַ — די אָריגינעלע אויסלייגונג און· וואו נייטיג· דאָס העברעאישע וואָרט· וואָס ווערט דאָ פאַרטײַטשט:

אומגאַנג (אום גאנג· כרכוב); אומטרעכטערין (אונטרעכטרין· עקרה); אַלטגעזעסענער (אלט גיזעסנר· אזרח); אַנטשפּויזן (אוֹרָשָׁה — אנטשפוזט); באַהעלטעניש (ביהעלטניס); ביישטידל (בייא שטודל· אמות)[1]; גים[2] (כֶּתֶם); גיספּאָס (גיס בס· אַגַרְטְלֵי); געבונט (גיבונט· אֲגֻדָּה); געוועלטיגער (גי־וועלטיגר); געלוסט (גילוסט· תאוה); געמייזעכץ (גימוזיכט· אגמים); געמעכט (גימעכט· אָשֵׁךְ); געמערק (גימערק· גבול); געשטויב (גישטויב· אבקה); דיך (ירך); דערמייען (דר מייאן· שעשועים); האָגלשטיין (האגיל שטיין· אלגביש); הויערן (הויארן· קרס[3]); הענגל (הענגיל· אשכול); די ווי (ווייא· אַיָּה); טעסט (כור[4]); טענער (טענר· כַּף[5]); יונגפרויקייט (יונק ורויא קייט· בתולים); לאָגל; לוגער (לוגר· אורב); מילגרוים (מילגראם); ענצליט (פנים)· די פאָרם· וואָס געוועלטיגט דורכאויס אין אונזער עלטערער ליטעראַטור[6]); פּאָסט (פוסט· מרזח)[7]); פּריזאַנט (חשמנים); פאַרוואָר (פר וואר· אמנם· אבל); פאַרוואָגלט (ור וואגלט); פאַרטומלט (ור טומלט·

---

[1]) אויך «בייא שטוידל»·

[2]) פגל׳ ,גינגאָלד׳ לגבי דער העברעאישער פאַרבינדונג: «כתם־פז»·

[3]) פערלעס ז׳ 119 פאַרגינט זיך צו געבן אויף דעם אַזאַ פּירוש: «horwegen oder horgen — schmutzen»· דאָס דאַרף מען קאָנען! א סימן· ווי גוט מען קאָן שטודירן «יידיש־דייטש»· אויב מען קאָן ניט דאָס הײַנטיגע יידיש·

[4]) ליפשיץ· ייד· רוס· b 104: «טעסט = плавильникъ»·

[5]) זייער אָפט אין דער עלטערער ליטעראַטור·

[6]) למשל: בראַנטשפּיגל· פפד״מ 1676; בליץ· תנ״ך־איבערזעצונג· אַמסטערדאַם 1679; קהלת שלמה· אַמסטערדאַם 1744· אין לעקסערס גרויסן מיטלהויכדײַטשן ווערטערבוך (I· 81) איז אַזאַ פאָרם גראָד ניט פאַרצייכנט· זעה ז׳ 86·

[7]) זעה ז׳ 80; אין «ספר מידות» איסני 1542· לב b איז אויך פאַראַן א צײַטוואָרט «פּושטן» (פאָסטן) מיטן פּשט: הוליען· האַלטן סעודות·

נדהם); די קעלטערבוים (קעלטר בוים, גת); קוועלברונעם (קוועל ברונן, מבוע); שאַלקהאַפטיג (שאַלק הפטיק, בליעל).

דאָס זיינען אַלץ פאַקטן און ווערטער, וואָס זיינען גענומען פונם «ספר ר׳ אנשיל» מערניט ווי פאַרבייגייענדיג, אויף וויפיל דאָס איז מיגליך געווען אין א קורצער אַגבדיגער סקיצע. איך האָב נאָר געוואָלט געבן א השגה וועגן דעם, וואָס פאַר א טיפע דערקענטעניש מען קאָן באַקומען פון דעם ספר — און פאַראיינס אַן אָנצוהערעניש, וואָס פאַר א גרויסע שפּראַכיגע רייכקייט, דערווייַלע נאָך ניט קיין אָנגערירטע, עס שטעקט אין יעדער איינציגן ווערק פון אונזערע עלטערע כתבים. ניט נאָר א ריין לינגוויסטישע ליבשאַפט צו «אַלטוואַרג» דאַרף אונז טרייבן צום שטודיום פון דער עברי־טייטש־ליטעראַטור, און אַפילו ניט נאָר דער קולטור־היסטאָרישער אינהאַלט אירער, נאָר אויך א לעבעדיגער, אַקטועלער אינטערעס פאַר דער ווייטערדיגער אַנטוויקלונג און באַרייכערונג פון דער יידישער שפּראַך.

.10

מיר האָבן שוין געזעהן, אַז דער מחבר פונם «ספר ר׳ אנשיל» האָט זיך מיט זיין אייגענער רייד־שפּראַך גאָרניט אינטערעסירט. אָבער די לעצטע שורות פון דער ערשטער אויסגאַבע[1]) ווייזן אויף, אַז וועגן דעם ערפאָלג פון לשון־קודשדיגן שפּראַך־שטודיום האָט ער אויך ווינציג וואָס געדאגהעט. ער האָט געהאַט אין זינען א העכערן, א געטליכן צוועק: דעם קאַמף קעגן די קריסטליכע מיסיאָנערן. די גאַנצע אַטמאָספערע איז אין יענער צייט געווען אָנגעזאַפּט מיט רעליגיעזע אינטערעסן. ס׳האָט שוין לאַנג געיוירן אין דער קאַטוילישער קירך: אין 1517 איז לוטער אַרויס אָפן מיט דער שפּראַך, און די קאַטוליקן האָבן זיך פאַרטיידיגט מיט היץ. יעדער צד איז געווען זיכער, אַז ער האָט דעם «אמתן» גלויבן, און וויבאַלד אַזוי, האָט זיך די מיסיאָנערישע טעטיקייט ניט געדאַרפט אָפּשטעלן ביי די טויערן פון קריסטנטום. יידן זיינען אויך געווען א פאַסיגער אָביעקט, און מען האָט געהאָפט, אַז ווען די קירך וועט זיין אויסגעהיילט «אין קאָפּ און אין די אברים», וועלן יידן אויפהערן מורא

[1]) זעה ז׳ 124 אָנמ׳ 2.

צו האָבן פאַר איר· מען האָט געזוכט א וועג צום האַרץ פון די יידן· אָט האָבן מינסטער און פאַגיוס געדרוקט מיסיאָנערישע טראַקטאַטן; פאַגיוס האָט זיך עוסק געווען מיט אַרויסגעבן א יידישע ביבל־איבערזעצונג· און עס קאָן שטאַרק געמאָלט זייַן· אַז א געניטערע אויספאָרשטונג פון מיכאל אַדאַמס חומש וואָלט אויסגעפונען דאָרטן שפּורן פון מיסיאָנערישע אויס־בעסערונגען· ביי אַזאַ מין אָנגרייף האָבן יידן זיך גענומען ווערן· אין 1488 איז געדרוקט געוואָרן (איינער פון די ערשטע העברעאישע דרוקן בכלל!) דער «מקרי דרדקי»· א העברעאיש־איטאַליעניש־אַראַבישער גלאָסאַר; 1523 איז אַרויס אין ווענעציע די ביבלישע קאָנקאָרדאַנץ «יאיר נתיב» — ביידע מיט דער כּוונה צו געבן די יידן אַן אָנשפּאַר אין זייערע רעליגיעזע וויכּוחים מיט קריסטן·[1] עס קאָן ניט זיין קיין שום ספק· אַז דאָס איז אויך געווען דער ציל· צו וועלכן עס האָט געשטרעבט דער «ספר ר׳ אנשיל»; די בעסטע ראיה זיינען די שורות· מיט וועלכע עס לאָזט זיך אויס די ערשטע אויסגאַבע פון דעם ספר·[2] אַז דער אָנגרייף אויף דער יידישער אמונה איז געווען ניט קיין אויסגעטראַכטער· זעהט מען פון דעם· וואָס מיט עטליכע יאָר נאָכן «ספר ר׳ אנשיל»· אין 1540· האָט דער משומד Paul Halic (האַליטש?) אין דערזעלביגער קראָקע אַרויסגעגעבן מיט יידישע אותיות לוטערס דייַטשע ביבל־איבערזעצונג·[3] עס איז געווען אַן אמתע קריג· און ביידע צדדים האָבן געשמידט זייערע וואָפן · · ·

[1]) אויך ר׳ אלי׳ לויס קאָנקאָרדאַנץ «ספר הזכרונות» (פון 1515; מינכענער כ״י N 74) ברענגט צום סוף פון דער הקדמה אַזאַ זאַץ: «· · · ויועיל מאד להתווכח עם המתנגדים אלינו באמונתינו»· ציטירט לויט פּערלעס ז׳ 119·

[2]) זעה Cat. Bodl. I 738: «הלא כפטיש יפוצץ סלע וכאש דברו נחמה ומשיבת נפש הוא לעינים עורות ולתועה בדרך דרך סלולה יורה ולא לצאת עוד לקראת הנחשים והעקרבים דרך המדברה לכן חזקו וקנו ספרי · · ·» «וואָרים אַזוי ווי א האַמער וואָס צעמורשט א פעלז און ווי פייַער זייַנען זייַנע רייד; א טרייסט און אַן אָפּרו פון דער זייל איז דאָס פאַר בלינדע אויגן און פאַרן בלאָנד־זשענדיגן ווייַזט עס אַן אויסגעטראָטענעם וועג; און מען זאָל מער ניט דאַרפן גיין קעגן שלאַנגען און עקדישן אינם וועג פון דער מדבר — דעריבער שטאַרקט זיך און קויפט מייַן בוך · · ·» — דעם געדאַנק וועגן דער פּאָלעמישער טענדענץ פון ס׳ ר׳ אַנשיל האָב איך צו פאַרדאַנקען פּערלעסן ז׳ 117·

[3]) פון יאָר 1537 איז פאַראַן א ידיעה· אַז האַליץ האָט מְמיר געווען אין פּויזן 14 יידן· מאַנס־בילן און פרויען; זעה Hebräische Bibliographie 1864· ז׳ 42· — פאַרצייכנט דאַרף ווערן· אַז אויפן שער פון דער ערשטער אויסגאַבע פון «ספר ר׳ אנשיל» ווערן אָנגערופן אַלס דרוקער דריי ברידער הע ליץ: שמואל· אשר און אליקום· וואָס זייער פאָטער האָט געהייסן חיים· נאָר צי האָבן זיי זיך אָנגעקערט קרובים מיט יענעם פויל העליץ· איז ניט באַוואוסט· — שטיינ־שניידער איז משער· אַז אָט דער אשר בן חיים העליץ איז דער מחבר פונם «ספר ר׳ אנשיל» (אַנשיל = אשר)· פּערלעס ז׳ 118 לייקנט דאָס; ער האַלט· אַז דאָס ספר שטאַמט פון אַן עלטערער צייַט און די ברידער העליץ האָבן נאָר אָפּגעדרוקט אַן אַלטן כתב־יד·

אַז מען דאַרף ברענגען די פאַרבלאָנדזשעטע «אומגלייביגע» נשמות צום ליכט פון אמתן גלויבן — דאָס האָבן די פאָרשטייער פון דער קריסטליכער אמונה געוואוסט נאָך פון גאַנץ לאַנג, כמעט פון דער צײַט, ווען דאָס קריסטנטום איז געוואָרן די הערשנדיגע רעליגיע אין דער מערבדיגער וועלט. אָבער כמעט ביזן סוף מיטלעלטער איז דאָס שטאַרקסטע מיטל געווען: כוח. א וועסטגאָטישער קיניג האָט נאָך אין 7טן י״ה געגעבן יידן די ברירה: אויסוואַנדערן אָדער שמדן זיך. קאַרל דער גרויסער האָט באַצוואונגען די געצנדינער פונם זאַקסן־לאַנד מיטן שווערד; שפּעטער איז מען געוואָרן ראַפינירטער, און מען האָט די הערעטיקער און אומגלייביגע גענומען ברענען און בראָטן אויף די שײַטערהויפנס.

ווען ס׳געוועלטיגן פײַער און שווערד, מוז שווײַגן די גוטמוטיגע שטים, וואָס פּרובט איבעררײדן און איבערצײַגן. געווען פריידיגער, וואָס האָבן געוואָלט אויפקלערן די פאַרבלאָנדזשעטע; נאָר זיי האָבן זיך אַלעמאָל אָנגעשפּאַרט אויף דער רעאַלער מאַכט. דער ייד, צו וועמען עס פלעגט קומען דער קריסטליכער מיסיאָנער, האָט ניט געקאָנט פרײַ באַשטימען לויט זײַן שכל און געוויסן, צי איז שוין דער משיח געקומען אָדער ער דאַרף נאָך קומען. ווארים דער ייד האָט געהאַט פאַר זיך, פון איין זײַט, די גאַנצע באַדריקונג, וואָס איז אין משך פון גאָרן מיטלעלטער געלעגן אויפן יידישן קיבוץ, און פון דער אַנדער זײַט די מיגליכקייט צו לעבן מיט לײַטן צוגלײַך. דאָס איז שוין געווען אין בעסטן פאַל, אויב דער מיסיאָנער האָט ניט געהאַלטן אין איין האַנט דעם צלם און אין דער צווייטער האַנט — די האַק פונם תּלין. לוטער האָט דעריבער געמעגט זאָגן וועגן די קריסטליכע נשמות־ראַטירער: «זיי האָבן זיך באַגאַנגען מיט יידן, גלײַך דאָס וואָלטן געווען הינט און ניט קיין מענטשן; זיי האָבן נאָר געזידלט די יידן און צוגענומען בײַ זיי זייער האָב און גוטס; נאָכדעם ווי מען האָט זיי געטויפט, האָט מען זיי ניט באַוויזן ניט קיין קריסטליכע לערע און ניט קיין קריסטליכן לעבן».

«נאָר די פּראַקטיק האָט באַוויזן — אַזוי שרײַבט דער דײַטשער מיסיאָנער קאַספּאַר קאַלווער אין 1710 [1]) — אַז מיט פײַער און שווערד קאָן מען די געוויסן פון יידן ניט צווינגען. אומעטום האָבן יידן זיך געלאָזט

[1]) Caspar Calvör: Gloria Christi. כבוד ישוע משיח. Leipzig 1710.

טײטן אין די טויזנטער׳ און די וואָס האָבן זיך געלאָזט טויפן׳ זײנען דאָס רוב געװען פֿאַרשטעלטע; זײ האָבן בשתיקה מל געװען זײערע קינדער׳ בשתיקה אָפּגעהיט שבת ...» דאָס האָט מען געהאַט באַמערקט נאָך מיט טויזנט יאָר פֿריער׳ און דער באַרימטער קירכישער קאָנציל אין טאָלעדאָ האָט געהאַט באַשטימט אין יאָר 633: «מען דאַרף ניט ראַטעווען די נשמות פֿון די יידן קעגן זײער װילן (Non...inviti salvandi sunt)»· אָבער װען מען פֿלעגט זעהן׳ אַז דאָס װאָרט העלפֿט ניט׳ פֿלעגט מען זיך אַלעמאָל צוריק נעמען צום בײַטש·

פֿון צײַט צו צײַט׳ דערצײלט קאַלװער װײַטער׳ זײנען פֿאָרט אויפֿגעשטאַנען מענטשן׳ װאָס האָבן געגלײבט׳ אַז יעזוסעס װאָרט איז גענוג אויף איבערצוקערן די פֿאַרשטאָפּטע יידישע הערצער· דווקא אין קאַסטיליע און אַראַגאָן׳ װאו מען האָט מער װי װאו עס איז געפּײַניגט די יידן אין די ענוי־קעלערס פֿון דער אינקװיזיציע׳ האָט אין מיטן פֿון 13טן י״ה אַ קאָנציל (װידעראַמאָל אין טאָלעדאָ) באַשטימט אַכט מאָנאַכן׳ זײ זאָלן שטודירן אַראַביש׳ כאַלדעאיש און העברעאיש׳ כּדי זײ זאָלן קאָנען אָפּפֿרעגן די פֿאַלשע השגות פֿון די סאַראַצענער און יידן אויפֿן גרונט פֿון זײערע אײגענע הײליגע שריפֿטן· אײנער אַ באַרסעלאָנער מאָנאַך ראַימונדוס מאַרטינוס איז געװען אַזוי קלאָר אין די רעליגיעס פֿון די מחמדאַנער און יידן (אַזוי זאָגט קאַלװער)׳ אַז ער האָט אָנגעשריבן אויף לאַטײַן עטליכע װערק קעגן די בײדע אמונות·

צי איז דער ראַימונדוס מאַרטינוס טאַקע געװען אַזאַ בקי אָדער קאַלװער לויבט אים נאָר דערפֿאַר׳ װײל «ער איז געװען דער ערשטער׳ װאָס האָט דורכגעבראָכן דאָס אײַז אין דער דאָזיגער שװערער זאַך» — דאָס איז אַלץ אײנס; ער האָט געמעגט זײַן דער גרעסטער קענער פֿון יידישקײט און דער בעסטער פּאָלעמיסט אין דער װעלט — נאָר װאָס פֿאַר אַ װערדע האָבן געקאָנט האָבן בײַ יידן לאַטײַנישע כתבים? ניט נאָר װאָס דער יידישער המון־עם׳ נאָר אַפֿילו די לומדים האָבן דאָך קײן שײַטל לאַטײַן ניט געקאָנט!

יאָהאַן קריסטאָף װאַגענזײל׳ דער גרויסער געלערנטער קענער פֿון יידן׳ יידיש און יידישקײט׳ האָט סוף 17טן י״ה[1]) געמאַכט דעם רעכטן תּכלית

[1]) אין Fürtrag צו זײַן Belehrung [באָראָכאָװ No. 26]·

פון דעם דאָזיגן מין לאַטײַנישן מיסיאָנערנטום, וואָס עס האָבן געפירט דער געמעלדטער ראַימונדוס, ניקאָלאַאוס דע־ליראַ און פיל אַנדערע. «עטליכע פון די, וואָס האָבן ביז איצט אָפּגעפרעגט בײַ אונז אין דער לאַטײַנישער... שפּראַך די יידישע טעותן, האָבן, אמת, מיט זייערע פּרעכטיגע שריפטן געבראַכט גרויס נוצן דער קריסטליכער קירך, אָבער ניט דער יידישער סינאַגאָגע, וואָרים די לאַטײַנישע שפּראַך איז אין ערגעץ ביי די יידן ניט אָנגענומען; וועגן די יחידים צווישן זיי, וואָס האָבן זיך יאָ וואו עס איז אויסגעלערנט לאַטײַן, איז דאָך ניטאָ וואָס צו ריידן.»

«...געבראַכט גרויס נוצן דער קריסטליכער קירך, אבער ניט דער יידישער סינאַגאָגע»! געשריבן האָבן זיי דאָך אָבער גראָד פאַר דער «סינאַגאָגע»; פאַר גלייביגע קריסטן האָט מען דאָך ניט געדאַרפט אויפווײַזן, אַז יידישקייט איז א פאַרבלענדעניש! בנאמנות, מען וואָלט געקאָנט אַרויסלייענען איראָניע פון וואַגענזיילס עטליכע שורות, ווען ער זאָל ניט געווען זײַן אַזאַ טויט־ערנצטער מאַן. —

ווען מען האָט ביסלעכווייז דערזעהן, אַז די לאַטײַנישע מיסיע פאַר יידן איז א ברָכה־לבטָלה, האָט מען גענומען זוכן אַנדערע וועגן. די קענטעניש פון דער העברעאישער שפּראַך האָט זיך וואָס ווײַטער אַלץ מער פאַרשפּרייט צווישן קריסטן — ס'איז געווען דאָס 16טע י״ה — איז מען געפאַלן אויף אַן אַנדער פּלאַן: אויב לאַטײַן נעמט ניט די יידן, איז אפשר העברעאיש. צו דער שטרעמונג באַלאַנגען אויך מינסטער און פאַגיוס מיט זייערע מיסיאָנערישע טראַקטאַטן.

איינער פון די חשובסטע קריסטליכע מיסיאָנערן אויף העברעאיש איז געווען עמנואל טרעמעליוס, בכלל זייער אַן אינטערעסאַנטע פּערזענליכקייט. געבוירן געוואָרן איז ער אין אָנהייב 16טן י״ה אין פעראַרע (איטאַליע), ביי א יידישן דאָקטער־מעדיצין. אין איטאַליע איז די מחיצה צווישן קריסטן און יידן ניט געווען אַזוי גרויס, ווי אין דײַטשלאַנד[1], און חוץ דעם האָט נאָך די פּראָפּעסיע צונויפגעפירט דעם פאָטער מיט א סך איטאַליענער, און דווקא פון די געבילדעטע. דער יונגער טרעמעליוס האָט פון זײַנע יינגסטע יאָרן פאַרנומען זיך ניט נאָר מיט תורה, נאָר אויך מיט וועלטליכע חכמות. ווען ער איז אַלט געווען א יאָר צוואַנציג, האָט ער זיך

[1]) זעה גידעמאַן III, ז׳ 253 און ווײַטערדיגע (יידי׳ 167 און ווי׳).

אָנגעהויבן חַברן נאָך נעהענטער מיט קריסטן. צווישן זײַנע באַקענטע איז געווען א מאַן, וואָס האָט שפּעטער געשפּילט א וועלטגעשיכטיגע ראָליע — אַלעקסאַנדער פֿאַרנעזע, דער שפּעטערדיקער פּויפּסט פּוילוס III. טרעמעליוס האָט זיך געשמדט, געוואָרן א הייסער אָנהענגער פֿון דער רעפֿאָרמאַ־טאָרישער באַוועגונג לויט קאַלווינ׳ס נוסח; די רדיפֿות אויף די רעפֿאָרמירטע האָבן אים גענייט צו פֿאַרלאָזן זײַן היים, און ער איז געוואָרן א נע־ונדניק אויף זײַן גאַנצן לעבן. ער איז אויסגעווען אין דער שווייץ, אין ענגלאַנד, אין פֿראַנקרײַך, אין דײַטשלאַנד. אין א סך אוניווערסיטעטן איז ער געווען פּראָפֿעסאָר פֿון דער העברעאישער שפּראַך; נאָר קיין רו האָט ער אין ערגעץ ניט געפֿונען.

מיט קאַלווינען איז ער געווען גוטע־פֿרײַנד, און ער האָט איבערגעזעצט אויף העברעאיש קאַלווינס קאַטעכיזם, כדי צו דינען דערמיט זײַנע יידישע «ברידער». אָט דאָס סֵפרל «חִנוּך בְּחִירֵי יָהּ» האָט אונז געמאַכט ריידן וועגן טרעמעליוסן אין דעם צוזאַמענהאַנג. דער «חנוך» איז אַרויס דאָס ערשטע מאָל 1551 מיט א פּאַראַלעלער גריכישער איבער־זעצונג, אין דריי יאָר אַרום אין העברעאיש אַליין, מיט א לאַטײַנישער און א העברעאישער הקדמה.[1]

דאָס בוך איז צעטיילט, אַזוי ווי דאָס רוב יידישע מוסר־ספֿרים פֿון יענער צייט, אויף «שערים»: שער האמונה, שער המצות, שער התפילה אאַז״וו. יעדער שַער באַשטייט פֿון פֿראַגעס און ענטפֿערס. אָבער פֿאַר אונז איז וויכטיג ניט אַזוי דער אינהאַלט פֿונם ביכל (וואָס ברענגט ניט, דוכט זיך, קיין שום אָריגינעלס לגבי קאַלווינען), נאָר טרעמעליוסעס ביידע הקדמות. אין זײַן לאַטײַנישער הייליגונג צו עפּעס א פּירשט ווײַזט

---

[1]) געניערס וועגן טרעמעליוסן אין דעם ביכל: Wilhelm Becker, Immanuel Tremellius. Ein Proselytenleben im Zeitalter der Reformation. Leipzig 1891. מען דאַרף אָבער האָבן אין זינען, אַז דאָס ביכל איז אָנגעשריבן פֿון א פּאַסטאָר מיט מיסיאָנערישע כּוונות און אַרויסגעגעבן פֿונם מיסיאָנערישן Institutum Judaicum אין לייפּציג. — דער «חנוך בחירי יה» האָט זייער שטאַרק אויסגענומען בײַ די מיסיאָנערן. אין 1591 האָט מען דאָס אָפּגעדרוקט נאָך א מאָל אין ליידען (האָלאַנד) מיט א גריכישער און א לאַטײַנישער איבערזעצונג. 1819 איז עס געדרוקט געוואָרן אין מאַדראַס (אינדיע). 1820 האָט די לאָנדאָנער געזעלשאַפֿט צו פֿאַרשפּרייטן דאָס קריסטנטום צווישן יידן אַרויסגעגעבן דאָס ביכל באַזונדער אויף העברעאיש און יידיש. א דײַטשע אויסגאַבע פֿון דער הקדמה און די ערשטע 82 פֿראַגעס איז אַרויס נאָך אין 1886. — אונזערע אויסצוגן זײַנען גענומען פֿון דער לאָנדאָנער העברעאישער אויסגאַבע 1820; קיין עלטערע האָב איך ניט געקאָנט באַקומען.

ער אויף, אַז די מיסיאָנערישע אַרבעט אויף לאַטײַן איז אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט. «הגם דאָס יידישע פאָלק האָט היינט פּײַנט אונזער אמונה, נאָר פונדעסטוועגן לייענט עס פאָרט, וואָס די אונזעריגע שרײַבן אויף העברעאיש, ווײַל יידן ווילן וויסן, וואָס פאַר ראַיות מיר ברענגען פאַר אָדער קעגן זיי, וואָס מיר דרינגען אַרויס און ווי אַזוי מיר גייען זיך פונאַנדער וועגן גאָטס־אַכפּערונג און פרומקייט. פאַרקערט, ווען די אונזעריגע שרײַבן עפּעס אויף לאַטײַן אָדער אין א פרעמדן לשון, קוקן זיך יידן ניט אַרום אויף דעם.» טרעמעליוס מיינט, אַז ער, מיט זײַן העברעאישן חיבור, וועט אויפטון גרויסע זאַכן, און ער צעלאָזט זיך אין דער העברעאישער הקדמה אויפן הויכן שטייגער: «...אָט זיינען אונזערע אָבות פאַרטריבן געוואָרן אין גלות, און פיל צרות און שלעק אָהן א צאָל האָבן זיי אַרומגערינגלט, ווײַל זיי האָבן האַרט געמאַכט זייער נאַקן און פאַרגעסן זייער גאָט און ניט געקענט אים... און איצט, מחמת מײַן האַרץ טוט מיר וויי אויפן בראָך פון מײַן פאָלק און איך קוק אויס אויף זײַן גאולה, און מײַן גאַנצער באַגער איז צו זעהן די ישועה פון ישראל׳ן, דעריבער האָב איך געשריבן אָט דאָס בוך... לאָמיר איבערבײַטן אונזער וועג און זוכן און אומקערן זיך צו גאָט, וועט ער זיך צוריק אויף אונז מרחם זײַן...»

דער «חִנּוּךְ בְּחִירֵי יָהּ» האָט אויך גאָרנישט ניט געפועלט בײַ יידן, כאָטש ער איז געוואָרן נאָכגעמאַכט לויטן מוסטער פונם באַרימטן יידישן «ספר החנוך», וואָס אהרן מבית לוי פון באַרסעלאָנע האָט אָנגעשריבן צום סוף פון 13טן י״ה. עס האָט די יידן ניט גענומען; זיי זיינען געבליבן «האַרטנעקיג» און אײַנגעשפּאַרט.

וואַגענזייל, וואָס האָט געשריבן מיט 150 יאָר שפּעטער, האָט שוין געוואוסט צו דערציילן, פאַרוואָס די העברעאישע מיסיאָנערישע אַרבעט האָט אויך קיין הצלחה ניט געהאַט. באַלד נאָך די זאַצן וועגן דער לאַטײַנישער מיסיע, וואָס מיר האָבן געבראַכט מיט א פאָר זײַטלעך פריער, זאָגט ער זיך אַרויס בזה הלשון:

«שרײַבן [די מיסיאָנערישע שריפטן] אויף ריינע העברעאיש איז ניט גרינג, די שפּראַך פאַרטראָגט דאָס ניט..., זי איז צו אָרעם אין ווערטער; און ווען מען זאָל אַפילו וועלן נעמען צו־הילף דעם רבנישן, תלמודישן און כאַלדעאישן דיאַלעקט, וואָס דאָס איז זייער שווער און פאַר א קריסט כמעט

ווי אוממיגליך, איז דאָס נאָך אַן אומזיסטע טרחא אויך, און ס׳איז א שאָד די אַרבעט: וואָרים פון הונדערט יידן איז פאַראַן אפשר איינער, וואָס קאָן לייענען אַזאַ בוך.»

פאַר וואַגענזײַלן איז דעריבער קלאָר, אַז «אויב מען מיינט נאָר מיט אַן אמת צו דערלאַנגען די יידן א מיטלייִדיגע און הילפיגע האַנט, בכדי זיי אַרויסצוציען פון דער טיפעניש פון אומגלויבן, אין וועלכן זיי זיינען פאַרזונקען געוואָרן, דאַן בלײַבט קיין זאַך ניט איבער, ווי צוצופאַסן זיך צו זיי און צו שרייבן לויט זייער דיאַלעקט און אויך צו דרוקן די דאָזיגע חיבורים מיט זייערע אותיות».

מיר הערן דאָ, אַזוי צו זאָגן, דעם טעאָרעטיקער פון דער מיסיע אויף יידיש. געשריבן איז דאָס ביים סאַמע אויסלאָז פון 17טן י״ה. אין 18טן י״ה נעמען זיך די מיסיאָנערן מיט התמדה צו דער יידישער פאָלקסשפראַך, און עס קומט אויף אינגיכן א היפשע ליטעראַטור אין און וועגן יידיש.

אָט אַזוי האָט די קריסטליכע מיסיע צווישן יידן אין א לפי־ערך קורצער צייט איבערגעלעבט דריי תקופות: לאַטײַן — העברעאיש — יידיש. געוויינטליך דאַרף מען «תקופות» קיינמאָל ניט פאַרשטיין אַזוי פאָרמעל, אַז אָט האַקט זיך אָפּ אין דעם יאָר איין תקופה און פון אָנהייב קומענדיגן יאָר הייבט זיך אָן די צווייטע. די גייסטיגע אַנטוויקלונג ווייס ניט פון קיין שפרונגען, זי גייט בהדרגה; און אַן אידעע קאָן נאָך האָבן אירע פאַרשטייער און פאַרטיידיגער, ווען זי איז שוין פון דער געשיכטע פאַרמשפּט צום טויט. די וועלט זאָגט זיך ניט אָפּ אַזוי גיך פון איינגעליבטע אײַנריידענישן. אַזוי האָט טרעמעליוס טעאָרעטיש דערוויזן, אַז נאָר העברעאיש טויג פאַר דער קריסטיגונגס־אַרבעט צווישן יידן, אָבער די עפּיגאָנען פון דער לאַטײַנישער מיסיע זיינען נאָך א היפשע צײַט געגאַנגען מיט זייער אויסגעטראָטענעם וועג. און אויף העברעאישע מיסיאָנערישע שריפטן האָט מען נאָך לאַנג־לאַנג געפּטרט געלט, צײַט און ענערגיע, כאָטש עס האָט שוין מיט הונדערט יאָר פאַר וואַגענזײַלן געלעבט א מאַן, וואָס האָט אָנגעוויזן אויף יידיש אַלס אינסטרומענט צו פאַרשפּרייטן דאָס קריסטנטום ביי יידן. א געדאַנק נעמט קיינמאָל ניט אײַן די וועלט מיט אימפּעט, בפרט נאָך אין יענע צײַטן, ווען מענטשן האָבן געאַרבעט יעדערער פאַר זיך, יעדערער אין זײַן ווינקעלע, אָהן אַן ענגערן צוזאַמענבונד צווישן זיך.

וואַגענזיילס פאָרגייער, וואָס האָט קלאָר פאַרשטאַנען דעם באַטײַט פון יידיש (הגם ער האָט דאָס ניט געקאָנט פאָרמולירן אַזוי באַשיידליך, ווי וואַגענזייל) איז געווען דער שטראַסבורגער פריידיגער און פראָפעסאָר פון טעאָלאָגיע ע ל י אַ ס ש אַ ד ע א ו ס.

11.

שאַדע — ער וואָלט זיך אַליין אָנגערופן בפרהסיא עם־הארץ, ווען ער זאָל ניט געווען איבערבײַטן זײַן נאָמען אויף ש אַ ד ע א ו ס, עס זאָל קלינגען געבילדעט — שאַדע האָט ליב געהאַט צו ריידן פאַר זײַן עדה אין קלויסטער, מיט וואָסערע מיטלען מען קאָן ברענגען יידן צום אמתן, ד״ה צום קריסטליכן גלויבן. ער טרעט אַרויס שאַרף קעגן רדיפות און גוואַלד־מעשים; פאַר דער שנאה, וואָס יידן האָבן צו די קריסטן, דאַרף מען זיי אָפּצאָלן מיט ליבשאַפט. אָבער בכדי יידן זאָלן בעסער אויפנעמען קריסטוסעס לערע, וואָלט געווען גלײַך, אַז מען זאָל זיי ניט לאָזן וואוינען אינאיינעם, וואָרים זיי שטאַרקן נאָר איינער בײַם אַנדערן די אײַנ־ריידעניש; בעסער זאָל מען זיי באַזעצן צעשפּרייטערהייט צווישן קריסטן. אויך זאָל מען זיי לאָזן פאַרנעמען זיך מיט ערדאַרבעט, מלאָכה און אַנדערע פּרנסות, ווײַל פון לופט קאָנען זיי דאָך ניט לעבן, און אַז מען לאָזט זיי ניט צו צו די געוויינטליכע באַשעפטיגונגען, גייען זיי אום פוסט און פּאַס אָדער זיי ווערן פראַצענטניקעס. פאַראַן א סך באַווײַזן, זאָגט שאַדע, אַז ביז און נאָך קריסטוסעס געבורט האָבן יידן זיך פאַרנומען מיט מלאָכות און אַנדערע ערליכע באַשעפטיגונגען. דער אַפּאָסטאָל פּאַוולוס איז געווען א טעפּיך־מאַכער, און פּיליגרימען גיבן איבער, אַז נאָך הײַנטיקן טאָג זיינען יידן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אין עגיפּטן און אין ירושלים זיך עוסק מיט פאַרבערײַ און אַנדערע מלאָכות.

שאַדע בעט בײַ די שררות, זיי זאָלן פאַרווערן יידן צו ניצן וועלכע עס איז לעסטער־ביכער קעגן קריסטוסן, און קודם־כל דעם «תולדות ישו».[1] ווײַטער זאָל מען אויפהאָדעווען אין די הויכע שולן אַזעלכע מענטשן, וואָס

[1] אַן אויסגאַבע פון אַן אינטערעסאַנטן יידישן כתב־יד פון «תולדות ישו», וואָס געפינט זיך אין דער באָדלעיאַנאַ אין אָקספאָרד, האָבן מיר באַקומען פון ד״ר ע ר י ך ב י ש אָ ף: Dr. Erich Bischoff. Ein jüdisch-deutsches Leben Jesu. Verlag von Wilhelm Friedrich. (לייפּציג, 1895). ליידער איז דער יידישער טעקסט איבערגעשריבן מיט דײַטשע אותיות.

זאָלן קאָנען ריידן מיט יידן און זײַן באַהאַוונט אין העברעאיש. אויך איז געוואונטשן, מען זאָל געבן יידן א מיגליכקייט צו לייענען דעם נײַעם טעסטאַמענט לויט ווי זיי זיינען אײַנגעוויינט («ווײַל זיי לייענען דאָך ניט קיין שום ביכער אַחוץ העברעאישע אָדער אַזוינע, וואָס זיינען געדרוקט אָדער געשריבן אויף זייער שטייגער מיט העברעאישע אותיות»). די קריסטן דאַרפן בעטן פאַר דער נשמה פון די יידן, «וואָרים ניט מיט וועלטליכע כלי־זיין צעשטערט מען דעם טײַוולס מלכות און מען מערט די קריסטליכע קירך, נײַערט מיט דער שווערד פון גייסט, דאָס הייסט מיט גאָטס וואָרט».

אונזער שאַדע אַליין האָט געמאַכט עטליכע פּרובן אַרויסצוגעבן יידיש־טײַטשע שריפטן: ס׳האָט אים געשטופּט דערצו דאָס געדעכעניש פון פּוילוס פאַגיוסן, וואָס איז געווען פּראָפעסאָר און פּריידיגער אין שטראַס־בורג מיט א יאָר פערציג פריער. אין 1589 האָט ער אײַנגעאָרדנט א העברעאישע און יידיש־טײַטשע דרוק און פאַרניצט דערבײַ די רעשטן פון שריפט און מאַטעריאַל, וואָס פאַגיוס האָט איבערגעלאָזן.[1] לויט ווי קאַלווער גיט איבער אין זײַן שוין ציטירטן חיבור «Gloria Christi», האָט שאַדע אַרויסגעגעבן אין יידיש־טײַטש «auf solche Maße, wie sie der selige Lutherus verdolmetschet»: דעם לוקאַס־עוואַנגעליום, דעם יאָהאַנעס־עוואַנגעליום, די מעשים פון די אַפּאָסטאָלן, פּאַוולוסעס כתב צו די רוימער און דעם כתב צו די יידן. ער האָט אויך געהאַט בדעה אָפּצודרוקן פון פּוילוס פאַגיוסעס מאַנוסקריפּט ר׳ אלי׳ לויס איבערזעצונג פון איוב.[2]

אונז אינטערעסירט אַם־מערסטן פון שאַדעס אַלע ליטעראַרישע פּרובן זײַן טעאָרעטישער מאמר: «Ein gewisser Bericht von der teutsch-hebräischen Schrift, deren sich die Juden gebrauchen».[3] מיר וועלן דאָ ברענגען פון דאָרטן גרעסערע אויסצוגן, ווײַל צום סוף פון 16טן י״ה, פאַר בוקסטאָרפן, האָט דאָ שאַדע אויפגעטון אמתע חידושים.

[1] זעה ז׳ 96.

[2] זעה ז׳ 77.

[3] לײדער קאָן איך ציטירן נאָר פונם נײַעם איבערדרוק פון 1892 [באָראָכאָוו, תיקונים צו Nr. 5]. דאָס איז זייער פאַרדראָסיג, ווײַל ס׳האָבן זיך דאָרטן אַרײַנגעכאַפּט א סך דרוק־גרײַזן. אין מײַנע ציטאַטעס האָב איך די גרײַזן ווי ווײַט מיגליך פאַרריכט.

ווער עס וויל זיך אויסלערנען די טײַטש־העברעאישע שפּראַך פון די יידן, זאָגט דער מחבר, דער דאַרף האָבן אין זינען דרײַ זאַכן: 1. דעם אלף־בית; 2. די וואָקאַלן און דיפטאָנגען; 3. עטליכע באַזונדערע סימנים און גענג, וואָס יידן ניצן אין זייער שרײַבן און פאַרטײַטשן.

דאָס ערשטע קאַפּיטל, וועגן אלף־בית. יידן שרײַבן פון רעכטס אויף לינקס. יידן האָבן אויך צוויי אלף־ביתן: די הייליגע אותיות, מיט וועלכע זיי שרײַבן איבערהויפּט דעם תנ״ך, און די משקט־שריפט (וואָס הייסט «בײַ אונז» קורענט), וואָס זיי ניצן אין פּירושים און אין זייערע טאָג־טעגליכע געשריפטסן.[1]

עס גייען בײדע אלף־ביתן און דער צאָל־ווערט פון די אותיות[2], דער־נאָך עטליכע פּירושים צום געברויך פון די אותיות.

ב איז b; מיט א פּאַסיקל איז דאָס v אָדער f. ו אין אָנהייב וואָרט איז אויך אַ f און ווערט גענוצט נאָר פאַר a, e, i (א שטייגער וא, וע, וי) און פאַר e און r (א שטייגער ולייש fleisch, ור ver). אין אַנדערע פאַלן איז ו אַ וואָקאַל.

י אין אָנהייב וואָרט איז אַ קאָנסאָנאַנט, אין אַנדערע פאַלן — אַ וואָקאַל.

פּ איז p, מיט א פּאַסיקל ph; געטאָפּלט (פריער אַ פּ אָהן אַ רפה און דערנאָך מיט אַ רפה) איז דאָס pf, א שטייגער פּפֿאף, pfaff.[3] ף איז א f (דאָס הייסט, אַז p בלײַבט וואָרט־אויס אויך פּ).

דער העברעאישער אלף־בית האָט דרײַ צייכנס פאַר s: ז, ס, ש. דער ז איז א שאַרפער s, כמעט א האַלבער צ, נאָר ער ווערט פאָרט גענוצט אַלס s אָהן אונטערשייד, איבערהויפּט פאַר וואָקאַלן: זא זע זי זוֹ זו. אין מיטן וואָרט ווערט דער ז געטאָפּלט אָנשטאָט ss, ווי א שטייגער: מעזזער Messer, וואזזער Wasser. — ס איז א פּשוטער s, מען קאָן אים ניצן אומעטום, כאָטש עטליכע יידן ניצן אים זייער זעלטן אין טײַטש און

[1]) «שאַדעאוס רופט «משקט» ניט די רש״י־שריפט, ווי דאָס רוב שרײַבער, נאָר די ווײַבער־טײַטשע אותיות.

[2]) דערבײַ שטעלט שאַדעאוס (אין יידישע שריפטן טרעפט זיך דאָס אויך, נאָר זעלטן) די שלאָס־אותיות ך ם ן ף ץ צום סוף און באַצייכנט זיי מיט 500, 600, 700, 800.

[3]) אין שאַדעאוסעס עלזאַסער אויסשפּראַך האָט דער pf געקלונגען זייער שאַרף; דער איבער־גאַנג פון pf אין f וואָרט־אײַן און p וואָרט־אײַן און וואָרט־אויס (ווי אין יידיש) איז כאַראַקטע־ריסטיש פאַרן מזרחדיגן טייל פון מיטל־דײַטשלאַנד.

אַנדערע כמעט ווי גאָרניט. — ש איז דער פאַרשפּרייטסטער s, וואָרט־איין, וואָרט־אין און וואָרט־אויס: שטאט stat, וואש was, דאש das; אין מיטן איז דער ש אָבער ניט אַזוי אָנגענומען, נאָר אַנדערע יידן שרײַבן כסדר ש פאַר ss: וואשר Wasser. ש ווערט נאָך גענוצט פאַר sch אויך.[1])

ח און ת ווערן אין טײַטש גאָרניט גענוצט, סײַדן אין העברעאישע ווערטער. ער, שאַדע, וואָלט געגעבן אַן עצה, אַז מען זאָל ניצן ת פאַר th; נאָר אין זײַנע ווערק האָט ער דאָס ניט דורכגעפירט, וואָרים יידן שרײַבן כסדר ט.

דאָס אַנדערע קאַפּיטל: וועגן וואָקאַלן און דיפטאָנגען. מען דאַרף וויסן, אַז די יידישע אותיות זיינען כמעט אַלע קאָנסאָנאַנטן, און אָנשטאָט וואָקאַלן ניצן יידן פאַרשיידענע פּינטלעך. אָבער אין טײַטש־העברעאיש ווערן די פּינטלעך אָדער גאָרניט גענוצט אָדער נאָר א פּאָר און דאָס אויך זעלטן, בשעת דער פשט פון וואָרט איז ניט קלאָר, א שטייגער אֶר Ehr, מִיר Meer, אַניט וואָלט מען געלייענט אר ar, מיר mir.

אין אַנדערע פאַלן ווערט פאַר a גענוצט א. פאַר e, איבערהויפּט פאַרן ווייכן, וואָס איז נוטה צו ä, ווערט גענוצט ע, ערבש Erbs, ערנד Ernd. פאַרן האַרטן און געוויינטליכן e שרײַבט מען י, א שטייגער גי ge. פאַר i שטייט אויך י: מיר mir, דיר dir. פאַר o שטייט ו, פאַר v Vokal [ד״ה u] אויך ו.

א ווערט אויך גענוצט פאַר אַ קורצן e, וואָס מען איז זיך נוהג צו שרײַבן, נאָר מען הערט עס כמעט ניט, און דעריבער ווערט עס טאַקע טיילמאָל פאַרפעלט; א שטייגער ליאב lieb, דיאב dieb, דיא die, זיא sie, וויא wie[2]), וואָס מען שרײַבט אויך אַמאָל, «nach Gelegenheit des Schreibens», ליב lib, דיב dib, די di, זי si, ווי wi.

[1]) פון שאַדעס פּירוש אויף די «דרײַ אותיות פאַר s» איז צו זעהן, אַז ער מיט זײַן עלזאַסער אויסשפּראַך, האָט — פּונקט ווי פאַגיוס — כמעט ניט געשפּירט קיין אונטערשייד צווישן ז און ס, כאָטש טעאָרעטיש האָט ער יאָ געוואוסט, אַז ז איז «א שאַרפער s». — שאַדע ווײַזט אָן, אַז בכדי אונטערצושיידן צווישן ש = s און ש = sch האָט ער אײַנגעפירט אין זײַנע אייגענע אויסגאַבן צוויי באַזונדערע צייכנס: s = ש און sch = ℓ (דעם קורענט־צייכן). אויף ווײַטער ווערט ער דאָס אויך כסדר ניצן אַזוי, «nicht allein um des gemeldeten Unterschiedes willen, sondern darum dass ich es in eines gelehrten Juden Briefe an den H. Paulum Fagium seliger geschrieben also befunden».

[2]) זעה אויף ז׳ 112 פּוילוס פאַגיוסעס שרײַבונג: ליאב, דיאנשט.

ווײַטער דאַרף מען וויסן, אַז ווען i, o, u שטייען אין אָנהייב וואָרט, שטעלט מען אַלעמאָל צו פון פאָרנט אַן א, כדי מען זאָל וויסן, אַז דאָס זיינען וואָקאַלן און ניט קיין קאָנסאָנאַנטן. א שטייגער איר Ir, אַניט וואָלט דער י געווען א קאָנסאָנאַנט און ס׳וואָלט געהייסן יאר Jar. דאָס אייגענע און הייסט on אָדער vn [ד״ה un], אַניט וואָלט דאָס געמיינט von.

אויב עס שטייט אַ י און מען דאַרף באַשליסן, צי דאָס איז i אָדער e, אָדער אויב עס שטייט ו און מען ווייס ניט, צי איז דאָס o אָדער u, דאַרף מען דאָס דרינגען פונם צוזאַמענהאַנג פון טעקסט. מען קאָן אָבער נעמען צו־הילף די פינטלעך: י באַטײַט e, און א פינטל איבער ו באַטײַט אַן o: מיר mir, מיֵר mer; און un, אוֹן on. דאָס אייגענע אֶ איז א האַרטער e, און א איז אַן o.[1]

די וואָקאַלן a און e וואַרפט מען אָפט אַרויס אינגאַנצן, אויב מען קאָן זיך גרינג אָנשטויסן: דש אָנשטאָט דאש daß, ור אָנשטאָט ווער ver, דר אָנשטאָט דער der, וטר vtr אָנשטאָט ואטער vater.

דיפטאָנגען ווערן געשריבן אַזוי: אי ai, ווי אין ain אויף שוועביש. עי ei אין אָנהייב וואָרט, א שטייגער עין ein, עיזען eisen.[2] אַנדערע שרײַבן איין ein. אָבער אין מיטן און סוף וואָרט שרײַבט מען נאָר יי, א שטייגער מיין mein, דיין dein, זיין sein, וריי frei, מאַנכֿרליי man-cherlei. דעם דיפטאָנג ö גיט מען איבער דורך וֹי: פוֹילקער Völker. ü ווערט איבערגעגעבן דורך וי: מויגליך müglich.

דאָס דריטע קאַפּיטל, וועגן עטליכע באַזונדערקייטן, וואָס יידן ניצן. שאַדע פאַרצייכנט זיבן אַזעלכע יידישע אייגנטימליכקייטן. עטליכע זיינען שייך צו אָרטאָגראַפיע: יידן שרײַבן «גוֹט» (מיט א פּאַסיקל) אָנשטאָט Gott, צום אונטערשייד פון גוט gut; אָנשטאָט «אונד» שרײַבן זיי «און׳»[3]; בכלל איז דאָס אויסלייגן בײַ יידן וואַקלדיג, פּונקט ווי בײַ די דײַטשן.[4]

[1] «... welche Unterschiede wir oft in unserem Werke mit Fleiss gebraucht», גיט צ שאַדע.

[2] דאָס איז אַפּנים שאַדעס אייגענער קאַפּ. אין יידישע שריפטן זיינען ניטאָ אַזעלכע קאָמבי־נאַציעס פון צייכנס.

[3] «... wie auch die Deutschen, sonderlich im Druck, un̄ für und gebrauchen»

[4] «... wie unter uns Deutsche [!], also auch die Juden, fast ein Jeder seine Art hat zu schreiben, und eine bessere Schrift macht als der andere, und dass sie, als der Grammatica und Orthographie unerfahren, etwa einen Buchstaben vor den andern setzen, als ein d für ein t, k für ein g etc., wie gemeine Laien ihr Deutsch schreiben.»

עטליכע באַמערקונגען מאַכט שאַדע וועגן דעם יידישן לעקסישן מאַטע־ריאַל· א) יידן מישן אַרײַן אין זייער דײַטש עטליכע העברעאישע ווערטער, וואָס זיינען בײַ זיי אָנגענומען, א שטייגער: הושטו לחם, דר גוי, עש אישט ביי דעם אדוני ווארֿ, האשט וואס גיגאנפט [גענגנבעט]· צום טייל טוען דאָס יידן פון געוויינטשאַפט וועגן, צום טייל כדי קריסטן זאָלן ניט פאַר־שטיין· ב) יידן האָבן עטליכע באַזונדערע ווערטער: benschen אָנשטאָט segnen, leien אָנשטאָט lesen, das dasige אָנשטאָט dieses אאַז״וו· ג) די פאַרקלענער־ווערטער, וואָס ענדיגן זיך אויף דײַטש[1]) מיטן טראַף «lein», ענדיגן יידן מיט א lich, א שטייגער kindlich, meidlich, büchlich אָנשטאָט Kindlein, Meidlein, Büchlein אאַז״וו·

ענדליך געפינען מיר נאָך אַן אָנווײַז אויף דער אויסשפּראַך פון יידיש: «... ist zu wissen, dass sie fast allesammt auf nürnbergische oder fränkische Art die Vokale grob aussprechen, sonderlich das a fast wie ein o»·

דער ווערט פון די דאָזיגע פּאָר שורות איז אומגעהייער גרויס· ס׳איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס א זײַטיגער מענטש ווײַזט אָן אויף די אייגנ־טימליכקייטן פון דער יידישער אויסשפּראַך· די יידן ריידן אַרויס די וואָקאַלן «גראָב, אויפן נירנבערגער אָדער פרענקישן שטייגער» — אַזוי פרובט שאַדעאוס כאַראַקטעריזירן די שפּראַך פון די יידן· ווען דער ברייטער דײַטשער עולם אין עלזאַס וואָלט אויך אַזוי גערעדט, וואָלט ער ניט גע־דאַרפט זוכן אַזעלכע ווײַטע בײַשפּילן; הייסט עס, צום סוף פון 16טן האָבן יידן שוין געוויס געהאַט א לשון, וואָס האָט זיך אונטערגעשיידט פון די לאָקאַלע דײַטשע דיאַלעקטן·[2])
אויפן סמך פון אומדירעקטע סימנים אין די יידישע מקורים קאָן מען דאָס קאָנסטאַטירן נאָך א סך פריער, אָבער דאָרטן קאָנען זײַן ספקות, און דאָ הערן מיר א זיכערן, כשרן עדות· איבערהויפּט איז פאַר שאַדעאוסן א חידוש דער בײַט פון a אויף o· דאָס לערנט אונז (צוזאַמען מיט נאָך א סך פאַקטן), אַז דעם נה״ד ā מעגן מיר אין דער גאַנצער עלטערער ליטע־

[1]) «... in gemeiner deutschen Sprache ...»

[2]) זעה אויך אויף ז׳ 137 די אָנמערקונג וועגן das dasige·

ראַטור אונזערער לייענען דורכאויס ווי o[1]), פונקט ווי אין הײַנטיגן ליטווישן יידיש. די טראַנסקריפּציע פון די דײַטשע געלערנטע (גרינבוים, פערלעס, גידעמאַן אאַז"וו), וואָס שרײַבן אין יידישע טעקסטן אַלעמאָל אָן a, וואו נה"ד האָט a, ווײַזט זיך אַרויס ניט פאַר א פלוגתא־זאַך, נאָר פאַר אַ בפירושן גרײַז.

ניט ווייניגער וויכטיג זיינען שאַדעס נאָטיצן וועגן דעם ווערטערדיגן צוזאַמענשטעל פון יידיש. יידן האָבן אין זײַן צײַט שוין געהאַט ווערטער, וואָס זיינען אין דער שפּראַך פון די קריסטן ניט געווען, זיי האָבן געהאַט אייגענע סופיקסן צו בילדן פאַרקלענער־פאָרמען, זיי פלעגן אַרײַנמישן אין זייער שפּראַך העברעאישע ווערטער. שאַדע האָט זיך ניט געשטעלט פאַר קיין ציל און איז ניט געווען בכוח צו געבן א סיסטעמאַטישע כאַראַקטעריסטיק פונם לשון פון די יידן; ער האָט אַרויסגעכאַפּט עטליכע פון די בולטסטע שטריכן און אונטערגעטראָגן דאָס דעם לעזער. ווען די שפּראַך פון א קיבוץ פאַרמאָגט שוין אַזעלכע אייגנטימליכקייטן, ווי שאַדע ווײַזט דאָ אָן, איז קלאָר, אַז חוץ די אייגנטימליכקייטן האָבן געמוזט זײַן נאָך אַ סך אַנדערע.[2])

שאַדע באַציט זיך צו דער שפּראַך פון די יידן אָהן שום פאָראורטיילן (פונקט ווי צו יידן גופא), ער האָט צו זיי קיין טענות ניט, וואָס זיי האָבן אים «איבערגעפּירט» זײַן שיינע דײַטשע שפּראַך (ווי וואַגענזייל מיט הונדערט יאָר שפּעטער). פאַרקערט, ער איז מלמד־זכות אויף זיי. רעדט ער וועגן דער וואַקלעניש אין יידישן אויסלייגן, ווײַזט ער באַלד אָן, אַז אין דײַטש איז אויך ניט בעסער; דערציילט ער וועגן דער פאַרבינדונג פון העברעאישע שורשים מיט דײַטשע ענדונגען, פאַרשטייט ער, אַז דאָס איז ניט קיין אייגנטימליכקייט פון יידיש, נאָר דײַטשן טוען אויך דאָס אייגענע. ער איז זיך אַפילו סומך אויפן בײַשפּיל פון די קאַנצע־

[1]) ריכטיגער אפשר â, זעה ז' 158.

[2]) וויכטיג איז, וואָס שאַדע קוקט אויפן וואָרט das dasige, ווי אויף א ספּעציפיש יידישן וואָרט. אין דער אמתן איז דאָס א דײַטש וואָרט (לעקסער I, 412), נאָר ראשית באַגעגנט זיך עס אין דײַטש ניט איבעריגס אָפט און צווייטנס איז דאָס אַן אויסדרוק, וואָס איז פאַראַן איבער־הויפּט אין בײַערישע דענקמאָלן. ווען שאַדעאוס וואָלט געקענט דאָס וואָרט פון זײַן דיאַלעקט, וואָלט ער ניט אויסגעפאַלן צו שרײַבן, אַז דאָס איז א יידישע באַזונדערקייט. הייסט עס, יידן האָבן שוין אין 16טן י"ה באַוויזן אַריבערצוטראָגן בײַערישע באַזונדערקייטן אין עלזאַס און צו שאַפן א פאַרזיכדיגן לשון פון פאַרשיידענע דײַטשע דיאַלעקטן. קלוגע ז' a 85 ברענגט א פאַקט, אַז נאָך צום סוף 18טן י"ה האָט מען געקוקט אויף dasig, ווי אויף אַ יידיש וואָרט;

לאַריעס, וואָס זיינען אין 16טן י״ה ביַי א סך מענטשן געווען מוסטער־געבער פון שפּראַך און סטיל: «... pflegen sie unter ihr Deutsch etliche hebräische Wörtlein, so ihnen gemein, mit unter zu mengen, wie in den deutschen Kanzleien mit den lateinischen oder französischen Worten geschieht, als radiren, abkopiren, injuriren, protestiren, arestiren etc.».

ווען מיר נעמען נאָך אין אַכט, אַז שאַדע האָט געהאַט רעפּאַרמאַטאָרישע פאַנטאַזיע (די אונטערשיידונג צווישן וֹ און ו, דער פאָרשלאָג אַריַינצופירן ת פאַר th), מוזן מיר אָנערקענען, אַז זיַין «קורצער באַריכט» איז מי יודע ווי רײַך אין אינהאַלט, און מיר וועלן מסכים זיַין מיט באָראָכאָוון[1], אַז דער חיבור שטייט «אין געוויסע פּרטים אַפילו העכער פון בוקסטאָרפס אַרבעט».

מערניט איין גרויסער חילוק: שאַדע איז געבליבן כמעט ווי אומבאַמערקט, אַפילו די מיסיאָנערן האָבן זיך אויף אים ווייניג וואָס אַרומגעקוקט; א סברא, אַז בוקסטאָרף גופא האָט פון אים אויך ניט געוואוסט. בוקסטאָרף, פאַרקערט, האָט באַשאַפן א שולע. אין משך פון אָנדערטהאַלבן הונדערט יאָר איז בוקסטאָרף געווען פאַר דער קריסטליכער וועלט דער רבי פון יידיש, פּונקט ווי ער איז געווען דער רבי פון העברעאיש. אין 17טן און אין דער ערשטער העלפט פון 18טן י״ה האָבן זיך אַ סך קריסטן פאַרנומען מיט יידיש, אגב־אורחא און ספּעציעל; טייל פון זיי זיינען אויף אַנדערע געביטן (ליטעראַטורגעשיכטע אאַז״וו) אַוועק א סך וויַיטער פון בוקסטאָרפן; נאָר זייערע קענטענישן וועגן דער יידישער שפּראַך האָבן זיי אַלע געשעפּט פון אים, אַפילו וואַגענזייל אויך. פון שאַדעאוסן האָט קיינער ניט געשעפּט. שאַדעאוס איז דער וועג־זוכער, וואָס ווערט פאַרפאַלן אין דער מדבר; עס קומט אים א חשובער פּלאַץ צווישן די לײַט פון דער וויסנשאַפט. אָבער דעם פּראָגרעס אין דער וויסנשאַפט האָבן מיר צו פאַרדאַנקען ניט אים, נאָר זיַין ייִנגערן בן־דור, דעם באַזעלער פּראָפעסאָר יאָהאַן בוקסטאָרף דעם פאָטער.[2] —

[1]) פּנקס I, ביבליאָטייק, ז׳ 66.

[2]) ס׳איז נאָך געווען א «יינגערער בוקסטאָרף», דעם עלטערנס א זון, אויך א יאָהאַן, אויך א פּראָפעסאָר פון העברעאיש אין באַזעל און אויך א גרויסער מלומד.

פאַרן ערשטן יאָרהונדערט פון איר אַנטוויקלונג האָט די יידישע שפּראַכוויסנשאַפט דורכגעשפּרײַזט א ווײַטן וועג: פון בעשענשטיינס ערשטע אומזיכערע, קינדערשע טריט, איבער ר׳ אלי׳ בחור און זײַנע קריסטליכע תלמידים ביז דער סאַמע שוועל פון בוקסטאָרפס טעטיקייט.

בוקסטאָרף גופא קער זיך שוין ניט אָן מיט דער תקופה, וואָס מיר האָבן אַרומגערעדט אין דער איצטערדיגער אַרבעט. ער האָט אַפילו אויך אָפּגעלעבט דעם גרעסטן טייל פון זײַן לעבן אין 16טן י״ה (ער איז געבוירן געוואָרן 1564, געשטאָרבן 1629), נאָר זײַן «Thesaurus grammaticus linguae sanctae hebraeae» איז אַרויס אין 1609, און בכלל איז זײַן גאַנצע השפּעה געווענדט פאָרויס, צום זיבצעהנטן יאָרהונדערט. דאָס אייגנס, וואָס ער האָט באַקומען בירושה פון זײַנע פאָרגייער, האָט ער אויפגעהיט און געמערט און געלאָזט גלאַנצן פאַר לײַטן.

מגילת ווינץ

א יידישע היסטאָרישע פּאָעמע פון אָנהייב 17־טן יארהונדערט

1. דאָס ווערק און זײַן שטעלונג אין אונזער ליטעראַטור

די «מגילת־ווינץ» וואָס מיר ברענגען דאָ, איז ווײַט ניט די איינציגע היסטאָרישע פּאָעמע אין דער עלטערער יידישער ליטעראַטור. אדרבא, ווען מען זאָל שוין האַלטן בײַ א פאַרגלײַך, מוז מען זאָגן, אַז אַמאָליגע יאָרן האָט די יידישע ליטעראַטור א סך בעסער, א סך פילזײַטיגער אָפּגעשפּיגלט דאָס יידישע לעבן, ווי די ווערק פון אונזער מאָדערנער תקופה. אמת, דאָס דאַרף מען האָבן אין זינען: דאָס לעבן איז דאַן געווען ניט אַזוי קאָמפּליצירט, און די פאָדערונגען, מיט וועלכע מען פלעגט קומען צום שרײַבער, זײַנען אויך ניט געווען אַזוי האַרב, ווי הײַנטיגן טאָג.

די יידישע היסטאָרישע דיכטונג איז אַזאַ מין געביט פון אונזער ליטעראַטור־געשיכטע, וואָס איז באמת ווערט, מען זאָל אים אָפּגעבן מער אינטערעס, ווי מען טוט דאָס הײַנט. נאָר צוריק געזעדט: וואָסער טייל פון אונזער עלטערער ליטעראַטור איז יאָ אויסגעפאָרשט? צי פאַרמאָגן מיר כאָטש אַן אינווענטאַר פון אונזער ליטעראַרישן אייגנס?[1] ווען מיר וועלן שוין זוכה זײַן צו אַן «אַלט־יידישער טעקסט־ביבליאָטעק», וואָס זאָל געבן איטליכן לעזער א השגה וועגן אונזער האָב־און־גוטס, דאַן וועט זיך אַרויס־

[1] צוויי אַרבעטן, אַן אָנהייב פון א פונדאַמענט, מוזן דערמאָנט ווערן. שטיינשניידערס Jüdisch-Deutsche Literatur (Serapeum 1848, 1849, 1869) האָט א גוואַלדיגן ווערט, ניט געקוקט אויף בלויזן און גרײַזן. — שולמאַנס «שפת יהודית־אשכנזית וספרותה מקץ המאה הט״ו עד קץ שנות המאה הי״ח. יצא לאור ע״י בני משפחתו של המחבר המנוח בהשגחת י. ח. טביוב. ריגא, תרע״ג» גיט ניט דאָס וואָס עס זאָגט צו: וועגן «שפה» איז דאָרט קיין זאַך ניטאָ, און די «ספרות» איז אייגנטליך נאָר א קאַטאַלאָג. דאָס בוך עפנט ניט קיין ברייטערע פּערספּעקטיוון, אָבער ס׳האָט אין זיך זייער א סך מאַטעריאַל, און זאָל מען זיך ניט לאָזן איבערפירן דעם טעם דורך דער נאַאיווער אויפגעבלאָזענער העברעאיסטישער מליצה, מיט וועלכער י. ח. טאַוויעוו האָט «באַצירט» דאָס לעבנסווערק פון א האַרציגן און ערנסטן מענטשן.

ווינצענץ (ווינץ־האַנס) פעטמילך,

דער רעדלפירער פון דעם פראַנקפורטער פּאָגראָם פון 1614. פון אלחנן בר׳ אברהם העלן איז קיין שום בילד און בכלל כמעט קיין זכר ניט געבליבן; דער צורר־היהודים איז פאַראייביגט דורך א פּאָרטרעט. צי איז דאָס ניט א סימבאָל פון דעם גאַנצן מאַטעריאַל, מיט וועלכן עס קומט אויס צו אָפּערירן דעם יידישן היסטאָריקער?

ווייזן, אַז דאָס איז גאָרניט «דאָס ביסל אָרעמקייט», ווי מען האָט זיך אײַנ־געוויינט צו טראַכטן, נאָר אַז יידן האָבן באַוויזן צו באַשאַפֿן אין 15טן 16טן, 17טן, 18טן י״ה א ליטעראַטור א ברייטע, א ווײַט־פֿאַרצווײַגטע, וואָס האָט באַפֿרידיגט זייערע גײַסטיגע באַדערפֿעניש. און ס׳איז א גרויסער טעות, אַז פֿאַר יידישע גײַסטיגע באַדערפֿענישן זײַנען יעמאָלט געווען גענוג טײַטש־חומש און מוסר־ספרים. ס׳איז א ווילדע אײַנריידעניש, אַז ביז דער עמאַנסיפּאַציע איז דער ייד געווען כולו רוחניות און האָט נאָר געקלערט וועגן תורה און מצוות. גאָט צו דאַנקען, די וועלט־פֿרעמד־קייט פֿון יידן איז אַלעמאָל געווען א סך קלענער, ווי מען פּרובט אונז אײַנשמועסן, און דווקא די יידישע ליטעראַטור, וואו ס׳האָט זיך אָפּ־געשפּיגלט דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן פֿון יידישן פֿאָלק, גיט אונז די בעסטע ראיות, אַז אין געטאָ האָט מען אויך געוואוסט, וואָס הייסט ליבע און לעבן און לעבנסלוסט. געוויס, די שרײַבער פֿון די ספרים זײַנען געווען דאָס רוב אַסקעטיש געשטימט — אָבער דער ייד פֿון א גאַנץ יאָר האָט געהאַט א געזונטן חוש צום לעבן, און דאָס יונגוואַרג האָט זיך אַפֿילו הינטער די געטאָ־מויערן געקוויקט מיטן ביסל זון, וואָס פֿלעגט אַהין אַרײַנדרינגען.

דעריבער איז אונזער עלטערע ליטעראַטור ניט קיין זאַמלונג פֿון רע־ליגיעזע און מוסר־ספרים אַליין. מיר האָבן גרויסע און קליינע היסטאָרישע ווערק (סײַ אין פּראָזע, סײַ אין גראַמען), מיר האָבן מעשיות און לעגענדעס, פֿילאָסאָפֿישע און מעדיצינישע ווערק, געאָגראַפֿיעס און רײַזע־באַשרײַבונגען, דראַמאַטישע סצענעס און מעמוארן, און אפילו כיראָמאַנטישע לערנביכער און באַאַרבעטונגען פֿון באָקאַטשיאָס «דעקאַמעראָן».

דערהויפּט איז רײַך די צאָל היסטאָרישע פּאָעמעס. דאָס רוב דערציילן זיי וועגן עפּעס אַ גזירה, א גירוש, א שׂרפֿה, און אַזעלכע טעמעס האָבן דאָך קיינמאָל ניט געפֿעלט.

די «מגילת־ווינץ», וואָס מיר דרוקן דאָ איבער, איז, הייסט עס, ניט קיין צופֿאַל־ווערק, און איידער עס איז צונויפֿגענומען און פּובליקירט אונזער גאַנצער ליטעראַרישער אוצר, קאָן מען זיך אפילו ניט אונטער־נעמען צו זאָגן, אַז דאָס איז דאָס בעסטע, וואָס מיר פֿאַרמאָגן פֿון דעם מין. אָבער איינס דערקענט מען בפּירוש: אַז מיר האָבן דאָ צו טון מיט

א קונסטווערק· און וואָס מער מען לייענט זיך אַרײַן (מען טאָר זיך ניט אָפּשרעקן, אויב אין אָנהייב גייט דאָס צו א קאַפּעלע שווערליך), אַלץ מער דערשפּירט מען די מעלות פון דער פּאָעמע·

געוויינטליך, איטליך ליטעראַריש ווערק דאַרף מען מעסטן מיט דער מאָס פון דער עפּאָכע, ווען דאָס איז אָנגעשריבן געוואָרן, און מען טאָר ניט זוכן אין דער פּשטות פונם שרײַבער פון 17טן י״ה די ראַפינירטע טעכניק פון אונזער מאָדערנער פּאָעזיע· אָבער פּרובט למשל צוגלײַכן אונזער «מגילה» צום דײַטשן היסטאָרישן שיר, וואָס באַהאַנדלט די זעלביגע געשעעניש און איז מסתמא אָנגעשריבן אינם זעלביגן יאָר,[1] וועט איר זעהן, ס'אַראַ גוואַלדיגער מהלך עס איז צווישן די הילצערנע גע'מלאכה'טע דײַטשע גראַמען, וואָס האַקן אָפּ א שורה נאָך א שורה אָהן שום אינעווייניגסטן געפיל, און דער יידישע פּאָעמע, אין וועלכער עס שפּירט זיך די נשמה פון אַן אמת'ן דיכטער, הגם אונזער מחבר איז אויך ניט אַלעמאָל באַלעבאָס אויף דער פאָרם און טעכניק· דער העבר־עאישער טעקסט פון דער «מגילה», וועלכן דער זעלביגער מחבר האָט אָנגעשריבן און אָפּגעדרוקט צוזאַמען מיטן יידישן, איז אויך א סך שוואַכער, עס פעלט אים די אוממיטלבאַרקייט, וואָס דאָס יידישע ווערק האָט אין זיך·

2· די היסטאָרישע פאַקטן[2]

פראַנקפורט בײַם מײַן, אַן אַלטער יידישער ישוב, האָט פון מיטן 16טן י״ה שוין געהאַט א היפּשע קהילה· די יידן האָבן געוואוינט אין דער «יידישער גאַס», וואָס פלעגט פאַרשלאָסן ווערן אַלע בײַנאַכט און אויך אין יום־טובים און חגאות· אין דער צײַט, ווען ס'געפאַלן די געשעענישן,

---

[1]) אָפּגעדרוקט: דער אָנהייב ביי שודטן Jüdische Merckwürdigkeiten etc., טייל II, בוך VI, קאַפּ· 5 (זייט 65—68); דער סוף אין Zeitschrift für die Geschichte der Juden in Deutschland, herausgegeben von Ludwig Geiger, B. V (1892), S. 24—26·

[2]) אין דער פּאָעמע גופא זיינען די פאַקטן באַלויכטן ניט גלײַכמעסיג: א טייל האָט מער אינ־טערעסירט דעם מחבר, א טייל ווינציגער, אַחוץ דעם איז די פאָרגעשיכטע אינגאַנצן ניט כאַרירט· דער דאָזיגער קאַפּיטל וויל נאָר דערגאַנצן און אַוועקשטעלן אין א ריכטיגערער באַלויכטונג די פּאָעמע; איך בין ניט אויסן צו געבן דאָ א פולקומע היסטאָרישע באַשרײַבונג· דעריבער האָב איך זיך געמוזט אָפּשטעלן גענויער אויף די לעבנסבאַדינגונגען פון יידן אין פראַנקפורט פאַרן גירוש און אויך אויף מאַנכע געשעענישן, וואָס די «מגילה» שילדערט ניט גענוג אויספירליך· אַקעגן, וואו דער מחבר פון דער «מגילה» גיט א גענוג בולט'ן בילד (למשל, ביי דער באַשרײַבונג פונם עצם פּאָגראָם), דאָרט האָב איך זיך געמעגט באַנוגענען מיט עטליכע שורות·

וואָס ווערן באַשריבן אין דער «מגילה», האָט פראַנקפורט געהאַט א 2000 יידישע נפשות. אין זייער אינעווייניגסטן לעבן זיַינען זיי געווען אינגאַנצן זעלבשטענדיג, נאָר מיט איין תנאי: זיי זאָלן אָפּהיטן די כללים פון די «פריווילעגיעס» (אין דער פּאָעמע הייסן זיי «פריַיהיַיטן» אָדער «קיומים», אויפן אָפיציעלן לשון Jüdische Stättigkeit). קויפן נחלאות האָבן יידן ניט געטאָרט; צו די צעכן פון די בעלי־מלאכות האָט מען זיי אויך ניט צוגעלאָזן. אויך איז זיי געווען פאַרווערט צו האַנדלען מיט נייַע קליידער, מיט געווירץ, מיט שניט־סחורה א. אזוי. ווי דער מיין איז געווען א קלאָרער: ווי וויַיט מעגליך באַוואָרענען דעם קריסטליכן האַנטווערקער און קרעמער פון דער יידישער קאָנקורענץ. דעריבער איז ביַי יידן געבליבן סוף־כל־סוף נאָר איין פרנסה: אויסליַיען געלט אויף פּראָצענט. אין די תקנות זיַינען אויס־גערעכנט די פאָרמאַליטעטן וועגן ארויסגעבן די הלוואות און וועגן די שטרות, ס'זיַינען דערמאָנט זאַכן, וואָס יידן טאָרן בשום־אופן ניט נעמען פאַר משכנות (זאַכן, וואָס באַלאַנגען צום שטאָטישן ראָט, קלויסטערשע חפצים א. ד. ג.) פאַר עובר זיַין אויף די תקנות איז געקומען א האַרבע שטראָף, נאָר בעצם איז נעמען וואָכער געווען א כשר'ע פרנסה. דער שטאָטישער ראָט גופא פלעגט אַנטליַיען די יידן (אויף פּראָצענט, גע־ווינטליך) געלט אַלס «אויסקער־קאַפּיטאַל», און יידן האָבן געמוזט, כדי צו געניסן עפּעס דערפון, נעמען פון זייערע קליענטן נאָך גרעסערע ריווחים. יידן האָבן געמעגט נעמען 12 פּראָצענט, אין דער ציַיט ווען קריסטן איז געווען ערלויבט ניט מער ווי 6. אמת, די קאָנקורענץ צווישן יידן גופא איז געווען גרויס, מלווים זיַינען געווען א סך, און דעריבער פלעגט דער פּראָצענט אָפּטמאָל געמינערט ווערן; נאָר פונדעסטוועגן איז די קריסטליכע באַפעלקערונג געווען שטאַרק אויפגעבראַכט, וויַיל זי האָט ניט געוואוסט און ניט געוואָלט וויסן פון דעם, אַז די מאַכט «פּראָטעזשירט» די יידן נאָר צוליב דעם, כדי זיי דערנאָך בעסער צו באַרייַסן.

זייער גרויס איז אויך געווען די אומצופרידנקייט פון די קריסטליכע בעלי־מלאָכות און קרעמער, וויַיל ניט געקוקט אויף אַלע איסורים האָבן זיך יידן פאַרט (שטילערהייט) פאַרנומען אי מיט מלאָכה, אי מיט מסחר. אין די אַקטן פון יענער ציַיט געפינען זיך אָהן א שיעור פּעטיציעס וועגן דער יידישער קאָנקורענץ. די שניַידער האָבן טענות, אַז אין דער יידישער

גאַס זײַנען פֿאַראַן פּעק נײַע קלײדער; די ייִדנס־און געוואַנט־קרעמער קלאָגן זיך, אַז ייִדן רײַסן אַרויס בײַ זיי דעם ביסן ברויט פֿון מויל. ייִדן האָבן, פֿאַרשטייט זיך, אויך ניט געשוויגן און ענערגיש זיך פֿאַרטיידיקט.

בײַ דער קריסטליכער באַפֿעלקערונג איז גרויס געווען דער פֿאַרלאַנג פּטור צו ווערן אינגאַנצן פֿון ייִדן. און היות דער שטאָטישער ראָט איז געווען אויפֿן צד פֿון די ייִדן, האָט מען אָנגעהויבן העצן קעגן דעם ראָט אויך.

די פֿירער פֿון דער באַוועגונג זײַנען געווען: דער לעקעך־בעקער (געוועזענער «שרײַבער», ד״ה ווינקל־אַדוואָקאַט) ווינצענץ (ווינץ־האַנס) פֿעטמילך, דער שנײַדער קאָנראַד שאָפּ און דער סטאָליער קאָנראַד גערנגראָס. זיי האָבן גערופֿן דאָס פֿאָלק צו מאָנען בײַם ראָט, אַז מען זאָל פּובליקירן די «פּריווילעגיעס» — די פֿרײַהײַטן» — וואָס די פֿרײַע שטאָט פֿראַנקפֿורט האָט באַקומען בײַם קיסר; זיי האָבן פֿאַרלאַנגט צו וויסן גענוי, וואָסערע רעכט און וואָסערע התחייבות׳ן זיי האָבן. ווײַטער האָבן זיי געפֿאָדערט, מען זאָל פֿאַרקלענערן די צאָל ייִדן און פֿאַרווערן זיי צו נעמען א הויכן פּראָצענט; זיי האָבן געפֿאָדערט א דין־וחשבון אויף די שטאָטישע געלטן. דער ראָט האָט אָפּגעצויגן דעם ענטפֿער; אַן אַפּעלאַציע פֿון די בירגער צום קיסר האָט אויך ניט געהאָלפֿן.

דאָ האָט זיך אין פֿראַנקפֿורט אָנגעהויבן א מהומה; צײַטנווײַז האָט געשטורעמט, צײַטנווײַז איז געוואָרן א ביסל שטילער, נאָר רויִק איז שוין ניט געוואָרן אין משך פֿון עטליכע יאָר. איינמאָל האָט זיך דער המון אַרײַנגעריסן אין «ריימער» (ראָטהויז), געמאָנט די פּריווילעגיעס, אויסגעקליבן אַן אייגענעם בירגער־קאָמיטעט. דער שטאָטישער ראָט איז געגאַנגען א ביסל אויף הנחות, נאָר גלײַכצײַטיק געבעטן הילף בײַם קיסר. קיסר מאַטיאַס ווידער האָט איבערגעגעבן די זאַך זײַנע קאָמיסאַרן, דעם אַרציביסקופּ פֿון מאַינץ און דעם לאַנדגראַף פֿון העסען. זיי האָבן געהייסן מאַכן אַן אויספֿאָרשונג, און דורך דעם האָט זיך די זאַך ווידער פֿאַרצויגן אויף לאַנגע חדשים. די קאָמיסאַרן האָבן געפּרובט פּסק׳ענען לטובת די ייִדן, נאָר קיינער האָט זיי ניט געפֿאָלגט. פֿאַרקערט, די אויפֿרעגונג איז געוואָרן וואָס ווײַטער אַלץ גרעסער.

די יידישע באַפעלקערונג האָט די גאַנצע צײַט געליטן פון דער הפקרות פון המון; נאָר די אמת׳ע צרות פאַר יידן האָבן זיך אָנגעהויבן אין 1614. אום שבועות האָט שוין איינמאָל געהאַלטן דערבײַ, אַז אָט־אָט רײַסט זיך דער המון אַרײַן אין די יידישע הײַזער. יעמאָלט איז נאָך אַריבער בשלום, נאָר מיט עטליכע חדשים שפּעטער האָט זיך געטראָפן דאָס אומגליק.

דעם 22טן אויגוסט האָט זיך אָנגעהויבן א שטורעם אויף דער יידישער גאַס; אויף מאָרגן האָבן זיך די מורדים אַרײַנגעריסן אין די טויערן. מען האָט געראַבירט א גאַנצן מעת־לעת נאָכאַנאַנד, און קיין איין ייד איז ניט געווען זיכער מיטן לעבן. דעם 23טן האָט מען ענדליך געטון די יידן א «טובה»: מען האָט זיי ערלויבט צו פאַרלאָזן די שטאָט; זיי זײַנען אַוועק אין די נאָהענטע קהילות. סך־הכל האָט מען געציילט אַרויסגייענדיג פון טויער 1380 יידן; אַנדערע זײַנען נאָך געבליבן באַהאַלטן אין שטאָט און זײַנען אַוועק א ביסל שפּעטער.

איצט האָט זיך אַרײַנגעמישט דער קיסר. ער האָט געגעבן א באַפעל, מען זאָל אַרעסטירן די אָנפירער פון דער מרידה. פונדעסטוועגן זײַנען אַוועק דרײַ חדשים, און מען האָט געמוזט אָנווענדן שטרענגע רעפּרעסיעס קעגן פראַנקפורט, ביז וואַנען עס האָט זיך אײַנגעגעבן אַרײַנצוזעצן אין תפיסה פעטמילכן און זײַנע חברים. די יידן האָבן פונדערווײַטנס געוואַרט מיט האַרצקלאַפּעניש אויפן רעזולטאַט פון דער אויספאָרשונג; אָבער ניט אַזוי גיך איז זיי באַשערט געווען אומצוקערן זיך אַהיים. דער קיסר האָט אַפילו שוין אין 1614 פאָרגעלייגט די קאָמיסאַרן זײַנע, אַז מען זאָל די יידן אומקערן קיין פראַנקפורט, נאָר די קאָמיסאַרן האָבן געהאַלטן, אַז ס׳איז נאָך צו פרי. אין סעפּטעמבער 1615 איז ענדליך אַרויס א באַפעל, אַז פראַנקפורטער יידן מעגן זיך אומקערן אַהיים. די יידן האָבן אָבער נאָך מורא געהאַט, און דעריבער האָבן די פּרנסים (פאָרשטייער פון דער קהילה) באַשטימט ע״פ גורל פערציג פערזאָן, און מען האָט זיי אַרויס־געגעבן די שליסלען פון דער יידישער גאַס און פון דער שול.

אין משך פון גאַנצן ווינטער האָט מען געאַרבעט אויף פאַרריכטן די צעשטערטע הײַזער, און דערווײַל איז געגאַנגען די גערichtליכע אויס־פאָרשונג קעגן די אָנפירער פונם אויפשטאַנד. דעם 21טן פעברואַר 1616 איז אַרויס א הודעה פון די קאָמיסאַרן, אַז דעם 28טן וועט מען מקיים

זײַן דעם פּסק־דין; מען האָט געהייסן דעם תּלין זײַן גרייט צום באַ־שטימטן טאָג· צו די פראַנקפורטער יידן איז אַרויס א באַפעל, אַז זיי זאָלן זיך אויפקלײַבן דעם 28טן אינדערפרי פאַרן באַקנהיימער טויער און וואַרטן וואָס מען וועט זיי הייסן·

אין דעם באַשטימטן טאָג איז פאָרגעקומען די עקזעקוציע איבער די מורדים, און דערנאָך האָט מען די יידן מיט גרויס פּאַראַד אַרײַנגעפירט אין געטאָ· די פּרטים וועגן דעם זײַנען דערציילט אין דער «מגילה» גופא· בכלל גיט די «מגילת ווינץ» (אחוץ עטליכע ניט־קלאָרע ערטער) א זעלטן געטרײַען בילד פונם גירוש און פונם אומקער אַהיים·

פאַר א זֵכֶר צו דער פאַרטרײַבונג און צו דער אויסלייזונג זײַנען אין פראַנקפורט באַשטימט געוואָרן, כּנהוג, געדענקטעג· כ״ז אלול איז פאַרבליבן א תּענית, דער «תּענית גירוש», א צווייטער תּענית איז באַ־שטימט געוואָרן אויף י״ט אדר, דעם טאָג ערב דעם צוריק־פירן, מחמת מען האָט דאַן מורא געהאַט פאַר אומרוען; דאָס איז דער «תּענית־ווינץ»· אויפן צווייטן טאָג, ד״ה כ׳ אדר, איז באַשטימט געוואָרן דער פרייליכער «פּורים ווינץ»· אין דעם גליקליכן טאָג פלעגן יידן לייענען מיט זייערע קינדער די «מגילת־ווינץ», ווײַזן זיי דעם אָרט אויפן מאַין־בריק, וואו מען האָט אויפגעהאַנגען פעטמילכס אָפּגעהאַקטן קאָפּ; און צו שחרית פלעגט דער חזן זינגען דעם «אדון עולם» ביז «ולא אירא» גאָר מיט אַן אַנדער ניגון ווי אַלעמאָל, האָפערדיג און פרייליך·

די דאָזיגע געדענק־טעג האָבן זיך אויפגעהאַלטן ביז דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערטס·[1]

3· דער מחבר פון מגילת־ווינץ און זײַן קינסטלערישע טעכניק

דער מחבר פון אונזער «מגילה» שטאַמט פון א חשוב׳ער פראַנקפורטער פאַמיליע העלן, וואָס האָט נאָך געהאַט דעם בײַנאָמען ווערטהיימער;

[1] א גענויע שילדערונג פון די פראַנקפורטער געשעהענישן 1614—1616 קאָן מען געפינען בײַ קראַקויער, Die Juden Frankfurts im Fettmilchschen Aufstand, אָפּגעדרוקט אין: Zeitschrift f. d. Geschichte der Juden in Deutschland, her. von L. Geiger, ב· IV (זז· 127—169, 319—365) און באַנד V (ז· 1—26)· — וועגן די געדענקטעג דערציילט שודט (טייל II, בוך VI, קאַפּ· 5, ז· 55)· — א דערציילונג פון די פאַקטן איז פאַראַן אויך אין «העבר», בוך II (פעטערבורג) פון מ· קולישער· אין דעם מאמר זײַנען געבראַכט אויסצוגן פון «מגילת ווינץ» אויך, פונם העברעאישן טעקסט; וועגן דער יידישער פּאָעמע איז דאָרט אַפילו ניט דערמאָנט·

שודט דערציילט וועגן דעם אין זײַנע «Jüdische Merckwürdigkeiten»· ער אַליין, אלחנן בר אברהם העלן, איז געווען א תלמיד־חכם; ער האָט אָנגעשריבן די מגילת־ווינץ אויף העברעאיש און יידיש. א סברא, אַז דאָס איז ניט זײַן איינציג ווערק; לויט ווי שטיינשנײַדער איז מְשַער, איז ער דאָס יענער «אלחנן פראַנקפורט», פון וועמען ס'איז אַרויס אין לובלין (1624) די פּאָעמע «שיר וזמר נאה על אורך הגלות», אויך אויף העברעאיש און יידיש. אין וועלכן יאָר ר' אלחנן איז געבוירן געוואָרן, ווייסן מיר ניט; געשטאָרבן איז ער, לויט געוויסע סימנים, ניט שפּעטער ווי אין 1624־טן יאָר.[1]

אָט דאָס איז אַלץ, וואָס עס איז אונז באַוואוסט וועגן דעם מחבר פון אונזער ווערק. כמעט ווי גאָרנישט! אַזוי איז שוין דאָס מזל פון די שרײַבער, וואָס האָבן געשריבן אין יענע צײַטן, ווען אין דער ליטעראטור האָט געגאָלטן נאָר דאָס טיפּישע, די סכעמע. אין משך פון גאַנצן מיטל־עלטער (אַזוי איז אומעטום, ניט נאָר בײַ יידן, מערניט מיט דעם אונטערשייד, וואָס בײַ אונז גרייכט דער מיטלעלטער ביז דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע) איז די פּערזענליכקײַט אונטערגעדריקט; עס קאָן זיך ניט אַרויסווײַזן אין איר פולער מאָס די קינסטלערישע אינדיווידואַליטעט, און ממילא איז ניטאָ קיין אינטערעס צום קינסטלער. אי דער לעזער, אי דער שרײַבער זײַנען געבונדן דורך דער טראַדיציע. דער זשאַנר איז א פעסטער, די קינסטלע־רישע געגנג זײַנען שוין אויך באַשטימט פון פריער; די אייגנאַרטיקײַט און פאַנטאַזיע פונם דיכטער באַוועגן זיך גאָר אין שמאָלע גרעניצן. פאַראַן זאַכן, וואָס מוזן זײַן — אַניט איז דאָס ווערק קיין ווערק ניט. אָט פונקט ווי פראַנקפורטער יידן האָבן געוואוסט, אַז צום זכר פון גירוש מוזן זיי באַשטימען א פורים[2], אַזוי איז געווען אָנגענומען, אַז לכבוד אַזאַ געשעהעניש זאָל מען אָנשרײַבן א ווערק אין גראַמען, און מען זאָל דאָס דערנאָך זינגען. וועגן א נײַער קינסטלערישער טעכניק קלערט מען ניט. פאַראַן א באַליבטער ניגון: «די שלאַכט פון פּאַוויע» — פּאַסט ר' אלחנן צו זײַן שיר צו דעם ניגון; פאַראַן א באַליבטע פּאָעמע «מגילת

[1] Steinschneider, Catal. libr. Hebraeorum in Biblioth. Bodleiana, באַנד I, ז׳ 921.

[2] שטיינשניידער ווייס צו פאַררעגיסטרירן פון פאַרשיידענע מקורים ניט ווייניגער ווי 22 אַזעלכע פורימס אין פראַנקרײַך, אין שפּאַניע, אין דײַטשלאַנד און אַפילו אין צפון־אַפריקע (Monatsschrift für Geschichte und Wissenschaft des Judentums, 47, p. 282—286).

אנטיוכס» — ווייס ר׳ אלחנן, אַז פּאַר זײַנע לעזער וועט דאָס זײַן די בעסטע מתנה, אויב ער וועט זיך שוין אינם טיטול סומך זײַן אויף «מגילת אַנטיוכס». די נאָרמע האָט געפאָדערט, אַז א היסטאָרישע דיכטונג זאָל קודם כּל לויבן דעם בורא; אַזוי טוט דאָס די «מגילת אנטיוכס», וואָס הייבט זיך אָן: «גוֹט (גאָט) דען הערן וויל איך לוֹבן, גאָר גרוֹשׁ זיין זייני וואונדר» און אַזוי טוט, פאַרשטייט זיך, דער מחבר פון «מגילת־ווינץ». און ווען ער נעמט זיך שפּעטער צו אַן אַנדער ווערק, צום «שיינעם ליד און געזאַנג וועגן דער לענג פון גלות», קלערט ער צו א נײַע וואַריאַציע: «מיינם גוט (גאָט) טוא איך לוֹבן אונ׳ זינגן אויף דיזר וועלט דער גרינגן» — אָבער אַז מען קאָן זיך אפשר באַגיין אָהן אַזאַ אַרײַנפאָר, דאָס קומט אים גאָרניט אַרויף אויפן זינען. א היסטאָריש ליד מוז בעטן צום סוף, אַז משיח זאָל קומען וואָס גיכער — פאַרגעסט דאָס חלילה ניט ר׳ אלחנן. ווען דאָס ליד ברענגט די דאַטע, איז אָנגענומען צו שרײַבן: «דא מען ציילט (אַזוי און אַזוי פיל) יאָר»; שרײַבט טאַקע די «מגילת ווינץ» אויך: «דא מֶן צײַלט שע״ב...» או אַזוי ווײַטער, און אַזוי ווײַטער.

דער מיטלעלטער האָט בכלל ניט געהאַט יענעם באַגריף וועגן אָ ר י ג י־נ ע ל ק ײַ ט, וואָס מיר האָבן הײַנט. די יידישע ליטעראַטור האָט געגומען דעם מיטלעלטערישן שניט בײַ די דײַטשן, די דײַטשן ווידער — בײַ די האָלענדער, פראַנצויזן און איטאַליענער. די דײַטשן, פראַנצויזן, ענג־לענדער און איטאַליענער, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט שרײַבן לאַטײַ־נישע שירים, זײַנען לכתחילה געווען זיכער, אַז בעסער פאַר ווערגיליוסן און האָראַציוסן וועלן זיי דאָס ניט מאַכן, און זייער העכסטע אַמביציע איז געווען — צונויפשטעלן א שיר דורכאויס פון פסוקים פון די רוימישע קלאַסיקער; און פלעגן זיי זיך נעמען צו זייער מוטערשפּראַך, איז פאַר זייערע אויגן אַלץ געשטאַנען דער לאַטײַנישער אידעאַל. דאָס איז דער סטיל פון א גאַנצער גרויסער היסטאָרישער תקופה, און די יידישע און העברעאישע ליטעראַטורן זײַנען ניט געשטאַנען מחוץ למחנה. דאָס עפנט אויף אַן אינטערעסאַנטן אויסבליק אויף די ליטעראַרישע באַציאונגען צווישן יידן און ניט־יידן אין די צײַטן פון מיטלעלטער. צווישן דעם גײַסטיגן לעבן אויף דער און אויף יענער זײַט געטאָ־וואַנט איז געווען א סך א גרעסערע קרובה׳שאַפט, איידער מען איז אָפּטמאָל נוטה צו מיינען, —

4· די מעטריק פון דער «מגיכדה»

די מעטריק פון «מגילת ווינץ» איז פשוט און קלאָר און שטייט אפשר אויף א העכערער מדרגה, ווי די דורכשניטליכע דײַטשע פּאָעזיע פון יענער צײַט· עס איז יענע ריטמיק, וואָס מיר געפינען נאָך ביז הײַנטיגן טאָג גאַנץ אָפט אין אונזער פאָלקס־פּאָעזיע·

דער יסוד איז די מוזיקאַלישע אײַנטיילונג אין סטראָפעס, יעדער סטראָפע באַשטייט פון א גלײַכער צאָל פערזן, יעדער פערז פון א גלײַכער צאָל טאַקטן· איטליכער טאַקט פאָדערט פאַר זיך בײַם לייענען און בײַם זינגען פונקט אַזוי פיל צײַט, ווי איטליכער אַנדערער טאַקט פון דעם שיר· נאָר אין דעם טאַקט גופא איז ניט וויכטיג די צאָל טראַפּן (זילבן)· עס קאָן זײַן מער אָדער ווינציגער· אויב מער טראַפּן, פאַרניצט מען אויף יעדער טראַף ווייניגער צײַט, אויב ווינציגער טראַפּן, ציט מען איטליכן טראַף מער פונאַנדער — דער עיקר איז נאָר, אז די צײַט פון איין טאַקט זאָל זײַן געגליכן צו דער צײַט פון אַלע אַנדערע טאַקטן[1]· אָפטמאָל קאָן אפילו טרעפן, אַז א טאַקט איז שפּראַכליך ניט פאַרווירקליכט, ד״ה עס פעלן אין אים טראַפּן, נאָר מוזיקאַליש בלײַבט דער טאַקט פאַרט א טאַקט, ער ווערט אויסגעפילט דורך א פויזע· דער אָנהייב פון טאַקט רעכנט זיך אַלעמאָל פונם אַזוי גערופענעם «גוטן» טאַקט־טייל, ד״ה פון יענעם טראַף, אויף וועלכן עס שטייט די טראָפּ, די באַטאָנונג· פאַרן ערשטן טאַקט מעג נאָך שטיין דער «אויפטאַקט», אַן אומבאַטאָנטער טראַף, אַמאַל אפילו צוויי אומבאַטאָנטע טראַפּן·

אָט די אַלגעמיינע פּרינציפּן פון געזונטן פערז־בוי זײַנען דורכאויס דורכ־געפירט אין «מגילת־ווינץ»· איטליכע סטראָפע באַשטייט פון 8 פערזן, וואָס גראַמען זיך לויט דער סכעמע: 1—3, 2—4, 5—7, 6—8· איטליכער פערז באַשטייט פון צוויי $^4/_4$־טאַקטן· אַ טייל הייבונגען איז ניט פאַרווירק־

[1] דאָס וואָס מען מאָנט בײַ אונזערע מאָדערנע דיכטער א רעגלמעסיגן בײַט פון הייבונג און פאַלונג (ד״ה באַטאָנטע און אומבאַטאָנטע טראַפּן) און מען וויל בײַ זיי דווקא אויסגעפינען יאַמבוסן, כאָרעאוסן, דאַקטילוסן א· ד· ג·, איז גענאַשט פון דער פרעמד, אומהיסטאָריש ביז גאָר, צו־געפּאַסט צו גאָר אַנדערע שפּראַכליכע פאַרהעלטענישן· יידיש באַלאַנגט צו יענע שפּראַכן, וואָס דער טאַקט איז פאַר זיי די איינציגע מאָס אין דער פּאָעזיע· א געזונטע טעאָריע פון דער יידישער מעטריק באַדאַרף זיך גרינדן אויף צוויי זײַלן: אויף דער אַלטער יידישער ליטעראַטור און אויף דעם יידישן פאָלקסליד·

ליכט און ווערט אויסגעפּילט דורך א פּויזע. למשל אין סטראָפע א׳, פערז 1 האָבן מיר פיר באַטאָנטע טראַפן:

איך וויל דערציילן גאָטס[1] שטערק,

דאס אייגענע אין סטראָפע ח׳, פערז 1:

מיר האָבן געהאַט א גראָסע עת־צרה,

און אַזוי ווײַטער; דער כלל איז, אַז פערז 1 און 5 פון יעטווידער סטראָפע האָבן אַלעמאָל אַלע 4 הייבונגען פאַרווירקליכט. אָקעגן, אין די אַנדערע פערזן ווערט זייער אָפט א הייבונג פאַרביטן דורך אַ פּויזע. למשל, סטראָפע א׳ פערז 3:

זײַן קראַפט און אויך זיינע ווערק

אָדער סטראָפע ב׳, פערז 3:

דערוועקט זיך איין גראָסער שטרייט

«אויפטאַקט» איז אויך א זאַך, וואָס דער מחבר פון «מגילת־ווינץ» האָט זייער ליב; מיר געפינען דאָס כמעט אין אַלע פערזן. סטראָפע א׳, פערז 1: «איך וויל דערציילן...»; פאַר דער ערשטער טראָפּ «וויל» שטייט נאָך «איך», וואָס מען מאַכט אָפּ אין לייענען און זינגען בקיצור; דאָס איז דער אויפטאַקט. אויך א צווייטראַפּיגער אויפטאַקט איז ניט זעלטן; טאַקע באַלד מיט א שורה ווײַטער האָבן מיר:

«זײַנע וואונדער און צייכן די גראָסן;»

דאָ שטייען פאַר דער ערשטער טראָפּ צוויי אומבאַטאָנטע טראַפן «זיי־נע», ד״ה מיר האָבן דאָ א צווייטראַפּיגן אויפטאַקט. ס׳טרעפט אפילו א פיל־טראַפּיגער אויפטאקט (סטראָפע טו׳, פערז 5).

אַלצדינג, וואָס איז דאָ געבראַכט פון דער מעטריק, דאַרף נאָר דינען אויף צו דערקלערן און צו אילוסטרירן; בשום־אופן זײַנען דאָס ניט קיין כללים, וואָס מען דאַרף אײַנ׳חזר׳ן, איידער מען נעמט זיך לייענען די

[1]) אָדער «גאָטעס», ווי וואַגענזייל וויל האָבן?

פֿאָעמע· דאָס איז טאַקע די מעלה פֿון דעם מין פּערז־בוי: געּנוג צו לייענען נאַטירליך, וועט שוין זײַן ריכטיג[1]·

5· אויסגאַבן פֿון «מגילת־ווינץ»

די «מגילת־ווינץ» איז אַרויסגעגעבן געוואָרן א סך מאָל סײַ אויף העברעאיש, סײַ אויף יידיש· דער ערשטער דרוק איז אַרויס (איןביידע שפּראַכן גלײַכצײַטיג), אָהן א יאָר און אָהן א שטאָט; שטיינשנײַדער איז משער, אַז דאָס איז פֿאַרעפֿנטליכט באַלד נאָך דער ליקווידאַציע פֿון גירוש, אין 1616 טן יאָר[2]· דאָס צווייטע מאָל איז עס געדרוקט געוואָרן 1648 אין אַמסטערדאַם; אַרויסגעבער איז געוועזן, ווי דאָס איז צו זעהן פֿונם העברעאישן טייל פֿון שער־בלאַט, דעם מחבר׳ס אייניקל אלחנן בן נפתלי· לויט ווי ער דערציילט, איז די «מגילה» געוואָרן אַזוי זעלטן, אַז מען נעמט שוין פֿאַרגעסן די פֿאַקטן; דעריבער דרוקט ער דאָס, כּדי עס זאָל זיין אַן אָנדענק פֿאַר די קומענדיגע דורות· די אַמסטערדאַמער אויסגאַבע ברענגט אויך אי דעם העברעאישן, אי דעם יידישן טעקסט· בלויז אויף העברעאיש איז די מגילה איבערגעדרוקט אין «צמח דוד» פֿון דוד גאַנז[3]; נאָר אויף יידיש — איז זי אַרויס אין א באַזונדער אויסגאַבע פֿראַנקפֿורט־מאַין 1696 און אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער יידישער איבערזעצונג פֿון «צמח דוד», פֿראַנקפֿורט־מאַין 1698·

די אויסגאַבע פֿון 1648 איז אויך איבערגעדרוקט געוואָרן אין יידיש־טײַטשע כרעסטאָמאַטיעס, וואָס קריסטן האָבן אַרויסגעגעבן: איינמאל בײַ וואַגענזייל׳ן (1699, Belehrung der jüdisch-teutschen Red- u. Schreibart) א צווייטן מאָל בײַ שודט׳ן (1715, Jüdische Merckwürdigkeiten)·

שטיינשנײַדער פֿאַרצייכנט נאָך א יידישע יונגע אויסגאַבע, קראָקע 1879: «מגלה עפה», אַרויסגעגעבן פֿון אהרן ראָזענליכט, 51 זײַטן אין 8°[4])

[1]) די פּאָר ציטאַטעס אין דעם קאַפּיטל זײַנען געשריבן, לשם גרינגקײַט, ווי ווײַט מעגליך מיט אונזער מאָדערנער אויסלייגונג·

[2]) זעה שטיינשנײַדער, Catalogus librorum Hebr. in Bibliotheca Bodleiana ב· I·, ז· 921· — פֿון דעם אָרט בײַ שטיינשנײַדערן זײַנען אַרויסצוזעהן די טעות׳ן, וואָס האָבן זיך אַרײַנגעכאַפּט אין ז· רייזענס «לעקסיקאָן פֿון דער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע», ז· 217: ערשטנס, איז אַן עקזעמפּלאַר פֿון דער ערשטער אויסגאַבע פֿאַראַן אין דער באָדלעיאַנאַ (אין אָקספֿאָרד)׳ צווייטנס, איז זי געדרוקט ניט אין פֿראַנקפֿורט, ווײַל דאָרט איז דאַן קיין יידישע דרוק ניט געווען, נאָר אפשר אין האַנוי אָדער אין באַזעל·

[3]) אָנהייבנדיג פֿון דער אויסגאַבע פֿון 1692, פֿראַנקפֿורט־מאַין·

[4]) שטיינשניידער, Geschichtslit. d. Juden, Abt. I (1905), נומ· 140

6· אונזער טעקסט פון דער «מגילה»

בכדי צו געבן דעם לעזער א פולן בילד, װי אַזוי עס זעהט אויס א יידיש ליטעראַריש װערק פון 17־טן י״ה, האָב איך איבערגעדרוקט דעם טעקסט מיט דער אויסלייגונג פון יענער צײַט[1]; אין אָנהייב קומט אָן דאָס לייענען א קליין ביסעלע שװערליך, נאָר מען געװוינט זיך צו גאַנץ גיך· ליידער האָב איך ניט געקאָנט באַקומען (ניט געקוקט אויף דער פרײַנד־ליכער מיטהילף פון דער אינפאָרמיר־ביוראָ פון די דײַטשע ביבליאָטעקן) ניט די ערשטע אויסגאַבע און ניט די אויסגאַבע פון 1648· איך האָב דעריבער געמוזט צוריק־קאָנסטרואירן דעם אָריגינאַל־טעקסט ע״פ די איבערדרוקן, װאָס זײַנען פאַראַן בײַ װאַגענזײל׳ן און בײַ שודט׳ן· סײַ װאַגענזייל, סײַ שודט זאָגן, אַז זיי האָבן געדרוקט פון דער אַמסטערדאַמער אויסגאַבע פון 1648; און די אַמסטערדאַמער אויסגאַבע װידער איז מסתמא איבערגעדרוקט פון דער ערשטער אויסגאַבע· פונדעסטװעגן זײַנען פאַראַן גע־װיסע דיפערענצן אין דער אויסלייגונג; מען האָט אין יענער צײַט ניט אַזוי שטאַרק מקפיד געװען אויף יעדער «ע» און «א»· װאַגענזייל׳ס און שודטס חבורים זײַנען געװיס געזעצט פון קריסטליכע זעצער (מען דאַרף זיך דער־מאָנען, אַז אַפילו א סך יידישע מוסר־ספרים פון יענער צײַט זײַנען געזעצט פון קריסטן, מכל־שכן ביכער, װאו דער גרעסטער טייל טעקסט איז דײַטש)· און דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז עס שפירט זיך אין זיי די השפעה פון דער דײַטשער אָרטאָגראַפיע פון יענער צײַט, װאָס האָט זיך שטאַרק אונטערגעשיידט פון דער יידישער· דערהויפט מוז דאָס געזאָגט װערן װעגן שודטן·

אויב מיר װילן אַרויסבאַקומען דעם נוסח פון דער עלטסטער אויס־גאַבע, קאָנען מיר אויפשטעלן אַזאַ מין כּלל: אויב בײַ װאַגענזײל׳ן שטייט «הנט» און בײַ שודטן «האנט», דאַרף מען משער זײַן, אַז אין דעם טעקסט· װאָס זיי ביידע האָבן געהאַט פאַר זיך, שטייט יענע פאָרם, װאָס איז װײַטער פון דײַטש, ד״ה «הנט»·

[1]) אָבער ניט מיט דער דעמאָלטיגער שריפט (װאָס הייסט «װײַבער־טײַטש» אָדער «מַשְׂקֶט»)· נאָר מיט אונזער מאָדערנעם אלף־בית· אויך איז אויסגעקומען, צוליב טעכנישע סיבות, צו ניצן ב, כ, פ, ת ניט מיט און אָהן א שטריך, װי דאָס איז אָנגענומען אין דער גאַנצער עלטערער ליטעראַטור, נאָר דיזעלביגע אותיות מיט א דגש און אָהן א דגש·

וואַגענזייל, דאָס מוז מען זאָגן, איז בכלל געבליבן מער געטרײַ דעם אָריגינאַל, און דעריבער איז אונזער טעקסט פיל־ווייניג א קאָפּיע פונם איבערדרוק אין וואַגענזיילס «Belehrung». איך קאָן זיך דאָ ליידער ניט פּאַרגינען אָנצעווײַזן אַלע ערטער, וואו איך נעם פּאָרט אַן אַנדער פּאָרם, ווי בײַ וואַגענזיילן, הגם גאָר א שטרענגע קפּדנות פּאָדערט, אַז מען זאָל געגוי אָנרופן די אַלע ערטער און ברענגען אַלע טעמים פּאַר און קעגן. נאָר איין זאַך (וואָס איך וויל, צוליב דוחק אין פּלאַץ, אויך נאָר פּאַר־צייכענען, ניט באַגרינדן): אומעטום, וואו בײַ וואַגענזייל׳ן שטייט «דז», «ווז» און «אויז», שרײַב איך «דַש», «וָוש» און «אויש» (דער «ס» איז אין דער עלטערער ליטעראַטור ווינציג־וואָס גענוצט געוואָרן).

פּרטים וועגן דער אויסלייגונג אין קומענדיגן פּרק.

7. אויסלייגונג

איך וועל דאָ פּאַררעגיסטרירן נאָר יענע אייגנטימליכקײַטן פון דער אויסלייגונג, און פון זיי אויך נאָר די וויכטיגסטע, וואָס זײַנען אין 17טן י״ה געווען אַ נ ד ע ר ש ווי ה ײַ נ ט. אניט וואָלט אויסקומען אַרײַנ־צולאָזן זיך אין אַלגעמיינע באַטראַכטונגען וועגן די פּרינציפּן פון דער יידישער אָרטאָגראַפיע, און דאָס לאָזט זיך ניט מאַכן אגב־אורחא.

מען טאָר זיך ניט וואונדערן, וואָס די שרײַבונג אין דער «מגילה» איז ניט אינגאַנצן אויסגעהאַלטן. אַמאָל שטייט «גינומן», אַמאָל «גנומן»; אַמאָל «גאנץ» און באַלד דערבײַ «גנץ». אין יענער צײַט האָט מען אויף אַזעלכע זאַכן ניט געקוקט אַזוי שטאַרק; אין דער דײַטשער אויסלייגונג פון יענער צײַט איז נאָך א גרעסערער פּלאָנטער, ווי בײַ אונז.

1. עס פעלן א סך וואָקאַלן, ד״ה מען שרײַבט אויפן העברעאישן שטייגער פשוט: הנט, הט, גנץ — אָנשטאָט אונזערע היינטיגע: האַנט, האָט, גאַנץ. דאָס אייגענע: וואונדר, אונטר, גנומן — אָנשטאָט וואונדער, אונטער, גענומען.

איך האָב אין די אַלע פאַלן, וואו עס קאָן זײַן א שווערינקײַט, צו־געשטעלט נקודות: דָש, בַלד. אין אָריגינאַל זײַנען קיין שום נקודות ניטאָ.

2. צום סוף וואָרט און אין די פּאָדערטראַפן באַ־, גע־ שטייט אָפטמאָל א «י» אָנשטאָט אונזער הײַנטיגן «ע» אָדער «א»: קלייני, שוואכי, גינומן, ביצוואונגן. טיילמאָל, דערהויפּט אין דער ענדונג «ען» פון אינפיניטיוו

און אין פּאָדערטראַף אֶר־ (= דער־) ווערט דער קלאַנג אויסגעדריקט דורך אַן «א»: שרייאַן, ארמייאַן (פּשט: דערפרייען).

די אויסשפּראַך איז אַזוי ווי אינם רוב געגנדן בײַ הײַנטיקן טאָג: ניט קיין קלאָרער e און ניט קיין קלאָרער i.

3. דער «י» באַטײַט אָפט א צירה: ביז (= בייז), ריד (= רייד).

טיילמאָל האָב איך צוגעשטעלט נקודות, כּדי עס זאָל זײַן גרינגער צו לייענען: רײֵד, בײֵז.

4. דער שטומער «א» איז אַן אָפטער גאַסט. ווען דאָס וואָרט לאָזט זיך אויס מיט א וואָקאַל, איז דאָס אונז ניט קיין חידוש: דיא, דוא, בייא, פרייא שרײַבט מען ניט נאָר אין 17טן י״ה, נאָר ביז הײַנטיקן טאָג נאָך אין אַנדערע אַמעריקאַנער אויסגאַבן. אין אונזער «מגילה» באַגעגענען מיר אָבער נאָך עטליכע מאָל דעם שטומען «א» וואָרט־אויס נאָך א קאָנסאָנאַנט אויך, למשל: קאפא (קאָפּ), שאפא (שאָפּ, דער נאָמען פון איינעם פון די שונאי־ישראל). בדרך־כּלל איז אָבער די דאָזיקע שרײַבונג צום אָנהייב 17טן י״ה שוין פאַרשוואונדן געוואָרן: פריער, נאָך ביזן 16טן י״ה, איז זי געווען זייער פאַרשפּרייט.

5. דער «ס» איז זייער זעלטן: א סך אָפטער שטייט אָנשטאָט אים «ש», וואָס באַטײַט אי s, אי š (דײַטש sch, פּויל. sz, ענגל. sh). בײַם לייענען דאַרף מען זיך רעכענען מיט דער הײַנטיקער אויסשפּראַך.

אין קשה׳דיגע פאַלן האָב איך געשטעלט דאָס פּינטעלע אויפן «ש», כּדי מען זאָל גרינגער קאָנען דערקענען, וואָס מען מיינט.

6. די פּאָדערטראַפן, פּרעפּאָזיציעס א. אז. וו., ווער רעדט נאָך צו־זאַמענגעזעצטע ווערטער, ווערן אין דער גאַנצער עלטערער ליטעראַטור, און ממילא אויך אין אונזער «מגילה», געשריבן באַזונדער. למשל: פוס קנעכט, פר לאזן, אום פר צאָגט (ד. ה. ניט־דערשראָקן), אֶר טאַפּן (דער־טאַפּן, ד. ה. כאַפּן; די נקודות אומעטום אונזערע), אויש רופן.

8. אויסשפּראַך

זייער א האַרבער ענין איז די פראַגע וועגן דער אויסשפּראַך פון יידיש אין אַמאָליגע יאָרהונדערטער. דאָס איז א פראַגע, וואָס איז נאָך אין ערגעץ ניט באַאַרבעט געוואָרן. בײַ די דײַטשע יידן, וואָס האָבן טראַנס־

קריבירט עלטערע יידישע ווערק מיט לאַטיינישע אותיות (בריל׳ גרינבוים׳ בערלינער א׳ אזי׳ וו׳) איז גאָר קיין קשיה ניט׳ אַז די ווערטער קלינגען אַזוי ווי אין היינטיגן דײַטש: tag, das, haben; זיי גייען אַפילו אַזוי ווײַט׳ אַז זיי טראָגן אַריבער די מאָדערנע דײַטשע אָרטאָגראַפיע אין דער טראַנסקריפּציע פון יידיש און שרײַבן stat (שטאָט׳ נאָכן נה״ד stadt)׳ gestorben (מיט s אַנשטאָט š) א׳ אזי׳ וו׳.

וועגן דעם קאָן גאָר קיין רייד ניט זײַן. די זאַך איז א סך קאָמפּלי־צירטער; מען דאַרף פעסטשטעלן די אויסשפּראַך לויט יענע מעטאָדן׳ מיט וועלכע מען דערגייט בכלל די אויסשפּראַך פון עלטערע תקופות. איינע פון די וויכטיגסטע ראיות זײַנען די גראַמען׳ למשל:

אויב אין טעקסט שטייט «הט» צי «האט» קאָן איך ניט וויסן׳ ווי אַזוי מען דאַרף דאָס לייענען: hat אָדער hot. נאָר אויב אין גראַם שטייט «האט» און דאָס גראַמט זיך מיט «נוט»׳ דריינגען מיר אַרויס דערפון באַלד עטליכע זאַכן:

ערשטנס׳ אז ביידע ווערטער האָבן דאַן געהאַט דעם זעלביגן וואָקאַל׳ ניט אַזוי ווי היינט. אָבער וואָסער וואָקאַל? גרינבוים וואָלט געשריבן לויט מאָדערנעם דײַטשן שטייגער hat און not. דאָס איז אַן אומזין׳ ווײַל דאַן וואָלט דאָך דאָס ניט געווען צום גראַם. הײַנט ריידן מיר אַרויס hot און nojt׳ און הײַנט וואָלט קיין איין יידישער דיכטער ניט געשטעלט די צוויי ווערטער אין גראַם. דער אמת איז — און דאָס איז דער צווייטער אויספיר׳ צו וועלכן מיר קומען — אַז יידן האָבן צום אָנהייב 17טן י״ה שוין געזאָגט hot אָדער hât׳ אָבער זיי האָבן נאָך געזאָגט nōt׳ מיט א שוואַכן u־קלאַנג נאָכן o.

ווען מיר זאָלן האָבן נאָר דעם איין פאַל׳ וואָלטן מיר דערפון׳ געוויינטליך׳ קיין זאַך ניט געקאָנט אָפּלערנען. ס׳וואָלט געקאָנט זײַן א צופאַל׳ א טעות בײַם דיכטער׳ אַן אומפּינקטליכער גראַם און כ׳ווייס וואָס נאָך. אָבער אויב אַזוינע פאַלן חזר׳ן זיך איבער׳ און נאָך דערצו בײַ כאַראַקטעריסטישע געלעגנהײַטן׳ קאָן מען דערפון אָפּלערנען זייער פיל.

אַן אַנדער נייטיג הילפסמיטל אויף צו דערגיין די אַלטע יידישע אויס־שפּראַך איז די טראַנסקריפּציע פון יידישע ווערטער בײַ ניט־יידישע שרײַבער׳ מיט ניט־יידישע אותיות.

איך וועל זיך דאָ, צוליב דוחק אין פּלאַץ, ניט אַרײַנלאָזן אין באַגרינדן די אַלע אויסשפּראַך־כּללים, וואָס איך גיב; דאָ ברענג איך זיי נאָר, אַחוץ עטליכע ספּעציעל־פראַנקפורטער אייגנטימליכקײַטן, וואָס איך האָב ספּעציעל באַצייכנט, זײַנען די דאָזיקע כּללים חל אויף אַלע יידישע שפּראַך־דענקמאָלן פון 17־טן י״ה·

1· אומעטום, וואו מיר האָבן אין הײַנטיגן ליטווישן יידיש o (פּויליש־יידיש u) להיפוך צום דײַטשן a, איז שוין יעמאָלט געווען o·

2· עס טרעפן פאַלן, וואו אַזוינע ווערטער, וואָס האָבן הײַנט א בפירוש'ן a אין יידיש, האָבן דאַן אויך געהאַט א קלאַנג, וואָס שטייט אינמיטן צווישן a און o, אַן ערך ווי דאָס שוועדישע å (o מיט מער אָפענע ליפּן)· למשל, סטראָפע כו': דערבארמען — derbårmen; סז': שטראסן — štråsn (נאָך הײַנט אין גאַליציישן יידיש «שטראָז» štrūz, מיטן פשט «שליאַך», Land-strasse), מז' ווארטן — wårtn (= וואַרטן) א· ד· ג·

דאָס איז אַן אייגנטימליכקײַט פון דער פראַנקפורטער דײַטשער ריידעניש, און דאָס איז אַריבער אין פראַנקפורטער יידיש אויך[1]·

3· «ו» קאָן באַטײַטן סײַ u (ווי הײַנט אין ליטווישן יידיש), סײַ o: אַלזאָ «הוט» קאָן באַדײַטן hut און hot· אין אָריגינאַל איז ניטאָ קיין שום גראַפישער אונטערשייד, מען האָט זיך פאַרלאָזן אויפן לעזער, אַז ער וועט זיך אַליין אָנשטויסן· איך האָב אין מאַנכע ערטער צוגעשטעלט נקודות לשם קלאָרקײַט (וּ = u; וֹ = o)·

4· אין אַלע יענע פאַלן, וואו דאָס מאָדערנע דײַטש האָט o און דאָס מאָדערנע יידיש «וי» (נויט, ברויט א· ד· ג·) דאַרף אין דער «מגילה» געלייענט ווערן o מיט א שוואַכן u נאָכדעם· הייסט עס: $\mathrm{no_ut}$ און ניט nojt, $\mathrm{bro_ut}$ און ניט brojt· — דאָרט וואו דאָס מאָדערן־יידישע (ליטווישע) «וי» שטימט מיטן מאָדערן־דײַטשן au, למשל הויז (Haus), אויס (aus), האָט מען מסתמא געזאָגט ou, אַלזאָ: houz, ous· — פּונקט ווי אין פראַנקפורטער דײַטש פלעגט זיך אויך אין פראַנקפורטער יידיש טרעפן אַן אויס־

[1]) מען זעהט אַרויס דערפון, אַז עס שטעקט פּאָרט א ביסל אמת אין די (אין תוך פאַלשע) ווערטער, וואָס היינריך היינע שרײַבט אין זיין בערנע־פּאַמפלעט: „Was wir in Norddeutschland Mauscheln nennen, ist nichts anderes, als die eigentliche Frankfurter Landessprache, und sie wird von der unbeschnittenen Population eben so vortrefflich gesprochen, wie von der beschnittenen."

שפראַך פון ā (אַן ערך ווי aa) אָנשטאָט דעם היינטיגן דייטשן au: kaafen, laafen, aach (קויפן, לויפן, אויך) א. אַנד. די פאָרם אַך (āch = אויך) געוועלטיגט כמעט אין דער גאַנצער עלטערער יידישער ליטעראַטור.

דער o, וואָס שטימט מיט אונזער היינטיגן «וי», איז אין דער «מגילה» תמיד געשריבן «ו». איך שטעל ערטערווייז צו פון דייטליכקייט וועגן א חולם (וֹ).

5. דער אָקאָרשט געבראַכטער כּלל איז חל אויך אויף די העברעאישע ווערטער, וואָס האָבן א חולם. מען דאַרף לייענען אין דער מגילה ניט נאָר «סוד» מיט אַן o, ווי מיר זאָגן נאָך היינט, נאָר אויך: tore (תורה), more (מורא) א. אז. וו.

6. דער «פפ» אין אזעלכע ווערטער, ווי פפייפן, פפארטן א. אז. וו. דאַרף געוויס ניט אַרויסגערעדט ווערן ווי א p מיט אַן f. גיכער ווי אַלץ איז דאָס א נאָכקרימעניש נאָך דער דייטשער ליטעראַרישער אָרטאָגראַפיע, מיט וועלכער דער מחבר צי דער זעצער צי דער קאָרעקטאָר איז געווען באַ־קאַנט. די גלייכסטע זאַך איז לייענען, אַזוי ווי אין היינטיגן יידיש, «פייפן», און מאַכן זיך ניט ווויסנדיג, אַז עס שטייט «פפ».

אָט דאָס זיינען די מער וויכטיגע פּונקטן פון די אַלט־יידישע אויס־שפראַך־געזעצן, אויף וויפיל זיי זיינען שייך צו «מגילת־ווינץ».

9. גראַמאַטיק

די עלטערע יידישע שפראַך האָט זיך אירע פאָרמען, אירע געזעצן, וואָס גייען זיך אָפטמאָל פונאַנדער מיטן היינטיגן יידיש. איך וועל דאָ ברענגען נאָר עטליכע באַמערקונגען, וואָס זיינען אומבאַדינגט נייטיג אויף צו פאַרשטיין ווי ס׳געהער צו זיין דעם טעקסט פון אונזער «מגילה».

1. דער אימפּערפעקטום, וואָס איז אין היינטיגן יידיש לחלוטין אויסגעשטאָרבן, באַגעגנט זיך גאַנץ אָפט. אַלזאָ, «ער ווארֿ» (אויסצורײדן מיט å, ד״ה כמעט ווי מיט א קמץ) אָנשטאָט «ער איז געווען», «זיא לאגן» אָנשטאָט «זיי זיינען געלעגן»; «בראכטן» אָנשטאָט «זיי האָבן געבראַכט»; «ער שטאנד» אָנשטאָט «ער איז געשטאַנען» א. אז. וו.

2· אויך איז ניט זעלטן דער אײנפאַכער קאָניונקטיוו (ניט צו־נויפגעשטעלט מיט «וואָלט»)׳ ווי נאָך הײַנטיקן טאָג אין דײַטש: «זיא העטן» = זיי וואָלטן געהאַט; «עש ברעכט» = עס וואָלט געבראָכט א׳ אז׳ וו׳

3· אָפט באַגעגנט זיך די אַרומגעשריבענע פאָרם פון פאַרגאַנגענהייט מיט «טון»: ער טעט נעמן = ער האָט געטון נעמען = ער האָט גע־נומען; מיט הוכער שטים טעט ער אויש רופן = האָט ער געטון אויסרופן = האָט ער אויסגערופן·

4· פאַראַן א פאָרם פונם צײַטוואָרט׳ וועלכע קלינגט הײַנט אינגאַנצן פרעמד: וואר׳ ווארן[1]) מיטן אינפיניטיוו· למשל׳ ער וואר זאגן = ער האָט געזאָגט; זיי ווארן נעמען = זיי האבן גענומען· די דער־קלערונג פון דער דאָזיגער מאָדנער פאָרם ליגט אָט־וואו· לכתחילה איז דאָס געווען א קאָנסטרוקציע ניט מיטן אינפיניטיוו׳ נאָר מיטן פאַר־טיציפּ פון דער געגנוואַרט· אַלזאָ ניט: «ער וואר זאָגן»׳ נאָר «ער וואר זאָגנדיג» (מה״ד: ër was sagende)· די ענגלישע שפּראַך האָט נאָך איינגעהיט ביז הײַנטיגן טאָג די זעלביגע פאָרם׳ אמת׳ מיט א ביסל אַן אַנדער ניואַנס· דער ענגלענדער קאָן זאָגן ניט נאָר he is writing׳ נאָר אויך he was writing׳ וואָס אויף אונזער אַלטן לשון וואָלט דאָס געמוזט הייסן: «ער וואר שרײַבנדיג»· דער פּשט ווערט קלאָר׳ ווען מען שטעלט זיך פאָר: ër was sagende = ער איז געווען א זאָגנדיגער = ער האָט געזאָגט·

אין דער מיטלהויכדײַטשער שפּראַך קאָן מען שוין זייער פרי באַ־מערקן א פלאָנטער צווישן פּאַרטיציפּ פון געגנוואַרט און אינפיניטיוו׳ און ס׳איז פאַראַן א גאַנצע ריי פאַרבינדונגען׳ וואו דער אינפיניטיוו נעמט קאָנקורירן מיטן פּאַרטיציפּ און שטופּט אים סוף־כל־סוף אַרויס· אַזוי איז מיט דער קאָנסטרוקציע אויך·

די פאַרבינדונג was (שפּעטער war)׳ waren מיטן אינפיניטיוו פאַר־שפּרייט זיך אין מיטלהויכדײַטש אין 14־טן י״ה׳ אין 16־טן י״ה שטאַרבט זי אָפּ[2])· צי זײַנען די פאָרמען נאָך געווען לעבעדיג אין דער יידישער גערעדטער שפּראַך פון 17־טן י״ה — דאָס איז א פראַגע׳ וואָס לאָזט זיך נאָך

[1]) אויסשפּראַך: wårn, wår·
[2]) פּרטים וועגן דעם ביי Wilmanns, Deutsche Gramm. III׳ 1׳ §§ 31׳ 61׳ 92·

בײַם הײַנטיקן שטאַנד פֿון דער ייִדישער שפּראַך־וויסנשאַפֿט ניט פֿאַרענט־פֿערן אויף געוויס. ס׳איז אַ סברא, אַז די פֿאָרמען זײַנען שוין דאַן אויך געווען טויט, אין דער לעבעדיקער שפּראַך האָט מען זיי ניט גענוצט. אָבער עס איז געווען אַ שאַבלאָן, אַ פֿעסטע פֿאָרמול. מען האָט געמעגט טויזנט מאָל אין טאָג זאָגן: «ער איז געקומען», נאָר דער שריפֿטשטעלער האָט געוואוסט, אַז ווען ער זעצט זיך שרײַבן, דאַרף ער אָנשרײַבן «ער קאם (å)», און דער לעזער גופֿא וואָלט אויך נשתומם געוואָרן, ווען ער וואָלט געפֿונען די ניט־געקינצלטע פֿאָרם. האָבן מיר דאָך נאָך הײַנט אַזעלכע ייִדן, וואָס ריידן, אַז ס׳איז אַ פֿאַרגעניגן צו הערן, און ווי נאָר זיי נעמען זיך צו דער פֿען, שפּרינגען מיטאַמאָל אַרויס משונה׳דיקע דײַטש־מערישע ווערטער.

אַז אונזער שרײַבער האָט אויך געהאַט «ליטעראַרישע» (דײַטשמעריש־ליטעראַרישע) כוונות, זעהט מען אַרויס פֿון דעם, וואָס ער ניצט אַזעלכע ווערטער, ווי אַלז דען, זינד (= זײַנען, אָנשטאָט דער יעמאָלט נאָרמאַלער פֿאָרם «זיין»), אלבֿרייט א. אז. וו. פֿון דער דאָזיקער טעאָריע, אַז אַ דײַטש וואָרט גיט צו חן, זײַנען מיר פּטור געוואָרן ערשט אַ סך שפּעטער, אויפֿן שוועל פֿון 18־טן צום 19־טן י״ה, און אין שמ״ר׳ס ראָמאַנען האָט זיך די שיטה נאָך אַ מאָל פֿונאַנדערגעבליט אין איר פֿולער פּראַכט.

10. דער ניגון

«האב איך איין ניגון דרויף גיטראכט

אז וויא פון פאביא איז דיא שלאכט»,

שטייט באַלד בײַם אַרײַנפֿאָר אין דער מגילה[1]. די שלאַכט בײַ פּאַוויע (אין צפֿון־איטאַליע), פֿון 1525טן יאָר, וואו די דײַטשן האָבן מנצח געווען דעם פֿראַנצויזישן חיל, האָט שטאַרק גערייצט די פֿאַנטאַזיע פֿון דײַטשן פֿאָלק. ס׳זײַנען אויפֿגעקומען עטליכע לידער וועגן דער שלאַכט, און די ניגונים זייערע זײַנען אין משך פֿון אַ קורצער צײַט געוואָרן מי יודע ווי פּאָפּולער. אַ גאַנצע ריי דײַטשע לידער (אַפֿילו קלויסטערשע כאָראַלן) פֿון סוף 16־טן און אָנהייב 17־טן י״ה זײַנען באַצייכנט מיט די ווערטער: «צו

[1]) אַזוי שטייט אויף דער אויסגאַבע פֿון 1648; אין דער אויסגאַבע פֿון 1696 זײַנעז אַ פּאָר ווערטער געביטן.

זינגען מיטן ניגון פון דער שלאַכט בײַ פּאַוויע»· ווי מיר זעהען, האָט די מאָדע זיך אַריבערגעכאַפּט צו יידן אויך·

וואָס איז דאָס פאַר א «פּאַוויער־ליד»? א לאַנגע צײַט איז עס געווען פאַרגעסן· ענדליך, נאָך לאַנגע זוכענישן, האָט מען אין 1836 אויסגעפונען דעם טעקסט· נאָר דער ניגון איז ווײַטער געבליבן אומבאַקענט· נאָך אין 1876־טן יאָר האָט דער באַוואוסטער אַוועֿ־לאַלעמאַן (וואָס האָט גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער יידישער שפּראַכפאָרשונג אויך), נאָכגעפרעגט זיך אין א זשורנאַל[1], צי ווייס ניט ווער עס איז דעם ניגון פון דער שלאַכט בײַ פּאַוויע· אויף דעם האָט ער באַקומען אַן ענטפער[2] פונם אַקטואַר פון דער יידישער קהילה אין פראַנקפורט־מאַין, עליאַס אולמאַן· אולמאַן דערציילט, אַז «ביז מיט א פּאָר יאָר צוריק» פלעגט מען אום «פּורים־ווינץ» (זעה אויבן, אין קאַפּיטל 2) זינגען דעם «אדון עולם» גאָר מיט א באַזונדערן ניגון, און דאס איז טאַקע דער ניגון פון דעם «פּאַוויער־ליד»· «מיט עטליכע יאָר צוריק» האָט אולמאַן געלאָזט פאַרשרײַבן דעם ניגון לויטן געזאַנג פון אַן אַלטן חזן· אָט זײַנען די נאָטן, וואָס אולמאַן ברענגט:

אולמאַנס ניגון פון «אדון עולם»·



אינם זעלביגן יאָר 1877 איז אָבער אַרויס די באַרימטע זאַמלונג פון Böhme : Altdeutsches Liederbuch, און דאָרט איז אָפּגעדרוקט גאָר אַן אַנדער ניגון פונם פּאַוויער־ליד· בעהמע האָט אים געפונען אין אַלטע לידערביכער פון 16־טן י״ה; שוין דאָס אַליין איז א ראיה, אַז מיר האָבן דאָ צו טון מיט א מער עכטערן ניגון· אַחוץ דעם איז פאַראַן נאָך א ראיה: דער טעקסט פונם דײַטשן פּאַוויער־ליד, וואָס בעהמע ברענגט, שטימט לויטן משקל אינגאַנצן מיט דער «מגילת־ווינץ»· הייסט עס, מיר מעגן זאָגן: אויף וויפיל מען קאָן איצט בכלל באַשטימען גענוי א מעלאָדיע פון פאַר הונ־

(1 Die Gegenwart, herausgeg. von Paul Lindau, 1876, No. 46·

(2 דאָרט גופא, 1877, ז· 62, No. 4·

דערטער יאָרן, האָט בעהמע געבראַכט די ריכטיגע מעלאָדיע פון דעם «פּאַווער־ליד» און ממילא פון דער «מגילת־ווינץ» אויך.

אָט זײַנען די נאָטן[1]:

דאָס פּאַוויער ליד.



עטליכע פּויזעס האָט בעהמע געשטעלט אין האַלבע לבנות, ווײַל ער האַלט, אַז זיי פאַרשטערן די סימעטריע.

אַלזאָ: ה׳ אולמאַן (אָדער «דער אַלטער חזן», אויף וועלכן ער פאַררופט זיך) האָט א טעות געהאַט מיינענדיג, אַז דער ניגון פון «אדון עולם» אום «פּורים־ווינץ» איז דערזעלביגער, ווי דער ניגון פון «מגילת ווינץ». ס׳זײַנען צוויי גאַנץ באַזונדערע ניגונים[2]. די פאַלשע פאָרשטעלונג, אַז מען האָט געזונגען דעם «אדון עולם» און די «מגילת ווינץ» מיט דעם אייגענעם ניגון, נעמט זיך מסתמא פּשוט דערפון, וואָס מען האָט שלעכט גע׳דרש׳ענט אַן אומקלאָרן אָרט אין שודט׳ס באַשרײַבונג פון פּורים־ווינץ.

---

1) מיר ברענגען זיי פון בעהמעס צווייטער זאַמלונג: Erk und Böhme, Deutscher Liederhort II (1893), ז׳ 70.

2) פריץ מרדכי קויפמאַן ז״ל, דער מחבר פונם בוך: Die schönsten Lieder der Ostjuden, האָט מיר פּריוואַט מיטגעטיילט: ס׳קאָן אויך קיין רייד ניט זײַן וועגן דעם, אַז אולמאַנס ניגון זאָל זיך האָבן אַנטוויקלט פון בעהמעס. אולמאַן האָט פאַרנאָטירט זייער א שיינעם «אדון עולם», אָבער עס איז ניטאָ דערין קיין שום קרובה׳שאַפט מיט די זעלטענע לידער פון 16־טן י״ה.

דש וינץ הַנש ליד

דש דא החכם המופלג כמהורר אלחנן בר אברהם ז״ל העלין האט גמאכט· אונ׳ דש לשון הקודש מיט דעם טייטשן וואול ביטראכט··· דש ליד ווערט אייך זאגן׳ וויא דיא מורדים צו פַרנקפורט דיא יהודים האבן טון פַר יאגן: איר ווערט אָבר זעהן גאָטש קרַפט אונ׳ מאכט· וויא דער שומר ישראל האט בייא אונז גיוואכט· דרום זאלן מיר הש״י לובן· דער אונז האט גינידֶרט אונ׳ ווידֶר דר הובן· מגילת וינץ זאל מן עש היישן איבֶראל· דען עש האט אזו פיל אז מגילת אנטיוכס אין דער צאל· דער ניגון איז דרויף גיטראכט· אז וויא פון פאביא איז די שלאכט*·

א· איך וויל דער צֵילן גאטֶש
שטֶרק[1]׳
זייני וואונדר אונ׳ צייכן דיא גרושן׳
זיין קראפט אונ׳ אַך[2] זייני ווערק׳
וויא ער אונז ניא האט פר לאָזן·
אן אלי פאַרט[3] אונ׳ אין אלי לאנד
וויל איך אויף אין ביצייגן;
זיין נאמן וויל איך טון ביקאנט
מיט דער ווארהייט אונ׳ וויל ניט
לייגן·

ב· דא מֶן צֵילט שע״ב[4]׳ אין דער
זעלביגן צייט
אין שטאָט פרַנקפורט דער ווערדן[5]
דער וועקט זיך איין גרושר שטרייט׳
אז מיר אי[6] גיזעהן האבן אויף ערדן·
זולכיש וואַרן מיר דער שראקן זער׳
דא מיר זולכיש וואַרדן אינֶן[7]·
אלמעכטיגר גאט׳ דיזן שטרייט פַר
שטער!
הובן מיר אַל אָן צו בַגינֶן·

* דאָס איז דער טיטול פון דער פראַנקפורטער אויסגאַבע 1696; די אַמסטערדאַמער פון 1648 האָט א העברעישן טיטול «דברי השירה הזאת···» אונ׳ דערנאָך גייט אַזוי: «דש עברי גאר וואול פר טייטשט אונ׳ בישיידליך· היפש פאר ווייבר אונ׳ מיידליך· צו אֶר קענן גאטש קראפט אונ׳ מאכט··· און ווייטער כמעט אַזוי, ווי אויבן· — דעם אָנהייב פון טיטול «איין שיַן ליד היפש אונ׳ בישיידליך· פר ווייבר אונ׳ מיידליך א· אז· וו·» וואָס שטייט ביַי וואַגענזייַלן, האָט וואַגענזייל אַליין קאָנטיג צוגעקלערט; ער האָט געדאַרפט האָבן א זעלבשטענדיגן אָנהייב, מחמת ער האָט דעם העברעאישן טייל פון טיטול ניט געדרוקט·

[1] שטאַרקייט· [2] אַך (מיט א לאַנגן a) = אויך· [3] אן אלי פאַרט = אויף אַלע נסיעות = שטענדיג· [4] 1612· [5] ווערט = ווערדיג, חשוב [6] ווען עס איז· [7] ווען מיר זייַנען דאָס געוואויר געוואָרן·

ג· דָש גֶמיין פאלק האט זיך אין
זין גישטעלט׳
אַך איין טייל סוחרים אונ׳ צונפט[8]׳
וויא זיא דער עצה[9] ביי קומן ווועלט[10]׳
אן צו גרייפן מיט פר נונפטן[11]·
«אונזרי פרייאהייטי דיא געבט אונז
הער׳
מיר וועלן[12] זיא ניט לענגר אנטבערן[13]؛
אונ׳ אונזר שאַץ איז אַך שיר לער׳
דיא רעכן שאַפּט[14] דער פון וועלן
מיר הערן»·

ד· זיא וואלטן עש ניט בלייבן
לאָזן[15]؛
אין רעמר[16] טעטן זיא דרינגן؛
זיא טעטן דיא עירונים איבר איין
הויפן שטושן[17]؛
זיא וואלטן ווישן אלי דינגן[18]·
איבר[19] אונז האטן זיא אַך גיהַלטן ראָט׳
אויש דֶר קהילה אונז צו פַר טרייבן؛
דאש זעלביג האט אונז גיבראכט אין
גרושי נוט׳
אז[20] מירווייטר וועלן שרייבן·

ה· איין אן שלאַק[21] הָטן זיא גימַכט׳
דש זיא אַך וואלטן האבן איין פירֶר؛
אויף איינֶן האטן זיא אל גיטראכט׳
אויף וינץ הַנש דער אויף ריךֶר[22]׳
איין גרושר שאַלק[23]׳ איין בֵיזר גאַשט׳
זיינש גלייכן זיין[24] גיוועשט[25] גאר
ווייֵניג —
אויף אונז גיוועזט איין גרושר לאַשט—
האבן זיא אויף גינומן צו איינם קיֵניג·

ו· צווין[26] זיינש גלייכן האט ער
צו זיך גיזעלט[27]׳
אויף אונזרן קאָפּא אונז צו טרעטן؛
מיט נאמן זיין זיא ביידי גימעלט:
קונרוט שאָפּא׳ גערן גרוש אונטר
אנַנדר גיקנעטן·
מיט גרושן הדיוטות[28] זיין זיא קומן
איבר אונז אַלן זאַמט אונ׳ זונדר[29]؛
דאש אונזר האבן זיא אונז אב גינומן
אונ׳ מיט אונז גיטריבן דען וואונדר[30]·

ז· טעגליך הובן זיא בייא אונז
גיהולט[31]׳
וואש איר[32] הערץ האט טאן ביגערן؛
זיא האבן אונז פאָר גימאָלט:
מיר מוזן דעם פאלק אב ווערן[33]·
אירן[34] רײַד האבן מיר מוזן גלויבן
געבן[35]׳

---

[8] צעכן· [9] עצה = שטאָט־ראָט׳ שטאָטפאַרוואַלטונג· [10] ווי אזוי זיי זאָלן קאָנען בייַקומען··· [11] מיט שכל· [12] = ווילן· [13] זיך באַגיין אָהן זיי· [14] דין־וחשבון· [15] = זיי האָבן זיך ניט געוואָלט אָפּלאָזן· [16] ריימער (Römer) — ראָטהויז אין פראַנקפורט· [17] אָפּגעשטופּט אין א זייַט· [18] זאַכן· [19] וועגן׳ מכוח· [20] ווי· [21] פלאַן· [22] מורד· [23] רשע· [24] = זייַנען· [25] = געווען· [26] צוויי· [27] = האָט ער געמאַכט פאַר געזעלן׳ פאַר חברים· [28] מוטוויל׳ הפקרות· [29] אָהן אויסנאַם· [30] וואונדער: געשעהעניש׳ מעשה (פגל· בייַ ביאַליק: «בייז וואונדער»)· טרייַבן וואונדער: אָפּטון מעשים· [31] צוגענומען׳ אָפּגענומען· [32] זייער· [33] ד״ה: ווען מיר זאָלן דאָס ניט געבן דעם פאָלק׳ וועט זייַן נאָך ערגער· [34] = זייערע· [35] גלויבן געבן = גלייבן·

האבן זיך וואול מוזן לאזן שנעלן[36];
האבן אימטאר[37] גידרייאט[38] אויף
אונזר לעבן:
«אודר מיר שיקן איבר אייך דיא
גיזעלן»[39]:

ח· מיר האבן גיהַט איין גרושי
עֵת צָרָה·
אז אי גיוועזט איין אונזרן טאגן;
דען מיר האבן גיהַט קיין שְׂרָרָה·
דָש מן איינֶן דער פאר העט קענֶן
פַר קלאָגן[40]·
דיא מורדים האבן גיהַט די איבר האנט·
דיא אונז האבן וועלן פַר שניידן[41];
נימַט[42] האט קֶיגן איינֶן[43] דָש מויל
אויף גישפאנט·
מיר האבן אלז וואול מוזן ליידן·

ט· וואו מֶן אים מקום[44] יהודים
האט דער ווישט[45]·
עש זייא גרוש· אודר קלייני·
האבן זיא[46] זיך אויף זיא[47] גירישט[48]·
גישלאגן אודר גיווארפן מיט שטייני·
אך נוך גיווארפן ליים אונ׳ קוט·

אונ׳ און ניצי ווארט[49]· אונ׳ קְלָלוֹת·
אונ׳ נוך גירופן פריא אונ׳ שפאָט[50]
«כְּלָבִים» אונ׳ זונשט אנדֶרי נְבָלוֹת·

י· עטליכי יודן זיין ווארדן איין
גיצאגן[51];
אירש מָמון האבן זיא וועלן גינישן;
מיט שקרים האבן זיא[46] זיא[47] בילוגן·
דא גימַנט ניקש[52] האט דארום[53] טון
ווישן·
אַך קיינֶם יהודי קיין געלד צו געבן·
קיין שולד מן קיינם קיינש זאל טון
ברענגן:
צו שפייאר[54] וועלן זיא עש אָן
קלעבן·
אָנש משפט דארט וועלן זיא עש
הענגן·

יא· דיא זאך האבן מיר אונז צו
הערצן לאזן גאָן[55]·
איין גרוש בישווערנש גיוועזט אויף
אונז אַלן;
דען אונזר געלט האבן מיר גיהַט
בַלד פַר טאָן·

[36] לעקסער, Mhd. Handwörterbuch, II, 1031 snellen ein snellīn — אָפּטון א שפיצל; דאָ: מיר האָבן זיך געמוזט לאָזן נאַרן. [37] תמיד. [38] געסטראַשעט (נײַהויכדײַטש dräuen, בײַפאָרם פון drohen. אין מאָ־ערנעם יידיש וואָלט היסטאָריש ריכטיק געווען «דרײַען», ניט «דראָהען»). דער «א» אין «געדרייאט» איז א שומער. [39] «געזעל» מיינט דאָס רוב סתם חבר; נאָר דאָ, אין מויל פון די בעלי־מלאכות, באַטײַט דאָס מסתמא די פועלים, וואָס זײַנען שטײַפער בײַ זיך און האָבן געזונטע הענט. ס'איז היסטאָריש באַשטעטיגט, אַז די פועלים האָבן זיך מיט א באַזונדער ברען באַטייליגט אין ראַבירן די יידישע גאַס. [40] = בײַ וועמען מען זאָל קאָנען עמיצן דערפאַר פאַרקלאָגן. [41] אויסראָטן. [42] קיינער. [43] = זיי. [44] שטאָט. [45] דערווישן = דײַטש erwischen = כאַפּן. [46] די מורדים. [47] די יידן. [48] גרייטן זיך; דאָ: אָנפאַלן. [49] אין עלטערן יידיש, פונקט ווי אין מה״ד, איז «וואָרט» סײַ איינצאָל, סײַ פילצאָל. [50] = שפּעט. [51] קאָנפיסקירן. [52] קיין זאַך ניט. [53] וועגן דעם. [54] די שטאָט שפייער בײַם ריין; דאָרט איז געווען א הויכע געריכטליכע אינסטיטוציע, דער «קאַמערגעריכט». [55] = גיין.

פון דען חובות איז קיין אנדרש[56]
גיפאלן[57]·
כלי בית האבן מיר פַר קויפט צו
גרושר נוט —
ניט פיל האבן מיר געטון מיט[58]
גיידן[59];
דיא קינדר האבן אונז אן גיהיישן[60]
ברוט;
איין זולך רחמנות איז ניט צו ליידן!

יב· דיא עירָנים[61] צום טייל זיין
ניט גיבליבן
אין דער שטאט פרַנקפורט דיא גי־
מעלטי[62]·
זיא[63] האבן גיזעהן דיא מוט וויל,
דיא זיא[64] האבן גיטריבן;
עש גיֵט וואול[65] אויש[66] גאר זעלטי[67]·
די דאקטורת[68] אונ׳ שרייבר אַך
צום טייל
זיין אַך ארויש גיפלוגן;

זיא גידאכטן[69]: עש איז דא וועדר[70]
גליק נאך הייל[71],
מיר וועלן עש ניט לענגר וואָגן[72]·

יג· דיזי זאכן זיין ווארדן פאָר
גיבראכט
לְהַקֵיסָר יר״ה[73] אונזֶרם ליבן הערן;
האט בריף מיט גיטיילט וואול בידאכט
אָן[74] די קומישַריאָ, זיא זאלן אב
ווערן:
דיא זאכן צו הערן אונ׳ אורטל אויש
שפרעכן,
איטליכם נאך זיינם פַר דינשט צו לונן;
אך צו היילן אונזֶרן גיברעכן[75]
אונ׳ אין דער זאכן נימַנט פַר
שונֶן[76]:

יד· די זַכן האבן זיא טאן[77]
גרינדן[78],
דיא קומישַריאָ דיא פירשטן דיא
פרומן;

[56] פגל· אונזער הײַנטיגן אויסדריק: «ער ענטפערט ניט דאָס אַנדערע וואָרט»· [57] אויסגעצאָלט ווערן; פגל· דעם דײַטשן אויסדריק: fällig· [58] מיט = דערמיט· [59] פראַוועון שמחות, הוליען· [60] אָנהיישן (מיט š) — בעטן, פאַרלאַנגען· [61] עירון = די הערן פון ראָט; וואַגענזייל זעצט איבער: die Gerichtsherren· [62] מעלדן = דערמאָנען, אָנרופן· [63] די עירונים· [64] די מורדים· [65] וואול (וואויל) באַטייט דא: מסתמא· [66] אויסגיין = פאָרקומען, טרעפן· [67] = זעלטן; ס׳איז א פראַנקפורטער דײַטשע אייגנטימליכקײַט אָפּצעוואַרפן דעם n אין דער ענדונג -en· [68] דאקטורת = דאָקטאָרעס, די לאַטײַנישע פילצאָל־פאָרם פון «דאָקטאָר»; דאָס הייסט: די מלומדים, וואָס זיצן אין ראָט· [69] געדענקען = רעכענען, מיינען, קומען צום באַשלוס· [70] ווערדער — נאָך, אַזוי ווי אין דײַטש; ניט — ניט· [71] געזונט· [72] דווקא אַזוי, מיט א קמץ, ניט ווי מען האָט דאָס בײַ אונז פאַרדייטשמערישט אין «וואַגן»· [73] ירום הודו = דערהויבן זאָל ווערן זײַן מאַיעסטעט· [74] צו· [75] פונקט ווי אין מה״ד: der gebrëche = «קרענק»· הײַנט וואָלטן מיר געזאָגט: אונזער בראָך· [76] schonen וואָלט הײַנט געדאַרפט זײַן קלאַנגענגעזעצליך: «שוינען» (ווי brot = ברויט)· אונזער «שאַנעווען» איז דאָס אייגענע וואָרט, נאָר פריער איז עס געקומען פון דײַטש צו די פּאָליאַקן, וואָס האָבן געמאַכט דערפון szanować· מיר האָבן עס פון פויליש· [77] = געטון; פאַראַן עטליכע צײַטווערטער (טון, קומען, א· אז· וו·), וואָס בילדן זייער פאַרטיציפּ אָהן גע־· [78] = דער־גרונטעווען, אויספאָרשן·

איין אורטל האבן זיא טאן פַר קינדן׳
אז ווען עשׂ פום הימל אראָב ווער קומן[79]׃
דענוכט[80] האבן דיא מורדים ניט ווען הערן
אונ׳ האבן גיטאן נאך אירם אלטן זיטן[81]:
«ווער איז דער דער אונז וויל ווערן?
מיר האבן עשׂ פון קיינם נוֹך גיליטן»׃

טו׳ דיא בוזהייט[82] איז ערשט ווארדן גרושׂ

אונז צו שמעהן[83] אונ׳ צו שלאגן;
דַש איז גיוועזן זונדֶר[84] אונטר לוש[85];
נימַנט האבן מירשׂ[86] קענֶן קלאָגן׃
זיא האבן גיהערשט איבר אונז מיט גנצֶר מַכט׳
מיר זיין גישטַנדן[87] אין אייטל זארגן[88];
צו מאָרגנש האבן מיר גיווינשט׳ עשׂ ווער[89] נַכט׳
אונ׳ בייא נַכט — עשׂ ווער מארגן׃

טז׳ שבועות שע״ד[90] זיין מיר דער שראקן זער׳

זארג אונ׳ אנגשׂט אונז האט בי־פונדן[91];
מן האט גיזאגט׳ דיא מורדים קומן דא הער[92]׳
זיא האבן זיך עפּישׂ אונטר וואונדן[93]:
דיא פּפאָרטן[94] ווען זיא איין שטוסן[95]
אונ׳ ווען שטורמֶן אונזֶר קהילה׃
«ליבר גאט׳ טוא אונז ניט פַר לאזן!»
זא איז גיוועשׂט אימֶר דאר[96] אונזר תפילה׃

יז׳ הַשֵם יִתְבָּרֵך האבן מיר פַר טרויאט׳

דער האט זיא גימַכט אָב ווענדיג[97];
דען דער[98] אויף זיין הייליגן נאמן בויט׳
דש זעלביג איז בישטענדיג׃
מיר האבן תשובה גיטאן מיט אַלֶרלייא פיין׳
מיט פַּשטן אונ׳ פיל אוֹרֶה[99];
מיר האבן גימיינט מְבַטל צו זיין
דיא גזֵירה אונ׳ די צָרה׃

יח׳ קלייני קינדר אונ׳ ווייבֶר מיר גאר בַלד

האבן פַר שיקט אונ׳ טאָן פַר שטרייאֶן׳
דַש מן אָן איגֶן[100] זאל ברויכן קיין גיוואַלט׳

---

[79] גלייך עס וואָלט אַראָפּגעקומען פון הימל׃ [80] פונדעסטוועגן׃ [81] «זיטע» איז אין דער עלטערער שפּראַך׳ סײַ דײַטש׳ סײַ יידיש׳ לשון זכר׃ [82] בייזקײַט׳ כעס׃ [83] schmähen — זידלען׃ [84] אָהן׃ [85] Unterlass; «זונדר אונטר לוש» = אָהן אויפהער׃ [86] = מיר עס׃ [87] = געשטאַנען׃ [88] אין הוילע זאָרגן׃ [89] עס זאָל זײַן׃ [90] 1614׃ [91] מיר האָבן דער־שפּירט . . . [92] קומען צו גיין׃ [93] אונטערווינדען זיך — אַרײַננעמען זיך אין זינען. [94] פּפאָרטע (א וואָרט׳ וואָס קומט אין דײַטש פונם לאַטײַנ׃ porta) — טויער׃ [95] einstossen — אײַנרײַסן׳ צעברעכן׃ [96] אימערדאר = תמיד׃ [97] ער האָט זיי אָפּגעווענדט פון אונז׃ [98] דער = דער וואָס׃ [99] אָרע׳ (פון לאַט׃ ora) — תפילה; די דײַטשע יידן זאָגן נאָך הײַנטיגן טאָג oren אָנשטאָט דאַווענען׃ [100] אַנטקעגן זיי׃

שאַנד אונ׳ זינד אָן איְנן גידייאָן[101]·
אָן אַלי פפאָרטן אונז ביזוכט אונ׳
אָן גישפּראָכן׳
דָש מיר קיין ממון זאלן אנויש[102] פירן;
אונזר הערץ איז אונז שיר צו בראכן׳
דא[103] מיר זולכשׂ האבן טאן שפּירן·

יט׳ גאטש גינאָד דיא האט קיין
ענט׳
איז ניט קומן[104] אויש אונזרם גידַנקן;
זיין הילף איז אין איינם אויגן בליק;
בֶהענט[105]
קאן ער היילן דיא קראַנקן·
דיא קומיסריא זאלטן קומן ווידֶר׳
האָרטן[106] מיר פון אידרמן[107] זאגן;
דא פרייאטן זיך אלי אונזרי גלידֶר·
אלז אַך גישאַך[108] אין חדש אב טאָגן·

כ׳ דא יום א׳ כ״ו אלול שע״ד
קאם בייא די הנט[109]׳
טעטן מיר ניקש אנדרש דען שרייאן
אונ׳ וויינֶן;
דען דיא שונאים האטן דאש מויל אויף
גישפּנט׳
זיא זעלטן[110] זיך הַרט[111] ווידר אונז
לייְנֶן[112]·

צו פּאַשטן האט מן ארום גֶזייאט[113]
אויף יום ב׳ צו מארגנש מיט בֶטריבטן
הערצן;
דען גַנצן טאג און מוט[114] אונ׳
טרויאָריקייט׳
דיא נַכט וַוכן מיר מיט גרושן שמערצן·

כא׳ דא דער מארגן יום ב׳ קאם
ארבייא׳
הַטן מיר אכטונג אויף גאר עבן[115];
אלי אויגן בליק קאמן צרות׳ דיא
ווארן נייא;
טרעפן אָן לייב אונ׳ לעבן·
דיא הייפּט מורדים קאמן זעלבשט
דא הער
מיט גרושי עַלילות׳ דיא ווארן
שקרים:
«איר האט גיטאן ווידר אונזרי ער[116]׳
איר האט גירעט דיזי דברים[117]»·

כב׳ דא עש ווער צייט מנחה
אורן[118]׳
פַר גינג אונז זעהן אונ׳ הערן[119];
דען דָש פאלק זַמלט זיך פַר דען
טאָרן[120];

---

[101] אָנטון זיי· [102] = אַרויס· [103] ווען׳ בעת· [104] = געקומען· [105] = ביַי דער האַנט׳ ד״ה פלינק· [106] = hörten׳ האָבן מיר געהערט· [107] = יעדער מאַן׳ איטליכער· [108] ווי ס׳איז אויך געשעהן· [109] ווען ס׳איז אָנגעקומען זונטאָג כ״ו אלול — 10טער סעפּטעמבער 1614· [110] זעלטן (= זאָלטן): זיי האָבן געזאָלט; דאָ מיינט עס: באַלד׳ ווי איר וועט זעהן׳ זײַנען זיי אויפגעשטאַנען אויף אונז· [111] שטרענג׳ שווער· [112] לייגען (פגל· זיך אָנלייגען) — זיך אָנ־שפּאַרן· דאָ: זיי האָבן זיך א שפּאַר געגעבן אַנטקעגן אונז· [113] = געזאָגט· [114] אונמוט = אומעט· [115] האָבן מיר געגעבן אַכטונג געגעבן· [116] = ערע· [117] ווערטער· [118] דאַוונען· [119] איז אונז געוואָרן פינסטער אין די אויגן· [120] = טויערן·

אונזר טרויערן וואר זיך מערן·
צו דער גסן צו[121] ווארן זיא דרינגגן,
די פפארטן טעטן מיר צו שליסן;
אין דיא שול מיר דאך גינגן,
מיר מיינטן דער[122] תפילה צו גניסן·

כג. וויא מן דיא הפטרה האט אויש טאן זאגן[123],
איין גרוש יעמרליך גישרייא מיר הארטן;
דיא שונאים ווידר דיא פפארטן שלאגן,
זיא צו ברעכן זיא אן אלי אורטן[124]·
דער שונא וואר אונז אויף דעם הלז,
אויש דער שול טעטן מיר אל לאפן[125]·
וויא דעם דער דאש האט גיזעהן אלז,
וויא דיא זך איז גיוועזט גישאפן!

כד· איין טייל פרומי ווייבר, נשים יקרות,
אירה ליבה קינדר זיא מיט נאמן,
ליגטן זיך אויף דש בית הקברות:
«היא וועלן מיר שטערבן מיט אזאמן[126]»
אך איין טייל לופן היים צו הויז
אונ' הולטן[127] אירי שפיז אונ' שווערטר[128]:
«לייכט שלאגן מיר זיא ווידר אנויש,
אי[129] דער קריג ווערט לענגער[130] הערטר»·

כה· איין טייל האטן זיך אויף דיא מויאר גישטעלט
מיט זייל[131] איינם גרושן;
זא זיך דיא מהומה ניט שטילן וועלט[132],
אין איינן גארטן אנאב[133] זיא זיך וואלטן לושן·
עטליכי ווארן מציל[134] אין אירם הויז,
אי עש די שונאים טעטן אר פארן[135];
איין טייל ליפן[136] צו דער גאסן אנויש
אן ארטר, דא זיא ביקאנט ווארן·

כו· איין קעשטליכר[137] עירון אין דער שטאט
טעט זיך איבר אונז דר בארמן;
איינן גרושן גארטן אונ' היפש הויז ער האט,
ער שלוס[138] עש אויף אונז ארמן·
מיר גינגן אניין אין הויז, אין הוף —

---

121 די גאס = די יידישע גאס, דער געטא· 122 הייַנט וואלטן מיר געזאגט: פון דער תפילה·
123 אויסזאגן = ענדיגן· 124 = ערטער· 125 = לויפן (אויסשפראַך laafn, פונקט ווי aach)·
126 = מיטאנאנד, אינאיינעם· 127 האבן געבראַכט· 128 שווערדן· 129 = איידער·
130 דא פעלט: און· 131 שטריק· 132 ד"ה: אויב די מהומה וועט ··· 133 = אראפ·
134 הייַנט וואלטן מיר געזאגט: זיך מציל זייַן· 135 דערגיין, געוואויר ווערן· 136 אימפער־פעקטום פון «לויפן»· 137 «קעסטליך» איז אין דער עלטערער ליטעראטור דאס רעגולערע טייַטשוואָרט פאַר «חשוב»· 138 אימפערפעקטום פון «שליסן»·

מן דארפט אים דער צו ניקש
לונֶן[139];
מיר גינגן דינֶן[140] וויא די פר ערטן[141]
שוף׳
וואול זעקש הונדרט פַרשונֶן.

כז. מיטן אין גארטן אויף דֶר
ערדן.
זיין גיזעסן אין אייו[illegible] רינגן
צעהן קינדבעטרן[142] נוך אירם
גֶבערטן[143];
מיין הערץ מיר דאר׳בר האט ווען
צו שפרינגן!
איר שלייאֶר אום גיוואונדן[144],
אז דיא אֲבֵלים, ביז אין דיא אויגן,
אירי קלייני קינדר אים שוס[145]
גילעגן גיבונדן;
איין טרעהרן[146] דען אנדרן האט
טאן יאגן.

כח. דיא גזלנים האבן זיא גי־
ווארפן אויש אירי בעטן
אונ׳ אונטר אינן זיא[147] אוועק גי־
טראגן;
איך העט[148] פיל דארויף טאן פַר
וועטן,
ווען איכש ניט גיזעהן העט מיט אויגן.
איין זעלך אכזריות, אז זיא האבן
גיטריבן,
שטיט ניט וואול צו גלאבן:
איין קינטבעטרן פון איינם טאג
אדר זיבן,
דש זיא אזו מיט אינֶין אום גַנגן
האבן[149].

כט. עטליכי זיין גישטַנדן מיט
גרושֶר ווער[150],
ביז איינר פון אונז איז ווארדן דער
שוסן;
אך עטליכי זיין ווארדן פַר יואונד[151]
זער.
דא זיין מיר אל ווארדן פַר דראסן,
דא זיין מיר אל גילאפן אנוועק[152],
אונזר קיינר איזט מער גיוועזט פַר
הַנדן[153];
דא האבן זיא גיפילט גיפעק אונ׳ זעק,
עס איז אין[154] נימַנט אנטקֵיגן גי־
שטַנדן.

ל. דיזי נַכט איז אונז גיוועזט
צו ווידר,
עש איז ניט אַלֶר[155] צו זאגן;

[139] ד״ה: מען האָט אים דערפאַר קיין זאַך ניט געדאַרפט באַצאָלן. [140] = דרינען, דאָרט אינעווייניג. [141] פאַרערט (verirrt, דער i איז געוואָרן אַן e, ווי אין בערגע, קערמעשל, הערש, פערשט) — פאַרבלאָנדזעט. [142] = קימפעטאָרנס. [143] = געבורט, געבירט (i ווערט e, ווי אין הירש = הערש א. אז. וו.). [144] אַרומגעבונדן. [145] = שויס. [146] »טרער« איז אין דער עלטערער שפּראַך, סיי דייַטש, סיי יידיש, לשון זכר. [147] די בעטן. [148] וואָלט. [149] אז זיי זייגען זיך אַזוי מיט זיי באַגאַנגען. [150] מיט א שטאַרקער פאַרטיידיגונג. [151] מיר שרייַבן הייַנט »פאַרוואונדעט«; דער שרייַבער פון 17־טן י״ה האָט ניט געוואוסט פון דער דייטשמערישער המצאה און געזאָגט אין גייַסט פון יידיש: «פאַרוואונדט» (פונקט ווי: «גערעדט»). [152] אַוועק. [153] פאַראַנען. [154] אין = אינען = זיי. [155] אַלץ.

דיא גזלנים זיין גַנגן אויף אונ׳ נידר׳
האבן דאש אונזֶר אוועק גיטראגן:
זילבר אונ׳ גאלד אונ׳ באר[156] געלט׳
וואש זיא האבן אן גיטראפן׳
תכשיטים׳ וויא מן זיך ווינשן זעלט[157];
זיא זיין איבר אלי דיא קישטן[158]
גילאפן׳.

לא׳ קעשטליכי ווייך גוטי בעט
אונ׳ הויז ראַט[159]
ניט שענֶר גיזעהן איז ווארדן מיט
אויגן;
קארן אונ׳ מעל — אלז זונדר[160] גינאַד׳
אלז אוועק גיפירט ווארדן אויף
איינם וואגן׳
אך פיל מעכטיגי ספרים[161]׳ דיא
קעשטליך זיין׳
דיא איין לערנֶר טאן אֶר פרייאַן׳
האבן זיא גיווארפן אין דרעק אנייך
און אויף דיא גאסן טאן שטרייאַן׳

לב׳ וויא גרוש זיין גיוועזט אונזרי
זינד׳
וויא וואול[162] מירש[163] ניט וועלן
אֶר קענֶן!

דיא רשעים האבן איין גרוש פייאֶר
אַן גיצינד
אונ׳ האבן דיא ספרים דינן טאן פר
ברענֶן׳
זיא האבן גיברוטן איבר דען ספרים
דיר[164] פלייש׳ דש זיא אונז האבן
גינומן;
דאש האבן גיטאַן דיא מורדים דיא
עיקרים[165] —
אזו איז עש איגן אך ביקומן[166]!

לג׳ אַך פערגימענטי[167] ספרים
האבן זיא אֶרבערט[168]׳
האבן זיא אונטר אננֶדר טאן טיילן:
זיא זיין גיוועזט כמה אלפים ווערט;
דיזי מכות זיין ניט צו היילן׳
איינם בוך בינדר פַר קויפט צו
שערץ[169]׳
אנדרי ביכֶר דריין צו בינדן;
קיין פאַרכט איז אין גנגֶן צו הערץ
דש זיא זיך זאַלטן דראן פַר זינדן׳

לד׳ אך דיא אלֶר בעשטן סחורה׳
אז אי[170] איזט ווארדן גיזעהן מיט אויגן׳
כתיבת ידות[171] האבן מיר אַך פַר לאָרֶה[172]׳

156 מזומנ׳ע. 157 ווי מען וואָלט זיך געמעגט ווינטשן. 158 קאַסטנס. 159 כלי־בית.
160 אָהן. 161 אין העברעאישן טעקסט: «ספרי קודש». 162 וויא וואול — הגם, כאָטש.
163 = מיר עס. 164 dürr; איצט: דאַר. 165 די הויפּט־אָנפירער. 166 פאַרגל. דעם אויס־
דריק: «זאָל דיר וואויל באַקומען». 167 פאַרמעטענע. 168 erbërn (דערזעלביגער שורש, ווי
entbehren): אַרויסשלעפּן, אויפדעקן. פאַר וואַגעגזיילן איז דאָס דאָזיגע מה״ד וואָרט שוין געווען
פרעמד, און דעריבער לייענט ער: erobert. 169 שפּיל, פאַרגעניגן. 170 ווען עס איז.
171 אין העברעאישן טעקסט שטייט אויף דעם אָרט: «שטרי חובות». צי איז דאָ געביטן נאָר דער
אויסדריק אָדער דער באַגריף אויך? 172 אין פראַנקפורטער ריידעניש, סיי דייַטש, סיי יידיש,
פאַלט אָפּט אָפּ דער n צום סוף (פגל. אויבן, סטראָפע יב׳: זעלטי = זעלטע אַנשטאָט זעלטן).
א סך בייַשפּילן פון דעם מין ביי טענדלוי Sprichwörter und Redensarten aus deutsch-jüdischer
Vorzeit פראַנקפורט־מאַין, 1860.

זיא האבן עש אלז אוועק גיטראגן.
קיין ערביט[173] האט זיא טאן פר דריסן,
זיא האבן ניקש[174] לאזן ליגן;
וואש ניט איז גילעגן אונטר דען פיסן,
זיין זיא דער נאך גישטיגן.

לה. דיא גנצי נַכט האבן זיא גישוועבט[175]
אן אַלי אורטן אונ׳ אן אַלי ענדן;
וואש זיא האבן אן גירירט, דאש האט גיקלעבט,
האבן עש ביהַלטן אין אירן הענדן.
טליתות אונ׳ תפילין האבן זיא ניט ליגן לושן,
דיא מזוזות אויש דעם בַלקן גישטאכן;
אובן[176] אונ׳ פענשטֶר האבן זיי איין גישטוסן,
טירן אונ׳ שענק האבן זיא צו בראכן.

לו. כלָיות[177] האבן זיא גימאכט, ניט און גיפערד[178] —
מוטווילּיגר ווייש[179], ווידר[180] אַלי זיטן;
שמאלץ האבן זיא גיגאסן אויף דיא ערד
אונ׳ איין זאק מיט מעל דאריין טאן שיטן.

דארויף זיין זיא היין אונ׳ הער גאנגן
אונ׳ דארויף גיטרעטן מיט אירן פיסן,
דש מען זאל זעלכי זאכן אן פאנגן,
דא מן ניקש דער פון קאן גֶניסן!

לז. אויף דען העלן טאג האבן מיר טאן האפן,
דש מיר דער צו האבן ווּעלן אנטרינֶן.
דא נון דער טאג ארבייא איז גילאפן,
זיין מיר שיר קומן פון זינֶן!
דיא פפארטן וואלטן ניט גֶין אויף:
דאש וואר אירֶר[181] הייפט לייט בי־פעלכי[182];
מיר ווארן איר[183] תופס מיט מָמון אונ׳ גוף.
ווער האָט גיזעהן איין עֵת צָרה איין זעלכי?

לח. דיא מורדים דיא האטן אן גישטעלט[184]
דעם שטאט פאלק צו ווערן[185],
קיין יודן איין צו נעמען אין אירי גיצעלט
בייא איינם גרושן בוס[186] אונ׳ שווערן[187].
דא הולף[188] ניט ווערדר געלט אדר גוט,

---

[173] = אַרבעט; מי. [174] קיין זאַך ניט. [175] «שוועבן» הייסט אין דער עלטערער שפּראַך סתם: באַוועגן זיך אַהין און אַהער. [176] אויוונס. [177] פונם זעלביגן שורש איז אויך אונזער הײַנטיגס: «קאַליע מאַכן». [178] gevaerde הייסט אין מה״ד: זײַטיגער מיין, פּניה; «אָהן געפערד» = על־פּי־טעות, צופעליג, בשוגג. [179] «-וויַיז» דאָס אייגענע, ווי אין «איינציגווײַז»; = מוט־ווילּיגערהייט. [180] קעגן. [181] געניטיוו פון לשון רבים; «פון זייערע». [182] = באַפעל; bevëlhen איז די עלטערע פאָרם פון «באַפעלן». [183] זייער. [184] אנשטעלן: באַשטימען. [185] = פאַרווערן. [186] שטראָף. [187] וויטאָג. [188] האָט ניט געהאָלפן.

אויף דער גַסין מוזטן מיר בלייבן·
נון דענקט וויא אונז וואר צו מוט!
עש איז ניט אַלר צו שרייבן·

לט. דער שראקן ווארן דיא געשט אך זער,
דיא און גיפערליך[189] הער[190] ווארן קומן·
זיא לופן הין זיא לופן הער,
דא זיא דיזי ווערק האטן פַר נומן·
דא וואר אין צו העלפן ניכט,
זיא ווארן מיט אונז אין דער צָרה;
זיא פאָרכטן זיך פַר ביֵזן גישיכט[191],
פַר דען מורדים האטן זיא גרוש מורא·

מ· דא עש קאם נאהנט אום דיא מיטן צייט[192],
איין שטים אין דער שטאט טעט דֶר שַלן:
«דער יודן ווערדן מיר גאר באלד ווערדן קוויט[193],
דש לוֹז[194] איז אויף זיא גיפַלן!»
וינץ הַנז זעלבֶרט ווידר אונז זאגט:
«איך בין אייער הָמן אין דיזן צייטן;
פַר מרדכי בין איך און פר צאגט[195] —
עש זיין ניט אונטר אייך זאָ פרומי לייטן·»

מא· נאך דיזר צייט איין קלייני פרישט[196]
וינץ הַנז קאם זעלבֶרט גיגַנגֶן
מיט אֵיינם פאלק[197] וואר גאר וואול גֶרישט;
נאך אונז האט ער פַר לַנגֶן·
שפיס אונ׳ ביקסן אונ׳ אַלֶרלייא וועהר
טעטן זיא אל אן טראגן,
אז וויא גולית קיֵגן דוד טראט הער
אונ׳ אנטיוכס אין דער יוָנים טאגן·

מב· אַלי יודן טעטן זיא אויש שפירן,
וואו זיא זיא וואושטן צו פינדן,
אונ׳ טעטן זיא צו אַנַנדֶר פירן·
זאגטן: «מיר מוזן אייך עפיש פַר קינדן[198]»·
ער זאמלט אונז אויף דש בית הקברות,
אז וויא דיא בהמות וואר ער אונז טרייבן,
אונ׳ זעצט אויף אונז פיל שמירות,
דש קיינר פון אונז זאלט אוישן בלייבן·

---

[189] ווי אויבן: צופעליג· [190] = אַהער· [191] = געשעהעניש· [192] וואַגענזייל טראַנסקריבירט: Metten-Zeit, ד״ח די צייַט פון דער (קריסטליכער) פרימאָרגנדיגער תפילה· ס׳קאן אָבער אפשר הייסן «מיטן-צייַט» = מיטאג-צייַט, און אזוי שטייט טאַקע אין העברעאישן טעקסט: «סמוך לחצי היום»· [193] קוויט, קווייט = פטור (מיטן געניטיוו: «דער יודן»; מענדעלע שרייבט נאָך אויך: «פטור ווערן זיינער»)· [194] גורל· [195] = אומפאַרצאָגט = ניט שרעקעדיג; פאַר א מרדכי האָב איך קיין מורא ניט· [196] ווילע· [197] דאַ פעלט «דש»· טייטש: מיט אַן עולם, וואָס איז געוועזן גוט באַוואָפנט· [198] אָנזאָגן·

מג· אונזר הערץ וואר פַר שטאפפט אונ׳ שווער;
מיר מיינטן עש ווער קומן[199] אונזרי ענד;
מיר יאמרטן אונ׳ שריאַן זער׳
גאט זאל דער בארמֶן אונז אֵילענד[200]·
ווייב אונ׳ קינד׳ יונג אונ׳ אלט
מיט אונז טעטן מיר נעמֶן:
זא[201] דיא שונאים אן אונז טעטן גיוואַלט׳
דש אונזרי נשמות צו הק״בה צו זאמן קעמן·

מד· דא מיר נון קאמן אין דאש בית הקברות אניין׳
איין הסכמה טעטן מיר מאכן;
דש מיר אַל[202] מקדש השם וואלטן זיין׳
טעטן מיר בַשליסן פַר אלי זאכן[203]·
עטליכי לייט תכריכים אן טעטן׳
מיר הַטן זיך דר וועגן[204] אונזר לעבן;
וידוי אונ׳ הצור תמים ווארן מיר בעטן
אונ׳ פיל קעשטליכי תפילות דֶר נעבן·

מה· עטליכע האבן זיך גינומן אין אירן ווילן׳
ווייבֶר׳ אונ׳ מיידליך׳ אונ׳ יונגֶן׳
גאטש דינשט צו אֶר פילן׳
דש זיא איבֶר אירן ווילן[205] ניט זאלטן ווערדן ביצוואונגֶן·
זיא וואלטן שפרינגֶן אין איינֶן ברונֶן׳
צו זיין ביררייט[206] צו איֵביגן לעבן;
דאך הטן זיא זיך ווידֶר[207] ביזונֶן —
גאט האט אונז אזו ווידר איין גי־געבן·

מו· דיא מורדים טעטן אויש שפרעכן:
«דיזי שטאט זאלט איר מייַדן;
דיא בורגֶר מעכטן[208] זיך אן אייך רעכן[209];
זיא וועלן[210] אייך ניט לענגר היֵא ליידן·
מיר האבן ניט אין אונזר מַכט
אייך צו שוצן אונ׳ צו בַשירמֶן;
דרום איז אייך אויף גיזאגט[211] דיא וואַכט[212]׳
איר זעכט[213] וואול וויא דיא בירגר שווירמֶן»[214]·

מז· דא בעטן מיר צום זעלביגן מול׳
ער זאלט אונז עפנֶן דיא פפאָרטן·
דיא ענטוועָרט וואר׳ וואש דש איילן זאל[215];

---

[199] אַז עס איז געקומען· [200] «עלנט» איז אייגנטליך דער טייַטש: אַן אַנדער לאַנד, דערנאָך: גלות, שפּעטער בכלל: איינזאַמקייַט, נויט, אומגליק· [201] אויב· [202] = אַלע· [203] קודם כל· [204] «זיך דערוועגן» הייסט אין דער עלטערער שפּראַך: זיך מיַאש זיין· [205] קעגן זייער ווילן· [206] גרייט· [207] צוריק· [208] אַניט וועלן די בירגער ··· [209] רעכן (פון «ראַכע») = נעמען נקמה· [210] ווילן· [211] אויפזאָגן = אָפּזאָגן, קינדיגן· [212] שוץ· [213] = זעהט· [214] זשומען (ווי די בינען)· [215] צו וואָס איז די אייַלעניש·

«איר קענט נאך וואול אַוויילווארטן».
דאש שטאט פאלק אלז נאך[216] דא שטונד,
אונ' אירי ביקסן ווארן גילאדן;
דער זאכן[217] קאנטן מיר ניט ווישן קיין גרונד;
דאש באד מוזטן מיר אויש באדן.

מח. מיר הורטן וויא דיא שטימן גינגן,
מיר הטן אכטונג[218] גאר עבן[219];
זיא צו רײדן דא אן פינגן:
מן ווערט אין[220] נעמן איר[221] לעבן.
עטליכי זאגטן: עש ווערט ניט אזו זיין,
מן ווערט זיא אויש דער שטאט טרייבן[222];
דיא רײד ליפן אונז צו דען אורן[223] אניין,
פַר צרות קונטן מיר קוים בלייבן.

מט. דיא מורדים האטן איין צאנק[224] איין גרושן,
אי איינר[225] ווידר דען אנדרן;
איינר זאגט: מן זאל זיא[226] ניט לעבן לוזן,
דר אנדר זאגט: מן זאל זיא לאזן וואנדרן.
הש"י אין דיא וואג שאל בליז[227],
דש דיא זכות טעטן איבר וועגן,
דש מן אונז אונזר לעבן ליש[228];
איין גירש זאלטן מיר האבן דער קעגן[229].

נ. מיר מיינטן, דיא פפארטן זאלטן גײן אויף;
דען צורר[230] טעטן מיר זער ביטן[221].
מיר ביקאמן אבר קיין תשובה דארויף,
נייאָרט גרוש רִשעת נאך זיינם זיטן[232].
מן פיל אים צו פוס מיט קלעגליכי ווארט[233]
אונ' וויינטן פַר אים גאר זערי[234]
דא ליש ער אויף טאן[235] דיא פפארט —
מיר העטן[236] גיוואלט, דש מיר הוישן[237] ווערי[238].

נא. ניט לענגר וואר צו ווארטן מער;
מיר צוגן איין רויש[239] מיט גרושן שארן[240].

[216] נאָך אַלץ. [217] דער זאַכן (געניטיוו) = פון דער זאַך. [218] האָבן אַכטונג = געבן אַכטונג. [219] עבן הייסט דאָ: גענוי, זאָרגעוודיג. [220] אין = אינען = זיי (די יידן). [221] זייער. [222] בײַ וואַגענזײלן שטייט דאָ, אויך אין דער דײַטשער טראַנסקריפּציע, «דרינגען»; א בפירוש׳ער טעות, ווײַל דאָס קלעפּט זיך ניט צום גראַם «בלײַבן». בײַ שודט׳ן שטייט «דרייבן» — די דיאַלעקטישע פאָרם פון «טרײַבן». [223] = אויערן. [224] קריג, סכסוך. [225] אי איינער = איטליכער, יעדערער. דאָס «אי» (ie, וואָס איז שפּעטער געוואָרן je) איז טאַקע דאָס אייגענע, וואָס דער ערשטער טראַף («אי» און «יע») אין אונזער «איטליכער» און «יעדערער». [226] די יידן. [227] בליז — אימפּערפעקט: האָט א בלאָז געטון. [228] ליש = האָט געלאָזן. [229] אַנשטאָט דעם. [230] באַדריקער; ווינץ. [231] = בעטן. [232] ווי זײַן שטייגער איז. [233] «ווארט» איז אין דער עלטערער שפּראַך סײַ לשון יחיד, סײַ לשון רבים. [234] = זייער. [235] אויפטון = אויפעפענען. [236] וואָלטן. [237] דרויסן (= אויסן). [238] = ווערן (קאָניונקטיוו): אַז מיר זאָלן שוין זײַן... [239] = אַרויס. [240] מחנות.

זיא טעטן אונז לֶוְיָה נאך[241] מיט
אירֶר[242] ווער׳
ביז מיר צום טאר[243] אנויש ווארן׳
מיר צוֹגן ארויש מיט גרוֹשר פריידן׳
דאך אַך מיט טרויאֶרן דער נעבן:
דאש טרויאֶרן׳ פון דער קהילה צו
שיידן׳
אונ׳ די פרייד׳ דש מיר בּיהַלטן[244]
דש לעבן׳

נב׳ עטליכי צוֹגן אויף דעם
וואשֶׁר צו הַנד[245]׳
צו[246] הַיְכשט[247] ווארן זיא אן קומן;
איין טייל — צו פוס איבר לַנד׳
אן אלי אורטן האט מן אונז אן גינומן׳
פיל טויזנט זיך אויף דיא בריק הטן
גישטעלט;
אונזר און גליק וואלטן שויאַן[248]׳
וויא מיר זא איַלענדיג[249] צוֹהֶן[250] אויף
דעם פעלד׳
מאַן[251] אונ׳ קינדר אונ׳ פרויאֶן׳

נג׳ עש וואר אונז נאך ניט גאר
וואול׳
מיר פאָרכטן זיך זער פאַר שיסן
פון דער בריקן אראב דש זעלביג
מאל׳
דען דש שיף מוזט דר דורך פליסן׳
אז בייא אובן באך[252] גישעהן איז
אלבֶרייט[253]׳
אונ׳ דער זעלביג[254] טראף[255] זייגֶן
גיזעלן;
דער צַדיק ווארד[256] בישירמט פּוּן
לייד׳
אונ׳ אן זיינֶר שטאָט[257] הש״י איין
אנדרן טעט שטעלן׳

נד׳ אלן גוטן ווילן האט מן אונז
אֶר צייגט׳
וואו מיר הין קאמן אן אלן אָרטן;
מיט אלן זַכן איז מן גיוועזט אונז
גינייגט׳
מיט עשן אונ׳ טרינקן אונ׳ גוטי
ווארטן׳
יודן אונ׳ גוים אונז האבן אלז גוטש
גיטאן
אן אלן אוֹרטן׳ דא מיר זיין
גיוועזן;
הש״י זאל אין געבן גוטן לון׳
אָבֶר אין איינם אנדרן ווען[258]׳

---

241 «טון (אָדער: נאָכטון) לויה» הייסט אין דער עלטערער שפראַך: באַלייטן. 242 זייער. 243 טויער. 244 באַהאַלטן — אויפהיטן. 245 צוהאנט — תיכף. 246 אין. 247 Höchst, א שטאָט ניט וויַיט פון פראַנקפורט. 248 זעהן. 249 אין עלנט, אין נויט. 250 אימפערפעקטום: צוֹהֶן = צוֹגן = זיַיַנען געצויגן. 251 «מאַן» אין דער עלטערער שפראַך סיַי לשון יחיד, סיַי רבים. 252 Offenbach. 253 שוין. 254 = דערזעלביגער; דער וואָס האָט געשאָסן. 255 אימפער־פעקטום: האָט געטראָפן. 256 איז געוואָרן. 257 שטאָט = אָרט; מיר האָבן נאָך דאָס וואָרט אינם אויסדריק: «א שטאָט אין שול» און אין «אָנשטאָט» — אויפן אָרט פון . . ; אן זיינר שטאָט — אויף זיין אָרט. 258 ווען — שטייגער; פשט: הלוואי זאָלן זיי ניט דאַרפן אָנקומען צו אַזאַ מין הילף.

נה׳ דיא מורדים האבן זיך ווייטר גירישט[259],
וויא איר דֶר נאך ווערט הערן;
זיא טעטן אלז וואש זיא גילושט׳
עש דארפט[260] זיא נימַנט ווערן׳
זיא גינגן אויף דאש בית הקברות׳
אזוֹ בַלד אז מיר זיך אוועק האבן טאן ווענדן;
דארט צו ריסן[261] זיא פיל ספר תּורות
אונ׳ טעטן ניקש אנדֶרש׳ דען[262] לעסטֶרן אונ׳ שענדן׳

נו׳ איין בכור שור[263] ווער אויף דעם קברות׳
האט זיך לַנג צייט דרויף דער הַלטן;
זיא טעטן אים אן גרושי צרות׳
מיט אירים שווערט טעטן זיא אים שפאלטן׳
זיין פלייש זיא איינם ווירט[264] גאבן׳
דש ער זאלט דראן גידענקן:
ווֶעלכר דער קעם[265] אונ׳ וואלט ווין האבן׳
זאלט מן אים איין שטיק פלייש דער פון שענקן׳

נז׳ דש קברות וואלטן זיא ניט ליידן מער —
איין קעגיל פלאץ[266] דעש[267] צו גֶניסן׳
אַך צו בויאַן איין שיצן הויז[268] דא הער׳
נאך דער שייבן[269] דא צו שיסן׳
אונזֶר הייזֶר האטן זיא מיט קרייד גישמיצט[270]
אונ׳ מיט גורל זאלטן זיא אויש ווערדן גיגעבן;
אונ׳ דש טַנץ הויז[271]׳ דש מיר לַנג האבן גיניצט׳
דארויף וואלטן זיא צעכן[272] אונ׳ וואול לעבן׳

נח׳ אין אונזר בֵית הַכְּנֶסֶת[273]׳
די הייליג אונ׳ ריין׳
פיל הדיוטות[274] האבן זיא דינן טון טרייבן;

---

[259] געגרייט זיך. [260] דאַרפן — טאָרן; קיינער האָט ניט געטאָרט. [261] אימפּערפעקטום: האָבן זיי צעריסן. [262] ווי. [263] אַן אָקס, וואָס מען טאָר אים ע״פ דין ניט טייטן; ביז וואַנען ער שטאַרבט, לאָזט מען אים פּאַשען זיך אויפן בית-עלמין (היינט זעהט מען אין די יידישע שטעטלעך ציגנבעק, וואָס האָדעווען זיך אויף בית-עלמין). [264] א שענקער. [265] ווען ווער עס איז וועט קומען . . . [266] א פלאַץ פאַר קעגל-שפּיל. [267] דעש (דעס) — געניטיוו; היינט זאָגן מיר: פון דעם, דערפון. [268] שיצן-הויז = שיס-הויז. [269] «די שייב» = א ראָד, וואוהין מען צילט ביים שיסן. [270] באַצייכענען, באַשמירן. [271] יידן האבן ניט נאָר אין פראַנקפורט, נאָר אין א סך אַנדערע ערטער אויך, געהאַט טאַנץ-הייזער, וואו די יוגנד פלעגט זיך משמח זיין מיט שפּיל און טאַנץ. שודט דערציילט (II, בוך VI, קאַפּ. 25, § 8), אַז אין אויגסבורג האָט מען יידן געגעבן דאָס רעכט צו בויען א טאַנץ-הויז שוין אין 1290טן יאָהר. ליטעראַטור וועגן דעם זעה ביי Güdemann, Geschichte der Cultur u. d. Erziehungswesens bei den abendländ. Juden, III, ז. 139 אָנמ. 1. [272] הוליען. [273] שול. [274] נבלות.

בייא דעם ארון הקודש בייא דעם
זעלביגן שטיין
ווארן זיא מְזַבל[275], דש מן ניט קונט
בלייבן.
בלעטר פון סִפרי קודש נאמן זיא דא
זעלבן[276]
אונ׳ טעטן עש דרויף שטרייאַן;
דש טעטן זיא אזו גרושׂ אז[277] דש
גיוועלב׳
מן קאנש[278] ניט אלז שרייבן אדר
לייאֶן[279].

נט. נאך איינש הטן זיא זיך
בידאכט:
צו דען שררות אום אונז ארום טעטן
זיא ציהֶן׳
הטן ליגן גיטרַכט אונ׳ פאר גי־
בראכט[280]׳
דש זיך קיין שְׂרָרה מיט אונז זאלט
בַמיהֶן׳
דש אונז קיין שְׂרָרה אין נעמן[281] זאלט׳
ד׳ש זיא אונז וויט וואלטן פַר
יאגן.
אָבֶר הש״י עשׂ ניט האבן וואלט[282]׳
גאב אונז לייט זעליקייט[283] אין
אירן[284] אויגן.

ס. אלז וואשׂ מיר טעטן אן זיא[285]
ביגערן׳
אן דיא (פירשטן)[286] אונ׳ אך הערן׳
אונזר גיבעט טעטן זיא גיווערן[287]
אונ׳ ניט לער ווידר קערן[288].
מיט אלר גרושׂר דעמוטיקייט[289]
האבן זיא אונז אלז גוטשׂ פַר גאָלטן[290];
צו אלר ביגערונג זיין זיא אונז גי־
ווענט בירייט׳
מיר טעטן וואונֶן׳ וואו מיר וואָלטן[291].

סא. עשׂ זאל אונז ניט קומן אויש
אונזֶרם זין׳
דש זיא אונז צו איגֶן[292] האבן טון
גינעהֶן[293].
מיט פריד זאלן זיא וואנדֶרן אויש
אונ׳ אין[294]׳
קיין לייד זאל איגֶן גישעהֶן!
וואו זיא זיך הין קערן׳ זאלן זיא
ביגליקן׳
אונ׳ אירי לעבן זאלן זיך אֶר
לענגן[295];

---

[275] מזבל זיין — פאַרשמוצן. [276] דאָרט גופא. [277] אזו גרושׂ אז . . . — אַזוי גרויס ווי דאָס געוועלב איז; איבער דער גאַנצער גרייס פון געוועלב. [278] קאָן עס. [279] = לייענען.
[280] פאָרברענגען — דערציילן. [261] איננעמען = אַרייַננעמען. [282] האָט עס ניט געוואָלט האָבן.
[283] חסד. [284] זייערע. [285] פון זיי. [286] דאָס וואָרט «פירשטן» שטייט אין האלבע לבנות — מסתמא פון גרויס יראת־הכבוד וועגן, פונקט ווי אין א סך ווערק פון אונזער עלטערער ליטעראטור זייַנען אַלע העברעאישע ווערטער אַוועקגעשטעלט אין האַלבע לבנות. אַמאָל שטעלט מען אויך האַלבע לבנות, כדי סתם אונטערצושטרייכן א וויכטיג וואָרט (זעה סטראָפע סו׳, סט׳). [287] ערפילן.
[288] ווידר קערן — אומקערן; זיי האָבן אונז ניט אָפּגעשיקט צוריק «לער», ד״ה מיט גאָרנישט.
[289] דאָס רוב הייסט דאָס «ענַיוות»; דאָ: גוטסקייַט, ווייכקייַט. [290] באַצאָלן (ניט דווקא געלט), אָפּדינען. [291] האָבן געוואָלט. [292] זיי; דאָ: צו זיך. [293] דערנעהנטערן. [294] = אייַן.
[295] = פאַרלענגערן.

אירי פיינד זאלן זיך קיגן אינן בוקן׳
אונ׳ אירי צייט מיט פרייד פולי
ברינגן[296] !

סב׳ דיזי זכן דיא זיין אל פאָר
קומן
פר דען (קיסר יר״ה) [297] אונזרם הערן
דען ליבן:
וויא דיא מורדים דש אונזר[298] האבן
גינומן
אונ׳ מיט לידיגר הנט אונז האבן פר
טריבן ;
דער גרויש מוט וויל אונ׳ דער פר
לוסט׳
אונ׳ אלז׳ וואש זיא האבן טון
שטיפטן[299]׳
אונ׳ אלז וואש זיא האבן גיטאן
זונשט[300]׳
איז ניקש בליבן[301] שטין אין ליפטן[302]׳

סג׳ אלי זכן זיין ווארדן אן
גיהערט
לפני[303] הקיסר יר״ה דער שטארק
אונ׳ מעכטיג ;
דען אמת האט ער אויש דעם שקר
אר קלערט[304]
אונ׳ וויא[305] האבן גיהנדלט זא גאר
איבר ברעכטיג[306]׳
בריף מיט גינאָד זיין ווארן צו גי־
שטעלט
דען קומסריא צו אייגני הענדן:
זאלן אונז ווידר זעצן אין אונזר
גיצעלט
אונ׳ איין אורטל איבר דיא מורדים
ענדן[307]׳

סד׳ דיא קומסריא האבן די זכן
גינומן פאר דיא הנט
אונ׳ דען מורדים טון צו שיקן[308]׳
זיא זאלן זיך היטן פר שפאָט אונ׳
שנד׳
זאלן אָב שטין פון אירן ביזי שטיקן׳
צום אופטרן מולט[309] אין אזו אן
גיצייגט[310]׳
קיין שליחות האט זיא טון דויארן[311] ;
דיא מורדים אָבר אירי אורן[312] ניט
האבן גינייגט׳

---

[296] פולי ברינגן = vollbringen — ענדיגן.

[297] יר״ה = ירום הודו, דערהויבן זאָל ווערן זײַן מאַיעסטעט.

[298] דאָס וואָס עס איז אונזערס; אונזער אייגנס.

[299] אָנמאַכן.

[300] צו־לייענען: «זוסט» — צום גראַם פון «פאַרלוסט». — א ראיה, ווי שטאַרק דער שרײַבער איז געווען אונטער דער השפעה פון דער דײַטשער אָרטאָגראַפיע. די אויסשפּראַך איז שוין דאַן געווו״ס געווען «זוסט» (דערפון אונזער הײַנטיגע פאָרם «זיסט», פגל. אומזיסט).

[301] = געבליבן.

[302] = אין דער לופטן.

[303] פאַר.

[304] ערקלערן — קלאָר מאַכן.

[305] דאָ פעלט «זיי», ד״ה די מורדים.

[306] «בראַכט» — געשריי, געפילדער, ליאַרעם; איבערברעכטיג — מיט א גוואַלדיגן טומל.

[307] פּסק׳ענען.

[308] שיקן אַן אָנזאָג.

[309] מולט = מאָל. א «ט» צוגעקומען, ווי אין אָנ׳עט, אָפּ׳עט א. ד. ג.; צום אָפּטערן מאָל — א סך מאָל, כמה מאָלו

[310] אנצייגן — געבן צו וויסן.

[311] דויערן — פאַרדריסן; זיי האָבן ניט געשפּאָרט, ניט געזשאַלעוועט...

[312] = אויערן.

האבן זיך פַר לאָזן אויף אירי שטַרקי מויאֶרן·

סה· דיא קומַסריא מיט אירם דעמוטיגן מוט

האבן דיא זַכן לַנצום[313] לוזן שלייכן[314]
זיא העטן עש גערן גיזעהן גוט·
דש זיא עש אין דער גוטי[315] העטן קענֶן פַר גלייכן[316]·
אבר דיא מורדים דעש גלייכן[317] האבן ניט גיטאן·
האבן ניקש אויף אירי[318] רײַד געבן[319];
דארום האבן זיא אנטפַנגן[320] אירן לון·
עש מוכטן[321] לייכט אירי איין טייל נאך לעבן·

סו· דיא קומסריא האבן פַר צאָרן גיברענט

אונ׳ האבן אירי פקידים[322] טאן גיביטן[323]:
«זא איין (פַרנקבורטר)[324] קומט אין אייערי הענט·
זאלט איר אין פַר וואכן[325] אונ׳ היטן;
זא איין פַרנקבורטר טרעט אויף אונזר ערד·
זאלט איר אין איין שליסן:
אונזר אורטל האבן זיא פַר שטערט
אונ׳ דעם קיֵסרש מאַנדאַטן ווען[326]
זיא ניט ווישן·»

סז· דיזר ביפעלך האט גאר וואול גיבָט[327]·

פיל סוחרים האט מן טאן ווענדן
אין גערלסום[328] דער פירשטן שטאט
אונ׳ אך פיל אן אנדֶרן ענדן[329]·
פיל מענשן זיין ווארדן גיפאנגֶן
אן אלי אורטן, אויף אלי שטרוסן[330];
קיינר דער דא זיכֶר איז גַנגֶן,
נימַנט האט מן פרייא גילוסן·

סח· אין פַרנקפורט הטן זיא זיך אֶר וועקט,

דיא אויש דֶר ווי‌ֶלטן אונ׳ דיא בעשטֶן:
«וואש זאלן מיר איֵביג זיין אזו פַר שטעקט[331],
צו בלייבן אין אונזרן נעשטן?
דען קומַסריא וועלן מיר געבן גיהער[332],
דאש[333] קיסרש רײַד מיר ניט וועלן פַר שוועכן —

---

[313] = לאַנגזאַם· [314] גיין שטילערהייט· [315] = מיט גוטן· [316] פאַרגלייכן = אויסגלייכן, מאַכן א פשרה· [317] = דאָסגלייכן; אַזוי· [318] זייערע· [319] גאָרנישט געבן אויף די רייד — ניט געקוקט אויף די רייד· [320] באַקומען· [321] ס׳האָבן געקאָנט· [322] באַאַמטע· [323] באַפעלן· [324] וועגן די האַלבע לבנות אויבן (אָנמערקונג צו סטראָפע ס׳)· [325] «פאַרוואַכן» אין עלטערן דײַטש און יידיש: האַלטן אונטער א שמירה· [326] ווילן· [327] אין העברעאישן טעקסט שטייט: «עשה רושם»; «געבויט»? אדער אפשר פון boten — אָנזאָגן, באַקאַנט מאַכן? [328] Gerolsheim· [329] דאָ: ערטער· [330] = Strassen; גאַסן· [331] באַהאַלטן, פאַררוקט· [332] געבן געהער — צוהערן זיך צו עמיצן· [333] אייגנטליך «דעס» (היינט: דעם קיסר׳ס)· דאָס וואָס דער מחבר (אָדער זעצער?) פלאָנטערט «דעס» מיט «דאָס», איז א סימן, אַז די פאָרם «דעס» איז שוין אין יענער צײַט אויך ניט געווען מער אין דער לעבעדיגער שפּראַך·

עש מעכט[334] אונז צו לעטץ[335] ווערדן
צו שווער׳
אן אונז אלן מוכט מן עש העכן[336]׳»

סט׳ דיזי ריִד האטן מאכט אונ׳
קראפט:
(וינץ האַנז) טעט מן הין פירן׳
זייני גיזעלן הילט[337] מן אך אין
האַפט[338]
אונ׳ וואו מן איין אויף רירֶר[339] טעט
שפירן׳
אונ׳ דא דיא קומַסריא האטן ווידֶר
דיא איבר הַנט׳
ביקאמֶן מיר ווידֶר גוטן ווילה[340]؛
מיר מוכטן[341] וואוֹנֶן הוישן[342] אויף
דעם לַנד[343]
אדר ווידר ציהן אין דיא קהילה׳

ע׳ מיר ווארפן גורל אונטר
אונז אלן׳
ווער דיא קהילה צום ערשטן זאלט
ביוואוֹנֶן׳
אויף פערציג בעלי בתים וואר עש
גיפאלן؛
קייִנֶן טעט מן דארונטֶר פַר שונן׳
אין אֶלול שע״ה זיא איין צוֹגן؛
זיא צוֹגן איין אין אייטל[344] מורא:

זיא טעטן עש נאך ניט גערן וואָגן׳
ווייל דיא מורדים נאך ניט ווערן צו
כַפָרה׳

עא׳ אין כסליו שע״ה האט מן
דיא מורדים גיפירט
קען[345] הִיכשט׳ אך קען ריסלסום[346]׳
ביז קען אדר שע״ו האט מן זיא ניט
גישפירט׳
אזו לַנג זיין זיא גיוועזט תפוסים[347]׳
י״ח אדר איז קען פרַנקפורט קומן
איין משולח פון דען שָׂרים׳
האט אויש גירופן מיט פּפייפן אונ׳
טרומן[348]
אלז[349] איך דער ציִלן וויל דיא דבָרים׳

עב׳ אין אלן גאסן האט ער זיך
גישטעלט׳
מיט הוכֶר שטים טעט ער אויש רופן:
זא[350] דער קיסר אייך ניט גינאד
טון וועלט[351]׳
אלי אייער לייב ווער שולדיג[352] צו
שטראפן׳
אן נעשטן[353] מיט וואוֹך ווערט אייער
הוֹך מוט[354] פַר גיִן:
איין אורטל ווערט אייך ווערדן
גיגעבן׳

334 אַניט קאָן אונז... 335 צום סוף׳ 336 רעכן — נקמה נעמען; פשט: מיט אונז אַלעמען קאָן מען זיך דערפאַר אָפּרעכענען׳ 337 אימפּערפעקטום: האָט מען געהאַלטן׳ 338 אַרעסט׳ 339 מורד׳ 340 = ווילן (אָפּפאַל פון n- איז א פראַנקפורטער אייגנטימליכקייט); פשט: האָט מען פונדאָסנייַ אָנגעהויבן גוט באַציען זיך צו אונז׳ 341 מיר האָבן געמעגט׳ 342 = אויסן, דרויסן׳ 343 אויפן ישוב, הינטער דער שטאָט׳ 344 הוילע; אין הוילע שרעק׳ 345 קיין׳ 346 Rüsselsheim׳ 347 אַרעסטירטע׳ 348 = טרומייטן׳ 349 ווי׳ 350 אויב, ווען׳ 351 פשט: ווען דער קיסר זאָל ניט וועלן... 352 פשט: וואָלט איר פאַרדינט, מען זאָל אייַך אַלעמען באַשטראָפן׳ 353 = nächsten; קומענדיגן׳ 354 גאווה׳

וועלכֶר שטערבן מוז אונ׳ ווערט ניט
בַשטַיְין׳
אוֹדֶר וועלכֶר ווערט בלייבן לעבן׳

עג׳ דער מְשוּלָח רופט אך מיט
הוכֶר שטים:
עש זאל אך קיינֶר קיין וויין טרינקן׳
ביז דער נעשט מיט וואוך איז ארום;
פון דיזֶם גיבאָט זאלט איר ניט
ווינקן[355]׳
אך קיין ווירט זאל קיין וויין צַפּין׳
נייאֶרט איינֶם[356] אלטן אוֹדר קרַנקן
מיט קיינם ווער[357] זאל זיך קיינֶר
לוֹזן אֶר טאַפּן[358]
עש ברעכט[359] זונשט איין בַיְזן גי־
דאַנקן׳

עד׳ קיין פרויא אוֹדֶר קנעכט
זאל ניט גַיְן אויש דעם הויז׳
טעט ער אויך אויש רופן׳
ביז דער מיט וואוך איז גאנץ אויש;
אוֹדר מן ווערט אין[360] צימליך[361]
שטראָפן׳
פפייפן אונ׳ פויקן פאר דען משולח
גינגן׳
אִידר מאן שוויג גאר שטילן[362];

מיט גרושֶר פּאָרכט זיא זיין ידֶר
אנטפינגֶן[363];
אִידר מאן אן די פענשטֶר פילן[364]׳

עה׳ צו מאָרגנש׳ אם דינשטָג
גלייך דער נאך׳
אלי צימר לייט[365] טעטן זיא ריכטן:
צו דער ערבייט[366] וואר אין גאך[367]׳
דער קוֹמְסריא גיבאָט ניט צו פַר
ניכטן׳
איין גרוש גישטעל ריכטֶטן זיא אויף׳
אויף דען ראָש[368] מַרק טעטן זיא
עש שטעלן;
זעקש שטאַפֶּלְן מוזט מן גַיְן אנויף;
אויףביידי זייטן האט עש שטאַפּלן
אונ׳ שוועלן׳

עו׳ אויף דש גישטעל האָבן[369]
זיא מיט אירֶר הַנד׳
וויא איין טיש אויף פיר פיסן׳
דארויף אן צו ריכטן[370] זינד אונ׳ שאַנד
דיא פינגֶר פון דען׳ דיא דא מוזן
ביסן[371]׳
אך דש דער תליון דארויף לַיְגן
זעלט[372]
זיין שווערט אונ׳ אנדֶרי זאכן;

---

[355] זיך אָפּקערן׳ [336] סַייַדן פאַר אן... [357] = געוועער׳ [358] ertappen — כאַפּן׳
[359] פשט: אַניט וואָלט דאָס געקאָנט ארויפברענגען אויף א בייזן געדאַנק׳ [360] = אים׳
[361] ווי ס׳געהער צו זיין׳ [362] = שטיל׳ [363] אימפּערפעקטום פון «אַנטפּאַנגען» — צונעמען׳
[364] אימפּערפעקטום: זײַנען צוגעפאַלן׳ [365] בוימײַסטער׳ [366] = ארבעט׳ [367] = גיך
(אויסשפּראַך מסתמא gåch)׳ [368] ראָס — פערד׳ [369] אימפּערפעקטום פון «הייבן»:
האָבן זיי געהויבן׳ [370] אנריכטן — צוגרייטן; דאָ: אנטון (שאַנד)׳ [371] נה״ד büssen:
באַקומען די שטראָף׳ [372] = זאָל׳

דיא קומסריא האטן עס אך אזו גי־
שטעלט׳
דש מן דש אלז זאלט פאָר[373] מַכן[374]׃

עז׃ פיר אדלר טעט מן דא גינעהן׳
וואורדן אן גישלאגן אויף פיר זײַלן;
דורך דען אויברשטן[375] שוטר[376] וואר
עש גישעהן;
דיא עש זאַכן[377] דיא מוזטן היילן[378]׃
איין קליין גישטעל נאך אלֶר גימעס[379]
אן דען ראָס צאָל[380] טעטן זיא עש
מאכן;
צו דען הערן זאלט דש זיין איין
גיזעש[381]׳
דש זיא דא פַר ריכטֶטן[382] אירי זַכן׃

עח׃ דיא קוֹמסַריא הטן אונזֶרן
(פַרנָסים)[383] צו פאָר גיזייאט[384]׃
אויף דיזן טאג זייט פַר הַנדן[385];
זאלן קומן אלי יודין דיא דא זיין פאַר
שפרייאט׳
דיא דא זיין הין גיצוגן אין אלי
לַנדן׃

זיא זאלן קומן פַר דיא פוקנהיימֶר
פפאָרט׳
אונ׳ קייגֶר זאל עש פַר לאסן[386];
זא וועלן מיר אייך הולן[387] דארט
אונ׳ איין זעצן אין אייערי גאסן׃

עט׃ דא נון דער מיטוואך קאם
דא הער׳
דא מן לַנג דער פון האט הערן זאגן׳
קאם איין גרוש פאלק מיט גרושֶר עהר׳
רייטֶר׳ אונ׳ פוס קנעכט׳ אונ׳ הער
וואגן[388];
פַנצֶר אונ׳ הארניש[389]׳ שפיס אונ׳
שווערט׳
אך טרומעטן׳ פויקן אונ׳ פפייפן;
דש פאלק אַלז זיך נאך פרַנקבורט
קערט׳
אז ווען זיא עפיש וועלטן[390] אן
גרייפן[391]׃

פ׃ צום ערשטן דעש קואר
פירשטן[392] פאלק מיט גַנצֶר
קראפט׳
רייטֶר׳ פוס קנעכט מיט לַנגן שפיסן׳

[373] אפריער׃ [374] «פאר מכן» — צוגרייטן אפריער׃ [375] דער «וי» באצייכנט דאָ פשוט
אַן e׳ וואָס שטאַמט פונם עלטערן ö (öberster)׃ אָט די פאָרם מיטן ö גיט אונז צו פאַרשטיין׳
פון וואַנען עס נעמט זיך אונזער איצטיגע אויסשפּראַך «אייבערשטער» (ליטוו׃ ej׳ פויל׃ aj)׃
[376] אויפן הײַנטיקן לשון: פּאָליציאַנט׃ [377] אימפּערפעקטום פון «זעהן»: דיא וואָס האָבן
דאָס געזעהן׃ [378] שרײַען׳ וויינען אויף א קול׃ [379] אינגאַנצן לויט דער מאָס׳ ווי
ס׳געהער צו זײַן׃ [380] ראָס־צאָל: אין דעם אָרט׳ וואו מען נעמט צאָל (מֶכֶס) פון די
פערד׃ [381] אַן אָרט צום זיצן׃ [382] פאַרריכטן — אָפּטון׃ אין העברעאישן טעקסט שטייט
אָנשטאָט דעם: «שלא יהיו נדחקים ונדרסים» — «כדי מען זאָל זיי ניט שטופּן און טרעטן»׃
[383] פּאָרשטייער פון דער קהילה׃ [384] = געזאָגט׃ [385] = פאַראַן׃ [386] פאַרזאַמען׃ [387] אָפּנעמען.
[388] הער (מה״ד her׳ נה״ד Heer) — חיל; הערוואָגן — רײַטוואָגן׃ [389] א מין שוץ׃ [390] גלייך ווי
זיי וואָלטן געוואָלט׃׃׃ [391] אָנפאַלן׃ [392] «דער קורפירשט» — דער אַרציביסקופּ
פון מאַינץ׃

מיט גרויסֶר מאכט, מיט גרושֶר הער־
שאפט;
אך טאָפיל הוקן[393], שויצן[394] מיט צו
שיסן.
צור גאלגן[395] פפארט טעטן זיא הינײַן
דרינגֶן,
מיט גרושֶם שטורֶם טעטן זיא רעגֶן[396];
דיא טרומן אונ' פפייפן טעטן קלינגן,
איר פעלד צייכן[397] טעט מן בֶלד
קעגֶן.

פא. אֵיֶּ[398] דיזֶש פאלק האט איין
ענד,
קאם דעשׂ פירשטן פון דארמשטֶטֶ
פאלק גיריטן:
איין וואול גירישט פאלק אונ' גאר
ביהענד[399],
אלז וויא דא איז דֶשׂ קריגשׂ פאלק
זיטן.
דורך דיא פוקנהיימֶר פפארט
שפרענגטן[400] זיא אניין,
גאר הערליך אונ' וואול גיצירט;
טרומן אונ' פפייפן קלונגן[401] אך
דאריין
איר הויבט מַן[402] האט זיא אזו גיפירט.

פב. זיא האטן מיט זיך גיבראכט,
דער דוכּסים[403] גיזינד[404],
אין אייזערן קעטן[405] אן גישלאסן
איין טייל פון דיא תּפוסים דיא ווילדי
קינד[406],
דיא זיא אין אירם לַנד האטן איין
זעצן[407] לוסן.
זיא שפרענגטן אין דיא גאסן, אויף
די מערק,
אונ' אויף אלי דיא פעשטן[408];
זיא נאמן זיא איין מיט גרושר שטערק
אונ' זעצן דארויף שומרים דיא
בעשטן.

פג. מיר זאמלטן זיך צו אַנַדֶר
גאר גישווינד
פאר דער בוקנומר פפארטן[409];

---

[393] הוקן (hokn) איז אייגנטליך געשיכטליך ריכטיקער, איידער אונזער היינטיקע פאָרם «האַקן», מחמת אין מה״ד הייסט דאָס וואָרט «hâke», און א לאַנגער a גיט אין יידיש כּסדר אַן o. אפּנים, עס איז נאָך געווען אין מה״ד א דיאַלעקטישע בײַפאָרם מיט א קורצן a. — טאָפּל־האַקן — א מין שיס־געווער. [394] שויצן Schützen (וי = ü) = שיסער. [395] גאַלגן — תּליה; Galgentor — איינער פון די טויערן פון פראַנקפורט. [396] לויפן; פאָרן רײַטנדיק. [397] פעלדצייכן — פאָנע. [398] = איידער. [399] פלינק. [400] אויף גיך אַרײַנפאָרן רײַטנדיק. [401] אימפּערפ.: האָבן געקלונגען. [402] הויפּטמאַן — אָנפירער. [403] דוכּס (א וואָרט, וואָס באַגעגנט זיך אָפט אין דער עלטערער יידישער ליטעראַטור): פירשט, הערצאָג (פון לאַט. dux). [404] «געזינד» באַטײַט תּחילת די געפאָלגסלײַט פונם הערשער, זײַן דינערשאַפט, דערנאָך סתם, ווי אויף דעם אָרט אויך: דער חיל. ס'איז דערזעלבער שורש, ווי דאָס דײַטשע senden (שיקן). — דער באַגריף «הויזגעזינד, משפּחה», וואָס מיר געפינען אין סטראָפע פג', איז שוין צוגעקומען דערנאָך. — קאָנסטרוקציע: זיא, דער דוכּסים גיזינד, האטן מיט זיך גיבראכט איין טייל פון דיא תּפוסים, אין... קעטן אן גישלאסן... [405] = קייטן. [406] «קינד» איז אין דער עלטערער שפּראַך סײַ יחיד, סײַ רבים. «די ווילדע קינדער» — אידעלער אויסדרוק, אָנשטאָט: «די פאַרברעכער». [407] אײַנזעצן = אַרײַנזעצן. [408] = באַפעסטיגונגען. [409] Bockenheimer Tor.

איין איקליכֶר[410] מיט זיינם גיזינד[411]׳
וואו מיר זיין גיוועזט פון אלן אורטן׳
אך זונשט אַנדֶרֵי ב״ב[412] מער׳
דיא דא וואונטן אונטֶר אַנדֶרֵי שְרָרות׳
לופן אך מיט אונש קען פרַנקבורט
הער׳
דש זיא קענן זאגן דער פון לדורי
דורות[413]׳

פד׳ אם מיט וואוך׳ אי עש הוב
אן צו טאגן׳
דרייא פעלד געשיץ[414] טעט מן פירן
אויף דעם ראס מַרק אויף דרייא
וואגן׳
דא עש טאג ווארְ׳ טעט מן זיא[415]
שפירן[416]׳
אֵי דש פאלק קאם צו רייטן׳
ווארן דיזֵי זאכן אלז פאר אן גי־
שטעלט[417]׳
דאש מוזט[418] אלז גישעהן ביצייטן
דש ניט אידֶר מַן[419] דער פון ווישן
זעלט[420]׳

פה׳ דיא תליונים זוימטן זיך
אך ניט;
עש ווארן אירֶר זעקש אודר זיבן;
אירי כלי משחית[421] בראכטן זיא מיט׳
אזו וַורדן זיא ווארדן בישריבן[422]׳
אויף דש גישטעל טראטן זיא מיט איין
אונ׳ דורטן טעטן זיא ווארטן;
אירי שווערטֶר מאכטן זיא היפש אונ׳
ריין
דש זיא ניט האטן שאַרטן[423]׳

פו׳ פום[424] ראס צאל לייאט[425]
מן איקליכם זיין בישייד[426]׳
איקליכם מוֹרֵד ביזונדֶר מיט זיינֶם
נאָמֶן;
עש ווארְ אים ליב אדר לייד —
דער נאך דיא תליונים אין ביקומן׳
צום ערשטן האט מן דא הער גי־
בראכט
(וינץ האנז)׳ פַר פירֶר דער לייטן[427];
זיין אורטל וואורד[428] צום טוט גי־
דאכט׳
אז איך אייך ווייטֶר וויל ביטייטן[429]׳

פז׳ דיא תליונים קאמן מיט אים
גירענט[430];
אויף דש גישטעל דא מוזט ער בלייבן׳
דא הויאטן[431] זיא אים צווײַן[432] פינגֶר
פון דער רעכטֵי הַנט
אונ׳ דער נאך זיין קאָפְּא[433] פון זיינֶם
לײַבן[434]׳

[410] איטליכער׳ [411] משפחה׳ [412] בעלי־בתים (באַלעבאַטים)׳ [413] אויף אייביגע צייטן׳ [414] האַרמאַטן׳ [415] די האַרמאַטן׳ [416] = דערשפירן׳ באַמערקן׳ דערזעהן׳ [417] איז אַלצדינג געווען אָנגעגרייט פון פריער׳ [418] אימפערפעקטום; = האָט געמוזט׳ [419] יעדער איינער׳ [420] = זאָל׳ [421] פאַרניכטונגס־געצייַג׳ [422] אַזוי ווי זיי זייַנען באַשריבן געוואָרן (אויבן׳ סטראָפע ע׳)׳ [423] Scharte — א פגם׳ [424] = פון דעם׳ פונם׳ [425] = לייענט׳ [426] פסק [427] געניטיוו; = פון די לייַט׳ [428] איז געוואָרן׳ [429] געבן צו פאַרשטיין׳ דערציילן׳ [430] געלאָפן׳ [431] הויען — האַקן׳ [432] = צוויי׳ [433] שטומער א׳ [434] פון זייַן לייַב׳

זיין גידערם אונטר דען גַלגן זיא
טעטן ביגראבן׳
דען לייב טעט מן נאך איין וויל
ביהַלטן·
אזו זול עשׁ גיֵן אלי מוט ווילִיגי
קנאבן[435]׳
דיא דא וועלן הערשן מיט גיוואַלטן·

פח· זיין קוירפֶּר[436] האט מן גי־
טאן אַוּויל אויף איין זייט׳
ביז אלי אורטל ווארדן גיהַלטן;
דער נאך נאם מן זיין פלייש׳ דא עס
וואר צייט:
צו פיר טייל ווארמן אין שפאַלטן[437]׳
אונ׳ הענגט זיא אן פיר שטראסן·
צו איינר גידעכטניש דא העגגן בלייבן׳
דש זיך איין אַנדֶרֶר זאל דראן שטוֹסן[438]
אונ׳ זאל ניט זא גרושי מוט וויל
טרייבן·

פט· זיין הויז טעטן זיא צו דער
ערדן פעלן[439]׳
צו אֵיבִיגֶר צייט זאל ניט גיבויט
ווערדן;
איין שטייגֶן זיַל אן דיא שטאָט[440]
צו שטעלן׳
דארויף צו שרייבן אַל זיינֵי גיבערדן[441]·
דיא אַנדֶרֶי דרייא מיט נאמֶן גינענט[442]:
קונרַט שאָפָּא׳ שוואבן יורג׳ גערן
הַנז גרושׁ;
מן היב[443] אין אב דיא פינגֶר פון דען
הענט׳
דער נאך לֵיגט מן אינֶן[444] דען קאָפָּא
אין דען שוס[445]·

צ· דש אורטל האט מן טאן אויש
שפרעכן׳
דש מן דיזי פיר הייפּטֶר[446] זאל נעמן·
אויף איינֶן הוֹכן טוֹרן[447] זאל מן זיא
שטעכן׳
דש זיא ניט אראבֶּר[448] קעמן[449]·
אויף דען בריקן טוֹרן ווארדן זיא
גישטעקט׳
דיא הייפּטֶר פון אלי פירן;
אירֶר בוזהייט[450] ווערט ניט אויש גי־
מעקט׳
אזוֹ לאנג אז מן דיא הייפּטר טוט
שפירן[451]·

צא· מן ברוֹכט[452] נאך אך
אַנדֶרֶי דרייא׳
איר נאמן דיא וויל איך נעֶנן[453]

---

[435] «מוטווילִיגע קנאבן» (Knabe) הייסט אייגנטליך «יינגל»׳ ווי אויבן, סטראָפע פב׳, «ווילדי קינד»· [436] וי = ö, ארויסצורײדן ווי e (זעה אויבן, סטראָפע עז׳, די אָנמערקונג צו «אויבערשטער»)· [437] האָט מען אים געשפּאָלטן· [438] «שטוסן» (שטויסן) זיך אָן עפּעס — נעמען עפּעס אין אַכט; פגל· אונזער «אָנשטויסן זיך»· [439] פעלן — מאַכן פאַלן· [440] אויף דעם אָרט· [441] אויפפירונג· [442] אָנגערופן· [443] אימפּערפעקטום פון «הויען» — האַקן; מען האָט זיי אָפּגעהאַקט· [444] זיי· [445] = שויס· [446] הויפּט — קאָפּ· [447] = טורעם· [448] = אַראָפּ (פונקט ווי מען זאָגט היינט: «אראָפּ׳עט»)· [449] זיי זאָלן ניט קומען · · · [450] = בייזקייט; רשעות· [451] ווי אין סטראָפע פד׳: זעהן· [452] אימפּערפעקטום: מען האָט געבראַכט· [453] אָנרופן·

אדלוף[454] קאַנטור, הערמן גייז ווארן
אך ניט פרייא[455],
שטעפן וואלף טוט מן אך וואול קענן.
דיא הייפטר פום לייב טעט מן אב
שלאגן,
דיא קערפר פילן צו דער ערדן;
דער זולכיש האט גיזעהן מיט אויגן
זעלט ביליך[456] פרום ווערדן.

צב. עטליכי האבן אירן לון אך
אַנטפנגן:
אירר ניין האט מן טאן אויז פיצן[457],
וויל זיא דיא שטאט זיין אזו הינטר
גנגן[458].
האבן צו גיהלטן[459] מיט דען און
ניצן[460].
מן האט דיא שטאט פר וויזן[461] אירר
עכט[462].
דער שוטר האט זיא אנויש טאן פירן:
זיא האבן גיהנדלט גיהט אך ווידר
רעכט[463],

דארום איז איר[464] ער[465] גיוועזט פר
דען טירן[466].

צג. מיר האבן גיווארט פר דער
בוקנומר פפארט,
ביז דש ווערק אלז איז גיוועזט גי־
שעהן;
דא איזט איינר קומן[467] צו רייטן
דארט,
וויא איין הויפט מן האט ער גיזעהן[468].
צו אונז קומן[469] אונ׳ ווידר[470] אונז
גיזייאט[471],
דש מיר אונ׳ דיא גנץ יודיש הייטן[472]
פר דער גלגן פפארט זולן זייז בי־
רייט;
פון דנן וועלן זיא אונז אין דיא גאסן[473]
גלייטן[474].

צד. פאר דיא גלגן פפארט האבן
מיר זיך טאן שלייפן[475].
דער הויפט מן איז ווידר[476] צו אונז
קומן

[454] אַדאָלף. [455] ד״ה פריי פון שולד. [456] מיר קענען איצט נאָר דעם קאָמפּאַראַטיוו פון אָט דעם בייוואָרט: «בילכער». «בילּיך» הייסט «פּאַסיג», און דערפון נעמט זיך דער ניַיער פשט פונם וואָרט «בילּיג» — פּאַסיג לויטן פּרייַז. די עלטערע יידישע ליטעראַטור קאָן פאַר אָט דעם באַגריף «ביט־טייַער» נאָר דאָס וואָרט «וואָלוול». [457] שלאָגן מיט ריטער, שמייַסן (אייגנטליך: קנייַפּן, צופּן). [458] הינטערגיין — אָנפאַלן אויף עמיצן; אָפּנאַרן. [459] צוהאַלטן — מאַכן חברותא, גיין צוזאַמען מיט עמיצן. [460] «די אונגוציגע» — די רשעים; פגל. אויבן, סטראָפע ט׳: «און ניצי וואָרט». [461] פאַרווייזן — פאַרטרייבן. [462] = אַכט. [463] קעגן דעם געזעץ. [464] = זייער. [465] = ערע. [466] פשט: דערפאַר האָט מען זיי געבעטן מחילה אין דרויסן אַרויס. [467] = געקומען. [468] אויסגעזעהן. [469] = געקומען. [470] צו. [471] = געזאָגט. [472] «הייט» איז תחילת געווען א זעלבשטענדיג וואָרט און האט באַטייַט «פּערזאָן»; «דיא גנץ יודיש הייטן» הייסט דעריבער אַזוי פיל, ווי «אַלע פּערזאָנען, וואָס זייַנען יידן», ד״ה אַלע יידן. — שפּעטער האָט דאָס וואָרט «הייט» (אָדער «קייט»), דערהויפּט אין צוזאַמענזעצונגען, באַקומען די באַדייַטונג: באַשאַף, וועזן, שטייגער. דער אויסדרוק «יידישהייט» אין זינען פון «יידנטום», «יידישע קהילה» איז א גאַנץ געוויינטליכער אין מיטלהויכדייַטש און באַגעגנט זיך אויך אין אָפּי־ציעלע דאָקומענטן. [473] אין דער גאַס אַריַין. [474] פירן, באַלייטן. [475] «שלייפן» אייגנטליך = שלעפּן; דאָ: זייַנען מיר אַוועק. [476] פונדאָסנייַ.

מיט טרומן, אונ׳ פויקן, אונ׳ פפייפן,
מיר האבן זיא בלד הערן ברומן;
אך פיל פאלק מיט גרושם פרייז[477],
רייטר אונ׳ פוס פאלק, איין גרושי שארן[478]:
«איר זאלט ניט גין וויא דער יודן וויין[479],
נייארט זעקש אונ׳ זעקש זאלט זיך פארן.»

צה. מיט ערשטן[480] איין גרושר פאלק, אייטל פוס קנעכט,
דיא ביקסן איבר דען אקסלן לאגן,
דער נאך דיא רייטר וואול גירישט רעכט,
ניט שענר גיזעהן ווארדן מיט אגן;
אלז דען[481] דיא אדלר אויף איינן וואגן גילעגן זינד[482],
אונ׳ דער נאך דיא פפייפן אונ׳ טרומן;
אלז דען מיר ארמי דר שראקני קינד
אינן נאך גנגן אונ׳ מיט קומן.

צו. איין רייטר מיט איינר זיל־בערן טרומיט נאך אונז צוך[483],
אונ׳ דער נאך רייטר אונ׳ ריטר פיל זערי[484];
אלז דען פיל פוס פאלק צוג ווידר נאך,
וואל גירישט דיא אלי ווערי[485].
אין אלי גסן, וואו מיר אין קעדרטן,
בליז[486] מן דיא טרומן מיט גנצר גיוואלטי;
אלי דיא בארגר דיא דש הארטן,
דיא העטן גיוועלט, זיא העטן אונז פאר[487] ביהאלטי[488].

צז. בייא דעם גישטעל צוגן מיר דא הער,
דא מן דארויף זיא אלי האט טאן ריכטן;
איין גרוש פאלק שטנד דא אין איר ווער,
דיא דא הטן מוזן זיין בייא דען גישיכטן[489].
מיט איינם פליגנדיגן[490] פאנן[491] וואל איבר דיא צייל[492]
פירט מן אונז צו אונזרי גאסן;
דא קאם איין שרייבר אין איינר אייל
אונ׳ טעט דיא אדלר צו זיך פאסן[493].

477 לויב, פראכט. 478 מחנה. 479 וויין — שטייגער: «איר זאלט ניט גיין אויפן יידישן שטייגער» (האט געזאגט דער הויפטמאן). 480 פריער. 481 אלזדען — דערנאך. 482 = זיינען. 483 אימפערפעקטום: איז געצויגן. 484 זייער פיל. 485 ווערע (דערזעלביגער שורש, ווי «געווער») באטייט: «געווער» (ווי שוין אויבן און אויך אין סטראפע צז׳) און «חיל». «דיא אלי ווערי» — דער גאנצער חיל. 486 אימפערפ.: האט געבלאזן. 487 פריער, לכתחילה. 488 = באהאלטן; איבערגעלאזן ביי זיך. 489 געשיכטע = געשעהעניש. 490 דער מחבר שרייבט אמת יידיש: דער פארטיציפ ענדיגט זיך ביי אים אויף ־יגער און ניט, ווי מאנכע זיינען זיך היינט נוהג צו שרייבן אונטער דער ווירקונג פון דייטש: «פליענדער». 491 «פאן» איז אין דער עלטערער שפראך אפט־מאל לשון זכר. 492 צייל (אייגנטליך: «שורה») — איינע פון די גרעסטע גאסן אין פראנקפורט. 493 נעמען צו זיך.

צח· דרייא אדלר טעט ער אן
העפטן
אין אונזרי גאסן אן דרייא טארן,
מיט שטַרקֵי נעגיל מיט קרעפטן,
איין פרייאֵט[494] צו זיין צו לַנגֵי יארן.
אין דעם קאם איין מעכטיגֶר שרייבֶר
צו רייטן
אונ׳ דיא נייאֵי קיומים[495] טעט ער
לאנגן[496];
אונזרי פרנסים שטַנדן אים אן דער
זייטן,
אונזר קהל קאם דר צו אך גיגאנגן.

צט· צוואו[497] גַנצי שעות האט
ער צו טון,
ביז ער זיא האט גילייאט[498] צו דעם
ענדן;
אל דאש פאלק בליב אלז שטיל
שטאן,
קיינר טעט זיך קערן אודר ווענדן.
דער נאך הורט[499] קיינר זיין אייגן
ווארט
פון וועגן גרוש פפייפן אונ׳ טרומן;
אל הילטן זיא הַלטן[500] דארט
ביז מיר אין אונזר הייזֶר ווארן קומן.

ק· איין טרומיֵטֶר ריט[501] מיט
אונז צור גאסן אניין;
גאר הוך בליז ער אן מיט קרעפטי,
ביז איין איקליכֶר אין זיין הויז גינג
אניין;
דֶר נאך צוֹג ער[502] ווידֶר היים נאך
זייני גישעפטי.
מיר צוגן איין מיט גרושֶר פרייד
אין אונזֶרי הייזֶר, וויא מיר זיא
פאנדן[503];
השם ית׳ זאל אונז ווייטֶר ביהיטן פר
אלם לייד,
ביז משיח צדקינו וועט זיין פר הַנדן.

קא· פיל מעכטיגי סכנות דיזֶר
צייט צו פאר[504],
דיא אונֶזר קהילה האבן איבֶר לאפן[505];
וואול אכט אודר ניין יאר,
דש מיר מיט רוא ניט האבן גישלופן.
אונזֶרֵי גרושי זינד דאש אלז מַכין,
זיא זיין אופן בורט[506] אונ׳ אך פַר
בארגן.
הש״י האט אונז גיוויזן, מיר זאלן וואכן,
אונ׳ איקליכר איז שולדיג[507] דער פאר
צו זארגן.

---

494 = פרייַהייַט, פריווילעגיע. 495 דאָס אייגענע. 496 = דערלאַנגען. 497 אין מה״ד זייַנען פאַראַן דרייַ פאָרמען פאַר «2»; מענליך: zwêne, ווייַבליך: zwô, זעכליך: zwei. שפּעטער האָט זיך די פאָרם «צוויי» אויסגעשפּרייט אויף אַלע דרייַ געשלעכטן. אין אונזער מגילה ווערט נאָך דער כּלל אָפּגעהיט: אויבן, סטראָפע ו׳, שטייט «צווין»; דאָ, היות ווי «שעה» איז ווייבליך, שטייט «צוואו». 498 = געלייענט. 499 = הערט. 500 מסתּמא א טעות, אנשטאָט: «טעטן זיא האלטן». האלטן — וואַרטן, צו־וואַרטן. 501 אימפּערפעקטום פון «רייַטן»: איז געפאָרן רייטנדיג. 502 דער טרומייטער. 503 אימפּערפעקטום פון «פינדן» (געפינען): מיר האָבן זיי געפונען. 504 פאַר דער דאָזיגער צייַט, וואָס איז דאָ באַשריבן. 505 באַפאַלן, טרעפן. 506 offenbaren — אַנטפּלעקן; אָפן. 507 מחויב.

דער שאַנד־סטויפּ

אויפן פּלאַץ, וואָס איז איבערגעבליבן, ווען מען האָט אַראָפּגעריסן פעטמילכס הויז, האָט מען אַוועקגעשטעלט א שאַנד־סטויפּ («איין שטיינען זייל», זעה סטראָפע פּט), און דאָרטן האָט מען אָנגעשריבן: אויף לאַטיין א קורצע באַשרייבונג פון פעטמילכס זינד און אויף דייטש א התראה. אָט איז דער דייטשער טעקסט אות־באות:

Daß dieser Platz bleibt öd und wüst,
Dran Vincentz Fettmilch schultig ist,
Welcher dieß Statt drey gantzer Jahr
Gebracht hatt in manch groß Gefahr,
Dessen er endlich hat darvon
Getragen diesen bösen Lohn,
Daß er erstlich an der Richtstatt
Sein zween Finger verlohren hat,
Hernach den Kopf geviertheilt drauff
Und die Viertheil gehencket auff
An die vier Straßen dieser Stadt,
Den Kopf man auffgestecket hat
Am Brücken-Thurm: auch Weib und Kindt
Ewig des Landts verwiesen sind,
Das Haus geschleyfft: deß ich allhier
Zu trewer Warnung stehe dir.

«אין דעם וואָס דער פּלאַץ בלייבט פּוסט און וויסט, איז שולדיג ווינצענץ פעטמילך, וואָס האָט אין משך פון גאַנצע דריי יאָר געבראַכט אין גרויס סכּנה אָט די שטאָט. סוף־כּל־סוף האָט ער דערפאַר באַקומען זיין ביטערן שׂכר. פריער האָט ער אויפן פּסק־פּלאַץ אָנגעוואוירן זיינע צוויי פינגער, דערנאָך דעם קאָפּ, נאָכדעם האָט מען אים געפערטלט, און די פיר טיילן האָט מען אויפגעהאַנגען ביי די פיר אויסגאַנגען פון שטאָט. דעם קאָפּ האָט מען אַוועקגעשטעלט אויפן בריק־טורעם; זיין פרוי און קינד האָט מען אויך אויף אייביג פאַרטריבן פון לאַנד און דאָס הויז געמאַכט מיט דער ערד גלייך. איך [דער סטויפּ] שטיי דיר דאָ פאַר א געטרייער התראה דערפון.»

קב׳ דארום זאל איין איקליכר
לאזן[508] זייני בײַזי וערק׳
דער נִסים וּנִפלָאות ניט צו פר געשן[509]׳
אזו וואול אז[510] יציאת מצרים מיט
גרושׂר שטערק׳
דא מיר דינֶן[511] קנעכט זיין גיזעשן׳
מיט פלייס[512] איז קומן דש אלז
פון גאט׳
דש מן הופֶרט[513] אונ׳ מוט וויל זאל
אב שטעלן׳
אודר ועלכר זונשט גיזינדט[514]
האט;
הש״י לאזט זיך ניט שנעלן[515]·

קג׳ אלי מייני ריֵד׳ וואש איך
דא האב גירעט׳
אלז׳ וואש איך האב גיזונגן׳
קיין ליגן האב איך דא אינֶן[516] פַר
צעט[517]׳
נייארט דיא ווארהייט ביצייגט מיט
מיינֶר צונגן׳
נייארט קערט אב פון אלם בײַזן׳
אונ׳ דאש גוט ביפאַסט[518] מיטביידֶי
הענדן׳
זא ווערט אונז הש״י פון אלֶי צרות
דער לײַזן
אונ׳ משיח בן דוד זענדן[519]·

אמן וכן יהי רצון

תם ונשלם

על ידי הפועל במלאכת הקודש מרדכי בר יהודה שליטא[520]·

---

[508] אַוועקוואַרפן· [509] כּדי ניט צו פאַרגעסן ··· [510] פונקט ווי ··· [511] דינען = דרינען, דאָרט אינעווייניג, דאָרט; בשעת מיר זײַנען דאָרט געזעסן, ווי קנעכט· [512] מיט א כּיוון; פּגל·: אויף־צו־פלײַסנס· [513] גאווה: דערפון אונזער הײַנטיג וואָרט: «האָפערדיג»· [514] = געזינדיגט· [515] אָפּנאַרן· [516] אײַך· [517] דאָ מוז זײַן עפּעס א גרייז; אפשר «פאַריעט»? jëhen הייסט «זאָגן» אין מה״ד, verjëhen — דערציילן; אָבער פון jëhen וואָלט דער פּאַרטיציפּ געדאַרפט זײַן «פר יעהען»· אָדער אפשר איז עס דאָס צײַטוואָרט מה״ד verzetten, וואָס באַדײַט (Lexer III, 318): verlieren, verstreuen? דאַן וואָלט דער פשט געווען אַן ערך אַזוי: «קיין ליגנס האָב איך דאָ פאַר אײַך ניט אויסגעשאָטן»· — וואַגענזייל פאַרטײַטשט: «דערציילט»· [518] נעמט אָן· [519] שיקן· [520] דער דאָזיגער זעצער («הפועל במלאכת הקודש» — זעצן ביכער איז א הייליגע אַרבעט) איז באַצייכנט אויף דער אויסגאַבע פון 1648·

דאָס קורלענדער יידיש

.1

וואָס עפּעס גראָד קורלאַנד? ניטאָ קיין בילכערע יידישע דיאַלעקטן? פאַראַן· דאָס פּוילישע יידיש, דאָס ליטווישע יידיש, דאָס אוקראַאינישע יידיש זיינען געוויס א סך וויכטיגער פאַרן אויפבוי פון דער אַלגעמיין־יידישער ליטעראַטור־שפּראַך· איך קלער גאָרניט דאָס צו לייקענען· איך וויל נאָר אַרויסרופן אַן אינטערעס צו א צווייַג פון דער שפּראַך, וואָס מען לאָזט אַלעמאָל איגנאָרירן אויסער אַכט· איך האַלט, אַז דאָס לוינט·

וואָס פאַר א לשון האָבן דאָס בכלל קורלענדער יידן?

אויף איינער פון די ערשטע באַראַטונגען פון דער חברה מפיצי־השׂכּלה (אין 1913 צי אין 1914) האָט דער באַוואוסטער כּלל־טוער ה׳ ל· בראַמסאָן געטענהעט, אַז דאָרטן, וואו יידישע קינדער ריידן ניט קיין יידיש, דאַרף מען דאָך קיין יידישע שולן ניט· א שטייגער, האָט ער געזאָגט, אין קור־לאַנד; דאָרטן רעדט מען דייַטש, און דאָרטן וועט מען דאָס «לערנען אויף דער מוטערשפּראַך» בשום־אופן ניט קאָנען אויסטייַטשן, ווי לימודים אויף יידיש·

קיינער האָט זיך מיט דעם ה׳ בראַמסאָן ניט געאַמפּערט, אָבער ער איז פונדעסטוועגן ניט געווען גערעכט· פאַראַן אויף דעם אַזאַ כּשרער עדות, ווי די רוסלענדער פאָלקסציילונג פון 1897· פון די דאָזיגע גבית־עדות איז צו זעהן, אַז אָפיציעל האָבן אָנגעגעבן יידיש פאַר זייער מוטערשפּראַך 63 פּראָצענט פון אַלע יידן אין קורלענדער גובערניע· אמת, א סך ווינציגער, ווי אין די גובערניעס פון תּחום, וואו די פּראָצענטן דערגרייכן אומעטום אין די נייַנציגער, אָבער פאָרט א היפּשע מערהייט·

נאָר דאָס איז אַלץ ניט מער ווי א האַלבער אמת·

קורלאַנד איז פון יענער קלײנער צאָל געגנדן אויף דער וועלט, וואו די דײַטשע און די ייִדישע שפּראַך עקזיסטירן אײנע לעבן דער אַנדערער. געוויינטליך. עס איז שוין איצטער קיין ספק ניט, אַז ייִדיש האָט זיך גע־האַט אויסגעפורעמט ווי אַ באַזונדער שפּראַך נאָך בשעת ייִדן זײַנען געזעסן מאַסנווײַז אין דײַטשלאַנד; אָבער ווען די ייִדיש־רײדער זאָלן ניט געווען עמיגרירן בשעתו קיין מזרח־אייראָפּע, איז אַ גרויסע סבֿרא, אַז ייִדיש וואָלט ניט דערגרייכט צו אַזאַ מדרגה פון זעלבשטענדיקער אַנטוויקלונג און ס׳וואָלט ניט געקאָנט בײַשטיין אַנטקעגן דעם אימפּעט פונם מאָדערנעם דײַטש. האָט זיך געדאַרפט מאַכן, אַז אין אַזאַ מין ווינקעלע, ווי קורלאַנד, זאָל זיך די דײַטשע שפּראַך פונדאַסנײַ באַגעגענען מיט איר אָרימער ייִדישער קרובֿטע. דײַטש איז אַפילו ניט די לאַנד־שפּראַך אין קורלאַנד, דער פּראָצענט דײַטשן איז נאָר אַ קלײן ביסעלע גרעסער, ווי דער פּראָצענט ייִדן (אַרום 7). אָבער ביז גאָר ניט לאַנג זײַנען די דײַטשן געווען די אמתע בעלעבאַטים אויפן קולטורעלן לעבן פון די באַלטישע פּראָווינצן, און ביז אַלעקסאַנדער III. «רעפאָרמעס» איז אַפילו די אָפיציעלע שפּראַך אין די געריכטן און אין דער אַדמיניסטראַציע געווען דײַטש. די שולעס און די צײַטונגען זײַנען געווען דײַטשע. ייִדן וואוינען דאָס רובֿ אין די שטעט, זײַט בײַ זײַט מיט די דײַטשן; דער דײַטש גיט אָן דעם טאָן. וואָס וואָלט געווען דער וואונדער, ווען דער דײַטשער וואַלפיש וואָלט אײַנ־געשלונגען דאָס ייִדישע יונהלע?

חוץ אַלע זאַכן, איז דאָך אין קורלאַנד די מיגליכקייט פון אַ שפּראַכי־גער אַסימילאַציע אַ סך נעהענטער, ווי אין אַ וויטעבסק, למשל. וואָרים פון ייִדיש ביז רוסיש איז אַ ווײַטער מהלך, און צווישן ייִדיש און דײַטש איז, ווי מען זאָגט אין קורלאַנד, «אַ קאַצנשפּרונג». אַרײַנפלעכטן דײַטשע ווערטער אין זאַץ; איבערשטעלן די ווערטער אויפן דײַטשן שטײגער; אַרויסרײדן די קלאַנגען מעשה־דײַטש — דאָס איז אַלץ אַ סך גרינגער, ווי בײַ רוסיש אָדער פּויליש. און נאָך אַן אומגליק האָבן געהאַט קורלענדער ייִדן: זיי זײַנען געווען איזאָלירט פון דער גאַנצער דרויסנדיקער ייִדישער וועלט. פון דער צײַט וואָס קורלאַנד איז אַריבער צו דער רוסישער אימפּעריע ביז גירוש־קורלאַנד אין 1915 זײַנען פאַרבײַ פונקט 120 יאָר. זינט עס איז אײַנגעפירט געוואָרן דער תּחום אין רוסלאַנד, איז דער וועג

קיין קורלאַנד אויך פאַרצאַמט געוואָרן פאַר די תחומישע יידן, און נאָר א פּאָר מאָל האָבן זיך אַרייַנגעכאַפּט אַהין דורך שמאָלע שפּעלטעלעך ניט קיין גרויסע גרופּעס. קורלענדער יידן זיינען געבליבן אויג אויף אויג מיט דער מעכטיגער דייַטשער שפּראַך, און דאָס יידיש זייערס האָט אַפילו ניט געהאַט קיין אָנשפּאַר אין דעם גרויסן קיבוץ, וואָס האָט גערעדט אויף «מאַמע־לשון» פון דער דווינע ביזן שוואַרצן ים.

פאַרן קורלענדער ייד איז די וועלט געווען אייַנגעטיילט אין באַלטישע פּראָווינצן (אייגנטליך נאָר קורלאַנד מיט ריגע) און «זאַמעט». יעדער ייד פון דער פרעמד איז געווען א «זאַמעטער», אַפילו ווען ער איז געקומען צו פאָרן פון קעשעניעוו אָדער פון אירקוטסק. און ווי דער שטייגער איז, האָבן קורלענדער געהאַלטן, אַז זיי זיינען איידעלער, קולטורעלער. און איינער פון די חסרונות פון די זאַמעטער איז געווען דאָס, וואָס זיי ריידן אַזוי «גראָב» יידיש. (ד. מאַרשאַק האָט אַמאָל געפּרובט אין א ראָמאַן, וואָס האָט זיך געדרוקט אין «פרייַנד», שילדערן די באַציאונגען צווישן קור־לענדער און זאַמעטער יידן).

הייסט עס, דייַטש האָט געהאַט אויף זייַן זייַט אַלע שאַנסן. און פון־דעסטוועגן האָט יידיש זיך אויפגעהיט. די יידישע שפּראַך אין קורלאַנד איז בייַגעשטאַנען, ביז וואַנען עס האָט אָנגעהויבן אויף איר משפּיע זיין דער יידי־שער טעאַטער, די צייַטונג, די נייַע ליטעראַטור, די אַרבעטער־באַוועגונג און די יידישע שול.

ווען מען זעהט די 63 פּראָצענט יידיש־ריידער אין 1897, דאַרף מען ניט פרעגן: פאַרוואָס אַזוי ווינציג? ניין, מען דאַרף זיך חידושן אויף דעם מערק־ווירדיגן קעגנשטעל־כּוח, וואָס די יידישע שפּראַך האָט אַרויסגעוויזן אַנטקעגן איר איבערמעכטיגן קאָנקורענט.

2.

עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז אַזאַ מין גראַנגל מוז איבערלאָזן וואונדן און ראַנצן. אין א סך פאַמיליעס רעדט מען אויף א קאָמבינירטן לשון פון יידיש און דייַטש, און ס׳קאָנען געמאָלט זייַן פאַרשיידענע מינים פון קאָמבינאַציע: א יידיש מיט דייַטשע ברעקלעך, א דייַטשמעריש יידיש, א

יידישליך דײַטש׳ און נאָך און נאָך·[1]) צו די 63 פּראָצענט קאָן מען צורעכענען נאָך א שפּאָר ביסל יידן׳ וואָס ריידן פּאַקטיש יידיש אָדער דרײַ־פערטל יידיש׳ נאָר זיי האָבן דאָס ביי דער ציילונג פאַרבאַהאַלטן׳ ווײַל דײַטש איז א מער «לײַטישע» שפּראַך· אַנדערע האָבן אפשר טאַקע געמיינט בתמימות׳ אַז דאָס לשון זייערס איז דײַטש׳ נאָר זיי האָבן נעבעך א ביטערן טעות געהאַט·

אָבער זאָל שוין זײַן גענוג וועגן אונזערע «דײַטשן»· לאָמיר זיך אײַנקוקן א ביסל נעהענטער אין *קורלענדער יידיש*·

טאָמער ווייס מען שוין׳ אַז אין קורלאַנד רעדט מען אויך יידיש׳ פאָרמולירט מען דאָס אַזוי: ס׳איז דאָס ליטווישע יידיש׳ אויסגעמישט מיט דײַטש· אין דעם זאַץ זײַנען קאָנסטאַטירט צוויי זאַכן׳ וואָס יעדערע פון זיי איז כמעט ווי ריכטיג: ערשטנס׳ אַז דאָס קורלענדער יידיש איז נעהענטער צום ליטווישן יידיש׳ איידער צום פּויליש־וואָלינער טיפּ; און צווייטנס׳ אַז אויף קורלענדער יידיש האָט געווירקט דאָס קורלענדער דײַטש· אָבער דער גאַנצער זאַץ איז א פאַלשער· ווען מען קוקט זיך אײַן אין די פאַקטן׳ מוז מען קומען צום באַשלוס׳ אַז דאָס *קורלענדער יידיש* איז בײַ אונז *א דיאַלעקט פאַר זיך*· ווען איך זאָג דאָס׳ מיין איך ניט זיך צו שפּאַרן וועגן דעם בכבודיגן נאָמען «דיאַלעקט»׳ וואָרים ווער איז דאָס אימשטאַנד צו דעפינירן דעם אונטערשייד צווישן שפּראַך׳ דיאַלעקט און ריידעניש (אונטערדיאַלעקט)? די קריג צווישן גרויסרוסיש און אוקראַ־איניש׳ צווישן טשעכיש און סלאָוואַקיש איז ניט קיין פילאָלאָגישע פּלוגתא׳ נאָר א *פּאָליטישע* פּראָבלעם׳ און נאָר דערפאַר זײַנען אָט די פראַגעס געוואָרן אַזוי פאַרשאַרפט· דאָרטן׳ וואו ס׳איז ניטאָ קיין צוזאַמענ־שטויס פון פּאָליטישע אינטערעסן׳ מאַכט ניט אויס׳ וואָס די גרעסטע דײַטשע פילאָלאָגן גיבן אַרויס א סעריע «גראַמאַטיקעס פון גערמאַנישע

---

[1]) דאָס «דײַטש»׳ וואָס קורלענדער יידן נעמען איבער אינגאַנצן אָדער צו־ביסלעך׳ איז׳ פאַר־שטייט זיך׳ דאָס *קורלענדער* דײַטש· למשל׳ קורלענדער דײַטשן ריידן אַרויס א g פאַר e און i ווי א j; אַלזאָ׳ מען זאָגט Gabe׳ Gott׳ gut׳ אָבער jeben און jibt אָנשטאָט geben און gibt· דאָס קורלענדער יידיש ווייס פון דעם ניט׳ מען זאָגט׳ פּונקט ווי אומעטום בײַ יידן׳ געבן׳ גיט (מיט א g)· נאָר ווען א קורלענדער ייד וויל ריידן «הויכדײַטש»׳ קאָן ער ריידן בנוסח «נח מיט זיבן גרײַזן»׳ אָבער ווען ס׳קומט צום g פאַר א e און i׳ וועט ער דווקא זאָגן jejeben׳ ווײַל בײַ אים קומט אויס׳ אַז דער דאָזיגער סימן (א מאָדנער פּראָווינציאַליזם פון די קורלענדער דײַטשן) איז דאָס אייבערשטע פון שטייסל אין דער «הויכדײַטשער» ליטעראַטור־שפּראַך·

דיאַלעקטן» און רעכענען אַרײַן אַהין: גאָטיש, אַנגלאָסאַקסיש, אַלטהויכ־דײַטש אאַז״וו — אַלץ אַזוינע לשונות, וואָס זיינען שוין לכל־הדעות זעלב־שטענדיגע שפּראַכן.

הייסט עס, ניט דער נאָמען איז דאָ דער עיקר (דערווײַלע האָבן נאָך ניט די קורלענדער יידן קיין אייגענע פּאָליטישע אַספּיראַציעס); ס׳גייט נאָר וועגן פעסטשטעלן א געוויסע מאָס פון אייגנאַרטיקייט. און דאָ געפינען מיר אויס אָט־וואָס:

1. פאַראַן געוויסע באַזונדערקייטן אין דער קלאַנגען־סיסטעם, אין די פאָרמען, אין זאַץ־בוי.

2. פאַראַן א היפּש ביסל ספּעציפישע קורלענדער ווערטער און אויס־דרוקן.

ווען מיר נעמען אַנאַליזירן דעם דאָזיגן מאַטעריאַל, וואַרפט זיך אונז אין די אויגן:

3. קורלענדער יידיש האָט אין זיך אַזוינע עלעמענטן, וואָס זיינען פאַראַן אין אַנדערע יידישע דיאַלעקטן, נאָר אין ליטווישן יידיש זיינען זיי ניט בנמצא.

4. פאַראַן עלעמענטן, וואָס זיינען געווען אין דער עלטערער יידישער שפּראַך, נאָר הײַנט זיינען זיי אין אלע אנדערע דיאַלעקטן ניט געוואָרן.

היוצא מדברינו: דאָס קורלענדער יידיש רעפּרעזענטירט אַן אַנדער שפּראַך־שטאַנד, ווי די אַנדערע דיאַלעקטן אונזערע. מיט אַנדערע ווערטער: ס׳איז א פאַרזיכדיגער דיאַלעקט.

און ס׳וואָלט געווען פאַלש צו זוכן דעם קוואַל פון דער באַזונדערקייט אין דער שכנות פון דײַטש. געוויס וועט אונז אויסקומען צו באַגעגענען זיך מיט דער דײַטשער השפּעה אויך, ווען מיר וועלן זיך באַלד צוקוקן צו די פּרטים פון קורלענדער גראַמאַטיק און לעקסיקאָן. אָבער צוריק גערעדט, קאָנען מיר אויפווײַזן פאַלן, וואו דאָס קורלענדער יידיש האָט זיך באַשאַפן א מין קעגן־גיפט קעגן דײַטש און אײַנגעפירט בײַ זיך אַזעלכע ערשײַנונגען, וואָס זיינען ניטאָ אין אַנדערע יידישע דיאַלעקטן. אין קור־לאַנד זאָגט מען, א שטייגער, «האַרבסט», ניט «הערבסט» (אויף דעם האָט שוין אָנגעוויזן טשעמערינסקי אין זײַן «יידישער פאָנעטיק», פּנקס I). קורלאַנד פירט דורך די אַפּאָקאָפּע («די אָפּהאַקונג») פון e א סך אויסגעהאַלטע־

נער׳ ווי די אַנדערע דיאַלעקטן. מען זאָגט ניט נאָר בלום, גאַס, זײַט לגבי נה״ד Blume, Gasse, Seite, נאָר מען זאָגט אויך: «זי האָט זיך געמאַכט א נײַע בלוז» (= בלוזע), «ער האָט אויפגעגעסן א גאַנצע גורק» (דאָס דײַטשע Gurke, אָבער פאַריידישט). אויך האָבן זיך אויפגעהיט א סך עלטערע ווערטער.

אין ווירקונג האָט דײַטש יאָ געהאַט, און דווקא א נעגאַטיווע: א סך גוטע יידישע ווערטער זיינען אַרויסגעשטופט געוואָרן. מען פאַרשטייט נאָך, וואָס עס הייסט «זייגער», אָבער מען זאָגט שוין דאָס רוב «אור»; «אויסגיין» איז דער טײַטש (פונקט ווי אין אמעריקע) ניט «גוססן», נאָר, ווי אין דײַטש, «שפּאַצירן»; א קרעמעל רופט זיך «אַ בוד», פונקט ווי אין קורלענדער דײַטש.

3.

שוין די נעמען פון די קורלענדער יידן ווײַזן אָן אויף א באַזונדער שניט. איר געפינט דאָ אַזוינע פאַמיליע־נעמען, וואָס טרעפן זיך סײַדן נאָר בײַ יידן אין דײַטשלאנד: בייערפעלד, וואולפסאָן (דווקא ניט וואָלפסאָן), יאַקאָבי, היידענרייך, קליינבערג, פרידלענדער, הערצענבערג, פריידענשטיין. מיידלשע נעמען האָט איר דאָ אַזוינע (אַחוץ די אַלגעמיין־יידישע): בעטשע (א קאָמבינירטער צערטל־נאָמען פאַר בערטאַ און רעבעקאַ), מינצע (צערטל־נאָמן פאַר מיננאַ), לינצע (צערטל־נאָמען פאַר לינאַ), יעטע, יעטכען (= עטל, אסתּר, פאַרפײַנערט אין «הענריעטע»), ראַלע (= רחל). פון די מאַנסבילשע נעמען איז כּדאַי צו דערמאָנען: יאָלצע און אַדזשע.ביידע זיינען צערטל־נעמען. דער ערשטער ווערט אויסגעטײַטשט «יוליוס», דער צווייטער — אַדאָלף. פון די פּאָר בײַשפּילן איז שוין צו זעהן, אַז כּמעט יעדער קורלענדער ייד האָט אַחוץ זיין כּשרן יידישן נאָמען נאָך א דײַטשן צווייטן נאָמען, און דער יידישער נאָמען שווימט אַרויס אייגנטליך נאָר אין צוויי פאַלן: אין שול, ווען מען רופט אויף צו דער תּורה, און בײַ באַציאונגען מיט דער מאַכט, ווען מען דאַרף שרײַבן פּונקט אזוי ווי אין דער מעטריקע שטייט.

זייער אינטערעסאַנט איז דער נאָמען: מאַלע (מיט א לאַנגן a). ווען די קליינע מאַלעס וואַקסן אויס, רופן זיי זיך «אַמאַליע»; נאָר ביי מיר איז

כמעט ווי באַשלאָסן, אַז דער נאָמען נעמט זיך ניט פון דאַנען. איך האַלט, אַז דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, א פאַלשע נאָרמאַליזירונג, פונקט ווי ריוועי פון וואַנען וואַקסט אַזאַ פאָרם, ווי «ריוועע» אָנשטאָט ריווקע (רבקה)? דער עולם ווייס, אַז אויף ־קע ענדיגט מען א נאָמען, ווען מען איז דעם מענטשן מבטל:ביילקע, סאָרקע, מירקע (און אַזוי אויך ביי מאַנסבילשע נעמען: מוישקע, שלוימקע — להיפוך צו מוישעלע, שלוימעלע). דער שפראַך־געפיל פון פאָלק שיידט ניט אונטער פון «העברעאישע» ביז «דייטשע» אָדער «סלאַווישע» נעמען; אַלע זיינען אין א גלייכער מאָס יידיש; דעריבער איז «ריווקע» אויך אַריינגעפאַלן צווישן די ביטול־נעמען. ווי איז אָבער, ווען דאָס קינד וואַקסט אונטער און מען נעמט מיט אים ריידן מעשה־מענטש? דאַן זאָגט מען:ביילע, סאָרע — און ריוועי אָט דאָס אייגענע איז, נאָך מיין מיינונג, געוואָרן מיט מאַלע פון «מאַלקע» (מלכה).[1]

לאָמיר זיך איצטער אָפּשטעלן אויף א ווײַלע ביי די וויכטיגסטע פּרטים פון דער קורלענדער גראַמאַטיק.[2] מיר וועלן גיין כסדר: קלאַנגען, פאָרמען, זאַץ־בוי.

דאָס ערשטע, וואָס קומט אויס מאָדנע ביים ליטוואַק: אין קורלענדער יידיש איז דער חילוק צווישן לאַנגע און קורצע וואָקאַלן ניט בטל געוואָרן. אויב מען זאָל באַצייכענען די לענג פון די וואָקאַלן דורך א פּאַסיקל איבערן אות, די קירץ דורך א פּאָדקעווע, דאַן האָבן מיר: zōg (זאָג), אָבער zŏk (זאָק), אין דער צייט וואָס אין ליטווישן יידיש איז, דוכט זיך,

[1] אין דייטש איז אויך פאַראַן א צערטל־פאָרם Malchen, פון Amalie; נאָר אַנדערש ווי דורך מיין השערה לאָזט זיך, דוכט זיך, ניט אויסטייטשן דער פאַקט, וואָס דווקא אַלע מ ל כּ ה׳ס ווערן «אַמאַליעס» אויפן וועג דורך «מאַלע».

[2] ס׳איז אָנגענומען, ווען מען באַשרייבט דיאַלעקטן, אַז יעטווידער מחבר זאָל דערציילן זיין באַציאונג צו דעם דיאַלעקט, וואָס ער באַשרייבט, בכדי מען זאָל וויסן, אויף וויפיל מען קאָן זיך אויף אים פאַרלאָזן. אַלזאָ: איך בין אַליין א קורלענדער און האָב געהערט דאָס קורלענדער יידיש פון די יינגסטע יאָרן. אָבער אַליין האָב איך אויף דעם דיאַלעקט ניט גערעדט, און ווען איך האָב שפּעטער גענומען ריידן יידיש, איז דאָס שוין געווען ניט דאָס ריין־קורלענדער לשון. דעם מאַטעריאַל, וואָס איך ברענג דאָ, געדענק איך נאָר טיילווייז פון מיין אייגענער פּראַקטיק, אָבער איך האָב אַלצדינג דורכגעקאָנטראָלירט (אָנהייבנדיג פון 1914) ביי באַגעגענישן מיט א סך עלטערע עכט־קורלענדער יידן. פון זיי האָב איך אויך «אַרויסגענאַרט» (אָהן זייער וויסן) א סך פאָרמען און ווערטער, וואָס זיינען געווען פאַר מיר ניי. דאָרטן, וואו איך ווייס ניט אָן בפירוש קיין אַנדער אָרט, מאָל איך אויס די גראַמאַטיק און דעם ווערטער־אוצר פון דער שטאָט ג אָ ל ד י נ ג ע ן (לעטיש Kuldiga) אין די לעצטע יאָרן פאַר דער מלחמה. און ווייל ס׳איז שייך צו דער צייט פון פאַר דער מלחמה, זאָל מען אויף מיר קיין פאַראיבל ניט האָבן פאַר אַזוינע אַנאַכראָניזמען, ווי «קורלאַנד», «קאָוונער גובערניע» אד״ג.

קײן שום חילוק ניטאָ. דאָס אײגענע: zāl (זאַל), אָבער zäle (זאַלץ); tūch (טוך), אָבער tūn (טון, פּאַס); bīn (דײַטש Biene), אָבער bīn (איך בין); ērew (למשל, ערב־שבת) אָבער ēsn (עסן). דער לעצטער בײַשפּיל ווײַזט שוין, אַז דער כּלל איז חל אויף אַנדערע העברעאיִשע ווערטער אויך: chŏchme (חכמה), אָבער mōes (מעות); kŏrn (קאָרן), אָבער zikōrn (זכּרון). נאָר אין אַ סך העברעאיִשע ווערטער זײַנען די וואָקאַלן געקירצט: pŏnim (פּנים), rŏšešŏne (ראש־השנה).

דאָס «ײַ» אין אַזעלכע ווערטער ווי צווײ, פרײד, אײ ווערט אַרויס־גערעדט ניט ווי אין ליטווישן ייִדיש, נאָר כּמעט ווי אַ דיפטאָנג ei (אָבער ניט ווי דאָס בערלינער ei, וואָס איז געגליכן צו ai, נאָר ווי ä און i). דער נאָכקלאַנג פון i הערט זיך אַ סך שטאַרקער, למשל אײדער אין ווילנע.

זײער וויכטיג איז די דיפערענצירונג פון די פאַרשײדענע קלאַנגען, וואָס ווערן אין דער ליטעראַרישער אויסלײגונג באַצײכנט מיט «וי». אַ «קויל» אויף צו שיסן הײסט kaul; אַ «קויל», וואָס ברענט, הײסט keul. ער האָט זיך אויסגעבויט אַ hauz; אָבער ער האָט צעריסן אַ heuz. אָט דאָס eu ווערט אַרויסגערעדט ניט ווי אין דער דײַטשער טעאַטער־שפּראַך אַלס oi, נאָר אַזוי ווי אין קורלענדער דײַטש (אין ווערטער ווי Eule, Beule אד״ג), אַן ערך ווי öi. — אָט די שפּאַלטונג איז ניט קײן הפקר־זאַך, נאָר אַ שטרענג געזעצמעסיגע. די מעשה איז, וואָס אונזער צײכן «וי» איז אַ סימן פאַר פאַרשײדענע מה״ד קלאַנגען, וואָס זײַנען אין דער מאָדערנער דײַטשער שפּראַך אַוועק גאַר מיט אַנדערע דרכים. אין אַזאַ וואָרט, ווי הויז = Haus האָבן מיר צו טון מיט אַן אַלטן ū (hūs). אָט דער מה״ד ū קלינגט אין הײַנטיגן קורלענדער ייִדיש פּונקט ווי דער דײַטשער au: maul, haut, mauz (מויל, הויט, מויז, — מה״ד אַלע מיט ū), raut (רויט, ד״ה אַ פענסטער־שויב, מה״ד rūte). די צווײטע גרופּע נעמט אַרום יענע ווערטער, וואָס האָבן אין הײַנטיגן דײַטש אַ לאַנגן o (Kohle, Sohle, sich erholen) אָדער אַ au פון מה״ד ou: Auge (מה״ד ouge), Baum (מה״ד boum), laufen (מה״ד loufen). די אַלע ווערטער האָבן אין קור־לענדער ייִדיש אַזאַ פּנים: böim, löifn, köil, zöil, erhöiln, öig.

ווי אַזוי באַגײט זיך מיט די ווערטער אַן אמתער «ליטוואַק»? דאָס דײַטשע Haus הײסט בײַ אים houz, hoiz, huiz. «אויג» הײסט ejg, און

Brot (ברויט) הייסט כמעט אין דער גאַנצער ליטע brejt, און ס׳איז דאָרטן ניטאָ קיין שום חילוק אין דער אויסשפּראַך פון «ברויט» און «ברייט», פון «טויג» (ער טויג) און «טייג».

אַ קליינע טאַבעלע וועט קלאָר מאַכן, וואָס דערפון איז געדרונגען.

אין הײַנטיקן ליטעראַרישן דײַטש	Haus (פון מה״ד ū)	Auge (פון מה״ד ou)	Brot (פון מה״ד o)	breit (פון מה״ד ei)
אין ליטווישן יידיש	oj (ou, ui)	ej		ej
אין קורלענדער יידיש	au	öi		äi

ראשית קאָנען מיר דערפון אָפּלערנען, אַז סײַ אין הײַנטיקן דײַטש, סײַ אין הײַנטיקן יידיש האָט זיך די צאָל מה״ד קלאַנגען פאַרקלענערט: פון די פיר מה״ד וואָקאַלן זיינען געבליבן ניט מער ווי דרײַ. אָבער די קאָמבינאַציע איז פאָרגעקומען אויף אַן אַנדער שטייגער: אין דײַטש האָבן זיך צונויפגעגאָסן מה״ד ū און ou (Haus, Auge פון hūs, ouge), אין יידיש זיינען u און ou געבליבן אָפּגעשיידט, נאָר ס׳האָבן זיך דווקא צונויפגעגאָסן ou און o.[1] הייסט עס, אַז יידיש קאָן ניט שטאַמען פון הײַנטיקן דײַטש, נאָר עס מוז שטאַמען פון אַזאַ מין תקופה אין דער דײַטשער שפּראַך, ווען אַלע פיר קלאַנגען זיינען נאָך געווען פאַר זיך.[2]

אָבער וויבאַלד אַזוי, דאַרפן מיר באַלד מאַכן א צווייטן ענליכן אויספיר בנוגע די באַציאונגען צווישן קורלענדער און ליטווישן יידיש. דאָס קורלענדער יידיש האָט פאַר די פיר מה״ד קלאַנגען דרײַ, דאָס ליטווישע — ניט מער ווי צוויי. ס׳קאָן, הייסט עס, ניט

[1] בלויז יענער o, וואָס אָדער ער איז שוין אין מה״ד געווען לאַנג, אָדער ער האָט אין הײַנטיקן דײַטש געגעבן (אין אַן אָפענעם טראַף) א לאַנגן o.

[2] דער ענין איז אַרומגערעדט בײַ פּרילוצקי, פּאַראַלעלען און באַמערקונגען, נאָטיץ 1 (ז׳ 213—241).

געמאָלט זײַן, אַז דאָס קורלענדער יידיש זאָל שטאַמען פון ליטווישן· אין דעם קורלענדער לשון שפּיגלט זיך אָפּ אַן עלטערער שפּראַכיגער צושטאַנד, איידער אין ליטווישן יידיש·

4.

מיר האָבן זיך פאַרזאַמט א ביסעלע לענגער בײַ די וואָקאַלן, מחמת מיר האָבן פאַראיינס געוואָלט אויפקלערן א פּרינציפּיעלע פראַגע· דער קאָנסאָנאַנטיזם וועט אונז אויך אַרויספירן אויף א ברייטערן שליאַך· מיר גייען דאָ מיטן זעלביגן גאַנג וואָס פריער: מיר ווײַזן אָן נאָר די עיקר־אונטערשיידן פון קורלענדער יידיש ביזן ליטווישן·

קורלענדער יידן לאַכן זיך אויס פון די «זאַמעטער», וואָס פלאָנטערן דעם «ש» מיטן «ס»· אָבער אַליין זיינען זיי נעבעך אויך געכאַפּט אויף דער מעשה· און א מאָדנע זאַך: גראָד אין אַזוינע ווערטער, וואָס זיינען אין דײַטש ניטאָ, ד״ה אין ווערטער, וואָס נעמען זיך פון העברעאיש און סלאַוויש· למשל: שוקע (סוכה), שימכע (שמחה), שייכל (שכל), שידער (סידור), יאָר־מאַשעמאַטן (משא־ומתן), שאַשע (דער יינגלשער נאָמען סאַשאַ; דער a גאַנץ קורץ)· אויך פאַרקערט, הגם זעלטענער: ביינעס (דער נאָמען בייניש), סאַמעס (שמש), בעסמעדרעס (בית־מדרש)· אַפילו אין ווערטער פון לעטיש טרעפט זיך דער פלאָנטער· סכך רופט מען «שקויעס» (škujes), לעטיש skuje·

היות נאָר אין דײַטשע שורשים איז ניטאָ אַזאַ צומישעניש, באַרעכטיגט דאָס צו דער השערה, אַז לכתחילה איז אין גאַנצן קורלענדער יידיש געווען אַן אומזיכערקייט בנוגע די s- און š-קלאַנגען, נאָר שפּעטער איז די אויסשפּראַך פון יענע ווערטער, וואָס געפינען זיך אין דײַטש אויך, נאָרמאַליזירט געוואָרן אונטער דער ווירקונג פון קורלענדער דײַטש·[1])

א ראיה האָבן מיר פון דער גרופּע ווערטער, וואָס האָבן אין מיטל־

[3]) עס איז א סברא, אַז די דאָזיגע אומזיכערקייט בנוגע «ס» און «ש» איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער גאַנצער יידישער שפּראַך אין א געוויסער תקופה אָדער אין געוויסע געגנדן· ווען דאָס זאָל זײַן ריכטיג, וואָלט ניט געווען קיין צופאַל, וואָס די עלטערע יידישע ליטעראַטור ניצט דאָס רובֿ ניט דעם «ס», נאָר דווקא דעם «ש» אי פאַר s, אי פאַר š· וואָרים דער «ש» איז געווען א נייטראַלער צייכן (שׁ און שׂ), וואָס יעדערער האָט געקאָנט לייענען אויף זײַן שטייגער·

הויכדײַטש געהאַט ss· דער מה״ד s איז ניט געווען געגליכן צום «ס»׳ נאָר ס׳איז גיכער געווען א š (א זֵכר דערפון האָבן מיר אין דער דײַטשער אויס־שפּראַך דאָרטן, וואו מען שרײַבט Stein ,Spiel) ,štein ,špīl און דעריבער איז גאַנץ נאַטירליך, וואָס מיר האָבן אין יידיש קושן (מה״ד küssen), קישן (מה״ד אויך küssen, דער i איז א מאָדערנער דײַטשער «גרײַז»)׳ מעש (mess) וכו׳. דאָס קורלענדער יידיש האָט זיך אָבער אין די ווערטער צוגעגליכן צום מאָדערנעם דײַטש, און מיר האָבן דאָ: קוסן, קיסן, מעס. א «ס» געפינען מיר אויך דאָרטן, וואו כלל־יידיש האָט (להיפוך צום ליטע־ראַרישן דײַטש) א «š» נאָך א «ר»: ערסטער, הינטערסטער, פאָדערסטער.

פונקט אַזאַ פּסק האָט געהאַט בײַ קורלענדער יידן דער שטימיגער דענטאַלער ספּיראַנט, z (דער חילוק פון s ביז z, פון š ביז ž באַשטייט נאָר אין דעם, וואָס בײַ z און ž קלינגען־מיט די שטימבענדער, ד״ה די קלאַנגען זיינען שטימיג; בײַ s און š רוען די שטימבענדער, ד״ה די קלאַנגען זיינען שטימלאָז). דײַטש ווייס ניט פון דעם קלאַנג ž (סײַדן אין פרעמדווערטער), און דאָס קורלענדער יידיש האָט אים אויך פאַר־לוירן. דאָס איז נוגע סײַ דעם ž, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אין דײַטשע שורשים נאָך א r (הירזש, קירזשנער), סײַ אין ווערטער, וואָס נעמען זיך פון אַנדערע שפּראַכן. קורלענדער יידן זאָגן: הירז, קירזנער (ס׳טרעפט זיך אויך די געגנאַשטע דײַטשע פאָרם: «קירשנער»), זאַלעווען, זופּעצע, זאַרגאָן. «זש» איז אַרײַנגעפירט געוואָרן ערשט אין דער סאַמע לעצטער צײַט, דורך ליטעראַרישע אײַנפלוסן.

מיט č (טש) איז אויך דאָס אייגענע. וואו דער קלאַנג איז פאַראַן אין דײַטש, דאָרטן האָט אים אונזער יידיש: קוועטשן, קוטשער. אָבער ווען צוויי קורלענדער ייִנגלעך צעקריגן זיך, וועט איר הערן פון זיי: «צעפּע (= טשעפּע) זיך אָפּ פון מיר, אָדער איך דערלאַנג דיר א פּאַץ (= פּאַטש)». די יידענע צערנע (= טשערניע; דער נאָמען פלעגט פאַר־קומען, הגם ניט איבעריגס אָפט, בײַם עלטערן דור) שטעלט דעם צאָלנט, און איצע דער פורמאַן פאָרט צו מיט זײַן קלאַצע צו דער קרעצמע.

אָט דאָ האָבן מיר זיך ווײַטער אָנגעשטויסן אויף אַן ענין, וואָס האָט אַן אַלגעמיינעם באַטײַט.

פון די ווערטער: איצע׳ צאָלנט׳ קלאָצע׳ קרעצמע זײַנען די לעצטע צווײ היסטאָריש בפירוש פּאָלש׳ ווארים אין די שטאַם־שפּראַכן שטײט אַ č; kretscheme׳ מיט א tsch׳ איז פאַראַן נאָך אין מיטלהויכדײַטש׳ וואוהין ס׳איז מסתמא אַריבער פון טשעכיש אָדער אַן אַנדער סלאַווישן דיאַלעקט. פאַרקערט׳ «איצע» איז אַבסאָלוט ריכטיג: ס׳איז דאָך א בײַ־פאָרם פון «יצחק»׳ וואָס האָט קײנמאָל קײן «טש» ניט פאַרמאָגט. אויב שוין חידושן זיך׳ איז אויפן פוילישן «איטשעלע». בײַ «טשאָלנט» איז א קשיה. די אָפּשטאַמונג פון וואָרט איז נאָך ניט אויסגעטײַטשט; די עלטערע ליטע־ראַטור אונזערע אין דײַטשלאַנד שרײַבט תמיד «שאליט» (פגל׳ בײַ היינריך היינען עטליכע מאָל: Schalet)׳ אין א ווילנער «לב־טוב» פון 1864 געפינען מיר (דף נא c) אויף א מהלך פון זיבן שורות: «טשאָלינט» און «צאָלינט».

וואָס לאָזט דאָס אונז הערן? ס׳לאָזט אונז הערן׳ אַז אין דער עלטע־רער יידישער שפּראַך איז געווען א צײַט (ווען — דאַרף נאָך אויס־געפאָרשט ווערן)׳ ווען אין אַלע געגנדן האָבן פון א סך ווערטער זיך גע־פלאָנטערט אײנע לעבן דער אַנדערער טאָפּעלע פאָרמען׳ מיט «צ» און מיט «טש». שפּעטער איז פאָרגעקומען אַן אויסגלײַך׳ א ניוועלירונג׳ אָבער ניט אין דער גאַנצער יידישער שפּראַך׳ נאָר יעדער דיאַלעקט האָט דאָס געטון אויף זײַן שטײגער. דאָס פוילישע יידיש׳ למשל׳ האָט דורכאויס דורכגעפירט בײַ זיך דעם «טש»׳ דאָס קורלענדער יידיש האָט זיך אָפּגעשאָקלט פון «טש» און געבליבן בײַ «צ» (אפשר זײַנען אין דעם שולדיג די שכנישע לשונות: פויליש איז איבערפול מיט «טש»׳ דײַטש ווייס כמעט ניט פון דעם). דערבײַ זײַנען אָבער אין דעם ניוועלירונגס־פּראָצעס אַרײַנגעצויגן געוואָרן ווערטער׳ וואָס באַלאַנגען בעצם גאָר צו אַנדערע קאַטעגאָריעס; און אָט האָט מען דעם וואַרשעווער «איטשע־מאיר» מזכּה געווען מיט א «טש»׳ וואָס עס קומט אים גאָרניט׳ דער «געצקע» (דײַטש Götze) איז אין גראָדנע געוואָרן א «געטשקע»׳ און אין קורלאַנד האָט מען בײַ דער «קרעטשמע» צוגענומען איר «טש».

מיר זעהען פון דעם פּרט׳ אַז דער שטודיום פון אונזערע לעבעדיגע דיאַלעקטן עפנט פאַר אונז אַן אויסבליק אויף לאַנג־פאַרזונקענע שפּראַכיגע תקופות.

אַן אַנדער ערשײַנונג פון קורלענדער קאָנסאָנאַנטיזם באַווײַזט אונז פּאַרקערט, אַז ס׳זיינען פאַראַן פאָנעטישע געזעצן, וואָס זיינען חל אויף אַלע דיאַלעקטן פון דער יידישער שפּראַך, אָהן שום אויסנעם.

די דײַטשע פאַרבינדונג pf ברענגט, ווי באַוואוסט, אין יידיש צווייערליי רעזולטאַטן: וואָרט־אײַן א f (פערד, פײַל, פעניג אד״ג), וואָרט־אין און וואָרט־אויס א p (עפּל, קופּער, קאָפּ, טאָפּ). איז לאָזט זיך אויס, אַז דער דאָזיגער געזעץ ווערט אָפּגעהיט אין יידיש אַזוי שטרענג, אַז ער איז חל אַפילו אויף אַזוינע ווערטער, וואָס זיינען אין קורלאַנד פריש אַרײַנגענומען פון דײַטש און באַגעגענען זיך ניט אין קיין שום אַנדערע דיאַלעקטן. למשל, א קורלענדער, וואָס שנײַדט מיט א שטומפּן (stumpf, ד״ה טעמפּ) מעסער, איז א פּושער (Pfuscher, א פאַרטאַטש). ווען א קורלענדער פאַרקילט זיך אין א רעגן אום פינגסטן (די זומערדיגע חגאות), כאַפּט ער ניט קיין קאַטער, נאָר א שנופּן (Schnupfen). —

נאָך א קלייניקייט, וואָס איז שייך צו וואָקאַלן און קאָנסאָנאַנטן אינאיינעם: a אין דער פאַרבינדונג אַנק און אַנג (א שטייגער באַנק, יאַנקעלע, געזאַנג) ווערט אַרויסגערעדט ריין (ניט ווי אין ליטע אַלס aj). די אויסשפּראַך פון a איז דיזעלביגע, ווי אין דײַטשן Wange, wanken.

5.

א קורצער אויסצוג פון דער מאָרפאָלאָגיע (דאָס וואָס מען האָט אין די אַמאָליגע רוסישע גראַמאַטיקעס גערופן «עטימאָלאָגיע») און פון סינטאַקסיס.

די הויפּטווערטער האָבן נאָר א לשון־זכר און א לשון־נקבה, אַזוי ווי אין ליטווישן יידיש. אויסנעם: «דאָס קינד» און (ביי עלטערע לײַט) «דאָס מענטש», ווען מען רעדט וועגן א פרוי. דער געשלעכט איז אָבער ניט אַלעמאָל דערזעלבער, ווי ביי די ליטוואַקעס. אַזוי זאָגט מען, א שטייגער, אין גאָלדינגען: «די בוך».

די פאַרקלענער־פאָרמען זיינען די אייגענע, וואָס אין ליטווישן יידיש: דער טאָפּ — דער טעפּל — די טעפּלעך. די פאָרמען «טעפּעלע» און «טעפּעלעך» (אימינוטיוו) זיינען זעלטענער. די ענדונג ־עך ווערט אַרויסגערעדט ווי א קלאָרער ach-: מיידלach, קינדערלach, קניידלach, טייגלach.

די הויפּטווערטער טײלן זיך בנוגע זײער בײגונג אויף שטאַרקע און שוואַכע· די שוואַכע האָבן, פּונקט ווי אין דײַטש, אַ ־ן אַלס ענדונג אין דאַטיוו און אַקוזאַטיוו· למשל: «אַ נאַרן צײַגט [=ווײַזט] מען ניט קײן האַלבע אַרבעט»; דאַטיוו פון «א בער»: א בערן·

זײער אָפּט ווערן דער דאַטיוו און דער אַקוזאַטיוו אויסגעדריקט דורך «אָן»: ער האָט געגעבן אָן שלמהן; ער האָט געשלאָגן אָן שלמהן· — דאָס איז זײער אַן אינטערעסאַנטע פאָרם, וואָס איז, דוכט זיך, בײַ קײן שום אַנדערע יידן ניטאָ, נאָר דערפאַר איז זי אַמאָל געווען בײַ גרויסע גרופּעס יידן· אַזוינס, למשל, גיט אונז איבער רעע, שילדערנדיג די שפּראַך פון די יידן אין צפון־דײַטשלאַנד אַרום 1840·[1] אָנשטאָט צו זאָגן: «ich gab es dem Mann», זאָגט דער ייד: «ich habb es an den Mann geben»· אין א גאַנצער ריי ווערק פון דער עלטערער ליטעראַטור געפינען מיר אויך די דאָזיגע פאָרם· דהיינו, אײניגע בײַשפּילן (פון זײער א סך) פון «שארית ישראל», דיהרענפורט 1799· פּרק כא: «דר דא [=ווער] אן די יהודים אן רירט איז גלײך אלש ווען ער זעלט אן רירן אן דז שווארץ אפּפּיל פון זײן אויג»; דאָרטן גופא: «דא האבן זיא אן די יהודים גראטין [=אַן עצה געגעבן]»; דאָרטן גופא, פּרק כה: «אײן מתנה צו געבן אן דען פאבשט»· זײער אָפּט באַגעגנט זיך די פאָרם מיט «אן» אין בראַנטשפּיגל, פראַנקפורט 1676· זעה אויך «מגילת ווינץ», סטר׳ יג 4· — איך נעם זיך ניט צו זאָגן לעת־עתה, פון וואַנען די ווענדונג שטאַמט[2]; נאָר דאָס איז על־כל־פּנים קלאָר, אַז קורלענדער יידן האָבן דאָ אויפגעהיט א ירושה פון פאַרגאַנגענע דורות·

דער קאָמפּאַראַטיוו פון «פיל» איז כסדר: «מערער»·

א פּאָר ווערטער וועגן פּראָנאָמען· די פאָרם «אים» איז אומבאַוואוסט; מען זאָגט תמיד «em», סײַ באַטאָנט און סײַ אומבאַטאָנט· דאָס איז אויך אַן אײגנטימליכקײט, וואָס באַגעגנט זיך טײלמאָל נאָך אין דער אַלטער ליטעראַטור· למשל, אין דעם אָקאָרשט ציטירטן «שארית ישראל», פּרק ח׳: «דיא עז מיט עם וואָרן האלטן»· — די פאַרבינדונג פון «בײַ» און «אונז» איז כמעט שטענדיג: «benunz»·

[1] Dr. Anton Rée. Die Sprachverhältnisse der heutigen Juden. Hamburg 1844·

[2] זי באַגעגנט זיך אויך אין טײל דײַטשע דיאַלעקטן·

די יידישע שפּראַך האָט אָפּגעשאַפט דעם אונטערשייד, וואָס איז פאַראַן אין היַינטיגן דיַיטש צווישן ihm און ihn: איך גיב אים, איך שלאָג אים. דאָס קורלענדער יידיש איז געגאַנגען וויַיטער (פּונקט ווי א טייל ליטווישע ריידענישן) און האָט אָפּגעשאַפט די ספּעציעלע אַקוזאַ־טיוו־פאָרם אויך פאַר די אַנדערע פּערזאָנען. אַלזאָ: דו זאָגסט מיר, דו שלאָגסט מיר; איך זאָג דיר, איך שלאָג דיר; איך זאָג איר, איך שלאָג איר.

דאָס ציַיטוואָרט האָט עטליכע באַזונדערקייטן, וואָס דאַרפן דער־מאָנט ווערן.

«געבן» ווערט געבויגן אַזוי: איך געב, דו גיסט, ער גיט, מיר געבן, איר גיט, זיי געבן; אין האָזנפּוט זאָגט מען אַפילו: «דו געסט». — די ערשטע און דריטע פּערזאָן פון פּילצאָל פון «זיַין» איז אויך אַזוי, ווי דער אינפיניטיוו: «מיר זיַין געווען אין שטוב»; «וואו זיַין זיי געווען?»

דער קאָניונקטיוו ווערט געפורעמט ניט מיט «וואָלט», נאָר מיט «מעכט»: «ווען איך מעכט געהאַט געלט, מעכט איך געקויפט». ווען א קורלענדער ייד פאַלט אַריַין אין א געזעלשאַפט פון «זאַמעטער», מאַכט מען פון אים חוזק פאַר זיַין «דיַיטש»־ריידן. אין דער אמתן איז דאָס ניט קיין דיַיטש, נאָר א רעשט פון אַן אַלט־יידישער פאָרם, וואָס איז פריער געווען זייער פאַרשפּרייט. למשל, אין די פּראָגער בריוו 1619, בריוו 15: «פיל לייכט מעכט זיא זיך וואז קערן אן אייר [= אייער] בריב». אין מנהגים, פיורדא (פירט) 1756, יט b: «איין עבירה מעכט דר דורך קומן». אמונת ישראל, 2טע אויפלאַגע, ווילנע 1817 (1טע אויפ־לאַגע אַמסטערדאַם 1764), ב b: «אויך ווען חלילה זיין געלט פון דען עושר מאכט [= מעכט] פר לארן ווערן...»

דער פּאַרטיציפּ פון «קריגן» איז «געקראָגן», פון «וועלן» — «גע־וועלט», ניט געוואָלט. דער פּאַרטיציפּ האָט אין קורלענדער יידיש א פאַרברייטערטע אָנווענדונג. אָנשטאָט: «דו וועסט קריגן קלעפּ» קאָן מען זאָגן: «דו וועסט קריגן געשלאָגן». נאָך מער איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן קורלענדער א צווייטער אויסדרוק. אָנשטאָט «ער איז געקומען צו גיין, צו פאָרן» אד״ג זאָגט דער קורלענדער: ער איז געקומען געגאַנגען, גע־פאָרן אאַז״וו. דאָס איז אַגב ווידער ניט קיין אָרטיגע «אויסטראַכטעניש», נאָר אַן אַלטע ירושה. למשל, אין וואַגענזייַלס איבערדרוק פון «קיניג אַרטוס»

(Belehrung· ז׳ 284) שטײט געשריבן: «דא זוימט זיך ריטר גאביין ניט לאנגן· אונ׳ קאם ווידר צו קיניג ארטיש גיגאנגן [= געגאַנגען]»·[1]

נאָך צוויי פּרטים פון סינטאַקסיס·

קורלענדער יידן ווייסן ניט פון קיין «וואוהין»: וואו ביזטו· וואו גייסטו· איך בין בײַ די מאַמען· אין גיי בײַ די מאַמען («גיין בײַ עמיצן» זאָגט מען כסדר אָנשטאָט «גיין צו עמיצן»; דאָס אייגענע זייער אָפט אין די כתבים פון גליקל פון האַמעלן· אַרום 1700)·

אין בײַזאַץ ווערן אָפטמאָל די ווערטער אויסגעשטעלט אויף א דײַטשן נוסח: «ווען איך ניט זעה· קענסטו טאָן וואָס דו ווילסט»·

.6

איצטער גייט דאָס גרעסטע קאַפּיטל — דער ווערטער־אוצר· ניט קיין «לעקסיקאָן»· וואָס נעמט אַרום אַלע ווערטער פון דעם דיאַלעקט· נאָר אַן «אידיאָטיקאָן»· וואָס פאַרצייכנט נאָר די באַזונדערע און אויסטער־לישע ווערטער· ווערטלעך און וואָרט־פאַרבינדונגען· אָבער פון דעם פאַר־מאָגט דאָס קורלענדער יידיש אויך ניט קיין קליינע צאָל· און בײַ א טייל ווערלן מיר ווײַטער אויסגעפינען· אַז דאָס איז אונזער אייגנס נאָך פון גאָר אַמאָליגע צײַטן·

דער מאַטעריאַל איז צונויפגעשטעלט נאָכן אלף־בית· אַרום און אַרום זיינען דאָס העכער 300 פאַרצייכענונגען· די פירושים· אַנאַלאָגיעס און ליטעראַרישע פּאַראַלעלעס שטייען באַלד דערבײַ· בײַ טייל ווערטער קאָן זיך געווייַנטליך אַרויסווײַזן· אַז זיי ווערן גענוצט ניט נאָר אין קורלאַנד אָדער אין יענע ערטער· וואָס איך ווײַז אָן· נאָר פונדעסטוועגן פּרוב איך לאָקאַליזירן· האָפנדיג אויף צוגאָבן און דערגאַנצונגען פון די לייענער· דער פּרינציפּ איז בײַ מיר· אַז איך האָב ניט אַרײַנגענומען קיין אויס־דרוקן· וואָס זיינען פאַראַן אין אונזער ליטעראַרישער שפּראַך· הגם דורך דעם פאַלט אָפּ די מיגליכקייט צו באַקומען א פולן בילד פונם קור־לענדער יידישן שפּראַך־אוצר·

[1]) ביידע קאָנסטרוקציעס זיינען אַלט־יידישע· שמואל־בוך· באַזעל 1612· סט a: «ווען מיין ויינד [= פֿײַנד] קומט גיגאנגן»; מלכים־בוך· קראָקע 1583· בויגן 7 g: «גר באלדא דער נאך קאם דיא קויניגין צו וארן [= פאָרן]·»

אַוועקוואַרפן· «ער וואַרפט אַוועק ברויט און גייט זוכן ברעק־לאַך» (מיטאַווע)·

אויג מעלעכאַבאָשן (עוג מלך הבשן)· ווערטל: «ער איז גרויס, ווי עוג מלך הבשן»· טענדלוי No. 25: «Di Größ' von Og-Melech-Habboschon»·

אויסגיין (au)· 1) גיין שפּאַצירן (פּונקט ווי אין אַמעריקע)· 2) «עס וועט דיר שלעכט אויסגיין» [= דו וועסט האָבן א ביטערן פּסק]· אין אַן אַלטן «לב־טוב» (לײדער אָהן א שער, און איך וויים דעריבער ניט קיין יאָר און ניט קיין דרוק־אָרט) שטייט אין פּרק י׳: «עש גינג אים ניט וואול אויש וועו ער זיין ווייב זעלט מאכין וויינן»· פּראָגער בריוו 1619, בריוו 32: «איז ברוך השם וואל אויז גנגן»·

אויסטראָגן· «דער שייכל (שכל) טראָגט אויס, אַז···» פּשט: איז מחייב·

אויסלאַנד· אָנשטאָט: אויסלאַנד· ליפשיץ יוד· רוס· b 21: «אַיסלאַנד — заграница»· פּגל׳ דעם אויסדרוק «געזעלנשאַפּט» (געהערט פון א ביאַליסטאָקער)·

אויסקריכן· בטל ווערן, מכולה ווערן· «דער שידאַך (שידוך) איז אויסגעקראָכן»·

אויסשטיין· 1) ענדיגן צו שטיין· ער איז אויסגעשטאַנען שע־מענעסרע (שמונה־עשרה)· 2) בײַ א קרענק: «עס וועט זיך שוין אויס־שטיין»; עס וועט שוין פאַרבײַגיין פון זיך אַליין·

אומראַס, דער· א קינד, וואָס גיט קיין רו ניט, וואָס שרײַט טאָג און נאַכט· מסתמא פון דײַטשן Unrast·

אור· זייגער· אויך: אורמאַכער· פונם אויסדרוק: אום דרײַ אור, אום פיר אור אד״ג איז געוואָרן די משונהדיגע פאַרבינדונג, וואָס מען הערט אָפט: «אור דרײַ», און אַפילו «אור דרײַ אור», «אור פיר אור»·

איינע אין איינע· די מאַרק־יידענע זאָגט: זעהט נאָר, סערע שיינע אייער, איינע אין איינע·

אייפערן· זײַן אייפערזיכטיג· «ער אייפערט איר צו מיר»· ניט פון הײַנטיגן דײַטש, נאָר אַן אַלט יידיש וואָרט· באַגעגנט זיך אויך אין שאַוולער געגנד· דאָס דײַטשע Eifer האָט תחילת אויך געהאַט נאָר דעם פּשט פון Eifersucht·

12. איפּערסטער׳ דער איפּערסטער — דער נאַטשאַלניק׳ Vor-gesetzter׳ דאָס וואָרט דערמאָנט אָן נידערדײַטש׳ און דאָס איז ניט קיין וואונדער: אין קורלענדער דײַטש זײַנען אויך פֿאַראַן א סך נידערדײַטשע עלעמענטן׳ איך האָב דאָס וואָרט געהערט פֿון מײַן זיידן; איצטער איז דאָס שוין כמעט ווי פֿאַרגעסן׳ אין G ניטאָ׳

אַכטקאַנטיג׳ «איך וועל דיר אַרויסוואַרפֿן אַכטקאַנטיג»׳ דעם פּשט ווייס איך ניט׳ אַן ערך דאָס אייגענע׳ ווי אין פּאָדאָליער גובערניע: «כ׳וועל דיך אַרויסוואַרפֿן אויף פיר שפּענדלעך»׳

אַכיבע׳ כיבע׳ פֿון פּויליש׳ פּשט: סײַדן; דאָס וואָרט «סײַדן» איז זעלטן׳

איינס׳ «איינס פּראָצענט»׳ אָן אייפֿעמיזם׳ כּדי ניט צו זאָגן אויף א פּראָצענטניק׳ אַז ער נעמט 12 פּראָצענט׳ זאָגט מען «איינס פּראָצענט»; נאָר אַלע פֿאַרשטייען׳ וואָס דאָס מיינט׳

אַלדאָסבייז׳ א הויפּטוואָרט׳ «זי איז אָן אַלדאָסבייז»׳

אַלט׳ «איך וועל דיר דערלאַנגען א פּאַך [= פּאַטש]׳ וועסטו ניט יויסן׳ ווי אַלט דו ביזט»׳

אַלעמאָל׳ דער איינציגער אויסדרוק פֿאַר «שטענדיג»׳

אַלערטוועגן׳ דער איינציגער אויסדרוק פֿאַר «אומעטום»׳ GN 29: «allerwegens»׳

אַמאַסע (א מאַסע)׳ דער איינציגער אויסדרוק פֿאַר «א סך»׳

אָנברעכן׳ «מען האָט אים גוט אָנגעבראָכן די ביינער»׳

אָנמאַכן׳ «אָנמאַכן פֿײַער»׳ אָנצינדן׳

אָנמאַקלען׳ «אָנמאַקלען די ביינער»׳ פֿון העבר׳ מַקֵל — שטעקן׳

אַנקען׳ (איך אַנק׳ דו אַנקסט אאַז״וו) קרעכצן׳ געוויס א סלאַ־ווישער שורש; דאָס אייגענע׳ וואָס פּויליש jękać׳ אָבער ס׳איז פֿאַראַן אויך בײַ די דײַטשן אין קורלאַנד און אין צפֿון־דײַטשלאַנד׳ זעה Bremi-sches Wörterbuch פֿון 18טן י״ה׳

אָנקרייטיג׳ 1) איינער צו וועמען עס קלעפּט זיך גרינג צו א קרענק׳ א ווייטאָג אד״ג׳ 2) שפּירעווידיג אין גייסטיגן זינען: בײַ א באַ־ליידיגונג אד״ג׳ — ליפשיץ יוד׳ רוס׳ a 14 : «אימקרעיטיג — нечистъ

«на руку»· — איך מיין, אַז דאָס וואָרט מוז זיך נעמען פון מה״ד -un geraetic, ניט געראָטן, און שפּעטער, ווען די עטימאָלאָגיע איז שוין געווען פאַרטונקלט, האָט מען אין קורלאַנד פון «אומ־» געמאַכט «אָנ־»· אויך אין טעלז (קאָוונער גוב׳) זאָגט מען: «אָנקרייטיג»· זעה פּ׳ פּערלעס Zur Erforschung (ציטירט אויף ז׳ 44 אָנמ׳), ב׳ 44, ז׳ 183·

אָפּבײַסן· «זיי בײַסן זיך אָפּ די נעזער»· איראָניש, ווענן צוויי צו־גוטע פריינד; פשט: זיי האַלטן אין איין קושן זיך·

אָפּטאָן· אָנמאַכן פאַרדראָס· «דו מיינסט, דו וועסט מיר אָפּטאָן, ווען דו וועסט בלײַבן אין שטוב?»

אַפּטייק־בוד· אַפּטייק־קראָם, להיפּוך צום קורלענדער־דײַטשן «דראָגען־האַנדלונג»·

אָפּשטײן· אײַנשטיין· «איך קען ניט אָפּשטיין אויף די פיס»·

אַראָפּ· ווערטל: «באָראַך (ברוך) אַראָפּ·» אויף איינעם, וואָס האָט אַראָפּגעלאָזן די נאָז (מיטאַווע)·

אַרבעט· ווערטל: «אַן אַרבעט פאַר א נאַכטוועכטער»· א שווערע, ניט קיין אײַנגענעמע, ניט קיין פּראָדוקטיווע אַרבעט· פגל׳ ווילנע: «אַן אַרבעט פאַר אַ גאָראָדאָוואָי»·

אַרבעס· «עס קלאַפּט, ווי אַן אַרבעס אָן וואַנט»· פאַרגרײַזט פון: «עס קלעפּט זיך ···»·

אַרונטערמאַכן· ריידן שלעכטס· «ער איז א שלעכטער מענטש, אַלעמען מאַכט ער אַרונטער»·

אַרײַנזאָגן· זאָגן דעם אמת, ניט שאַנעווענדיג·

אָרצע· העבר׳ «ארצה»· קללה: «גיי אין אָרצע»· פגל׳ אָנשטאָט דעם אין ביאַליסטאָק: «ער ליגט אָרצע» (אָהן ,אין׳)·

אַש· «ער האָט געמאַכט פון אים אַש»· פגל׳ «ער האָט אים גע־מאַכט אויסצודרייען»·

באָבע· שפּריכוואָרט: «ווען די באָבע וואָלט געהאַט רעדער, מעכט [= וואָלט] זי געווען אַן אָמניבוס»· איראָניש ווענן איינעם, וואָס ברענגט אוממיגליכע «ווענ׳ס»·

באַווײַזן· דאָס אייגענע, וואָס אין רוסיש успеть·

באַכיינט (באַחנט)· מאַכן זיך באַכיינט פאַר עמיצן — מאַכן

חנדלעך, קאָקעטירן. פגל׳ מענדעלע, שלמה רב חיימס: «פּריש־געלע בלומען שטעקן אַרויס די קעפּלעך פון צווישן יונגן גראָז, קוקן אַרויס און מאַכן חן».

באָכעריכע (אַקצענט אויפן i). א פעמינינום צו «באָכער» (בחור). א פרוי, וואָס יאָגט זיך נאָך מאַנסבילן.

באַלקן. א רעטעניש פאַר קינדער: «עס ליגט א באַלקן אין וואַסער און ווערט ניט נאַס — א צונג, קינד, טרעף וואָס איז דאָס?» דער ענטפער איז שוין פאַראַן אין דער פראַגע; מען פרעגט זייער גיך.

באָמבאָן, דער; פּילצאָל «באָמבאָנס». צוקערקע. די n אין איינצאָל ווערט אַרויסגערעדט ווי אין «לונג», אָבער אָהן א «ג»; אין פּילצאָל הערט זיך שוין «ג» אויך.

באָמע, די. א דיקער שטעקן, א פלאָקן. לעטיש?

באָנדע. 1) א גרויסע קײַלעכדיגע בולקע, פון שווערע טייג. 2) אַן אומבאַהאָלפענער מענטש.

באָראַכשאָמער (בָרוך שֶאָמַר). ווערטל: «ער פאַנגט [= הייבט] אָן אַלעמאָל פון באָראַכשאָמער»; פון אָנהייב.

בוד, די (קראָם). «ער האָט אַן אײַזן־בוד»; «ער שטייט א גאַנצן טאָג אין בוד». אויך אין קורלענדער דײַטש און אין שכֵנישן טייל קאָוונער גובערניע.

בוט, די. א פיש (אין ווילנע: די פלאָנדערקע). מיט א יאָר 30 צוריק האָט מען געזונגען אַזאַ קינדער־לידל:

ווער איז דער כאָסן (חתן)?
— ברודער נאָסן (נתן).
ווער איז די קאַלע (כלה)?
— שוועסטער מאַלע.
ווער איז דער מעכוטן (מחותן)?
— איצע מיט די בוטן.

בורבלען. פּשט: דאָס דײַטשע «מורמעלן», אַרויסריידן שטיל און ניט־דײַטליך.

בורלאַק, דער (אַקצענט אויפן u). «א, דו בורלאַק איינער!» זידלוואָרט. אויך אין קורלענדער דײַטש. — אין קאָוונער גוב׳: בולעך, אָהן א r (מיטטיילונג פון ד״ר אל. אָלשוואַנגער).

בורש׳ דער· שיק־ייִנגל אין א קראָם·

ביטער· «א ביטערער יונג!» פשט: א בריה· אויך איראָניש·

בייגל· א רעטעניש: «אַז מען עסט אויף א בייגל׳ וואו בלייַבט די לאָך?» באַשייד: «אין קעשענע»·

בייַסן און ברעכן· ווערטל: «ער האָט ניט וואָס צו בייַסן און צו ברעכן» (ער איז נעבעך א ביטערער אָרימאַן)· טענדלוי ברענגט דעם אויסדרוק אונטער No. 209·

בירגעלט· דייַטש: «טרינקגעלט»· פגל׳ פויל׳: na piwo · GN 144·

בעדאַלעס (בדלות)· ווערטל: «נו׳ בין איך בעדאַלעס!»· פגל׳ פיקעלן·

בעזמער· א געוויכט׳ מיט א קרוק אונטן׳ וואו מען הענגט אויף די משא; א ווייַזערל׳ וואָס איז פאַרבונדן מיטן קרוק׳ ווייַזט אויף א טאָוועלע׳ וויפיל דער געגנשטאַנד האַלט די וואָג· רוס׳ безмен· די פאָרם «בעזמער» באַגעגנט זיך אין באַלטישן דייַטש שוין אין יאָר 1203· וועגן דער אָפשטאַמונג פון וואָרט (טאָטעריש אָדער סקאַנדינאַוויש) איז א פלוגתא· ליטעראַטור וועגן דעם אָנגעוויזן אין GN ז׳ 133—138·

בעלאַנגזאַם· «גיי בעלאַנגזאַם»· — טענדלוי׳ וואָס ברענגט (No. 415) דעם זעלביגן אויסדרוק פון פראַנקפורט־מאַין׳ איז משער׳ אַז «בעלאַנגזאַם»׳ «בעמעליך» (פאַמעליך) איז געפורעמט ע״פ אַנאַלאָגיע מיט «בכבוד»׳ «בנחת»· פאַר א ראיה ברענגט ער א פסוק פון «לב טוב»׳ וואָס איז פאַראַן אין וואַגענזיילס Belehrung ז׳ 322: «die Zenuah redet be-lanzum bemählich» (בייַ וואַגענזייַלן שטייט דאָס אויף יידיש׳ נאָר טענדלוי האָט דאָס איבערגעשריבן מיט דייַטשע אותיות און מאָדערניזירט דאָס אויסלייגן)· נח פרילוצקי וויל אָפּפרעגן (קונסונאַנטיזם I ז׳ 171) טענדלויס השערה· ער שרייַבט: «אויסער דעם׳ איז מיר דער בעלאַנצום בא וואַגענזייַלן איבערהויפּט א ביסל פאַרדעכטיק׳ וואָרום אין ,לב טוב׳ לייענען מיר: ,לאנצום במעלך׳»· די טענה פרילוצקיס איז יעדנפאַלס א פאַלשע· אין מייַן עקזעמפּלאַר פון «לב טוב» (ליידער אָהן שער) שטייט אויף דעם דערמאָנטן אָרט אין פרק ה׳ «לאַנצום» (לאַנגזאַם)· אָבער שוין מיט א פרק ווייַטער («הלכות שבת»)׳ שטייט אין פסוק ל: «וויל איינר בילנצום נאך זאגן איטליכש וואָרט ...»׳ און בכלל איז «בילאַנצום» (= בעלאַנגזאַם) אַן אַלטגעזעסן וואָרט אין יידיש: אין פראַנקפורטער

בראַנטשפּיגל» 1676 באַגעגנט זיך די פאָרם אין איין קאַפּיטל (פּרק כא) אַזש פיר מאָל! אין «מליץ יושר» (לובלין 1622), וואָס עס האָט אָנ־געשריבן רב יעקב בר׳ יצחק פון יאַנאָווע, דער מחבר פון «צאינה וראינה», שטייט: «אין דען ספר קאן ער בילנצום לייאנן» (שולמאַן, ז׳ 37)· אַלס pendant איז זייער וויכטיג דאָס האָלענדיש־יידישע: bejiddischlich («אויף אַן אמת יידישן שטייגער»), זעה פאָרזאַנגער ז׳ 40· — «פאַמעליך» איז אין קורלאַנד ניט באַוואוסט; «לאַנגזאַם» און «בעלאַנגזאַם» ווערן גע־נוצט גלײַך·

בער, דער· 1) ווערטל: «קוס [=קוש] א בערן», אויך: «קוס א בערן אין פעלץ»· פשט: רוף מיך קנאַקניסל· פגל׳ אין גראַיעווע, לאָמזש׳ גוב׳: «קוש א בערן אונטערן פאַרטעך»· מיכל גאָרדאָן, יודישע ליעדער (וואַרשע, 1889) ז׳ 88: «און ווען דו בעטסט עס [געלט] בייא דיין שווער בעקומסט דו אַנ־ענטפער: קוש א בער»· 2) «ווער?» — «דער בער»· אַזוי ענטפערט מען עמיצן, וואָס האַלט אין איין פרעגן אויף זאַכן, וואָס ער מעג ניט וויסן אויך· פגל׳ אין ווילנע: «פאַר וואָס?» — פאַר שבת·

בערזעלע, די· פּילצאָל: בערזעלאַך· א קליינע קלעפיגע פרוכט, מיט וועלכער מען וואַרפט זיך אום תשעה־באב· דײַטש Klette, רוס׳ лопух, ענגל׳ burdock·

בראַמענען זיך· זיך באַרימען· אויך אַקטיוו: «אויסבראַ־מענען»· עטימאָלאָגיע?

בראַנד· א בְריה· «א בראַנד א מיידל»; «א בראַנד פון א מיידל»·

בראַנציק· דאָס ייִנגעלע בעט בײַם טאַטן: «טראָג מיר בראַנציק!» אויפן אַקסל· רוס׳ баранчиком·

ברויט· «ער פאַרדינט אַזוי פיל — ברויט מיט לעפלען צו עסן!» (איראָניש)·

בריען· אויסזיצן אייער· אין הײַנטיגן דײַטש הייסט דאָס brüten; נאָר קלוגע ברענגט אויף ז׳ 71 b: «אין עלטערן נײַהויכדײַטש באַטײַט brühen דאָס אייגענע, וואָס brüten»·

געשעפט· ווערטל: «א געשעפט!» אַן איראָנישער ענטפער מיטן פשט: איך טראַכט גאָרניט וועגן דעם!

גאַל. ווערטל: «ביטער ווי גאַל».

גאָלד. ווערטל: «זיכער ווי גאָלד!» — טענדלוי No. 49: «Be-währt wie Gold».

גאָר, דער. אַזוי רופט זיך דאָס חנוכה־דריידל: «מען שפּילט אין גאָר». די פיר אותיות: נ, ג, ה, ש ווערן אויסגעטייטשט: ניט, גאַנץ, האַלב, שלעכט. — פוילינע ווענגעראָוו, «מעמוארען איינער גראָסמוטטער» (בערלין 1913) I ז' 23 ברענגט דאָס וואָרט פון באָברויסק, פון צווייטן פערטל פון 19טן י"ה. זי דערקלערט דעם נאָמען מיט דעם, אַז דער וואָס וואַרפט אויף ג, נעמט צו «גאָר».

גוט־פריינד. (אַקצענט אויף u). מיט עם [= אים] איז גוט צו זיין «גוט־פריינד פון ווייטן».

גורק, די. דאָס וואָרט «אוגערקע» פאַרשטייט מען אויך.

גיין אין ... יאָר. ער גייט אין צוועלפטן יאָר = ער איז אַלט פולע עלף מיט עפּעס. — קינדערשע רעטעניש: «וואו גייט א האָן, ווען ער ווערט אַלט אַכט יאָר? — אין די ניינטע»; הייסט עס, «יאָר» בלשון נקבה.

געהעפט, דער. הויף ביי א הויז, двор. G I 326.

געווערן (אַקצענט אויפן צווייטן טראַף). דורכאויס אָנשטאָט «געדויערן». אַזוי אויך דאָס רוב אין דער עלטערער ליטעראַטור. שארית ישראל 1799, פרק כא: «עש העט נאך פיל לענגר גווערט»; מנהגים, פיורדא 1756: «די צייט ... גווערט ביז איין שעה פר נאכט».

געזונט. שפּריכוואָרט: «נאָר געזונט, כאָצביק רייך» (מיטאַווע). פגל' שלום־עליכם: «איידער דריי וואָכן קראַנק, איז בעסער דריי יאָר געזונט».

געלט. שפּריכוואָרט: «פאַר געלט באַקומט מען צוקער».

געפעליג זיין. געפעלן. די זאַך איז מיר געפעליג געווען.

גערירט. משוגע.

געשמירט. «געשמירטע מצה». קעזקוכן פון מצה; די מצה איז פון אויבן «געשמירט» מיט קעז (צוואָרעך).

גראָבין. א קליין שטעטעלע לעבן ליבאַווע (קורלענדער אויס־שפּראַך: lībo). אין גאָלדינגען ווילצלט מען זיך, אַז אין גראָבין (אַקצענט אויפן i) זיינען פאַראַן צוויי גאַסן: די גאַס און יענע גאַס.

גראַבלען זיך׳ גראָבן זיך׳ פּאָרקען זיך׳ — ליפשיץ ייד׳ רוס׳ b 72: «גראַבלען — царапать; דאָרטן גופא b 18: «אָיסגראַבלען — вы-царапывать»׳ בײַ קאָוונער [פון גאַליציע]׳ «פאָרווערטס» דעצעמבער 16׳ 1922: «איך וועל איהר ··· די אויגען אויסגראַבלען׳»

גראַטולאַנט׳ דער׳ זעה רומפּל׳

גראַפּן (ā)׳ דער׳ א קליין טעפּל׳ לעטיש׳

גרײַליק׳ גרײַליך׳

גרעפּסן׳ דײַטש: aufstoßen׳ לעקסער II׳ 428 ברענגט roffezen מיט בײַ־פּאָרמען: ropzen׳ reubsen אאַז״וו׳ — דער «ג» איז מסתמא דער פּאַדערטראַף «גע־» מיט אַן עלידירטן «ע»׳ ווי ,גלויבן׳ פון מה״ד geloube אָדער ,גליק׳ פון מה״ד gelücke׳

דאָס׳ «ער דרייט זיך׳ ווי א דאָס אין ראָסל׳»

דובלטן׳ דער באָדאָרט Dubbeln ביים ריגער «שטראַנד»׳ לעט׳ Dubulte׳

דוקאַטן׳ «געשטאָכענע דוקאַטן»׳ פּשט: דאָס בעסטע וואָס עס קאָן נאָר געבן׳ דאָס אייבערשטע פון שטייסל׳

דיבערן׳ פון העבר׳ דיבור׳ פּשט: בטלען׳ ריידן פוסטע דיבורים׳ אַרײַנגעדרונגען אין דײַטש אויך׳ — אין אַנדערע יידישע דיאַלעקטן: דאַבערן (דַברן)׳

דיק׳ ער איז געוואָרן «דיק און שטיק»׳ אָנגעשטאָפּט׳ פעט׳

דען׳ 1) דאַן; 2) אויב אַזוי׳ «דען בין איך געגאַנגען אַהיים»׳ «דען איז אַן אַנדער זאַך!»

דעס־מאָרגנס׳ אינדערפרי׳ פגל׳ קהלת שלמה׳ אַמסטערדאַם 1744׳ נד a: «דש אובנטש אונ׳ מארגנש וויל איך טאן»׳

דעקן׳ אָנזידלען׳ «האָב איך אים געדעקט!»

דראַנק׳ די׳ פאָמיעס׳ ס׳איז דער «Trank» פאַר די קי׳ אויך קורלענדער דײַטש׳

האזנפּוט׳ די שטאָט Hasenpot׳ לעט׳ Aispute׳

האָן׳ א גאָרנישט׳ א בוידעם׳ ווערטלעך: «פון דער מעשה איז אַרויסגעקומען א האָן»; «ער מאַכט גאָר א האָן פון דער גאַנצער זאַך»׳ — כ׳רעכן׳ אַז דאָס האָט ניט צו טון מיטן יידישן «האָן»׳ נאָר ס׳איז גאָר דאָס

דײַטשע Hohn (שפּאָט, חוזק), וואָס מען האָט ניט איבערוואָקאַליזירט, מחמת מען האָט דאָס צונויפגעקניפּט מיט «האָן».

האַנדלשאַפּט. שפּריכוואָרט: «האַנדלשאַפּט איז קיין ברודער־שאַפּט».

האַרבעריג, די. די צוגעבויטע הויף־וואוינונג, דאָס וואָס מען רופט אין רוסיש флигель, פּויליש oficyna, אין בערלין Gartenhaus.

הון. ווערטל: «גיי בײַ די הינער». גוטמוטיג; פּשט: טראָג זיך אָפּ!

הונט. 1) ווערטל: «אין הונטס מויל אַרײַן!» פּשט: פֿאַרפֿאַלן לעולם ועד! 2) ווערטל: «א הונט א גאָרנישט». 3) זײַן א הונט אַנטקעגן עמיצן: «איצע איז א הונט אַנטקעגן עם» — איז גאָרנישט ניט ווערט לגבי אים. 4) זידלוואָרט: «משוגענער הונט!» 5) שפּריכוואָרט: «דער הונט ווי דער הונט; אָבער די הינטישע משפּחה!» פּשט א שטייגער: דער חתן איז נאָך א האַלבע צרה, נאָר זײַן משפּחה — זאָל גאָט אויסהיטן! 6) שפּריכוואָרט: «האָט א הונט א הויז?» זעה פֿאַרזאַנגער ז׳ 43.

הײַנט. אויב אַזוי ..., טאָ ... — בײַשפּיל: איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז ער האָט צובראָכן די גלאָז; הײַנט וואָס ווילסטו פֿון מיר? — די אָפּשטאַמונג ווייס איך ניט.

הילצערן. «הילצערנע טײַטש» — עברי־טײַטש. אויך, פֿאַר־אַכטליך, יידיש בכלל.

הינטערסטער, דער. אָחור.

ואכלת ושבעת וברכת. דער דאָזיגער פּסוק («דו וועסט אָפּ־עסן און זאַט זײַן און בענטשן») ווערט אויף א קאַטאָוועס איבערגעזעצט אַזוי: «זאָלסט אָפּעסן און אָפּשווערן און אַנטלויפֿן» [= וברחת].

וואָגן. שפּריכוואָרט: «אויף וועמעס וואָגן מען זיצט, אַזאַ ליד זינגט מען». פּגל׳ בערנשטיין, וואָגן 2.

וואולף. די חיה הייסט «וואָלף», אָבער דער נאָמען איז נאָר «וואולף» — א נידערדײַטשע פֿאָרם (קלוגע ז׳ 494). דאָס איז וויכטיג פֿאַר דער גענעאַלאָגיע פֿון קורלענדער דיאַלעקט; ס׳זיינען דאָ היפּש באַריר־פּונקטן מיט צפון־דײַטשלאַנד.

וואונדער. ווערטל: «דער וואונדער זאָל דיר קיין וואונדער ניט זײַן».

וואונצן׳ וואָנצעס. פויל׳ wąsy.

וויצקע׳ צווײַגל. אויך אין שאַוולער געגנד. און לאָמזשער גוב׳: וויטשע. געוויס דערזעלביגער שורש, ווי вѣтка; אָבער די פאַר־מיטלונג?

וועטן׳ קינדערשע שפּיל: ווען צוויי פאַרוועטן זיך וועגן עפּעס, נעמט מען זיך אָן פאַר די הענט און מען זאָגט אַזוי: «לאָמיר וועטן — איבער די קעטן [= קייטן]; איך וועל ש... — דו וועסט בײַסן».

וואַרטן׳ ווערטל (צו א מאַרודניק): «וואָס וואַרטסטו, אויף כבוד?»

ווערים. ווערטל: «מיר קומט אַלץ אָן מיט ווערים» (אָדער: «מיט גרינע ווערים»). פשט: מיט מאַטערניש.

װענטע׳ די. דער טײַך Windau, לעט׳ Wente. אויך אין ליטע, וואו דער טײַך פליסט אַדורך, רופט מען אים אַזוי אויף יידיש. די שטאָט Windau הייסט «ווינדוי».

זאַלץ. ווערטל: «שיט עם [= אים] אָן זאַלץ [אָדער: «פּסחדיגע זאַלץ»] אויפן עק». מען זאָגט דאָס, אויב עמיצער איז אַנטלאָפן און מען קאָן אים שוין מער בשום־אופן ניט כאַפּן.

זאַמעטער. יעדער ניט־קורלענדער ייד. זידלוואָרט: «זאַמעטער חזיר».

זויערמילך. שפּריכוואָרט: «זיבן מײַל נאָך א טרונק זויער־מילך». ווען עמיצער טוט אָפּ א גוואַלדיגע אַרבעט צוליב א נישטיגן רעזולטאַט.

זיבן. «זיבן איז א ליגן». — פאַרוואָס? — ווײַל «זי» דאַרף זײַן ניט «בן», נאָר «בת».

זיבנזאַכן. פשט: אַלע זאַכן. «נעם דײַנע זיבנזאַכן און גיי אַהיים». גראַיעווע (לאָמזש׳ גוב׳): אַלע זיבנזאַכן. פגל׳ קלוגע ד׳ 420.

זירופּ, דער. פּאַטעקע. אויף שבת מאַכט מען א «זירופּ־קוגל». — גראָדנע: «צירעפּ».

ח־ זעה אונטער כ־.

טאַמבור־וואָגן׳ דער. א קלײנער וואָגן, דאָס רוב אויף צוויי רעדער, אָהן אַן אָנליין.

טויבע־לאָך· אַזוי זאָגט מען אויף א טויבן אָדער צו א טויבן־לאָך = אויער·

טויגעניש ט, דער· דער גאָרנישט· דײַטש Taugenichts·

טופּעניען· הויערן, זיצן אײַנגעקאָרטשעט· «זי טופּעט אַלעמאָל אינדערהיים»· לעטיש: tupēt·

טורעס· «מאַכן טורעס פון איינעם» — חוזק מאַכן· ווילער ז׳ 398 ברענגט דאָס וואָרט אין דער פאָרם tores און מאַכט אויף דעם אַזאַ פּירוש: די יידן, וואָס זיינען אַנטרונען געוואָרן פון שפּאַניע און האָבן זיך אין 16 טן י״ה געראַטעוועט קיין פּוילן, האָבן אויפגעהיט דעם אָנדענק וועגן די אָקסן־קאַמפן, און דערפון נעמט זיך דער אויסדרוק «tores» אין דער ווענדונג: «tores szpīln», פון שפּאַנישן «los toros», וואָס באַטײַט «אָקסן, אָקסן־קאַמפן»· — מיר דוכט זיך אויס דער פּירוש זייער ניט וואָר־שײַנליך; אפשר «טורן» אין טאַנץ, וואו מען דרייט זיך אַהין און אַהער?

טײַוולשקייט· דײַטש Teufelskot, אַזאַ מין סמאָלע, מיט אַן עקלדיגן ריח, וואָס מען ניצט צוליב מעדיצינישע צוועקן· «אידישקייט איז דאָך טײַוולשקייט» — אַזאַ מין שפּריכוואָרט, מיינען פרומע לייט, גייט אום בײַ די אַפּיקורסים· (דאָס וואָרט איז אינטערעסאַנט פאָנעטיש: די צווייטע העלפט ווערט אַרויסגערעדט ניט אויף קורלענדער שטייגער «köit», נאָר ליטוויש, און דורך דעם ווערט זי צוגעגליכן צו דער ענדונג «־קייט», אָבער ניט אין איר הײַנטיגער ליטווישער און קורלענדער פאָרם «kajt», נאָר אין איר היסטאָריש־באַרעכטיגטן געשטאַלט, ווי למשל אין ראָוונע, וואו מען זאָגט: «שיינקייט», כמעט ווי «šejnket»· פגל׳ מגילת ווינץ סטר׳צח: ,פרייאַט׳ = פרייהייט·

טײַטש· ווערטל: «טײַטש ריידן לאָזט מיר!» איראָניש וועגן איינעם, וואָס קאָן ניט און נעמט זיך אונטער·

טײַטש־נאַר· אַזוי זאָגט מען אויף די דײַטשן· פגל׳ ווילנע: «יעקע טײַטש»·

טאַם (טעם)· ווערטל: «קיין טעם און קיין ראַם» (מען דאַרף צו־געבן: «איז אין דעם ניטאָ»)· פגל׳ «אָהן טעם און אָהן ריח»· יהודה עלזעט, «יודישע מאכלים» ז׳ 73: «אָהן טעם און אָהן ראַאַם», און דערצו אַן אָנמערקונג: «אָהן ריים?» אין דער אמתן האָט דאָס צו ריים = גראַם

קיין שום שייכות ניט· ס׳איז דאָס היינטיגע דײַטשע Rahm — סמעטאַנקע; דאָס וואָרט ווערט היינט אין קורלאַנד ניט גענוצט, ניט אין דײַטש און ניט אין יידיש (זעה: שמאַנט)· אַלזאָ, א ירושה פון אַמאָל· און טאַקע, פרידריך ברענגט אין זײַן ווערטערבוך (אַרויסגעגעבן 1784 אין פרענצלוי, פרײַסן; באַראַכאָוו 42 No.) ז׳ 70: «— Does hot kein tahm un kein rahm «dieses ist eine abgeschmackte Sache»·

טאַמען (תם)· אויפפירן זיך ווי א תם· «ער זיצט און טאַמט»·

טיפלע, די (תּפלה)· קלויסטער (פאַראַכטליך)·

טערעץ, דער; פּלוראַל: טערוצים· ווערטל: «לאַנג לעבן זאָל דער טערעץ!» אויך «לאַנג לעבן זאָל דער אויסרייד!» טענדלוי 293 No.: «Gott, lass mir mein Ausred' gesund»·

טערכענען· שמירן· ער האָט באַטערכעט די וואַנט מיט פאַרב·

שטראַק ז׳ 160: «צוזאַמען־טרחה׳ן — durch Arbeit zusammenbringen»· א קנאַפּע סברא; נאָר קיין בעסערע דערקלערונג ווייס איך ניט·

טראַכט, דער· «א טראַכט וואַסער»· צוויי עמער מיט א טראָג־שטאַנג (זייער אָפט מיט d: «דראַכט», ווי אין קורלענדער דײַטש)·

טראַנטע, די· «אַלטע טראַנטעס» — אַלטוואַרג, וואָס האָט קיין ווערדע ניט· — איך רעכן, אַז דאָס איז פון שורש «טרענען»: אַלע נעט זיינען צעטרענט·

טראַקטעמענטן, די· כּיבוד, וואָס מען שטעלט פאַר געסט· דאָס וואָרט איז פאַראַן אין דער דערציילונג «דער גלגול», וואַרשע 1865, וואָס טראָגט ניט אויף זיך דעם נאָמען פון מחבר, נאָר איך רעכן, אַז זי איז אייזיק מאיר דיקס·

יאַגדע, די· רוס׳ ягода, פויל׳ jagoda· [בירנבוים ז׳ 134 a ברענגט: «יאַגעדע — f. Erdbeere»· א מאָדנע פאַרענגערונג פון פּשט!]

יאַנע (ā)· אויב מען שפּילט אין זעקס־און־זעכציג און מען איז שוין אַריבער 33, איז מען «אויס יאַנע»· — «יאַנע» איז די לעטישע פאָרם פון נאָמען «יאָהאַן»; דעם אָפּשטאַם פאַרשטיי איך ניט· אויך פון אַן אַלטער מויד זאָגט מען: «זי איז שוין אויס יאַנע»· — אין טעלז (קאָוונער גוב׳) זאָגט מען: «אויס יאָהאַן»·

יאַפּע. פּאַראַכטליכע באַצייכענונג פאַרן לעטישן פויער און בכלל פאַרן לעט.

יאַקרעס. דאָס העברעאישע «יקרות» איז געוואָרן לשון־זכר, און דערפאַר זאָגט מען אויך ביי א הויכן פרייז: «אַ יאַקרעס גאָדל!» (יקרות־גדול). דער אויסדרוק איז באַקענט אויך אין גראַיעווע, לאָמזש׳ גוב׳. ס׳איז א מערב־יידישע ירושה: מיר געפינען שוין דעם אויסדרוק אינם יידישן «האַנטלעקסיקאָן», וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן 1773 אין פּראָג דער דאָרטיגער צענזאָר לעאָפּאָלד טירש [באָראָכאָוו .No 41].

יאָר־מאַשעמאַטן, דער (יאָר־משא־ומתן). ווערטל: «א יאָר־מאַשעמאַטן מיט דיר!», ד״ה: «מען קאָן זיך דאָך מיט דיר גאָרניט אויסטענהען!» ליפשיץ יודי. רוס. ז׳ 108: «יאֹר־משא־ומתן – .см יאֹר־עסק», און אונטער «יאֹר־עסק» שטייט: «долговѣчныя хлопоты».

יוי (jöi). יאָ. ס׳באַגעגנט זיך אויך די פאָרם «יאַ», פון דייטש.

יורקעס הונט. ווערטל: «ער שוויַיגט ווי יורקעס הונט», ד״ה ער דערוועגט זיך ניט צו ענטפערן קיין וואָרט. – «יורקע» פּאַראַכטליך פון Jure, Juris, לעטישער נאָמען, באַצייכנט בכלל א פויער.

יעלה ויבוא – ניין! אויף איינעם, וואָס זאָגט דווקא ניין, צי עס פּאַסט, צי עס פּאַסט ניט. די מעשה: אַ ייד האָט זיך אַמאָל געקלאָגט פאַר זיין וויַיב, אַז אין קהלשע עסקים ווייס ער קיינמאָל ניט צו זאָגן קיין מיינונג. האָט די פרוי אים געהייסן, אַז ווען מען וועט וויַיטער ריידן וועגן עפּעס, זאָל ער זיך אַריַינמישן און זאָגן «ניין». דעם ערשטן שבת נאָכדעם האָט מען געבענטשט ראש־חודש. גיט דער שמש א קלאַפּ: «היַינט זאָגט מען יעלה־ויבוא». רופט זיך אָפּ דער ייד מיט היץ: «ניין!».

יעקן. חוזק מאַכן. פאַראַן אויך ערגעץ־וואו ביי יהואשן אין די «פאַבלען». פון דייטש Geck [«eingebildeter Narr»], זעה Heyne, Deutsches Wörterbuch I, 1047.

יתומה. פרוי שאַרלאָטע וו., פון מיטאַווע, גיט מיר איבער, אַז דאָרטן האָט מען מיט א יאָר 45 צוריק געזונגען א ליד וועגן א יתומה, וואָס זי געדענקט פון דעם נאָר שטיקלעך:[1])

[1]) איך זאָג זיך אָפּ צו געבן א פאָנעטישע שריַיבונג, מחמת די דאַמע רעדט צו שטאַרק פאַרדיַיטשט, און לאָז איבער נאָר א פּאָר כאַראַקטעריסטישע סימנים פון איר אויסשפּראַך.

«אויף דעם בײסאַקוואָרעס
אונטער א מאַצײווע
הערט מען א קאָל
פון אַ נעקײווע·

שרײַט אַ מוטער:
אָ ווײ׳ אָ ווינד׳
וואָס וויל די זינדיגע שטיפמוטער
פון מײן אײנציגעס קינד·

די מאַרשאַס [מרשעת] די ווילדע טיר
— — — — — — — —
— — — — — — — —
— — — — — — — —

מאָרדכע׳ מאָרדכע׳
דו ביזט געוועזן מײַן מאַן׳
דו ביזט דעם קינדס פאָטער׳
אַן אײגן טיראַן·

דו ביזט פון אײַזן׳
דײַן האַרץ איז פון שטײן׳
מײַן קינדס הײסע טרערן
ווערן אויך ניט צערגײן·»

ס׳איז׳ קאָנטיג׳ אַן אויסטערלישע איבעראַרבעטונג פון מיכל גאָרדאָנס א ליד׳ וועמענס ווערק ס׳זײַנען געווען אַזוי פּאָפּולער׳ אַז זײ האָבן אָנ־געשפּאַרט אַזש ביז מיטאַווע· איבערהויפּט איז ענליך די ערשטע סטראָפע (כאָטש דער משקל איז געביטן)׳ פגל׳ מיכל גאָרדאָן׳ יודישע ליעדער (וואַרשע 1889) ז׳ 40׳ «די שטיפמוטער»:

«אָפּין בית הקברות׳ אונטער א מצבה
הערט זיך ביטער א קול פון א נקבה׳
דאס שרייט א מוטער: אָי ווייא מיר אָי ווינד׳
וואס טהוט א שטיפמוטער מיין טהייערען קינד·»

כאָוועגען זיך. «ער כאָוועט זיך א גאַנצן טאָג» = ער שטאָפּט זיך א גאַנצן טאָג מיט עסן. — פון פויליש.

כאַיעראָע, די (חיה־רעה). זידלוואָרט, אויף א צעלאָזענעם קינד: «כאַיעראָע דו!».

כאָכעם־באַלײַלע, דער (חכם בלילה). איראָניש צו איינעם, וואָס האָט געזאָגט א נאַרישקייט; פּשט אפשר: ביזט א חכם בײַ־נאַכט, ווען דו שלאָפסט און שווײַגסט. — קליאַטשקע ז׳ 40 שורה 25: «איך, בחור, בין דאָך אויך געוואָרן א חכם בלילה». אין גראַיעווע (לאָמזש׳ גוב׳): «חכם בלילה, טיפּש ביום» אָדער וואולגאַריזירט: «חכם בלילה, שטינקער ביום».

כײַוועקאַיעם, דער (חי־וקים). ווערטל: «א פּראָסטער כײַ־וועקאַיעם».

כאַצביק. כאַטש. «נעם כאַצביק און באַגראָב זיך».

כאַצקע. שפּריכוואָרט: «ווי קומט כאַצקע צו האָזנפעל?» פּשט: וואָס האָט אַזאַ מענטש פאַר א שײַכות צו אַזוינע איידעלע זאַכן?

כוועטשקע, דער און די. א קליינער, דאַרער מענטש. — אָפּ־שטאַמונג?

כיילעק, דער (חלק). ווערטל: «וואָס איז, דו האָסט אײַנ־געלייגט א כיילעק?» ווער ס׳האָט אײַנגעלייגט א חלק אין געשעפט, דער איז א שותף און מעג מאָנען; אָבער ווער ס׳האָט קיין חלק ניט אײַנ־געלייגט, דער דאַרף זײַן צופרידן פון דעם, וואָס מען גיט אים.

לאַטכענען. גנבענען. פון: לַקח׳ענען.

לאָך, די. ווערטל: «ער מאַכט מיר אָן א לאָך אין קאָפּ». פּשט: ער רעדט אַזוי פיל, אַז מיר ווערט ניט גוט הערנדיג. — פּגל׳ ווילנע: «איך האָב דאָס געדאַרפט האָבן, ווי א לאָך אין קאָפּ».

לאַנד, די. «אָפן לאַנד» = אויפן ישוב, אין דאָרף.

לאָקשנברעט, דער. בלשון־חוזק אויף זייער א דאַרן מענטשן, איבערהויפּט אויף א דאַרער פרוי.

לופּיטע, די (ú). שמאַטע. 1) א שלעפּער. 2) דאָס באַוואוסטע שפּריכוואָרט קלינגט אַזוי: «ווען מען רייבט זיך אויס, ווערט מען א לופּיטע» (פּגל׳ בערנשטיין, «אויסרייבן»). דאָס וואָרט איז לעטיש lupats, lupata — איינס פון די ווייניג לעטישע ווערטער, וואָס זיינען אַרײַן אין קורלענדער

יידיש. די ווירקונג פון לעטיש אויף יידיש איז געווען א סך קלענער, איידער פון ליטוויש אין דער שכנישער קאָוונער גובערניע, אפשר דערפאַר, ווײַל אין קורלאַנד האָט זיך אַרײַנגעמישט אינמיטן די דײַטשע שפּראַך.

ליגן, דער. ווערטל: «אַלעוואַי (הלוואי) זאָל איך ליגן זאָגן» (... נאָר איך זאָג דיר, אַז דערפון וועט גאָרנישט ניט ווערן).

לישקענען זיך. חנפענען זיך צו עמיצן.

לישקעס. דאָס וואָס אין דײַטש: Schmeichelkatze. אָפּשטאַם?

לעבער־יאַם, דער. ווערטל: «גיי אויפן לעבער־יאַם». גוטמוטיג: טראָג זיך אָפּ פון דאַנען. דער אויסדרוק lĕbir-meri באַגעגנט זיך שוין אין אַן אַלטהויכדײַטשן כתב־יד פון 12טן י״ה און דערנאָך ניט זעלטן אין דער מה״ד ליטעראַטור. דער פשט איז: «פאַרגליווערטער ים» («לעבער» און ג־ליווער־ן איז טאַקע איין שורש, פגל׳ ענגל׳ liver, רוסיש ливер); ס׳איז געווען א לעגענדע, אַז ס׳איז פאַראַן א פאַרגליווערטער ים, וואו די שיפן קאָנען זיך ניט רירן פון אָרט.[1]) — אין מאַליאַט (ווילנער גוב׳) זאָגט מען: «גיי דאָסן אויפן לעבער־יאַם».

לעך־געלט, די. געלט, וואָס מען לאָזט די קינדער אַוועקפאָרנדיג. ווילנע: «אַדיעזנע» (отъездные). «לעך» אין מה״ד: «אָפּשייד»; פגל׳ דאָס דײַטשע: zuguterletzt. אין «בראַנטשפּיגל», פּפד״מ 1676, פּרק כז (ע״פ טעות געצייכנט כח): «אויף די נבֿט הוט אין [= זיי] דער ווערט [= ווירט] איין סעודה גימכֿט צו לעך אונ׳ איז מיט זיא פֿרויליך גיוועזן». «איין שין מעשה מיט פיר סוחרים פון פראג» (אָהן א שער; קאָנטיג, א דרוק פון נאָווי־דוואָר פון סאַמע אָנהייב 19טן י״ה): «אונ לאָזט איר איין גוטה לעצט געלט אונ געזעגנט זיך מיט אלי».

מאַגריטש, דער (אַקצענט אויפן i). דער סוחר צום קונה: «נאַט אייך אייער פונט מעל און נאָך צוויי באָמבאָנס אויף מאַגריטש». רוסיש, אויך לעטיש באַנוצט. — ליפשיץ יוד. רוס. ז׳ 118 b: «מאָריטש».

מאַד, די (ā). אַן אַלטע מאַד. די מערב־יידישע (פראַנקפורטער־אונגאַרישע) פאָרם (מה״ד ei: ייד׳ ā)![2])

מאַכן זיך. שפּריכוואָרט: «ווי עס מאַכט זיך, איז רעכט».

[1]) געגוי וועגן דעם וואָרט און דער לעגענדע אין Denkmäler deutscher Poesie und Prosa des 8.—12. Jh., ז׳ 348.

[2]) זעה ז׳ 52.

מאַכער־לוין, דער, אַרבעטסגעלט ביי א בעל־מלאכה. — פּראָגער בריוו 1619, בריוו 10: «... דעם שניידר מכּיר לון ...».

מאַלאַך, דער (מלאך). שפּריכוואָרט: «ווען מען רופט דעם מאַלאַך (= מלאך), קומט דער גאַלאַך (= גלח). — פגל' בערנשטיין, מלאך 1.

מאַנסביל. ווערטל: «וויפיל מאַנסבילן זיין (= זיינען) מיר אין מאָסקעווע? איך און מיין ברודער זאָראַך (זרח) און נאָך א פּאָר». מעשה־חוזק, אויף א באַרימער.

מאָקעם. א גרויסע שטאָט; אויך איראָניש. שפּריכוואָרט: «פון א מאָקעם (מקום) לויפט מען ניט» (מיטאַווע).

מאָרגן. ווערטל (אויף א פוילן): «קום איך ניט היינט, קום איך מאָרגן».

מאַרש, דער (ā). אָחור. דאָס וואָרט באַגעגנט זיך אין דעם אַחשורוש־שפּיל, וואָס שודט האָט אָפּגעדרוקט 1715 אין זיינע «מערקווירדיג־קייטן» III.

מויל, די. ווערטל: «ניט אין מויל צו נעמען».

מולטוואָרעם, דער. דאָס רוסישע крот, דייטש Maulwurf. די פאָרם באַגעגנט זיך שוין מה"ד און אין היינטיגע דייטשע דיאַלעקטן. זעה לעקסער I 2195; קלוגע 303. — מה"ד molte — שטויב, ערד.

מיט פליים. בכיוון. — פגל' מגילת ווינץ קב (ז' 192 פון דעם בוך).

מייזעלע. ווען ביי א קינד פאַלט אַרויס א צאָן, דאַרף עס נעמען דעם צאָן, אַרויפוואַרפן אויפן אויוון און זאָגן דערביי: «מייזעלע, מייזעלע, נאַ דיר א ביינערנע, גיב מיר אַן אייזערנע». אין גראַיעווע, לאָמזש' גוב':

«מייזעלע, מייזעלע,
נאַ דיר א ציינדעלע,
נאַ דיר א ביינערנעם,
גיב מיר אַן אייזערנעם».

מיץ, די. פלוראַל: ־ן. דייטש Mütze. נאָך אָפטער «מיצקע». פגל' ביי ל. שאַפּיראָ, «אין דער טויטער שטאָט»: מיצל. אויך ביי

אמ״דן׳ ר׳ שמעיה גוט יום טוב ביטער׳ איז פֿאַראַן דאָס וואָרט. פֿריער איז דאָס אַפּנים געווען פֿאַרשפּרייטער. פּגל׳ דעם ווילנער פֿאַראָדיסטישן אויסדרוק: «אין מיצקע דרינען» (אין מיטן דרינען)׳ וואָס וואָלט ניט געקאָנט באַשאַפֿן ווערן׳ ווען דאָס וואָרט «מיצקע» וואָלט ניט געווען באַ־קאַנט.

מעדינע׳ די (מדינה). «גײן אויף דער מעדינע» — זײַן א קאַראַבעלניק. גינטער ברענגט פֿון דער דײַטשער גנבים־שפּראַך: «Me-dine geier» און פֿאַרטײַטשט דאָס: «Landhausierer».

מענדל. ווערטל: «אַז דו הייסט מענדל׳ עס איך פֿון דײַן פֿענדל» (מיטאָווע).

מענטש׳ דאָס. פֿאַרעלטערטע פֿאָרם; ווען פֿרויען. אַזוי אין דער עלטערער ליטעראַטור.

מעסער׳ דער. קינדערשער שפּיצל: «זאָג: גיב מיר א מעסער!» — גיב מיר א מעסער! — «לעק אין מ.... איז בעסער!»

נאָכעם (נחום). ווערטל: «נאָכעם גראָס» (ō) — אויף איינעם׳ וואָס האַלט זיך שטאַרק גרויס. אין ביאַליסטאָק זאָגט מען: «מוישע (משה) גרויס».

נאַר׳ דער. 1) שפּריכוואָרט: «א נאַרן צייגט מען ניט קיין האַלבע אַרבעט» (בערנשטיין׳ נאַר 44). 2) שפּריכוואָרט: «אַז דער נאַר איז ניט מײַנער׳ לאַך איך מיט» (בערנשטיין׳ נאַר 63). 3) «נער הייתי וגם זקנתי» זאָגט מען׳ אָנווײַזנדיג מיטן פֿינגער אויף איינעם׳ וואָס בענטשט אויך בײַם טיש; יענער איז׳ הייסט עס׳ דער נאַר.

נאַרישקייט׳ די. שפּריכוואָרט: «נאַרישקייטן געדענקען זיך». פּגל׳ בערנשטיין׳ נאַרישקייט.

נוקע׳ די. א גרויסע׳ דיקע שטיק ברויט.

נעשאָמע (נשמה). שפּריכוואָרט: «אַ פֿרויענצימער האָט נײַן און נײַנציג נעשאָמעס»; ווען 98 גייען אַרויס׳ בלײַבט נאָך אַלץ איבער איינע. פּשט: ווייבערשע איבערטראַגעוודיקייט האָט קיין שיעור ניט.

סאַמבאַטיע. «הינטערן סאַמבאַטיע». סַמבַטיון. אַזאַ מין אָפּ־וואַרפֿונג פֿון אומגעוויינטליכע ענדונגען טרעפֿט זיך אין אַלע דיאַלעקטן אונזערע (ווי בכלל אין אַלע שפּראַכן)׳ דאָס וואָרט очередь («שלאַנג»)׳

א שטייגער, וואָס איז אַזוי פּאָפּולער געוואָרן אין די מלחמה־יאָרן, רעדט מען אין ווילנע דאָס רוב אַרויס: ocere (אָצערע); נעמען נעמט זיך דאָס דערפון, וואָס די ענדונג ־ד איז פרעמד דעם יידישן געפיל. (אַגב, ביי מענדעלען באַגעגנט זיך אַמאָל דאָס אייגענע וואָרט אין דער פאָרם: «אָטשע־רעדע»: הייסט עס, אים איז אויך געווען דערווידער די פאָרם אויף ־ד.)

סאַסמאַקער וויזיטן. ווען מען באַלייט זיך איינער דעם צווייטן אַהין און צוריק און מען קאָן זיך אַלץ ניט געזעגענען. סאַסמאַקן — גאָר א קליין שטעטל אין קורלאַנד; איינער וואוינט לעבן דעם צווייטן.

סיאַק, דער. א מאָס, אויף וועלכער מען קויפט קאַרטאָפל, עפל אד"ג. לעטיש.

סידער (סידור). שפּריכוואָרט: «אייגענער סידער, אייגענע גריזן».

סליפּער, דער (I). די באַלקנס, וואָס מען לאָזט אַראָפּ מיטן טײַך ווענטע. ס'איז דאָס ענגל' sleeper. פון וואַנען עפּעס ענגליש אין אַזאַ כרך, ווי גאָלדינגען? איז דער תירוץ: דאָס האָלץ פון קאָוונער און קורלענדער גוב' עקספּאָרטירט מען דורך דער ווענטע מאַסנווײַז קיין ענגלאַנד.

עזערע, די. אָזערע. לעטיש.

ערבער, די. פּלוראַל: ערבערן = פּאַזעמקעס (דײַטש: Erdbeere).
דאָס וואָרט באַגעגנט זיך אין דער עלטערער יידישער ליטעראַטור.

פּאָדעס, די. טראַנטעס. אין גראַיעווע (לאָמזש' גוב') אָנשטאָט דעם: ספּאָדעס. דאָס גיט אָנצוהערעניש אויף פּוילישער אָפּשטאַמונג; ס'איז דערזעלביגער שורש, ווי «ספּאָדניצע».

פּאַכעד, דער (פּחד). «איך האָב פּאַכעד», «האָב ניט קיין פּאַכעד» אאַז"וו. — דאָס וואָרט «מורא» ווערט אַבסאָלוט ניט באַנוצט.

פּאָלקע, די. א גענזענע פּאָלקע.

פּאַפּע. דאָס דײַטשע Papa, מיטן עכט־יידישן איבערגערוקטן אַקצענט. מײַן פּאַפּע; אויך בלשון־ווענדונג: פּאַפּע, קום אַהער! נאָר אָפּטמאָל אָנשטאָט דעם דאָס דײַטשע «פּאַפּאַ».

פּאַרך, דער. דער מעל־צודעק אויפן זירופּ־קוגל; מיט דעם פּאַרקלעפּט מען דאָס קריגל, אין וועלכן דער קוגל געפינט זיך. דעם «פּאַרך» גופא עסט מען ניט.

פאַרך־קאָפּ, דער, זידלוואָרט. פרידריך (זעה אויבן ז׳ 220) פאַרצייכנט שוין דאָס וואָרט.

פויער, דער (au). פּלוראַל: פויערים. 1) אַמאָל איז «פויער» געווען אידענטיש מיט «לעט»; הײַנט איז דאָס א פאַראַכטליכער נאָמען פאַר די לעטן. 2) «פויערשע קאָפּ» — זידלוואָרט. 3) שפּריכוואָרט: «קאָך א פויער זיס און זויער, בלײַבט ער אַלץ א פויער (בערנשטיין, פויער 3). 4) «שאַבעס־פויער», דאָס אייגענע וואָס אין דער ליטע: שבת־גוי.

פויער־שייגעץ, דער. = שייגעץ. דאָס אייגענע: «פויער־גויע», «פויער־שיקסע».

פורים־ברעקלאַך. די באַלעבאָסטע זאָגט: «איך האָב געמאַכט א מיטאָג פון פורים־ברעקלאַך»; דאָס מיינט: אָהן גרויסע מאכלים, נאָר קלייניקייטן. פּשט: שיריים, וואָס זיינען געבליבן פון דער פורימדיגער סעודה.

פיים, דער. ווערטל: «עס איז ניט ווערט קיין פיים». פּיים (Pehm, Böhm) — 3 קאָפּיקעס. זעה שטראַק ז׳ 138.

פילטענער בעזמער, דער. ווערטל אין גאָלדינגען: «דײַן אור (= זייגער) גייט נאָכן פילטענער בעזמער». פילטן איז גאָר א קליין שטעטעלע; בעזמער — א וואָג, וואָס קאָן קיין צײַט ניט באַשטימען. איראָניש: דו ווילסט מעסטן די צײַט מיט אַן אינסטרומענט, וואָס טויג דערצו ניט, און נאָך מיט א פילטענער דערצו — קאָן דאָך ניט זײַן ריכטיג.

פיקעלן. גאָלדינגער ווערטל: «איז פיקעלן בעדאַלעס (בדלות)!» פּשט: אויך מיר א דאגה! פיקעלן — גאָר א קליין שטעטעלע.

פלאַנכענען. פאַראַכטליכער אויסדרוק: וויינען. זייער אַן אַלט יידיש וואָרט, פון אַן איטאַליענישן שורש, וואָס נעמט זיך ווידער פון לאַט׳ plangere. אויף דער אָפּשטאַמונג פון וואָרט האָט שוין אָנגעוויזן צונץ אין זײַנע Gottesdienstliche Vorträge (בערלין 1832), ז׳ 439.

פע, די (פה). ווערטל: «האַלט די פע!»

פראָוועי, דער (אַקצענט אויפן צווייטן טראַף). קלאָזעט. לעקסער 189 :c «privêt . . . Abtritt (altfranz. priveit, mittellatein. privata, nämlich camera)».

פּאָר· אין דעם זאָץ: «גיי אַוועק פון פּאָר!» — ד״ה: פאַרשטעל מיר ניט דעם וועג, די זון·

פאַריבל, דער· ווערטל: «האָסטו פאַריבל — פּ·· אין גריבל»·

פאַרגעסן זיך· = פאַרגעסן· «איך האָב זיך פאַרגעסן, אַז איך דאַרף גיין אַהיים»·

פאַרהעקערן זיך· פאַרטשעפּען זיך, פאַרהאַקן זיך· «דער וואָגן האָט זיך פאַרהעקערט אָן א שטיק האָלץ»·

פאַרלייזיגט· באַדעקט מיט לייַז· ליפשיץ יוד· רוס· ז׳ 151: «פאַרלייזיגט — овшивѣлый»·

פאַרשאַרוועט· פאַרטון [= פאַרסאַרווערט?]·

פינף פינגער· ווערטל: «דאָס האָט געקאָסט פינף פינגער מיט א ביסל שרעק»· פשט: ס׳איז געגנבעט·

פינק (דער?)· א פאַרשטעלט וואָרט פאַר טורמע· (גע־פּענק־עניש?) — GN 291: «Finkenplatz» האָט געהייסן אין דער אַלטער ריגע א פּלאַץ, וואו מען האָט געשטראָפט גנבים»·

פלאָקן, דער· «ער שטייט, ווי א פלאָקן»· אומבאַהאָלפענער מענטש, דראָנג·

פלעדערוויש, דער· א געגזעגנע פעדער, וואָס מען ניצט פאַר א בערשטל· דייַטש: Flederwisch· ליפשיץ יוד· רוס· b 163: «פלעדער־וויש — щетка изъ птичьяго крыла»·

פלעשל· ווערטל: «ער האָט שוין אין קעפּל מער ווי אין פלעשל»· פשט: ער איז שוין גוט שיכור·

פעלדמעסטן· פרוי בערטע ט· גיט מיר איבער, אַז מיט א יאָר 35 צוריק האָט מען אין גאָלדינגען בייַם פעלדמעסטן געזונגען א ליד, פון וועלכן זי געדענקט אַזוינע שורות:

«געגאַנגען איז ער אין א קייטעלע,\
פאַר זייַן נעשאָמע א קנייטעלע,\
דריי דעם פּאָדעם, דריי·»

פעפער, דער· ווערטל: «ער טרייַבט עם (= אים), וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט»· פשט: צו אַל די שוואַרץ־יאָר·

פערדינג׳ דער׳ $1^1/_2$ קאָפּיקעס. דאָס וואָרט באַגעגנט זיך שוין אין מה״ד. לעקסער III 339: vardine ׳vierdinc — א פערטל פון א מאָס אָדער א מטבע. אויך אין קורלענדער דײַטש.

פערם (אַדיעקטיוו). באַהאַוונט. «אין דער זאַך איז ער שוין פערם». — אויך אין פּלונגיאַן (קאָוונער גוב׳) קען מען דעם אויסדרוק. נעמט זיך (דורך וואָסער דײַטשן דיאַלעקט?) פון לאַט׳ firmus ׳ פעסט.

פראַנצבראָוויט׳ דער. א זעמל׳ וואָס באַשטייט פון צוויי גלײַכע׳ האַלבקײַלעכדיגע העלפטן.

פראַשקע׳ די; פּלוראַל: ־עס. פּאַטש אין באַק. «איך וועל דיר געבן א פראַשקע (אין באַק)». ערגעץ אין דער ליטע (ווילנע?) האָב איך געהערט «פראַסק». צי הענגט דאָס צוזאַמען מיט נה״ד Fresse — מאָרדע?

צאָנווייטיג. ה׳ מאָריץ מ. גיט מיר איבער וועגן אַן אָפּשפּרעכעניש קעגן צאָנווייטיג׳ וואָס מען פלעגט ניצן מיט א יאָר 35 צוריק אין מיטאַווע. מען האַלט אין האַנט א נאָזטיכל און מען רעדט אַרײַן אַהין אָט־וואָס: «איוב הלך בדרך והוא שָרוי בצער. ופגע בו אליהו הנביא ואמר לו: מפני מה אתה שרוי בצער? ואמר לו: מפני כְּאוּב שנים. אמר לו: לך וטבול שבעה פעמים אל נהר קִירְדֵּנְן [?] וְתִתְרַפֵּא. וְהָלַךְ וְטָבַל שבעה פעמים בנהר קירדנן וַיִּתְרַפֵּא. אליהו הנביא שֶׁרִפָּא את איוב הוא יְרַפֵּא את החולה פלוני בן פלוני.» דערנאָך בינדט מען אַרום די באַק מיט דעם טיכל. — איך האָב געפונען פאַר נייטיג צו ברענגען אָט דאָס פרעכטיגע שטיקל׳ הגם ס׳איז העברעאיש׳ וואָרים ס׳איז מי יודע ווי אינטערעסאַנט קולטורהיסטאָריש. ס׳איז פּונקט דער אייגענער טיפּ אָפּשפּרעכעניש׳ ווי מיר געפינען אים מיט טויזנט יאָר צוריק אין די אַה״ד Merseburger Zaubersprüche.

צוויי. ווערטל: «איך מיט עם זיין [=זיינען] ווי אַנדערע צוויי». מעשה־שפּאַס. אין «פאָרווערטס» 1922׳ דעצעמבער 28׳ ז׳ 4 האָב איך געפונען (אין אַן אַנאָנימען אַרטיקל): «מיט מיסיס ... איז ער געוואָרן גאָר ווי אַנדערע צוויי».

צווייי. די פאָרם גיט מיר איבער פרוי סאָפיע וו׳ פון גאָלדינגען מיט א יאָר 45 צוריק; דער פשט זאָל זיין Sauerampfer ׳щавель. ה׳ מאָריץ מ.

זאָגט, אַז ער האָט אין יענער צײַט געהערט אין וועקשנע (קאָוונער גוב׳) «שוויי». צי זאָל דאָס טאַקע זײַן פון щавель אָדער פון עפּעס א בײַפאָרם?

צווישנצײַט, די. זאַץ: מיטאָג עס איך אור דרײַ, אָוונטברויט אור נײַן, און אין צווישנצײַט טרינק איך טיי.

צו־פּאַס קומען (אַקצענט אויפן a). צו־ניץ קומען. אין גראַיעווע באַטײַט דאָס: צו דער צײַט, פּונקט ווען מען דאַרף, ווי רוס׳ кстати.

ציג, די. ווערטל: «א ווילדע ציג», וועגן א מיידל אָהן מאַנירן.

צײַג, די. שטאָף (דײַטש: Zeug). א וואָרטשפּיל:

«צײַג! (= ווייז מיר!).»
— צײַג איז אין בוד (= קראָם).

צעהן. ווערטל: «עס טויג אויף צעהן» (... כפּרות).

קאָזען (אַקצענט אויף e), דער. שוועסטערקינד. «n» אַרויס־געדערט ווי אין «באָמבאָן».

קאַלאָטכען, דער. («כ» ווייך, ווי אין דײַטש ich). יאַרמעלקע. פון פראַנצ׳ calotte.

קאָלע־צאָרעס (כל־הצרות). «ער טוט דאָרטן אָפּ קאָלע־צאָרעס».

קאַלעקאָצקענען. פּלאַפּלען אָהן א שיעור, ווי א קאַלעקאָטקע (קלעפּערל). אָפּשטאַמונג? י. עלזעט (פּרילוצקיס זאַמלב׳ II ז׳ 171 און 210) וויל דאָס אַרויסדרינגען פון «קהל־קטן», נאָר מיר לייגט זיך דאָס אויפן שכל אַן ערך ווי די משכילישע המצאה «פּראָטאָקאָל» פון «פּרטי־כל». ה׳ אל. אָלשוואַנגער ברענגט פון גראַיעווע דאָס צײַטוואָרט «קאַלע־קאָטקען».[1]

קאָלק, דער. א טיפער אָרט אין טײַך; א וואַסער־ווירבל. — קלוגע 253a: «**Kolk**, ndd. ndl. 'Abgrund, Strudel, Loch'». — אויך אין קורלענדער דײַטש.

---

[1] צו «קאַלעקאָטקע» באַמערקט ה׳ אָ.: «א המן־דרייער פון צוויי אָדער דריי ברעטער, וואָס דרייען זיך אַרום א שטאַנג און פּילדערן. באַוואוסט איז די קאַלוואַריער (סוב׳ גוב) קאַלע־קאָטקע».

קאָלשער (קהלשער)· «ער איז אַרײַנגעטון אין קאָלשע געשעפטן»·

קאַסטן, דער· בית־זונות· גינטער ברענגט פון דער דײַטשער גנבים־שפּראַך: «הורנקאַסטען» און ווײַזט אָן, אַז «קאַסטן» ווערט בכלל פאָלקסטימליך גענוצט פאַר «הויז»· G 2 ז׳ 19 ברענגט דאָס וואָרט מיטן זעלביקן פשט·

קאָפּ, די· 1) «א שווערע קאָפּ» — א קאָפּ, וואָס קאָן ניט באַנעמען· 2) ווערטל: «גאָיאישקע (גוי׳אישקע) קאָפּ!» גוטמוטיג צו איינעם, וואָס פאַרשטייט ניט, וואָס מען רעדט צו אים (אינטערעסאַנט דער «ק» אין «גויאישקע»)· 3) קללה: «צו דײַן קאָפּ, צו דײַן לײַב, צו דײַן לעבן!» (··· זאָל זיך דאָס אויסלאָזן)· 4) קללה: «קאָפּ אין דר׳ ערד, פּיס אין קלייסטער»· וואָס הייסט דאָס? אין שאַוולער געגנד זאָגט מען אויך די קללה, נאָר דאָס לעצטע וואָרט באַנעמט מען ווי «קלויסטער», וואָס ווערט אַרויסגערעדט מיט ej· אין קורלאַנד ווייס מען ניט דאָס וואָרט קלויסטער (אָדער «טיפלע», אָדער — איידל — «קירך»); «קלייסטער» הייסט אין קורלאַנד דאָס אײַנבינדערשע קלעפּעכץ (פּאַפּ)· 5) «מאַכן קאָפּאיבער אַריבער», מאַכן קאָזשעלקעס·

קאָפּגעלט, די· דער שטײַער אויף יעדן נפש·

קאָפּשטיק, דער· א זעץ אין קאָפּ· — קינד: איך וויל אויך א שטיק! ··· מאַמע: וואָס, א קאָפּשטיק ווילסטו?

קאַפּעל, די (é)· קריסטליכער בית־עולם· = **Kapelle**· אויך בײַם נידעריגן קלאַס אָרטיגע דײַטשן ווערט געברויכט דאָס וואָרט, אָנשטאָט **Friedhof**·

קאַץ, די· ווערטל: «ער הערט עם (אים), ווי די גראָע קאַץ»·

קאַצנשפּרונג, דער· גאָר א קליינער מהלך· «פון דאַנען ביז מיר איז א קאַצנשפּרונג»·

קאַרטאָפל· ווערטל: «גיי קאַרטאָפל קראַצן»· פשט: טראָג זיך אָפּ פון דאַנען (גוטמוטיג)·

קוואַטערשאַפט, די· שפּריכוואָרט: «דאָס קינד איז געשטאָרבן, די קוואַטערשאַפט איז אויס» (מיטאַווע)·

קוידזע, די (au)· א גרויסע קופּע צעזעגטע האָלץ, צונויפגעלייגט אינאיינעם· לעטיש·

קוצע, די; דאָס רוב: «קוצקע». א שטיק מיסט.

קורץ פון דער זאַך. בקיצור. «לב טוב», ווילנע 1864, עט d:
«... קורץ פון דער זאַך ער מוז טאָן צוביידי גלייך». ליפשיץ יודי. רוס.
הקדמה: «קערץ פין דער זאך!...»

קושקע, די. א בינטל, וואָס מען ניצט צום וואַשן. רוס'
мочалка. א לעטישער שורש.

קיזעוו, דער (כזב). אויך: «שעקער ועקיזעוו», «קיזעוו וועשע־
קער», «קיזעוו קיזאָווים».

קײַכן. שטאַרק לאַכן. (אין אַנדערע דיאַלעקטן זאָגט מען: «קײַכן
פון געלעכטער»).

קיכלאַך. דעם ערשטן שבת נאָכדעם ווי ס'איז געבוירן געוואָרן
א מיידל, איז מען אין גאָלדינגען געגאַנגען «אויף קיכלאַך»; ס'איז אַזאַ
יום־טוב, ווי ביי א יינגל דער ברית.

קינדער. שפריכוואָרט: «ווען די קינדער זײַנען (= זיינען) יונג,
דערציילן די עלטערן זייערע כאָכמעס (חכמות); ווען די עלטערן זײַנען אַלט,
דערציילן די קינדער זייערע נאַרישקייטן».

קירצער. ווערטל: «מאַכן מיט א קאָפּ קירצער» = טייטן.

קלאַפּאָט (ô), די. «איך האָב מיט אים נאָר קלאַפּאָטן». פויל'
kłopot.

קלונטע, די. א דיקע פּרוי, קוים וואָס זי רירט זיך. G 2 ז' 57:
א נידערדײַטש וואָרט.

קלייט, די. ניט ווי אין ליטווישן יידיש א קראָם, נאָר: סקלאַד,
שפײַכלער, וואו מען האַלט שטוביגע זאַכן. לעטיש klēts; דער זעלביגער
שורש, ווי דאָס רוסישע клѣть. שײַנעאַנוס סברא אין XII Mém. ז' 189
(זעה ז' 11), אַז דאָס נעמט זיך פון «סקלאַד», איז בפירוש פאַלש.

קניבלען. קאַלופּען: ק. די נעגל. פגל' דײַטש: knibbern.

קראַפּירן. אָנשטאָט דעם זאָגט מען אויך «פּייגערן» (פּגרן).

קרוטשקע, די. שווינדל, דריידל, המצאה. «ער מאַכט קרוטש־
קעס» = ער שווינדלט (ביי א שפּיל, למשל); דערפון דאָס צײַטוואָרט:
«קרוטשקענען» און דער אויסדרוק: «קרוטשקע־מאַכער». שפריכוואָרט:
«קרוטשקעס באַווײַזן זיך». — דערזעלביגער שורש, ווי רוס' крючок,

נאָר אפשר דורך אַן אַנדער סלאַווישער שפּראַך. פֿאַראַן אין קורלענדער דײַטש: G 2 ז׳ 108. ליפשיץ יוד׳ רוס׳ b 201: «קריטשיקל — придирка, зацѣпка»; שטראַק ז׳ 179: «קרוטשען — durch Winkelzüge täuschen».

קרויט. א רעטעניש פֿאַר קינדער: «לאַטע בעלאַטע [דער ב־העברעאיש, ווי «אות באות»], א קעפּל קרויט — קינד, טרעף וואָס איז דאָס?» — פּגל׳ «באַלקן».

קרום און לאָם. זייער שלעכט. «די אַרבעט איז אַרויסגעקומען בײַ עם קרום און לאָם».

קרייען. ווערטל: «ער האָט געהערט א האָן קרייען». פּגל׳ אַקסענפעלד, דאָס שטערנטיכל ז׳ 55: «הערט ער קליִנגיִן איִן [= און] קאָן ניִט נאָך זיִנגיִן».

קרײַציק, דער. דאָס האַלב־קײַלעכדיגע שטיקל בײַ בײדע זײַטן פֿונם לאַבן ברויט. רוסיש: крайчик.

קרעזדאָר, די (אַקצענט אויף o), פּלוראַל: קרעזדאָרן. אַגרעס (דאָס דאָזיגע וואָרט איז אויך באַקענט), אייגנטליך איז דער סינגולאַר «קרעזדאָרן» = Christdorn, קריסטוסעס דאָרן. דאָס וואָרט איז פֿאַראַן אין קורלענדער דײַטש און אין לעטיש (krisdōle). זעה GN אונטער Krisdohren.

ראָכע (רחל). ווערטל: «גוט מאָרגן ראָכע». ווען איינער זאָגט עפּעס א ווילדע נאַרישקייט אָדער א זאַך, וואָס אַלע ווייסן שוין סײַ־ווי־סײַ.

ראַץ, די; פּלוראַל: ראַצן. דײַטש: Ratte. קלוגע 360: אייבער־דײַטש Ratz. אויך קורלענדער דײַטש: G 3 ז׳ 10.

רובל, דער. אין גאָלדינגען, ווען מען רופֿט אויף צו דער תורה, שרײַט דער שמש אויס: «בעבור שנדר ... ג׳ רובל». דאָס מיינט: דרײַ מאָל צו 25 קאָפּיקעס; אַ רובל (אויך: «אַ רובל באַנקאָ») איז 25 קאָפּ׳. אויב דער וואָס האָט באַקומען די עליה מיינט טאַקע 3 רובל, דאַן זאָגט דער שמש: «ג׳ רובל כסף». דער אונטערשייד האַלט זיך נאָך פֿון יענער צײַט, ווען עס זיינען געווען אַסיגנאַציעס מיטן ווערט פֿון א פֿערטל פֿונם זילבערנעם רובל. דעריבער זאָגן אַלטע לײַט: «איך האָב באַצאָלט דערפֿאַר דרײַ רובל זילבער». (איבעריגנס, דאָס איז אַלץ געווען ביז

דער מלחמה, הײַנט, בײַ דער נײַער לעטישער וואַלוטע, האָבן זיך געוויס געביטן די באַצייכענונגען אויך.

רויז. פרוי מ. פון מיטאַווע גיט איבער אַזאַ מין אָפּשפּרעכעניש קעגן א רויז (рожа)[1], וואָס זי האָט געהערט מיט א יאָר 35 צוריק:

«ראָזע פּאָלע העווע
איך פּראָץ לעץ וואָן».

די דאַמע אַליין ווייס ניט דעם פּשט; איך מיין, אַז דאָס איז פאַרגרײַזט פּויליש־רוסיש (ווײַסרוסיש?): פּאָלע — דער נאָמען Pola; העווע — דער נאָמען Ewa (Hewa, חַוה); איך — פּויל' ić (גיי); פּראָץ — רוס' прочь; לעץ — פּויל' leć (פלי); וואָן — רוס' вон. אַלזאָ, דער פּשט פונם גאַנצן: «רויזע, פּאָליע, חַוה — גיי אַוועק, פלי אַרויס». א ספּעציאַליסט אין הִלכות אָפּשפּרעכענישן וועט אונז אפשר אויסטײַטשן דעם טיפּ פון דעם שפּראָך.

רומפּל, דער. דער פײַערליכער אויפנעם בײַם יונגן פּאָרפּאָלק דעם ערשטן שבת נאָך דער חתונה. דאָס וואָרט איז פאַרשוואונדן געוואָרן פון דער שפּראַך, מיט א יאָר 35 צוריק איז עס שוין אויך געווען פרעמד; אָנשטאָט דעם האָט מען גענומען רופן דעם אויפנעם (ניט דעם גאַסט) מיטן «דײַטשן» אויסדרוק: «דער גראַטולאַנט».

רויט, די (au); פלוראַל: רויטן. פענסטערשויב. מה״ד rūte; פון וואַנען עס נעמט זיך דאָס וואָרט צו מה״ד, איז ניט באַוואוסט (קלוגע ז' 361). אויך קורלענדער דײַטש: G 3 ז' 12.

רויטע זופּ, די. בלוט. ווערטל: «איך וועל דיר געבן א פּאַץ (= פּאַטש), אַז די רויטע זופּ וועט אַרויסשפּריצן».

רופּענען. «וואָס רופּעט עס דיר? וואָס קענסטו ניט אײַנזיצן?» גרינטשענקאָ, Словарь української мови IV, 17: рипатися — אָפּט אויפעפענען די טיר. בײַשפּיל: «сиди в хаті, не рипайся». אַלס אַקטיוו איז דאָרטן גופא אָנגעוויזן: рипати — סקריפּען. — ליפּשיץ יוד. רוס. ז' 205b: «ריפּען — пиликать; ריפּען זעך — «часто выидти».

אויב די עטימאָלאָגיע שטימט, האָבן מיר דאָ איינעם פון די פאַלן, וואו

[1] ליפּשיץ יוד. רוס. ז' 59a: «בישעכע — летучій огонь, рожа».

דאָס ליטוויש־קורלענדער יידיש האָט ע״פ אַנאַלאָגיע אַוועקגעשטעלט אַ u, כאָטש היסטאָריש איז גאָר באַרעכטיגט i. — מען דאַרף אָבער אויך נעמען אין באַטראַכט דאָס ליטווישע rupieti, לעטיש rūpet: אָנגיין עמיצן, זײַן עמיצנס דאגה.

ריכן. שמעקן, האָבן א ריח. ווערטל: «ניט ריכט ער, ניט שטינקט ער». פשט: ער איז ניט אַהין, ניט אַהער; ניט פיש, ניט פלייש.

רעדל, די; פלוראַל: רעדלען. לייטער; לעטיש (טייל מיינען, אַז ס׳איז געקומען אַהער פון עסטיש). דערפון: «דער רעדל־וואָגן» (דײַטש: Leiterwagen). אויך קורלענדער דײַטש. זעה G 3 ז׳ 18.

רעבע, דער (רבי). 1) ווערטל: «דערצו דאַרף מען האָבן דעם רעבנס קויאַך (כוח)». פשט: איבערמענטשליכע כוחות. 2) ווערטל: «דעם רעבנס (וואַריאַנט: די רעבעצנס) ציג מעג» (... שפרינגען אין א פרעמדן גאָרטן); פגל׳ בערנשטיין, רבי 5 און 9.

שאַבייסע־נאַכט (אַקצענט אויפן äi). פון וואַנען אַזאַ מערק־ווירדיגע פאָרם און אַקצענט? «מנהגים», פיורדא 1756, ג a: «שבתות צו נאכט», אויך קהלת שלמה, אמסטערדאם 1744, ע ג c. — טענדלוי No. 582: «E ganzer Wagen voll Schbeeses zu Nacht»; טענדלוי איז משער, אַז דאָס איז פאַרגרײַזט פון «שבתות». «מיטטיילונגען» 1 ז׳ 20: Speesnacht — פון דרום־דײַטשלאַנד.

שאַבעס, דער (שבת). ווערטל: «שאַבעס־אַגאָדל (שבת הגדול) און קורץ־פרײַטיק» — אויף א פאָרפאָלק, וואָס איינער איז גאָר גרויס און דער אַנדערער פון א קליינעם וואוקס.

שאַרוועגען, זיך (אויך: צו־שאַרוועגען זיך). צומאַכן זיך, זעהן אײַנצוקויפן זיך בײַ יענעם מיט חניפה. צי איז דאָס פונם שורש «סאַרוועד»? אָדער פונם זעלביגן שורש, ווי דאָס דײַטשע scharwenzeln? זעה קלוגע 385 a.

שווערן זיך. שווערן. פגל׳ מיכל גאָרדאָן, יודישע ליעדער (וואַרשע 1889) ז׳ 19: «איך שווער זיך רבוניו...» — א קינדערשער וויץ: «שווער זיך צעהן מאָל, וועל איך דיר גלויבן [אָדער: גלייבן?] אָהן א שוואוע (שבועה)».

שטאַבונע, דער און די. א נאַרישע קאָפּ (גוטמוטיג).

שטאַדאָל, די (שייער). קלוגע ז' 432 ברענגט stadel פון מה"ד, וואָס באַגעגנט זיך אויך דיאַלעקטיש אין היינטיגן אייבערדייטש; נאָר דער ŏ, און נאָך דער אַקצענט אויף דעם קלאַנג, ווייזן אָן אויף דער פאַרמיטלונג פון פוילישן stodoła (דאָס פוילישע וואָרט איז אויך פון דייטש, זעה בריקנער, I Język Polski — די קראָקער ענציקלאָפּעדיע — ז' 116).

שטודינג, דער. דאָס וואָס מען רופט אין דער ליטע «פּיסנאָגע». רוס' студень.

שטולפּ, די; פלוראַל: שטולפּן. מאַנזשעטן. קלוגע 444: א וואָרט, וואָס איז אַריין ערשט אין נייהויכדייטש פון האָלענדיש. אויך אין קור־לענדער און אין פּרייסישען דייטש.

שטונק, די. געגנזאַץ פון «בראַנד»: א פרוי, וואָס קאָן זיך קיין־מאָל ניט אָפּפּאַרטיגן צו דער צייט מיט איר אַרבעט, און וואָס זי טוט, טויג אויף כפרות. — פון ווערבום: «שטינקען».

שטערנקוקער, דער. א צעטראָגענער, א פאַרחלומטער מענטש. — פּראָפעסאָר פישער ברענגט דאָס וואָרט פון שוועבישן דיאַלעקט (אין Schwäbisches Wörterbuch) מיטן זעלביגן פשט; אין עלזאַסישן און אין שווייצער ווערטערביכער איז דאָס וואָרט Stern-gucker פאַרצייכנט מיטן פשט: «בעל־גאווה». אין פּרייסן (Preußisches Wörterbuch פון Frischbier II, 396): אייבער־חכם.

שטיפענען. פרירן, мерзнуть. — אָפּשטאַם?

שטירדעס, די. פאַרביסנקייט, כעס. «ער רעדט ראַק (רק) מיט שטירדעס». אַן אינטערעסאַנט וואָרט; וואו איז זיין שורש? ליפּשיץ, יודי. רוס. ברענגט ז' 212: «שטערדיש». см. סטערדיש». דאָס איז דאָס אייגענע וואָרט: א פלאַנטער פון s און š איז פון די געוויינט־ליכע זאַכן ביי עטימאָלאָגיש אומפאַרשטענדליכע ווערטער, i ווערט אָפּט e אין דרום־רוסלאַנד (ליפּשיץ ז' 63: בעריק — бурак, ז' 77: דערך — чрез, ז' 78: דערכזעכטיג, ז' 87: הערט — הורט; אין די אַלע ביישפּילן געפינען מיר אָנשטאָט דעם ליטווישן u ניט קיין i, נאָר אַן e). אויף ז' 135 שטייט: «סטערדיש — угрюмый, суровый, сердитый». מיטן פשט

«דרײסט׳ װידערשפּעניג» איז פֿאַראַן דאָס װאָרט «סטערדיש» אין פּיאָסק׳ לובל׳ גוב׳. — װײלער ז׳ 411 ברענגט אַרױס דאָס װאָרט פֿונם דײַטשן störrisch (װאו r זאָל זײַן געװאָרן א d׳ װי אין א צװײטן בײַשפּיל׳ װאָס װײלער ברענגט: שטידאָקס — פּשט: פּרא־אָדם׳ פֿון Stierochs). איך בין אָבער שטאַרק מסופּק אין װײלערס עטימאָלאָגיע׳ װאָרים störrisch איז ערשט נה״ד׳ און אונזער װאָרט באַגעגנט זיך שױן אין 13טן י״ה! אָט איז דער באַװײַז. פּערלעס ברענגט ז׳ 145—153 א גלאָסאַר [באָראָכאָװ No. 68]׳ און דאָרטן שטײט אין א פּירוש אױף ירמיה מ״ט׳ טז: «תפלצתך לשון פלצות ובהלות באש׳ דײַן שטורדשקײט». פּערלעס מײנט׳ אַז דאָס איז א נאָכפּורימונג פֿון פֿראַנצױזישן étourdi (ער מײנט אַפּנים אַזױ: פּונקט װי פֿראַנצ׳ état איז אױף דײַטש Staat׳ פֿראַנצ׳ étoffe איז דײַטש Stoff׳ אַזױ האָבן ײדן געמאַכט פֿון étourdi׳ אַלטפֿראַנצ׳ estourdi — שטורדיש׳ און דערפֿון א סובסטאַנטיװ: «שטורדשקײט»). א סברא פֿון א חריף׳ און זי איז יעדנפֿאַלס מיגליך: étourdi הײסט «לײַכטזיניג׳ אומ־באַטראַכט». נאָר װי די מעשה איז׳ קורלענדער ײדן האָבן אָנגענומען «שטורדיש» אָדער «שטירדיש» פֿאַר א הױפּטװאָרט; די ענדונג «־עס» באַװײַזט׳ אַז מען האָט עס מצרף געװען צו דער קאַטעגאָריע העברעאישע הױפּטװערטער אױף ־ות: ראַכמאָנעס׳ יאַקרעס ... שטירדעס.

שיװערלעװ׳ דער (שבר־לב). אַקצענט אױפֿן לעצטן טראַף. האַרצװײטיג. טענדלױ׳ No. 634: «Es is e Schiwer-Lew!».

שײטל׳ דער; פּלוראַל: שײטלען. װײַבערשער פּאַרוק.

שײכל׳ דער (שכל). שפּריכװאָרט: «דער שײכל קומט ניט פֿאַר די יאָרן». פּגל׳ בערנשטײן׳ שכל 7.

שײַן׳ די; פּלוראַל: שײַנען. «די האָלץ ליגט אין האָלץ־שײַן». דײַטש: Scheune; שײַער.

שין (אַרטיקל?). זאָץ: «זײַנע האָר זײַן (=זײנען) פֿול מיט שין»; перхоть. — שמעללער II 429 ברענגט ענליכע פֿאָרמען און בינדט דאָס צונױף מיט «שינדן». אױך קורלענדער דײַטש: G 3 ז׳ 119.

שלאָפּמיץ׳ די; פּלוראַל: ־ן. א פֿאַרשלאָפֿענער מענטש׳ א מאַרודניק. דײַטש Schlafmütze.

שלורע׳ די; פּלוראַל: שלורעס. אָפּגעטרעטענער שוך אָדער

פּאַנטאָפּל; פּיגוראַל: א מענטש פון א נידעריגן יחוס. — אין קורלענדער דייטש און אין נידערד׳ איז נאָך פאַראַן א צייטוואָרט schlurren (פּשוט נאָכגעמאַכט נאָכן קלאַנג?) — שאַרן מיט די פיס. G 3 ז׳ 137. (דאָס ליטווישע šliurė איז, ע״פ קורשאַט, אויך פון נידערדייטש).

שלוישים, די (פּלוראַל; שלושים). וויץ: «די מיידל מעג שוין הערן מוזיק». «וואָס איז?» «זי איז שוין נאָך שלוישים». וואָרטשפּיל: שלושים — 30 טעג נאָך עמיצנס טויט; איבער 30 יאָר. פּגל׳ בערנשטיין, שלושים.

שליטע, די; פּלוראַל: שליטעס (שליטה, ־ות). אַן אַלטער אויס־דרוק, איצט שוין כמעט ווי פאַרגעסן. זאָץ: «ער האָט די שליטע» = ער איז אַריינגעטון איינגאַנצן אין דעם ענין, ער קלערט גאָר וועגן קיין אַנדער זאַך ניט; מיט אַנדערע ווערטער: דער געדאַנק, די זאַך האָט די שליטה איבער אים. — דער אמתער באַטייט פון «שליטה» איז אין קור־לענדער יידיש ניטאָ.

שמאַנט, די. גאָלדינגען: זיסע שמאַנט (סמעטאַנקע); זויערע שמאַנט (סמעטענע). ליבאַווע: שמעטן.

שנאָדער, דער. דאָס וואָס עס פאַרשטאָפּט דעם נאָז בעת א קאַטער. 1) זידלוואָרט: «שנאָדערנאָז». 2) וועגן א מענטש א גאָרנישט זאָגט מען: «א שנאָדער־יונג» (ליפשיץ יוד. רוס. a 137: סמאַרקאַטש). 3) ווען מען פאַראָדירט דאָס אויפרופן צו דער תורה, זאָגט מען אָנשטאָט שֶׁנָדַר — «שנאָדער». לעקסער II 1043: snuder, schnoder. — מיט־טיילונגען 1 ז׳ 20: schnodern (אָהן אַן אָנווייז אויפן אָרט). אויך קורלענדער דייטש: G 3 ז׳ 153.

שניקערן, שניידען אָהן א זינען, צעשניידן אויף קליינע שטיק־לעך. «ער קאָן אָפּזיצן א גאַנצן טאָג און שניקערן פּאַפּיר.» א צייט־וואָרט צו «שניידן», פּונקט ווי «שניצן» און snitzeln, וואָס Lexer ברענגט. — אויך קורלענדער דייטש: G 3 ז׳ 151.

שעפּס, דער; פּלוראַל: ־ן. דורכאויס אָנשטאָט «שאָף». אין אָרטיגן דייטש זייער זעלטן: G 3 ז׳ 157.

שפּוקן, שפּייען. דייטש (מסתמא נידערדייטש, זעה קלוגע 431): spucken. ווערטל: «ער שפּוקט ווי א ציגיינער».

שקיץ! די אינטעריעקציע, מיט וועלכער מען שרעקט א קאַץ·

שקרעמבע, די· «אַן אַלטע שקרעמבע·» אַן אַלטע פרוי· אָפּ־שטאַם פויליש, נאָר פון וואָסער וואָרט?

שראָוועטקע, די· ליפשיץ יוד· רוס· ז׳ 138: «סראָוועטקע — «сыворотка·» פויליש syrowatka (Linde, Słownik jęz. polsk. V 247 a), serwatka·

הוספות און תיקונים

צו ז׳ 24. «וועגן יידישער וואָרטבילדונג האָבן מיר גאָרנישט» איז א ביסל צו שאַרף פאָרמולירט; מען וואָלט געמעגט אַרייַנרעכענען אַהער ד״ר א. לאַנדויס עטיוד וועגן די פאַרקלענערפאָרמען (זעה ז׳ 47).

צו ז׳ 26. פראָפ׳ הערמאַן שטראַק איז געשטאָרבן דעם 5טן אָקטאָבער 1922.

צו ז׳ 27. אלכסנדר האַרקאַווי האָט אָפּגעדרוקט אין «פאָרווערטס» פון אָקטאָבער 31, 1922, א «בעקאַנטמאַכונג», אַז ער גייט אַרויסגעבן נייַע ווערטערביכער פון ענגליש און יידיש (און נאָך מיט א צוגאָב פון העברעאיש). «דער ערשטער טייל — אידיש־העברעאיש־ענגליש — וועט זייַן פאַרטיג אין דעצעמבער 1923, דער צווייטער טייל — ענגליש־העברעאיש־יידיש — וועט אַרויסגעהן אין פריהלינג פון 1925». «דער אידישער טייל, שרייַבט ה׳ האַרקאַווי, וועט האָבען אַ חוץ די אידישע ווערטער און פראַזעס פון מייַן פריהערדיגען אידיש־ענגלישען ווערטער־בוך טויזענדער אַנדערע, וועלכע איך האָב אין דעם משך פון דרייַ צעהנדלינג יאָהר געקליבען פון ליטעראַטור און פון דעם לעבעדיגען מויל פון פאָלק. פאַר אידיש וועט אין מייַנע נייַע ווערטער [מסתמא: ווערטער־ביכער] אייַנגעפיהרט ווערען די נייַע אייַנפאַכע אָרטאָגראַפיע (אויסלייגעכץ) אָנשטאָט דער געדייַטשטער, וועלכע איך האָב אָנגענומען פאַר מייַנע פריהערדיגע ווערטער־ביכער».

צו ז׳ 37. פון א פריוואַטער מיטטיילונג ווער איך געוואויר, אַז עס איז פאַראַן א האָפענונג, מיר זאָלן אינגיכן זוכה זייַן צו זעהן אַן אויסשניט פון ד״ר אַלפר׳ לאַנדויס גאַליציש־יידישן ווערטערבוך, איבער וועלכן ער אַרבעט שוין היפשע עטליכע צעהנדלינג יאָר. אינם יאָרבוך, וואָס דאַרף אַרויסגיין אָנשטאָט די «מיטטיילונגען», וועט זייַן אָפּגעדרוקט ד״ר לאַנדויס אַרבעט: יידישע שפּריכווערטער און ווערטלעך פון גאַליציע.

צו ז׳ 38. פון נײַע אַרבעטן צו דער ליטעראַטור־געשיכטע דאַרפן דערמאָנט ווערן: נ. שטיף, הומאַניזם אין דער עלטערער יידישער ליטע־ראַטור (כלל־פאַרלאַג, בערלין 1922); בעל־מחשבות, דאָס דרום־יידנטום אין דער יידישער ליטעראַטור («צוקונפט», 1922); מ. צינבערג, פורים־שפּילן אין פאַרשיידענע צייטן («צוקונפט» 1923) און ש. גינזבורג, מענדעלעס בריוו (דאָרטן גופא).

צו ז׳ 43. מ. באַסינס אַנטאָלאָגיע «פירהונדערט יאָר יידישע פּאָעזיע» איז שייך צו אונז נאָר אין איר ערשטן טייל. איך האָב דאָס בוך ניט אַדורכגעאַרבעט גרונטיג, נאָר דעם אַלגעמיינעם אײַנדרוק האָב איך, אַז די אַרבעט איז אָפּגעטון געוואָרן געוויסנדיג, מערניט די אויסצוגן זיינען דאָס רוב צו קורץ, אַז מען זאָל קאָנען פון זיי באַקומען א געהעריגן בילד פון די ווערק. באַראָכאָווס פילאָלאָגישע פּירושים זיינען זייער אינטע־רעסאַנט. בנוגע «ור ואלבן» אין אלי לויס תהלים־איבערזעצונג (ווענעציע 1545) קאַפּ׳ א (...לא יִבּוֹל) וויל איך באַמערקן, אַז דאָס האָט קיין שייכות ניט צו מה״ד verwelben, ווי באַראָכאָוו מיינט, נאָר מען דאַרף דאָס לייענען farfalbn; דאָס נעמט זיך פונם שורש falb ,fahl (בלייך). אין מה״ד ווערטערבוך בײַ לעקסערן איז דאָס צײַטוואָרט ניט פאַרצייכנט; אין יידישע מקורים באַגעגנט זיך עס: אין א מחזור אויף ראש־השנה (גרינבוים ז׳ 293), אין מינכענער כ״י No. 66 (גרינבוים ז׳ 27), אין א סידור פפד״מ 1723 (גרינבוים ז׳ 325) אאַז״וו. «פאַרפאַלבן» וואָלט נאָך הײַנט געווען פאַר אונז א טײַער וואָרט אָנשטאָט «פאַרוועלקן», «פאַר־וויאַנען», «פאַרוויאַלען» און ענליכע באָרג־סחורה.

צו ז׳ 46. ד. ק־על האָט אַרויסגעגעבן 1922 (ווילנע, ש. שרעבערק): «א. מ. דיק. געקליבענע ווערק». וועגן דעם דאָזיגן מישטיינס געזאָגט «ווערק» זעה מײַן רעצענזיע אין «ביכער־וועלט» 1922 No. 4—5. — ש. ניגער אַרבעט שוין א צײַט מיט יאָרן אויף אַמ״דס שריפטן, און עס איז שוין באמת צײַט, אַז מיר זאָלן פון דעם נהנה זײַן. בײַ ש. ניגערן מעג מען זיך ריכטן, אַז ער וועט אונז געבן ניט נאָר קאָרעקטע טעקסטן, נאָר אויך א גרונטיגן ליטעראַר־היסטאָרישן אַנאַליז.

צו ז׳ 47 זעה רייזנס «לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע» איז נאָך אין דער ערשטער אויפלאַגע געווען זייער א וויכטיג

אינפאָרמיר־בוך׳ ניט געקוקט אויף דער אומגלײַכמעסיקייט און דער באַארבעטונג פון מאַטעריאַל· די צווייטע אויפלאַגע׳ וואָס ווערט צוגעגרייט צום דרוק׳ איז אָהן א שיעור רײַכער און וועט מסתמא אויך זײַן א סך אויסגעהאַלטענער אינם אויפבוי·

צו ז׳ 71 אָנמ׳· די שטאָטישע ביבליאָטעק אין פראַנקפורט־מאַין פאַרמאָגט אויך אַן עקזעמפּלאַר פון בעשענשטיינס חיבור·

צו ז׳ 77 אָנמ׳ 2· אָט איז איינער פון די טעמים׳ וואָס ברענגען שטיינשנײַדערן פאָרט צו א ספק· ער איז מַשער (Serapeum 1869׳ ז׳ 153)׳ אַז אלי׳ לויס יידישע תהלים־איבערזעצונג (געדרוקט ווענעציע 1545) איז אידענטיש מיט יענעם יידישן כתב־יד פון תהלים׳ וואָס איז פאַראַן אין פּאַרמע צווישן דע־ראָסיס מאַנוסקריפּטן [באַראָכאָוו No. 312—313] און וואָס איז אָנגעשריבן מיט 35 יאָר פריער׳ אין 1510· ווײבאַלד אַזוי׳ מיינט שטיינשנײַדער׳ איז איינס פון די צוויי: אָדער ר׳ אלי׳ האָט גענוצט אַן עלטערע איבערזעצונג׳ אָדער זײַן איבערזעצונג האָט שוין פריער געקורסירט צווישן עולם׳ נאָך איידער זי איז געדרוקט געוואָרן· צו דעם גיט שטיינשנײַדער צו: «Es ergiebt sich hieraus vielleicht auch ein Argument für die Autorschaft des [Konstanzer] Pentateuch»· אין דער אמתן «האָט גאָט געטון אַ נס׳ און די גאַנצע מעשה איז אַ ליגן»· איך האָב זיך פּערזענליך איבערגעצײַגט אין פּאַרמע׳ אַז די ביידע איבערזעצונגען זיינען ווײַט ניט גלײַך; דער פּאַרמער כ״י איז אַן איבערזעצונג אינאיינעם מיט א פּירוש׳ ר׳ אלי האָט איבערגעזעצט אות־באות· ממילא איז אַבסאָלוט איבעריג אויפצוהייבן פונדאַסנײַ די פראַגע וועגן ר׳ אלי לויס באַציאונג צום קאָנסטאַנצער חומש· פגל׳ וועגן דעם מײַן אַרטיקל: «א אידישער גערוס פון פאַר 400 יאָר» («צוקונפט»׳ מערץ און אַפּריל 1923)·

צו ז׳ 83· וועגן דער ווירקונג פון יידיש אויפן מאָדערנעם העברעאיש איז כדאַי צו לייענען׳ וואָס עס שרײַבט אַן איבערגעגעבענער פּאַלעסטינער העברעאיסט׳ ריידנדיג וועגן מענדעלען: «... indem er den Geist der jiddischen Volkstümlichkeit in das Hebräische übertrug ... Er übertrug den Geist des Jüdisch-Deutschen in sein Hebräisch»· (זעה E. M. Lipschütz, Vom lebendigen Hebräisch׳ «יידישער פערלאַג»׳ בערלין 1920׳ ז׳ 21)·

צו ז׳ 120 אָנמ׳ 1. על אחת כמה וכמה מעג מען פֿאַררעכענען צווישן די «דײַטשמעריזמען» די פֿאָרם «אינן» (ihnen), וואָס באַגעגנט זיך אין «מגילת ווינץ» (סטראָפֿעס ח׳ יח׳ כה׳ סא); די פֿאָרם איז אין לעבעדיגן יידיש מסתמא קיינמאָל ניט געווען.

צו ז׳ 135 אָנמ׳ 2. אינם «ספר היראה», פֿרײַבורג־ברײַסגוי 1583 (וואָס סײַ לויט דער צײַט און סײַ לויטן דרוקאָרט קאָן זײַער געמאָלט זײַן, אַז שאַדעאוס האָט עס גענוצט) געפֿינט זיך יאָ די קאָמבינאַציע ע׳ אין אַזוינע ווערטער, ווי: עיר [Ehre], עינד [Ende], עיסן [essen] אאַז״וו אַנטקעגן איביג, צום אירשטן אד״ג. צי האָט שאַדעאוס דאָס געהאַט אין זינען?

צו ז׳ 140 און ווײַטערדיגע. נאָכדעם ווי די «מגילת ווינץ» איז געווען אָפּגעדרוקט אין זאַמלבוך «דער אָנהייב» (פֿאַרלאַג «וואָסטאָק», 1922), האָבן זיך באַוויזן רעצענזיעס: פֿון ז׳ רייזענען («אונזער טאָג», ווילנע), ד״ר י׳ שאַצקי («Nasz Kurjer»), פּראָפֿ׳ מ׳ באַלאַבאַן («ביכער־וועלט»); אויף עטליכע אָנמערקונגען רוף איך זיך דאָ אָפּ. מער ווי אַלץ האָב איך צו פֿאַרדאַנקען א בריוו פֿון ד״ר א׳ לאַנדוי (ווין), וועמענס אויסבעסע־רונגען איך גיב דאָ ווײַטער אונטן געצייכנט מיט א ״ל״; אין טעקסט גופֿא זײַנען געביטן נאָר עטליכע קלייניקייטן.

צו ז׳ 149. פּראָפֿ׳ באַלאַבאַן ווײַזט אָן אויף עטליכע ווערק, וואו עס וואָלטן געקאָנט זײַן ידיעות וועגן ר׳ אלחנן העלן. איך ווייס וועגן יענע ווערק און איך האָב אין זיי געזוכט; נאָר איך האָב דאָרטן קיין שום נײַס לגבי שוטדן און שטיינשנײַדערן ניט געפֿונען. אפֿשר האָט פּראָפֿ׳ באַלאַבאַן געהאַט מער מזל פֿון מיר?

צו ז׳ 153. מיט מײַן זאַץ וועגן «מגלה עפה» האָב איך אַרײַנגעפֿירט אין טעות די ה״ה שאַצקי און באַלאַבאַן, וואָס האָבן איבערגעחזרט אין זייערע רעצענזיעס מײַן גרײַז. ד״ר לאַנדוי האָט מיר אָנגעוויזן, אַז די «מגילה עפה», גיט ניט דעם י י ד י ש ן, נאָר דעם ה ע ב ר ע א י ש ן טעקסט פֿון דער «מגילה». שפּעטער האָט זיך מיר אַליין אויך אײַנגעגעבן צו זעהן אָט דאָס קראָקער ביכל. «עפה» איז צוגעקליבן לויט די ר״ת: עיר פֿראַנקפֿורט המעטירה. פֿאַרן טעקסט גייט פֿריער א הסכמה פֿון א קראָקער רב, דערנאָך א רשימה פֿון די פּרענומעראַנטן און ענדליך אַן

אינטערעסאַנטע הקדמה׳ וואו דער אַרויסגעבער (אַהרן ראָזענליכט) דערציילט׳ ווי שווער עס איז אים אָנגעקומען אויסצוגעפינען דעם טעקסט פון דער פּאָעמע· אין יאָר תר״ח האָט ער געזעהן אין רעדלהיימער לוח: «ד׳ י״ט אדר תענית פ״פ׳ ה׳ ך׳ בו פורים פ״פ»׳ נאָר קיין פרטים האָט קיינער ניט געוואוסט· אַפילו אין פראַנקפורט גופא׳ וואוהין ער איז פאַרוואָגלט געוואָרן 1876׳ האָט ער קיין זאַך ניט געקאָנט געוואויר ווערן· «הלכתי אל זקנים המופלגים לא אחד ולא שנים׳ ודרשתי וחקרתי היטיב׳ והנה אמת נכון הדבר׳ רק אשר לפנים ידעום׳ לעשות את שני הימים לצום ולשמחה· אך עתה זה חמישים שנה׳ קם דור אחר׳ ואין זכרון לאחרונים מימים ראשונים׳ כי אם לזקנים שבדור העושים את יום העשרים לחודש אדר יום משתה ושמחה ויו״ט»· איינער פון די דאָזיגע זקנים האָט אים טאַקע געגעבן דעם טעקסט (קאָנטיג׳ א געשריבענעם) פון דער «מגילה»·

צו ז׳ 160· די קאָנסטרוקציע פון הילפסצייטוואָרט «זײַן» מיטן פּאַרטיציפּ איז פאַראַן אין העברעאיש אויך׳ נאָך פון דער ביבלישער צײַט אָן (היה עושה׳ היה אומר)· דורך דער שותפותדיגער ווירקונג פון דער דײַטשער און דער העברעאישער קאָנסטרוקציע איז מסתמא אויפגעקומען בײַ אונז — ס׳איז דערווײַלע מער ניט ווי מײַן אייגענע השערה — יענע גרויסע גרופּע פון צונויפגעשטעלטע צײַטווערטער׳ וואָס ווערן געפורימט דורכן הילפסצײַטוואָרט פון דײַטשן שורש און דורכן העברעאישן פּאַרטיציפּ· פון «הייתי מקדש» און «איך וואר הייליגנ(דיג)» זײַנען אַרויסגעוואַקסן פאָרמען ווי «איך וואר מקדש»·

צו ז׳ 166· שנעלן· פּגל׳ «באַשנעלן» מיט אַן אַנדער ניואַנס אין «געלט אונט קיין געלט רעגירט דיא גאנצי וועלט» (אָהן אַן אָרט׳ 1733): «דיא קעלט האָט איהם גטאהן בישנעלין· דוא העשט איהם וואהל העלפין זעלין»·

צו ז׳ 172 הערה 171· «כתיבת ידות» אין יידישן טעקסט און «שטרי חובות» מיינט טאַקע דאָס אייגענע· אין עלטערן יידיש איז כתב־יד = שטר (אויך דאָס דײַטשע Handschrift האָט ביז אין 18טן י״ה אַרײַן דעם פּשט Schuldbrief׳ זעה גרימס ווערטערבוך IV 2׳ 415)׳ פּגל׳ דאָס בינטל פראָגער בריוו [באַראַכאָוו .No 360]׳ ז׳ 20 (ל׳)·

צו ז׳ 181, סטראָפע סז. מען דאַרף לייענען ניט «גיבָט», נאָר «גיבַט». ס׳איז דאָס צײַטוואָרט baten (פשט: ניצן, העלפן, האָבן א פעולה). דאָס וואָרט איז איבערהויפּט נידערדײַטש, נאָר ס׳באַגעגנט זיך אויך אין מיטל־ און אין אייבערדײַטשלאַנד. ס׳איז פאַראַן אין גליקל פון האַמעלנס זכרונות, ז׳ 266 (ל׳). טענדלוי פאַרצייכנט .No 511 דאָס שפּריכוואָרט: «Bats nix, schadts nix».

צו ז׳ 183, הערה 365. ס׳דאַרף שטיין: טעסליאַרעס.

צו ז׳ 188, הערה 457. «פיצן» מיטן לפי־ערך זעלטענעם פשט «שמײַסן» באַגעגנט זיך אויך אין «מלכים־בוך», קראָקע 1583, בויגן e 3 «אונ׳ ביגונט אין צו שמיצן. גלייך אז מן טוט דען קינדן דיא מן מיט רוטן [= ריטער מוש ויצן». — דאָס וואָרט האָט זיך אויפגעהיט אין אונגאַרישן יידיש. פגל׳ Ed. Naschér, Das Buch des jüdischen Jargons (ווין־לײַפּציג 1910), ז׳ 31: «fetzen — Prügel erteilen».

צו ז׳ 192, הערה 516. «דא אינֶן» איז דער טײַטש ניט «אייך», נאָר «דאָ אינעווייניג», אין דעם ווערק (ל׳).

צו ז׳ 208 און ווײַט׳. די פאַראַלעלעס פון גראַיעווע (לאָמזשער גוב׳), וואָס זיינען צעשפּרייט איבערן «אידיאָטיקאָן», האָב איך צו פאַרדאַנקען ד״ר אליהו אָלשוואַנגערן, וואָס האָט זיך גענומען די מי דורכצוקוקן דעם גאַנצן מאַנוסקריפּט און צו מאַכן זײַנע הערות.

צו ז׳ 210. די נידערדײַטשע עלעמענטן אין קורלענדער יידיש גיבן אָנצוהערעניש, אַז אין דער אויספורימונג פון קורלענדער יידנטום האָבן געהאַט א שטאַרקן חלק יידן פון צפון־דײַטשלאַנד. טייל פאָרשטער, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט דער געשיכטע פון קורלענדער יידישן קיבוץ, זיינען אויפן סמך פון אַנדערע פאַקטן אויך געקומען צום אייגענעם באַשלוס. זעה א שטייגער דעם אַרטיקל Courland אין דער Jewish Encyclopedia IV, ז׳ b 312: «בנוגע דעם אָפּשטאַם פון קורלענדער יידן גייען זיך פונאַנדער די מיינונגען. אַנדערע האַלטן, אַז דער גרעסטער טייל זיינען אָנגעקומען מיטן ים פון פרײַסן און צפון־דײַטשלאַנד; און די ביאָגראַפיעס פון די רבנים און אַנדערע חשובע מענטשן, וואָס זיינען אויסגערעכנט ווײַטער אונטן, ווײַזן, אַז דאָס רוב פון זיי זיינען געבוירן געוואָרן אין אויסלאַנד. פונדעסטוועגן איז מסתמא גערעכט ברוצקוס

(«וואָסכאָד» 1896)· אַז דער גרעסערער טייל פון קורלענדער יידן זיינען איינגעוואַנדערט פון די שכנישע קאַנטן פון ליטע און פוילן»· (דאָרטן גופא איז אָנגעוויזן נאָך ליטעראַטור וועגן דעם ענין·) איך זעהט· אַז אַפילו ברוצקוס רעדט נאָר וועגן דעם גרעסערן טייל יידן· מיר האָבן דאָ א פאַל· וואו די רעזולטאַטן פון דער פילאָלאָגישער אויספאָרשטונג האָבן אַן אַלגעמיין־היסטאָרישן באַטייט·

צו ז׳ 211· אַריינלייגן· שפּריכוואָרט: «אַז מען לייגט גוט אַריין· נעמט מען גוט אַרויס»· פגל׳ גראָדנע: «אַז מען לייגט אַריין· געפינט מען» (דאָס מיינט: דעם קוגל)· ווילנע: «אַז מען לייגט אַריין אין די ציינער· געפינט מען אין די ביינער» («אונזער טאָג»· אָקטאָבער 13· 1922)·

צו ז׳ 213· בירגעלט· פגל׳ «וואונדרליכי אונד קאמישי גשיכטי פאן איילן שפיגל» (אָהן א יאָר; ווייזט אויס· א נאָווידוואָרער דרוק פון סאַמע אָנהייב 19טן י״ה· נאָך דער טעקסט איז א צפון־דייטשער) אויף ז׳ a 1: «ווען ער דען בויאר [=פויער] גוט אן פיהרט זא גיבט ער אים איין גוט ביהר געלד»·

צו ז׳ 217· הינטערסטער· דאָס וואָרט איז אויך פאַראַן אינם «איילן שפיגל»·

צו ז׳ 223· כוועטשקע· איך בין געקומען צום באַשלוס· אַז דאָס איז ניט קיין אַנדער וואָרט· ווי דאָס דייטשע דיאַלעקטישע Quetschke (גרימס Deutsches Wb. ברענגט דאָס נאָך פון 1540טן יאָר)· ליטעראַריש Zwetschge — די קליינע בלויע פלוימען· אַזאַ איינגעקאָרטשעטע פלוים זעהט טאַקע אויס זייער נעבעכדיג· דאָס וואָרט איז א תושב אין אונזער שפּראַך; פגל׳ דאָס «אחשורוש־שפּיל» פון 1708 (אָפגעדרוקט ביי שודטן III ז׳ 207): «איין נעפלי [נאָפּעלע] אז וויא איין נאדל קעפלי· וי״א אז וויא איין גרושן לאב ברוט· וי״א אז וויא איין פר דארטי קוועטשקה»·

צו ז׳ 225· מיט פלייס· פגל׳ אהרן וואָלפסזאָן־האַללי· לייכטזינן אונד פרעממעלייא· ברעסלויא 1796· ז׳ 51: «דער רבי האָטטס דאך ניט מיט צו פלאהז געטאָהן»·

צו ז׳ 227· סאַמבאַטיע· צום אָפּפאַל פון n- (מחמת די ענדונג איז אַן אויסטערלישע) פגל׳ Michael Klapp, Komische Geschichten aus dem jüdischen Volksleben· בערלין 1858 [די געשיכטעס שפּילן אין

פראָג], ז' 59: «Tachne», וואָס דאָס מיינט: «תַּחנון»· אויך ראָכע פון רָחל (זעה ז' 234) באַלאַנגט אַהער·

צו ז' 227· האָבן פַּחד· אין קונטרס גזרת תתנ"ו (אַרויסגעגאַנגען אָהן מחבר, אָרט און יאָר, נאָר ניט פריער ווי 1854; איך האַלט, אַז דער מחבר איז אמ"ד) ז' 5: «אֵיין אִשָּׁה חֲסִידָה הָאט ··· זִיךְ אַלֵיין גֶעקוּלֶעט וַוייל זִי הָאט פַּחַד גֶעהַאט דָאס מֶע וֶועט אִיר מְטַמֵא זַיין»·

צו ז' 230· צאָנווייטיג· גאָר אַן ענליכן שפּראָך געפין איך אין «לחשים וסגולות», ירושלים 1881, No. 42: «לחש לשטעכענעש ר"ל [·] ישים ידו על מקום הכאוב ויאמר [:] אנא ד' אלקי ישראל [!] אליהו הנביא איז גיגיינגען איבערין בארג [·] דא באגעגינט אים איין שטיך [·] דא שפראכט צו דעם שטיך אליהו הנביא [:] ווא ווילסטו גיין [?] דא שפראכט דער שטיך [:] איך וויל גיין אין דעם הויז פון פלוני בן פלוני און איך וויל זיין בלוט טרינקען אין [= און] זיין הארץ שטעכין· דא שפראכט אליהו הנביא צו אים [:] איך פאר באט דיר ביי גאט ית"ש און ביי זיינער קראַפט אין [= און] זיינער מאכט [,] אז דו זאלסט גיין [·] אוף דעם בארג שטייען דרייא בערין [;] איינער איז גרין וויא איין גראז [,] דער אנדערער איז געל אזוי וויא איין וואקס [,] דער דריטער איז ביטער וויא איין גאל [·] די דרייא זאלסטו שטעכין [,] אין [= און] דעם מענטש פב"פ זאלסטע ניט שטעכין און זאָלסט אים איין רפואה שלימה זיין [·] דאס וואר אין גאטס נאמען אכי"ר! צ"ל כנ"ז ג' פעמים [,] ובכל פעם ישים ידו על לבו און זאל אפ וישין די האנט אין הארץ וישים אח"כ ידו על מקום השטכענעש [·] ויועיל בעזר הש"י·» — אַן אַנדער אָפּשפּרעכעניש אין דעם זעלביגן ביכל (No. 20) איז נאָך מער ענליך אויף אונזער טעקסט: «איוב הלך בדרך ופגע בו אליהו והיו [?] שרוי בצער, ואמר אליו לאיוב מפני מה אתה שרוי בצער אם מפני כאב לב או מפני כאב ראש ואמר לו איוב מפני כאב ראש, יהי רצון מלפני אבינו שבשמים כשם ששלחת רפואה לאיוב כן תשלח רפואה לפב"פ מכל עיה"ר ומכל פורעניות הבאות לעולם אמן סנ"ו·»

צו ז' 234· ראַץ· «אקטא אסתר מיט אחשורוש» (2טע אויסגאַבע, פראָג 1763), בויגן d7: «דאמיט הלטין זיא אונז אונווערדיגר אלש דיא ראטצן» (צום גראַם: «גזאצין»)·

צו ז' 236· שאַבייסע־נאַכט· פגל' נאָך: יהודה לייב זעליכאָווער,

שירי יהודה, אַמסטערדאַם 1696, ז׳ יb: «אז דא קומט (שביתות) צו נאכט». ד״ר שלמה עטטינגער, משלים, פט״ב 1889, ז׳ 154: «שַבֵּיתוֹת צו נאַכטס».

צו ז׳ 240. שראָוועטקע. דאָס וואָרט באַגעגנט זיך, מיט דער אייגענער וואָקאַליזירונג, נאָך אין «אור זרוע» (פון 13 טן י״ה). זעה ב׳ IV, ז׳ 71 b: «מי חלב סרובדקא בלשון כנען». ציטירט לויט Dr. J. Markon, Die slavischen Glossen bei Isaak ben Mose Or Sarua (פט״ב 1906).

ז ו כ צ ע ט ל

I. ר ש י מ ה פ ו ן וו ע ר ט ע ר

אַגלאַסטער 91
אַגרעס 234
אַדזשע 198
אַדיעזנע 224
אָהנגעפּערד 173, 174
אַוועקוואַרפן 208
אויס יאַנע 220
אויסגיין 167, 209
אויסזאָגן 170
אויסטראָגן 209
אויסמעקן — זעה מעקן
אויסנלאַנד 209
אויסקריכן 209
אויסקרעמלען זיך 56
אויסקוץ 48
אויסרײַבן זיך 223
אויסשטיין 209
אויפגאַנג 86
אויפלייגן די אויגן 56
אומגאַנג 122
אומטרעכטערין 122
אומעט 169
אומפּאַרצאָגט 174
אומראַס 209
אונטערווינדן זיך 168
אונטעררייסן זיך 56
אור 209, 228, 231
אַז 165
אַזוי 79
אָטשערע(דע) 227
אי 164
איבער 175
איבערברעכטיג 180
איבערזייגונג 91
איבערלויפן 189
אידערמאַן 169
איטשע 204
איידלשאַפּט 80
אייטל 182
אייל 119
איינס פּראָצענט 210
איינע אין איינע 209
איינרויס 176
אייפערן 209
אימטאַר, אימערדאַר 166, 168
איפּערסטער 209
איקליכער 186
אַך 164
אַכטקאַנטיג 210
אַכיבע 210
אַלדאָסבייז 210
אַלדינגס 14
אַלט 210
אַלטגעזעסענער 122
אַלעמאָל 210
אַלערטוועגן 210
אַמאַסע 210
אַנאָב 170
אָנברעכן 210
אָנהיישן 167
אַנוועק 171
אַנויס 169, 170
אַנטפּאַנגען 181
אנטשפּויזן 122
אָנמאַכן 210
אָנמַקלען 210
אַנצליט — זעה ענצליט
אַנקען 210
אָנקרייטיג 210
אָפּטון 211
אַפּטייקבוד 211
אָפּשטיין 211
אַפּולע 14
אָפּנבאָרט 189
אַך 86
אַראָבער 187
ארבערן — זעה דערבערן

אָרון־קודש 56
אַרונטערמאַכן 211
אַרײַנזאָגן 211
אַרײַנלייגן 245
אַרבעט 211, 226
אַרבעס 211
אָרן 169
אָרע 168
אָרֶצה 211
אַש 211

באָבע 211
באַהעלטעניש 122
באַהענד 169
באַוויַיזן 211
באַזוכן 47
בָחוּריכע 212
באַחֵנט 211
באַטייַטן 186
באַטן 181, 245
באַטראַכטליך 48
באַלקן 212
באָמבאָן 212
באָמע 212
באָנדע 212
באַפּאַסן 190
באַפעלך 173
באַשיידליך 80
באַשערטער 56
בדַלות 213
בוד 198, 212
בוט 212
בוך 205

בולעך — זעה בורלאַך
בורבלען 212
בורלאַך 212
בורש 212
ביטער 213, 215
בייגל 213
ביַין 246
ביַיסן און ברעכן 213
ביַישטידל 44, 122
בילך 188
ביסן (büssen) 183
בירגעלט 213, 246
בישעכע 235
בלוז 198
בעזמער 213, 228
בעטשע 198
בעיידישליך 214
בעלאַנגזאַם 213
בענטשן 136
בער 214
בערזעלע 214
בראַמענען זיך 214
בראַנד 214, 237
בראַנציק 214
ברויט 209, 214
בָרוך אַראָפּ 211
בָרוך־שאָמַר 212
בריען 214
ברעקלעך 209

גאַווער 15
גאַך 183
גאַל 215

גאָלד 215
גאָר 215
גוט־פריַינד 215
גויע, גויעס 82
גורק 198, 215
גיידן 122
גיין אין ... יאָר 215
גים 91, 122
גינגאָלד 91
גיספּאַס 122
גַלח 225
געבונט 122
געבן 207
געברעכן 167
געדייען 169
געהעפט 215
געוועלטיגער 122
געווערן 179
געזונט 215
געזינד 186
געזעס 184
געלוסט 122
געלט 56, 215
געמייזעכץ 122
געמעכט 91, 122
געמערק 122
גענעהען 179
געפּאַלן 80
געפעליג זיַין 215
געצקע 208
גערירט 215
געשוויי 50, 86
געשטויב 122

געשמירט 215
געשעפט 214
גראָבין 215
גראַבלען זיך 216
גראַטולאַנט׳ דער 235
גראָם 219
גראַפּן 216
גרויס 209
גרייַז 226
גרייַליק 216
גרינדן 167
גרעפּסן 216

דאָזיגער׳ דער 136׳
137
דאָס 216
דאָסן 224
דאָרטן 86
דבֿרן 216
דובלטן 216
דוכס 185
דוקאַטן 216
דיך 122
דינקל 91
דיק 216
דעמוטיקייט 179
דען 178׳ 216
דעקן 216
דערבערן 172
דערווישן 166
דערוועגן זיך 175
דערלענגען 179
דערמייען 122

דראָנק 216
דרייַען 166

האָגלשטיין 122
האָן 215׳ 216׳ 234
האַנדלשאַפּט 217
האַרבסט 197
האַרבעריג 217
האַרט 169
האַרניש 184
הדיוטות 165׳ 178
הויסן 176׳ 182
הויערן 122
הון 217
הונט 217׳ 221
הייַנט 217
הורניעגער 86
הייבט 87
הילצערן 217
הינטערסטער 217׳ 246
הענגל 122
הערציג 120

וואָגן (subst.) 217
וואָגן (verb.) 167
וואולף 217
וואונדער 165׳ 217
וואונצן 218
וואַרטן 218
ווידער 173׳ 175
ווײ׳ די 122
ווינד און ווײ 52
ווינקען 183

וויצקע 218
וועזן 177
וועטן 218
וועגטע 218׳ 227
ווער 183
ווערים 218

זאַלץ 218
זאָמעט 195
זאָמעטער 218
זאַנוול 53
זויערמילך 218
זוֹל 56
זוסט 180
זופּ 235
זיבן 218
זיבנזאַכן 218
זיט 168׳ 176
זילבער 235
זינדן 190
זירופּ 218
זירופּ־קוגל 218׳ 228

חַי־וַקים 223
חַיה־רָעה 223
חָכם־בלַילה 223
חָכמה 233
חֵלק 223

טאָכטער 56
טאַמבור־וואָגן 218
טאַנץ־הויז 178
טאָפּלהאָקן 185

טאָפלשטיין 80
טאָרן (= טורעם) 187
טויבע־לאָך 219
טויגענישט 219
טופענען 219
טורעם 219
טײַוועלשקייט 219
טײַטש 219
טײַטש־נאַר 219
טיפש 223
טעטשן 51
טַעם 219
טענער 122
טעסט 91, 122
טערכענען 220
טראַכט 220
טראַנטע 220
טראַקטעמענטן 220
טרומען 182
טרײַבן וואונדער 165
טרמף 28
טרער 171
טשאָלנט 204

יאַגדע 220
יאָהאַן 220
יאָלצע 198
יאַנע 220
יאַפע 221
יאָר 215
יאָר־משא־ומתן 221
יאָר־עסק 221
יוי 221
יונג 239
יונגפרויקייט 122
יורקעס הונט 221
ייד 52
יידישהייט 188
יעטע 198
יעלה ויבוא 221
יעקן 221
יעקע 219
יקרות 221
יתומה 221

כאָווען זיך 223
כאַצקע 223
כוועטשקע 223
כְזָב 233
כיבע — זעה אַכיבע
כָל־הצָרות 233
כתָב־יד 245

לאַבן 52
לאָגל 122
לאַטכענען 223
לאַטע 234
לאָם 234
לאָך 223
לאַנד 182, 223
לאַנצום 181
לאָקשנברעט 223
לוגער 122
לוַיה טון 177
לופמטע 223
ליב: מיט ל׳ אײַך אײַער גאַסט 47
ליגן 224
לײַטזעליקייט 179
לייענען 136, 179
לינצע 198
לישקענען זיך 224
לישקעס 224
לעבער־יַם 224
לעץ־געלט 224

מאַגריטש 224
מאַד 224
מאַכן 121
מאַכן זיך 224
מאַכערלוין 225
מאַן 177
13 mānc
מאַנסביל 225
מאָסקעווע 225
מאָרגן 225
מאָרגנס, דעס 216
מאָריטש 224
מאַרש 225
מדינה 226
מויל 225
מולטוואָרעם 225
מולטוואָרף 87
מזבל זײַן 179
מיטאָג 86
מיטנאַכט 86
מיטנצײַט 174
מײַזעלע 225
מײַל 218
מילגרוים 122

מילכנער־פיש 28
מינצע 198
מיץ 225, 238
מלאך 225
מעלדן 167
מענדל 226
מענטש, דאָס 205, 226
מעסער 226
מעקן 82, 187
מערער 206
מעשיט — זעה מַשקט
מַציל זײַן 170
מקום 166, 225
משא־ומתן 221
משה גרויס 226
מַשקט 79, 110, 133

נאָז 239
נאַר 219, 226
נאַרישקייט 226, 233
נוקע 226
נחום גראָס 226
נידערגאַנג 86
ניקס 173
נשמה 226

סאַסמאַקער וויזיטו 227
סאַרגענעס 80
סֵדרן 103
סטיגאָטער 28
סיאַק 227
סידור 227
סליפּער 227

סַמבטיון 226
ספּאָדעס — זעה פּאָדעס

עוֹג מלך הבשן 209
עזוירע 227
עלטערן 233
עלנט 175
עם־אים 206
עם־הָארץ 82
ענצליט 86, 122
ענדן 180
ענעס 28
עֵסק 221
עצה 165
ערבער 227
ערשטיקייט 120

פּאָדעס 227
פּאָלקע 227
פּאַמעליך 213
פּאָסט 80, 122
פּאָסטן 122
פּאַפּ 232
פּאַפּע 227
פּאַרך 227
פּאַרך־קאָפּ 228
פּה 228
פויער 86, 228
פויער־שייגעץ 228
פויפס 13, 19
פורים־ברעקלעך 228
פַּחד 227
פיים 228

פּילטענער בעזמער 228
פּיקעלן 228
פּלאַנכענען 228
פָּקיד 81
פּראָוועי 228
פּריזאַנט 80, 122
פריידיגער 86
פַּרנס 184

פֿאַלן 167
פֿאָן 189
פֿאַצעצע 81
פֿאָר 184, 229
פֿאַראַן, פֿאַראַנען 184
פֿאַרגלײַכן 181
פֿאַרגעסן זיך 229
פֿאַרהעקערן זיך 229
פֿאַרוואָגלט 123
פֿאַרוואַכן 181
פֿאַרוואָס 214
פֿאַרוואָר 122
פֿאַרט 164
פֿאַרטומלט 123
פֿאַריבל 229
פֿאַרלייזיגט 229
פֿאַרפאַלבן 241
פֿאַרצייילן 16
פֿאַרצעטן 190
פֿאַרשאַרוועט 229
פֿאַרשטן 6, 28
פֿאַרשטעקן 181
פֿאַרשנײַדן 166
פינף פינגער 229

פינק 229
פיצן 188, 245
פלאָנדערקע 212
פלאָקן 229
פליַיס: מיט פ. 190, 220, 247
פלעדערוויש 229
פלעשל 229
פעלדמעסטן 229
פעפער 229
פערדינג 230
פערם 230
פראַלע 50
פראַנצברויט 230
פראַנצויזן 86
פראַסק — זעה פראַשקע
פראַשקע 230
פרויענצימער 225
פריידל 52

צאָכן 50, 86
צאָן 246
צוהאַלטן 188
צוואָרעך 215
צווייי (subst.) 230
צווייי (צאָלוואָרט) 230
צוויין 165, 190
צווישנציַיט 231
צו־פאַס 231
ציג 231
ציגיינער 239
ציַיג 231
ציינדעלע 225
ציך 52
צימליך 183
צימעס 53
צירעפּ — זעה זירופּ
צעהן 231
צערנע 204

קאָזען 231
קאַטאָוועס 81
קאַלאַטכען 231
קאַלופען 233
קאַליע 173
קאַלעקאַטקע 231
קאַלעקאָצקענען 231
קאָלק 232
קאַסטן 232
קאָסטן 80
קאָץ 232
קאַצנשפרונג 232
קאָפּ 223, 228, 232, 233
קאָפּגעלד 232
קאָפּיבער 232
קאָפּעל 232
קאָפּשטיק 232
קאַרטאָפל 232
קהלשער 232
קוואַטערשאַפט 233
קווייט 174
קוועלברונעם 123
קוידזע 233
קוצע, קוצקע 233
קורץ 233
קושן 203
קושקע 233
קיומים 174
קייט 86, 119
קיַיכן 233
קיכלעך 233
קימפּעטאָרין 170
קינדער 233
קירצער 233
קלאַפּאָט 233
קלונטע 233
קלייט 233
קלייסטער 232
קנאָבל 56
קניבלען 233
קניפלען 48
קעלטערבוים 123
קעסטליך 170, 172
קעפל 229, 234
קערמע 28
קראַפּירן 233
קרובץ 81
קרוטשען 233
קרוטשקע 233
קרויט 234
קרום 234
קריגן 207
קרייען 234
קריַיציק 234
קרעזדאָר 234
קרעטשמע 204

ראַטעווען 19
ראָכע (רָחל) 234
ראַלע 198
ראַם 219
ראַץ 234
רֶבי 236
רויז 235
רויט (.subst) 235
רויט (.adj) 235
רומפל 235
רופענען 235
ריווע 199
ריכן 236
רעגער 91
רעדל 236
רעכן 175, 182

שאַבייסע־נאַכט 236, 246
שאַלק 165
שאַלקהאַפטיג 123
שאַנעווען 19, 167
שאַר 177
שאַרווענען זיך 236
שאַרן 28
שְבֶר־לֵב 238
שבת 236
שוועבן 173
שווערן זיך 236
שוטר 184
שולדיג 182
שטאַבונע 237
שטאַדאָל 237
שטאָט 177
שטודינג 237
שטויסן זיך 187
שטולפּ 237
שטונק 237
שטינקען 235
שטינקער 223
שטיפּענען 237
שטירדעס 237
שטערנקוקער 237
שטערק 164
שטראָז 181
שייגעץ 228
שייטל 238
שייַן 238
שילטליך 87
שילטקרויט 86
שין 238
שיע 53
שֵכל 238
שלאַנג 226
שלאָפמיץ 238
שלורע 239
שלושים 239
שליטה 239
שלעפּער 56
שמאַנט 239
שמאַראַק 13
שמיצן 178
שנאָדער 239
שֶנדַר 239
שניט 86
שניקערן 239
שנעלן 166, 191
שעכטן 82
שענקען 83
שעפּס 239
שפּאָט 166
שפּוקן 239
שפּענדלעך, פּיר 210
שקיץ 240
שקרעמבע 240
שראָוועטקע 240

תַחנון 245
תחת 82
תירוץ 220
תַמען 220
תְפלה 220

II. רשימה פון נעמען און זאַכן

אַדאַם, מיכאל — זעה מיכאל אַדאַם
אַווע־לאַלעמאַן 43, 162
אויסשפּראַך פון ,א׳ 41—42, 85, 119, 136
אויסשפּראַך פון אַלטן יידיש 156—158
אולמאַן, עליאס 162, 163
אורדיאַלעקט 51—53

איבערקלאַנג 118, 119
איטאַליע, יידן אין 80
אייזענשטאַט, ש. 33
אימפּערפעקט 159
אלי' לוי 72—86, 94, 105, 113, 124, 139, 242
אַלעקסאַנדר .III 194
אלף, שטומער 110, 111
אַלשוואַנגער, אל. 212, 231, 246
אַנדערסאָן, וו. 56—57
אַנשיל — זעה ספר ר' אַנשיל
אַפּאָקאָפּע פון e 198
אָפשפרעכענישן 230, 235
אַקוזאַטיוו גלייַך דאַטיוו 20
אַראַמיש, העברעאיש און 90
ארץ־ישראל, יידן אין 90

באַלאַבאַן, מ. 42, 241
באַמבערג 74, 75, 87, 94
באַסטאָמסקי, ש. 55
באַסין, מ. 241
באָראָכאָוו, ב. 14, 19, 22—23, 39, 51, 71, 91, 102, 106, 241
בבא־בוך 76
בוקסטאָרף 59, 93, 132, 138, 139
ביבליאָגראַפיע 39
ביטול־נעמען 199
בייגונג, שוואַכע פון הויפטווערטער 206
ביילין 55
בירנבוים, של. 14—15, 23, 25, 26
בישאָף, עריך 131
בנינים, העבר' אין יידיש 121—122

בס, שבתי 77
בעהמע 162—163
בעל־דמיון — זעה נ. שטיף
בערנשטיין, איגנאַץ 54
בעשענשטיין 51, 63—72, 88, 241
בראַמסאָן, ל. 193
ברוצקוס 245
ברעכונג 12

גאַליציאַנער יידיש 14
גאַנז, דוד 153
גאָרדאָן, מיכל 222
גידעמאַן 45, 103—104, 105, 107, 137, 178
גייגער, ל. 62, 96, 98, 144, 148
גינזבורג־מאַרעק 58
גלחות 75
גליקל פון האַמעלן 43, 47
גערצאָן, י. 17—18, 23, 25, 51
גרינבוים, מ. 43—44, 77, 86, 137, 242
גרעץ 76

דאַטיוו דורך ,אָן' 207
דיאַלעקטישע גרעניצן 33
דיאַלעקטן און שפּראַך 30, 196
דיאַלעקטן, דייַטשע און יידישע 35—36, 48—49
דיק, אייַזיק מאיר 220, 242, 245
דעמינוטיוו 47, 136, 205
דער־ פּאַדערטראַף 120
דרייזין 27

האָכבערג 7
האָלאַנד, יידיש אין 50—51
האַליץ (העליץ), פּויל 124
האַרקאַווי, אַל. 27, 241
הורוויץ, דוד 27
היינע, הייגריך 45, 204
העברעאישער עלעמענט 22—24
העלן, אלחנן 149—150, 243, 244

u־קלאַנג, עוואָלוציע פונם 83, 119
u ווערט e 237
וואַגענזייל 59, 126—127, 129, 131,
153, 154, 155, 208, 213
וואוהין 208
וואַכשטיין, ב. 41
וואָלף 77, 97, 105
וואס (וואַר), ווערן מיטן אינפיניטיוו
121, 160, 245
וואָקאַלן, לאַנגע 199
ווייל, עמיל 50
וויינגער, מ. 25
ווייס 50
ווילנער לשון 14, 56
ווילער, י. 15—16, 219, 238
ווינער, ל. 37
וורעדע 36, 47
ווי באַטײַט פאַרשיידענע קלאַנגען,
200—201

זאַמעט 195
זעליכאָווער, יהודה־לייב 246
זשיטאָמירסקי 7
זשיטלאָווסקי 13

טאַוויאָוו 24, 140
טירש 221
טענדלוי 172, 213
טעקסטביבליאָטעק 41, 140
טראַנסקריפּציע 15
טריפּטאָנגען 16
טרעמעליוס 127—129
טשעמערינסקי, ח. 19, 25, 179

j־ריידענישן 34
יהואש־ספּיוואַק 23, 26
יידישיזירונג פון העברעאיש 83, 242
יידישיסטיק 6
יעווריייסקאַיאַ סטאַרינאַ 56
יעספּערסען 7
יעקב בר׳ יצחק פון יאַנאָווע 214

כהן, י. ל. 58

לאָאַנס 62
לאַטײַן אין מיטלעלטער 60
לאַטײַנישע אותיות 12, 42
לאָטצע 46
לאַנדוי, אַלפרעד 17, 33, 41, 47—
48, 55, 71, 243
לאַנדוי, ל. 42, 48
לאָקאַליזירונג פון שפּריכווערטער 54
לוטער 49, 123, 125, 132
ליטעראַרישע שפּראַך 14
לייבל, ד. 51—53
ליפּמאַן מילהויזן 105
ליפשיץ, ע. מ. 243
ליפשיץ, י. מ. 13, 28—30.

לעהמאַן, ש. 57
לעוויטאַ, אליהו — זעה אלי׳ לוי
לעווע, היינר. 8
לעווע, ריכאַרד 51
לעקסער 53

מאַנש, פיל. 11—12
מאַרגוליות 104
מאַרקוזע, משה 46
מולין, משה 45, 67, 68
מיזעס, מ. 9—10, 20—21, 49
מיטטיילונגען 37, 54, 55
מיכאל אַדאַם 77, 97, 114, 124
מינסטער 65, 72, 87, 88—93
מעטריק, יידישע 151
מעלאַנכטאָן 65
מערינגער 7, 50
מקורים, זאַמלונג פון 51

ניגער, ש. 38, 241
נידערדײַטש און קורל, יידיש 210, 217, 245
נעאָלאָגיזמען 1, 12, 13, 26, 34
נתן בן יחיאל 91

סאַפּיר, עדוו. 18—19
סלאַווישער עלעמענט 21—22
ספורנו, עובדיה 62
ספר מידות 103—110
ספר של ר׳ אַנשיל 115—123, 124

e, קורצער און לאַנגער 86, 119, 134

עטטינגער, שלמה 246
עלזאַס, יידיש אין 34, 50
עלזעט, יהודה 57, 231
עמיליוס, פּוילוס 102, 105
עראַסמוס 61, 62
עָרוך 91—92
ערטעל 7

פּאַוויע, שלאַכט בײַ 161 און ווײַט׳
פּאַרטיציפּ 207
פּויל, הערמ. 17, 53
פּוילוס עמיליוס — זעה עמיליוס, פּוילוס
פּוילוס פאַגיוס — זעה פאַגיוס, פּוילוס
פּאָלאַק, י. ע. 51
פּינעס 37
פּיקאָ דעלאַ מיראַנדאָלאַ 61
פּיראָזשניקאָוו, י. 55
פּערלעס, יוסף 44, 65, 66, 92, 96, 104, 105, 116, 124, 137, 238
פּערלעס, פעליקס 44, 211
pf, אויסשפּראַך פון 133, 159, 205
פּרילוצקי, נח 30, 33—37, 46, 49, 55, 58, 201, 213

פאַגיוס, פּוילוס 72, 74, 75, 76, 77, 81, 86, 87, 89, 94—103, 105, 110—115, 116, 132, 134
פאַלק, פעל. 46
פאַרזאַנגער 51, 214
פראַנצויז און יידיש 81
פרידריך 220, 228

קאַלווין 128
קאַלווער 125, 126, 132
קאַלמאַנאָוויטש 25, 53
קאָניונקטיוו 160, 207
קאַפּיטאָ 95, 96
קאַרסקי 33
קויפמאַן, פריץ מ. 57, 163
קולישער, מ. 148
־קייט, אויסשפּראַך פון 219
קלאַנגען, שטימיגע און שטימלאָזע 203
קלאַסיפיקאַציע פון דיאַלעקטן 20, 35
קלאַפּ, מיכאַל 246
קלוגע 53
ק־על, ד. 242
קראַקויער, ל. 148
קריזאַנדער 10, 51, 59
קריטישע אויסגאַבעס 41

ראָזענבערג, פּעל. 43
ראָזענליכט, אַהרן 153, 244
ראַימונדוס מאַרטינוס 126
רייזען, ז. 6, 7, 12—14, 19, 34, 47, 153, 241, 243
רייכלין 62, 68, 87, 113
רייש, געאָרג 92
רעליגיעזע קאַמפן 122—131
רעע, אַנטאָן 206

ש: פלאַנטער צווישן š און s 153, 154
שאַדעאוס 77, 78, 96, 131—139
שאַצקי, י. 243
שודט 144, 148, 149, 245
שולטע 7
שולמאַן, אלעזר 38, 78, 90, 140
שולץ, ק. 27
שטיינשניידער 39—40, 65, 66, 77, 86, 97, 104, 124, 142, 149, 153, 242
שטיף, נ. 20, 21, 24, 37, 45, 47, 106
שטראַק, הערמ. 26, 59, 241
שלמה, ר', מחבר פון א ביבל־איבערזעצונג 92—93
שלעזישער דיאַלעקט 16
שפּראַך־אַטלאַס 33

תּולדות ישו 131